STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06067

OHN A FOTERLAND

Herman Bang

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הערמאַן באַנג

הערמאַן באַנג

אהן א פאטערלאנד

ראמאן

— איבערזעצט פון —
ר. אייזלאנד

ארויסגעגעבען פון
פארלאג „ניי-צייט“
1920

Copyright, 1920
by
Lewis Cahan

ערשטער טייל

I

יאאז אויהאזי האט ארויסגעקוקט דורך דעם פענסטער פון וואגאן. געזעהן האט זיך כסדר דאס זעלביגע בילד. ווען דער צוג האט מיט א געראויש זיך אנגעהויבען צו ריהרען, האט דער וועכטער פון באנהויף אויפגעהויבען די עמערס און איז מיט שווערע טריט געגאנגען איבער דעם נאסען פלאטפארם. עס האט זיך באוויזען די וואוינונג פון א שניידער, און פון א שוסטער, און אט איז די וואוינונג פון א זייגער־מאכער. איין זייגער איז געהאנגען אין פענסטער. הם... דאס פענדעל האט זיך באוועגט, דאס ציפער־בלאט איז אבער געווען ליידיג און אהן א ווייזער. און דארט האט געוואוינט א סטאליער. זיין שילד איז געווען א שווארצער ארון. דער איינציגער קוימען אבער האט געהערט צום פולווארג. דערנאך האבען זיך די טעלעפאן דראטען ווידער ארונטערגעבויגען צו די פעלדער, וועמענס ערד עס האט ניט געהאט קיין שום קאליער. אונטער דעם רעגען זענען זיי געהאנגען אזוי שלאבעריג ווי זיי וואלטען זיך גאר ניט געהאט צו דערצעהלען, פון איין סלופ צום צווייטען, פון איין שטאנג צום אנדערן.

יאאז אויהאזי האט, ווי זיין שטייגער, אנגעהויבען צו שעפטשען פאר זיך אליין אין דער שפראך פון זיין מוטער, דאס וואס זיינע אויגען האבען געזעהן: „פעלדער, פעלדער, פלאכע פעלדער; איין

הויז, א נידעריג הויז; צווי פייגעל, צוויי גרויסע פייגעל... און רעגען". און פלוצים, ווי ער וואלט וועלען געפינען אן אנהאלט איז אן אנדערע שפראך, האט ער אויסשטרעקענדיג ביידע הענט צום הימעל, א זאג געטאן:

„א, דער רעגען, דער אומעטיגער רעגען!"

ווען ער האט אוועקגעקעהרט דעם קאפ פון פענסטער, איז זיין בליק געפאלען אויף האנס האאקע, וואס איז געזעסען אין א ווינקעל אקעגענאיבער, די ווייסע קלאוויר הענט צונויפגעלעגט, און געקוקט פאר זיך א פארגאפטער מיט קיילעכדיגע אויגען. ווי זיין שטייגער איז האאקע מיט זיינע געדאנקען געווען אין דער היים, ביי זיין כלה די טאכטער פון בעקער, וואס איז געווען זיין שכן, אין בריקס. יאאן אויהאזי האט ווידער אוועקגעדרעהט זיין אביסעל צו־קליינעם קאפ און ווידער אמאל ארויסגעקוקט צו די זעלביגע פעלדער. „פעלדער, פעלדער, פלאכע פעלדער. דריי פייגעל, גרויע פייגעל". אין זיינע געדאנקען האט ער געהאלטען איז איין איבער'חזר'ן אט די דער־נישע ווערטער, די ווערטער אין דער שפראך פון זיין מוטער. איז דאס ניט מאדנע, אז ער האט געקענט פארגעסען, און אז ערשט היינט אין דער פריה האט ער דערזעהן אויף דער רעכענונג פון האטעל, אז עס איז געווען דער אכטער מערץ!

אין דער היים איז אנע איצטער שוין זיכער געפאהרען מיט איהרע בלומען־קרענץ אין שטאדט אריין, ווי זי פלעגט עס טאן יעדעס יאהר, ווען עס איז אויסגעפאלען דער געבורטסטאג פון זיין מוטער. די קרענץ האט זי אויסגעפלאכטען פון די פיאלקעס, וואס וואקסען אזוי פיעל אויף דער לאנקע נעבען בארג, וואו עס זענען געשטאנען דמעטערס ווייכשטאקען. און דערנאך איז זי, אן איינ־געבוקטע און נעבראכענע, געגאנגען אויפ'ן גוטען ארט, זיך אנידער־געזעצט אויף דער קליינער אייזענער באנק, וואס שטעהט ביי דער מויער אונטער דעם הערב, און ארויסגעזוכט איהרע פסאלמען אי־בער דעם קבר. אנע האט געקענט בלויז צוויי פסאלמען. זיי האבען ניט געהאט ניט קיין טענער און ניט קיין מעלאדיע. אנע אבער פלעגט זיצען ביי דער מויער אומבאוועגליך און זינגען איינטאניג:

„וויינאַכטס פרייד, הימלישע פרייד,
הייליגער געזאַנג מיט הימלישען קלאַנג,
ווען ס'איז דער האר געבוירען געוואָרען,
האָבען מלאכים געזונגען אין כאָרען.
ס'געזאַנג פון מלאכים איז אייביג,
ס'געזאַנג פון מלאכים איז אייביג".

ווען יאַאַן אויהאַזי איז געווען קליין, פלעגט ער אַלע מאָל זיצען אויף דער באַנק לעבען אַנע'ן. איהם פלעגט זיך דאַכטען אַז אַנע'ס געזאַנג קלינגט ווי דאָס בילען פון דעם רוסישען הונט ניק, וואָס איז גע'פגר'ט, ווייל אין ווינטער פלעגט ער אַלע מאָל פריהרען. די רויטענישע מיידלעך, וואָס האָבען געוואַשען וועש ביי׳ שטאַטישען ברונעם, פלעגען זיך שטעלען אויף דעם טויער און איבערקוקען צו אַנע'ן. און דעם אַקציז־פּאַרוואַלטער'ס רומענישע פרוי, וואָס איז געלעגען אויבען אויף איהר פענסטער, מיט איהרע נאַקעטע אַרעמס אויף די שמוציגע פענסטער קישענס, האָט אַרונ־ טערגעלאַכט צו דעם אונגאַרישען זשאַנדאַר. אַנע פלעגט זיך אָבער אויף זיי ניט אומקוקען, נאָר צונויפלעגענדיגביידע הענט, פלעגט זי אָנהויבען זינגען דעם צווייטען פסאַלם. איבעריגענס איז דאָס צווייטע ליעד ניט געווען קיין פסאַלם. זי פלעגט עס אָבער איבערזינגען איבער דעם קבר:

„עס איז אַ הערליך לאַנד,
עס ברויזט מיט ברייטע וועלען —
ביים ברעג פון גרינעם מזרח־ים,
ביים ברעג פון גרינעם מזרח־ים.
דער ים שניידט זיך אין ברעג אַריין,
און שניידט זיך אין די טאַלען איין,
און דענעמאַרק איז זיין נאָמען.
און דאָס איז פרעיאַ'ס זאַל,
און דאָס איז פרעיאַ'ס זאַל".

די רוטענישע מיידלעך האָבען געלאַכט, און לאַכענדיג געקלאַפּט מיט זייערע וואַש־הענלצער אויף דעם מויער. אָנע האָט זיי אָבער ניט געהערט.

„עס שניידט זיך אין די בערג אריין,
עס שניידט זיך אין די טאָלען איין,
און דענעמאַרק איז זיין נאָמען“.

די מיידלעך האָבען געליאַרעמט, געקלאַפּט מיט די הענלצער און געטרילערט און געלאַכט און געזונגען אויף זייער אייגענער, שפּראַך:

„און פעדאָר האָט גענומען סוסאַנאַ,
סוסאַנאַ, סוסאַנאַ,
סוסאַנאַ מיט דער ווייסער ברוסט,
סוסאַנאַ“.

און זיי האָבען געפּאַטשט מיט די הענט און געמאַכט פאַרשיע־דענע קאָמישע אוואַיעס:

„סוסאַנאַ, סוסאַנאַ,
סוסאַנאַ מיט דער ווייסער ברוסט“.

— זינג מיט, זינג מיט! — האָבען די מיידלעך אַרונטערגע־שריגען פון דער מויער, אויף וועלכער זיי האָבען אַרויפגעקלעטערט ביז אַ העלפט, און די לאַכענדיגע זשאַנדאַרען האָבען איבערגע־שריגען אָנע'ן און געפּאַטשט מיט זייערע גרויסע הענט:

„זענען געוואָרען צוויי
און געוואָרען דריי,
סוסאַנאַ מיט דער ליעבער ברוסט,
סוסאַנאַ“.

אנע׳ס האנד איז געלעגען אויף יאאן׳ס קאפ. טרעהרען זענען גערונען איבער איהרע באקען — געדאכט האט זיך, ווי אנע׳ס געזיכט וואלט געהאט רינעס אין וועלכע עס האבען ארונטערגערונען די טרעהרען — ווען זי האט געזונגען:

און דאס איז פרעיא׳ס זאל,
און דאס איז פרעיא׳ס זאל.

אנע איז געווארען שטיל. און די מיידלעך האבען פלוידערנדיג זיך אומגעקעהרט צום ברונעם. און די פינסטערניש איז ארונ־טערגעפאלען אזוי פלוצים, גלייך ווי מען וואלט פון טייך ארויס־געצויגען א שווערע נעץ.

— איצט מוזען מיר געהן, — האט געזאגט אנע. איצטער וועט די גנעדיגע פרוי דאס ניט פארגעסען.

— וואס וועט די מאמע ניט פארגעסען? — האט געפרעגט יאאן.

אנע האט אבער ניט געענטפערט. זי האט נאר געזאגט „קום!“ און זי האט איהם געפיהרט צווישען די קברים, וואו זיינע פיס הא־בען זיך אנגעשטויסען אן קרעניץ, וואס זענען געווען באדעקט מיט פעריל־טראפענס.

זיי זענען צוריקגעפאהרען צום „שלאס“. אנע האט גאר ניט גערעדט, און יאאן האט געמוזט שרייען הויך אויפ׳ן קול, ווען ער האט געוואלט, אז זי זאל איהם פארשטעהן. פון זינט זיין מוטער איז געשטארבען האט זי פארלוירען דאס געהער. און געדאכט האט זיך ווי זי וואלט ניט פארשטאנען וואס אלע מענשען ארום האבען גערעדט. אין דער היים אבער איז די ענגלישע גאווער־נאנטין שוין געשטאנען אויף די שטיינערנע טרעפ צווישען די זיילען און געשריגען אויף זיי, וואס זיי האבען זיך געזאמט אזוי לאנג...

יאאן אויהאזי האט ווידער אוועקגעדרעהט זיין רומענישען קאפ. ווען ער איז איצטער דא אזוי געזעסען מיט פארמאכטע אויגען, האט ער פאר זיך דייטליך געזעהן זיין מוטער — ווי זי איז געזעסען אויף א נידעריגען שטוהל אויף דמעטערס בערגעל, אקעגען דער

זון, צווישען די וויינשטאָקען. איהר געזיכט איז געוועזן קליין און די האָר זענען ביי איהר געוועזן פארקאמט גלאַט אויף די שלייפען. ווי מען זעהט דאָס אויף בילדער. אַנע און יאַאַן זענען געזעסען ביי איהר צו־פוסענס. יאַאַן האָט אָנגעשפארט זיין קאָפּ אויף דער מוטער׳ס שטוהל, און זי האָט מיט איהר האנט געגלעט איהם זאַנפט איבער די האָר. — זי האָט געהאַט אַזוי פיעל רינגען אויף איהרע פינגער, קיינמאָל פלעגט זי זיי ניט אָנקוקען. „וואָס פאַר געדיכטע האָר ער האָט!“ האָט זי געזאָגט.

— דאָס זענען אונגארישע האָר — האָט געזאָגט אַנע.

— יאָ — האָט געזאָגט די מוטער און די האַנט אויף זיינע האָר איז שטיל געוואָרען.

דער פאָטער האָט זיך באַוויזען צווישען די וויינשטאָקען. ער האָט געהאַלטען אין דער האַנט אַ וויינטרויב. „זעה נאָר ווי שעהן זי איז“, האָט ער געזאָגט און זי אוועקגעלעגט אַ געלע און אַ שווערע אין דער מוטער׳ס שויס.

— יאָ, זי איז שעהן — האָט געענטפערט די מוטער.

דער פאָטער איז נאָך געשטאַנען און באַטראַכט די געלע טרויב אין דער מוטער׳ס שויס: „אַזוי זעהען אויס ניט געשליפענע טאָ־פאַזען“ האָט ער געזאָגט.

— יאָ — האָט זי געענטפערט און אויפגעהויבען די אויגען.

— היינט איז דאָך וואַרים דאָ צווישען די וויינשטאָקען, ניט?

— האָט געזאָגט דער פאָטער. ער האָט גערעדט צו דער מוטער אַזוי דייטליך, ווי מען רעדט צו אַ קינד, אָדער אַזוי הויך ווי מען רעדט צו איינעם, וואָס הערט ניט גוט.

די מוטער האָט אַ שאָקעל געטאָן מיט׳ן קאָפּ און דער פאָטער האָט מיט דער האַנד געגלעט איהר פערעלנעם האַלז־באַנד. — זי האָט געהאַט עטליכע האַלז־בענדער און פלעגט אַלע מאָל קריגען נייע. „זיי זענען אַזוי שעהן!“ האָט זי געזאָגט, און איהר שטים איז געוועזן אַזאַ, אַז געדאַכט האָט זיך אַלע מאָל, זי זאָגט עפּעס אַנדערש ווי דאָס, וואָס די ווערטער זאָגען. און זי האָט באַטאַפּט

די פעריל. דער פאטער האט זיך אנגעבויגען און איהר שנעל א קוש געטאן אויף די האר.

— האסט געריטען? — האט זי געפרעגט.

— יא, — האט ער געענטפערט, און געקלאפט מיט דער בייטש אויף זיינע אונגארישע שטיוועל, וואס ער האט געטראגען פון זינט ער איז אין בודאפעסט געשטאנען ביים הוזארען רעגימענט.

— יעפים האסטו דיך גאר ניט געזאמט.

— דא ווערט מען באלד פארטיג — און זיינע אויגען האבען אנגענומען אן אנדערען אויסדרוק.

אלע האבען געשוויגען. און דער פאטער איז פארשוואונדען צווישען די וויינשטאקען. די זון האט געגלימערט און געפינקעלט אין דער מוטער'ס האלזבאנד און אין אלע שטיינער פון איהרע רינגען. זי האט לאנג זיך פארקוקט אויפ'ן וואסער פון טייך.

— אנע — האט זי געזאגט, ניט ריהרענדיג זיך פון ארט, דו דערמאנסט זיך ווי בלוי דער פיארד פלעגט זיין אין דער היים ביי ווילע.

אנע האט אוועקגעקעהרט דעם קאפ.

— און דאס קליינע דאמף שיפעל, וואס פלעגט אויף איהם פאהרען — האט זי געזאגט און איהרע אויגען האבען פלוצלונג אויפגעלויכטען.

— אך יא, די „שוואלב“—האט געזאגט די מוטער.—ווי צונויפגע־דריקט מיר פלעגען דארויף שטעהן אין די זונטאגס.

און זי פלעגט זיך שאקלען, ווען דאס וואסער איז געוועזן שטור־רעמדיג — אבער נאר איידער מען פלעגט צוקומען צום בארטען.

די מוטער האט געשמייכעלט פונקט אזוי ווי אנע: „ניין, קיין געפאהר איז דארט קיינמאל ניט געוועזן“, האט זי געזאגט.

אנע אבער האט געזאגט: ווי די מוזיק קאפעלע פלעגט שפיעלען!“

די מוטער האט שוין מעהר ניט געענטפערט. זי האט נאר ווידער אמאל געקוקט אויפ'ן טייך, וואס האט זיך געצויגען פארביי איהרע פיס.

— גיב מיר דאָס טוך, אַנע, — האָט זי געזאָגט.

— איז דיר קאַלט, מאַמע? — האָט געפרעגט יאַן און אויפגעהויבן זיינע אויגען.

— יאָ, אביסעל...

אַנע האָט גענומען אַ טוך און עס ארומגעלעגט ארום דער מוטער'ס פיס.

— ווייסטו אַנע — האָט זי געזאָגט — דאָ ווארעמט די זון עפּיס גאָר ניט.

— ניין — האָט געזאָגט אַנע. דאָ שטעכט זי נאָר.

יאַן האָט פעסטער פארצויגען די דעק ארום דער מוטער און איהר געקוקט אין פּנים אריין — אַלע מאָל ווען זיין מאַמען איז געוואָרען קאַלט און זי פלעגט ווערען „וויים אין פּנים" פלעגט אַזאַ גרויסער און שטאַרקער קינדער־שרעק ארויסקוקען פון זיינע אויגען. „אַזוי, אַזוי", האָט ער געזאָגט און ניט אויפגעהערט זי ארומצושטאָפּען מיט דער דיקער דעק, אַזוי ווייט ווי ער האָט נאָר געקענט דערלאַנגען מיט זיינע הענד.

— אַ דאַנק, אַ דאַנק קליינער יאַסע — האָט געזאָגט די מוטער.

— איצטער איז מיר זעהר גוט.

יאַן האָט זיך ווידער געזעצט. ער האָט אָבער בגנבה ווידער גענומען ארויפקוקען צו דער מוטער, ווייל איהר פּנים איז נאָך אַלץ געוועזן וויים.

— אַנע — האָט געזאָגט די מוטער. אויב די זון וועט מאָרגען שיינען, וועלען מיר ארויספאָהרען צו דער מיהל.

— יאָ, גנעדיגע פרוי.

„ווען טאָמסען האָט געבויט די מיהל איז געווען אַ שעהנער זומער".

— יאָ — האָט געזאָגט אַנע. — טאָמסען איז געווען אַזאַ לוסטיגער מענש. — אָבער ער איז דאָך געווען אַ דענער.

— יאָ — האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ די מוטער. — ער איז געווען פון סלאַגעלזע. אַלע טאָמסענס שטאַמען פון דאָרטען.

זיי זענען ווידער געזעסען שווייגענדיגע און האבען געקוקט אויפ'ן וואסער פון טייך. איגנאץ און דמעטער זענען געקומען צו־געהן פון די ווייגשטאקען און ווען זיי זענען פארבייגעגאנגען, האַבען זיי ארונטערגענומען די היט.

— איצטער לאמיר געהן אהיים — האט געזאגט די מוטער. זי האט זיך אביסעל אנגעשפארט אויף אנע'ן, און יאַאן האט זי גע־פיהרט ביי די האנד מיט די שעהנע רינגען.

— ווייסט, אנע — האט זי געזאגט און איהר פנים איז פלוצים געווארען ליכטיג, — היינט אבענד וועלען מיר איינהייצען אונזער... אונזער אייגענעם אויווען.

דער אלטער איגנאץ און דמעטער האבען צונויפגעלעגט דאס בענקעל, אויף וועלכען די גנעדיגע פרוי איז געזעסען.

— דאכט זיך זי פיהלט זיך גאנץ גוט, האט געזאגט איגנאץ און זיי נאכגעקוקט.

— יא — האט געזאגט דמעטער.

— זי זיצט אלע מאל אזוי שטיל — האט געזאגט איגנאץ.

— יא — האט געענטפערט דמעטער — זי זיצט אזוי שטיל ווי די הייליגע אויף די בילדער.

דער דיענער איגנאץ פלעגט אלעמאל רעדען פון הער גנעדיגער פרוי און די בילדער פון הייליגע אין איין אטעם — אפשר דערפאר, ווייל ווערא ניקא די הייליגע מיט די וואונדען, אין דער קירך, האט אויך געטראגען אזוי פיעל גאלד און האלזבענדער אויף דעם האלז און אויף די וואקסענע פינגער.

— אבער — האט ער געזאגט און געקייט זיין הילצערנע ליול־קע — עס איז ווי איך האב עס תמיד געזאגט, אז א פרוי דארף ניט וועקפאהרען אזוי ווייט.

— נעע! — האט געזאגט דמעטער.

איגנאץ האט ארויפגעטראגען דעם שטוהל אויבען.

אין אבענד האט מען אנגעצונדען פייער אין אויווען, אין גרויסען שווארצען אויווען, וואס איז געשטאנען אויף פיס. די מוטער איז געזעסען און געקוקט א פארגאפטע אויף דעם געל־רויטען פייער.

יאַאַן האָט זיך געמאַכט באַקוועם אויף איהר שויס. דער פּאַטער איז אַריינגעקומען און זיך געזעצט לעבען זיי.

— איצטער מוזטו זיך פיהלען גוט — האָט ער געזאָגט און געלאַכט — דאַ פאַר דיין אייגענעם אויווען.

די מוטער האָט אַנגעלעהנט איהר קליין פּנים אויף זיינע שול־טער. „יאַ“ האָט זי געזאָגט „איצט איז דאַ הערליך — פּונקט אַזוי ווי אין דער היים“.

— יאַ — האָט ער געזאָגט און אוועקגעקעהרט דאָס פּנים פון פייער, אַזוי אַז עס איז געלעגען אין דער טונקעלקייט.

זיי זענען לאַנג געזעסען צוגערוקט איינס צו דאָס אַנדערע. יאַאַן איז אַריבערגעקראָכען אויפ׳ן פּאַטער׳ס שויס. ער איז איינגעשלאָ־פען מיט׳ן פּנים פאַרבאָרגען אונטער דער פאָלע פון זיין ראָק.

— יאַאַן, יאַאַן! — האָט אויסגערופען די מוטער, און אַרויפ־געלייגט איהר האַנד אויף זיין נאַקען. — נו, איצטער מוזטו געהן אין בעט אַריין.

יאַאַן איז מיט איין רוק געוואָרען וואַך און האָט איהר גע־קוקט אין פּנים אַריין. „דער מאַמען איז קאַלט“ האָט ער געזאָגט.

— איז דיר קאַלט? — האָט דער פּאַטער שנעל אַ פרעג גע־טאָן.

— יאַ, דער מאַמען איז קאַלט, — האָט געזאָגט יאַאַן און זי אַנגענומען ביי דער האַנד.

— ניין, ניין — האָט געזאָגט די מוטער און צוריקגענומען די האַנד. — איצטער מוז יאַאַן געהן אין בעט אַריין.

— אַ גוטע נאַכט, אַ גוטע נאַכט!

אָבער אויך איהרע ליפּען זענען געווען קאַלט, ווען זי האָט איהם געקושט. און יאַאַן האָט איהר ווייטער געקוקט אין פּנים אַריין. „אַ גוטע נאַכט“, האָט ער געזאָגט און מען האָט געקענט זעהן ווי אין דער קעהל שטיקט איהם אַ געוויין.

— ניין — האָט געזאָגט די מוטער, — אַ גוט קינד וויינט ניט, ווען עס דאַרף געהן שלאָפען.

אָבער יאַאַן האָט צוזאַמענגעביסען די ציין און איז נאָכגעגאַנגען מיס טיקער. מיס טיקער האָט איהם אויסגעטאָן און האָט מיט איהם געזאָגט אַן אָבענד געבעט אויף ענגליש, ווען זי האָט זיך געזעצט אויף זיין בעט. דערנאָך האָט זי זיך אַנידערגעזעצט לעבען דעם לאָמפּ און האָט געשטיקט איהר גרויסער סטראַמינאַרבייט. יאַאַן איז געלעגען און מיט גרויסע אָפענע אויגען געקוקט אין דעם ברייטען ווייכען קרייז איבער דעם לאָמפּ. — מיס טיקער האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ: „יאַאַן מוז איצטער שלאָפען“. „גוט“. אָבער ער איז ווייטער געלעגען אַ וואַכעדיגער און געקוקט אַ פּאַרגאַפטער; און ווייל ער איז געלעגען אומרוהיג, זענען די דעקען פון איהם אַרונטערגעפאַלען, און מיס טיקער האָט איהם געמוזט נאָכאַמאָל צודעקען. „נו, שלאָף!“ האָט זי געזאָגט.

יאַאַן אָבער האָט אַ זאָג געטאָן — און דאָ האָט ער פּלוצים גערעדט אויף רומעניש: — „פאַרוואָס איז דער מאַמען אַלעמאָל קאַלט?“

„דו ווייסט דאָך, אַז דו דאַרפסט רעדען ענגליש“.

„יעס!“ און יאַאַן האָט איצטער איבערגע׳חזר׳ט אויף ענגליש מעכאַניש אין דעם זעלביגען טאָנפאַל:

„פאַרוואָס איז דער מאַמען אַלע מאָל אַזוי קאַלט?“

— דו זאָלסט שלאָפען, יאַאַן — האָט געענטפערט מיס טיקער, און באַלד נאָכדעם האָט זי געהערט ווי ער שלאָפט, גלייך ווי זיינע אויגענדעקלעך וואָלטען מיט איינמאָל צוגעפאַלען.

אַזוי איז עס אַלעמאָל געווען מיט יאַאַן׳ען. ער האָט קיין סך ניט גערעדט. און מייסטענסטייל פלעגט ער זיצען אַזוי אייגענאַרטיג שטיל מיט זיין שפּיעלצייג, אָדער מיט גאָר ניט. פּלוצלונג אָבער פלעגט ביי איהם לעבעדיג ווערען אַ פראַגע: „פאַרוואָס?“ און מיט דער פראַגע פלעגט ער זיך ווענדען צו אַלעמען, אין דעם גאַנצען הויז, פּונקט ווי אין זיין געהירן וואָלט ניט געלעבט עפּיס אַנדערש ווי נור די פראַגע. — ער פלעגט מיט איהר לויפען צום פאַטער, צו דער מוטער, צו דער גאָווערנאַנטין, צו דיביידע שטאַלקנעכט, צו די דיענסטען אין דער קיך און צו דער אַלטער האַנאַ.

האנא איז געווען א סערבישע קארטאפעלשיילעריז. זי פלעגט זיי־צען אין דעם פארהויז פאר דער קיך. זי איז ניט געווען זעהר קלוג און איהר נאז איז אלעמאל איבערגעלאפען. זי פלעגט אלעמאל באוועגען דעם קאפ אהין און אהער אום זיך שטיל צוזינגען. דאס זענען געווען אלטע לידער, סערבישע לידער. יאאן פלעגט נעמען א הילצערן פיסענבענקעלע און זיך אנידערזעצען לעבען האַ־נא'ן. אזוי האט ער געקענט אפזיצען שטונדענלאנג ווען זי האט געזונגען. זיין קאפ האט זיך פונקט ווי איהרער באוועגט אהין און צוריק. פלוצלונג אבער פלעגט ער זי אנקוקען ווי מים טיקער און אויסרופען:

— האנא!

— וואס איז?

— האנא, פארוואס וויקעלט מען אלעמאל ארום די מאמע מיט טיכער?

— האנא פלעגט איהם אנקוקען און ניט פארשטעהן. „יא, דא איז דער טורעם פון בבל", פלעגט זי זאגען. און האט ווידער אנ־געהויבען צו זינגען.

דיביידע רומענישע קוכערס פלעגען לויפען אריין און ארויס. זייערע מיילער זענען קיין אויגענבליק ניט שטיל געשטאנען, און זיי פלעגען אלעמאל עסען טאמאטען, וואס זענען געווען פונקט אזוי רויט ווי זייערע ליפען. מים טיקער פלעגט ארומלויפען און איהם זוכען אין גאנצען הויז. ענדליך פלעגט זי איהם געפינען ביי האנא.

דארט האט ער ניט געטארט זיין, און כדי איהם איבערצושרע־קען, פלעגט מים טיקער זאגען, אז ביי האנא'ן זענען דא ראטען. ראטען זענען געווען דאס שרעקליכסטע, וואס יאאן האט זיך גע־קענט פארשטעלען. ביים טייך זענען זיי געווען אזוי פיעל, גרויסע, מיט לאנגע, פעטע וויידלען.

ביי מים טיקער האט זיך יאאן געלערנט שרייבען. אבער אנע פלעגט אפטמאל קומען צוגעהן און איהם אוועקפיהרען צו דער גנעדיגער פרוי. די מוטער איז מעהר ניט ארויס אין דרויסען, וואַ־

רים עס איז געווארען ווינטער, און דער טייך האט געהאט הויכע כוואליעס, ווען יאאן פלעגט ארויסקוקען דורכ'ן פענסטער. די מוטער פלעגט תמיד זיצען לעבען אויווען און אנע האט קיינמאל נים געטארט אוועקגעהן פון איהר.

— דו זאלסט זיצען שטיל — האט אנע געזאגט צו יאאן'ען.

— יא — האט ער געשעפטשעט.

די מוטער האט זיך צונויפגעדרעהט אונטער די דעקען. „בור־קאווע האלץ ווארעמט מעהר“ האט זי געזאגט׃

„יא, אודאי מעהר“. האט געזאגט אנע.

— ביי וויילע — האט געזאגט די מוטער — זענען די בוקאווע ביימער געווען אזוי דיק.

יאאן האט אויפגעהויבען זיין קאפ פון דעם בוך מיט די ביל־דער:

— פארוואס רעדסט דו נאר תמיד פון דענעמארק, מאמע?

— ווייל דאס איז דיין מאמעס היים, קליינער יאסע.

די מאמעס קול האט געקלונגען אזוי שטיל, און ווען זי האט ארייגעקוקט אין פייער אריין, האט זי צוגעלעגט די שפיצפינגער איינעם קעגען צווייטען, ווי מארינקא, דאס קאמערמיידעל פלעגט דאס טאן זונטאג. פלוצלונג אבער האט זי אויפגעהויבען דעם קאפ און געזאגט מיט גאר אן אנדער קול, מיט א גאנץ מונטער קול:
„זינג איצטער, יאסע“.

— יא — האט געענטפערט יאאן.

זינגען פאר זיין מוטער איז געווען דאס בעסטע, וואס יאאן האט זיך פארגעשטעלט. ער האט אנגעהויבען צו זינגען מיט א קליינער, ריינער שטים אין פייער אריין. ער האט געזונגען האנא'ס אלע לידער און דערביי צוגעקלאפט מיט זיינע פיס צום טאקט. אבער אהן ווערטער, ווייל ער האט נים פארשטאנען קיין סערביש.

— אזוי זינגט האנא, — האט ער געזאגט. און לויטערער און לויטערער האט ער געזונגען אין פייער אריין. די מוטער האט צוגעמאכט די אויגען. ווען נים ווען האט זי זיי אויפגעעפענט און בעטראכט אלע איהרע בילדער, וואס זענען אזוי ענג ארומגעהאנגען

אַרום איהר איינענעם אויוועז — אַלע בילדער זענען געווען פון ווײלע. און דאַן האָט זיך דאָרט געפונען אַ בילד דער „בין השמשות״.

— און איצטער וועל איך זינגען די מאַמעס ליעדער — האָט ער געזאָגט, און מיט דער זעלביגער קלאָרער שטים האָט ער אָנגעהויבען צו זינגען בין השמשות ליעדער, וואָס זיין מוטער פלעגט זינגען, און אויך דאָ האָט ער מיט די פיס צוגעקלאַפּט צום טאַקט. אָבער אויך דאָ האָט ער ניט בענוצט קיין ווערטער, וואָרים ביים זינגען האָט ער זיך ניט געקענט דערמאַנען די דענישע ווערטער. איבער זיין מוטער׳ס געזיכט האָט געשוועבט אַ שמייכעלע: — יאָ, יאָ, דאָס איז דאָס ליעד, דאָס איז עס.

און כמעט אַליין ניט וויסענדיג האָט זי געשעפּטשעט די ווערטער ווען יאַאַן האָט געזונגען די מעלאָדיע:

„עס איז געווען אַ ריטער אַאַגע,
און ער פלעגט אין אַ פּאַנצער רייטען.
האָט ער גע׳שדכנ׳ט זיך צו עלזע,
די שענסטע פרוי פון אַלע צייטען״.

— וואָס מיינט דאָס אייגענטליך? — האָט געפרעגט יאַאַן, וועלכער האָט פּלוצלונג אויפגעהערט צו זינגען.

— דאָס איז דאָס ליעד פון ריטער אַאַגע — האָט געזאָגט די מוטער.

— אָבער וואָס איז די מיינונג דערפון? — האָט געפרעגט יאַאַן.

די מוטער האָט איהם געגלעט איבער די האָר. — דאָס פאַרשטעהסטו נישט, דאָס איז געווען אין דענעמאַרק.

און יאַאַן האָט ווידער אָנגעהויבען צו זינגען — אין פייער אריין:

„ער האָט גע׳שדכנ׳ט זיך צו עלזע,
און ס׳איז איהר גאָלד געוועזען רויט.
און ס׳איז געווען אַ חודש שפּעטער,
איז ער געווען שוין קאַלט און טויט״.

„סט!“ האט שטיל א זאג געטאן אנע, „איצט מוז יאסע שטיל זיין“.

דער מוטער זענען די אויגען צוגעפאלען, און זי האט געדרעמעלט מיט די הענד אין איהר שויס, די בלאנדע האר זענען געלעגען ארום די שלייפען.

— קום, די מאמע שלאפט — האט געזאגט אנע.

די טיר האט זיך געעפענט און עס איז אריינגעקומען דער פאטער.

— שטיל — האט געזאגט יאאן. די מאמע שלאפט — יאאן איז געבליבען שטעהן ביי דער טיר און האט כסדר געהאלטען דעם פינגער פאר דער נאז, מיט א ווארנונג אז עס זאל זיין שטיל, און דער פאטער איז געגאנגען איבער דעם צימער און האט בעטראכט דאס פנים פון זיין מוטער. ווען עס איז אזוי געווען באשיינט פון פייער, האט עס אויסגעזעהן, ווי עס וואלט געווען פון וואקס.

אזוי, ווי זי איז דעמאלט געזעסען אין יענעם טאג מיט די רינגען אין איהר שויס, איז זי אויך געזעסען אין דעם טאג, ווען אנע איז פלוצלונג אויפגעשפרונגען און האט דערביי אומגעווארפען איהר שטוהל, און אנגעכאפט דער מוטער ביי דער האנד און געשריען: „גנעדיגע פרוי, גנעדיגע פרוי!“ און זי האט געשריען און איז ארויסגעלאפען פון צימער און האט געלאזט אפען שטעהן אלע טירען און גערופען: „גנעדיגער הער, גנעדיגער הער!“

יאאן אבער האט אנגעכאפט די מוטער'ס האנד: „שלאפסט, מאמע?“ און די הענד האבען זיך ניט גערירט. — שלאפסט מאמע? — און דאס פנים האט זיך ניט באוועגט. — שלאפסט מאמע? — און פלוצלונג האט ער נאכגעלאזט איהרע הענד און האט ניט געקענט שרייען, נאר ער איז נאכגעלאפען נאך אנע'ן מיט פון זיך אויסגעשטרעקטע ארעמס און ער איז געפאלען אויף די טרעפ און איז געבליבען ליגען — אין דער צייט, וואס אנע איז ארויסגעלאפען אויפן הויף מיט א געשריי: „הער, הער!“

זי האט געדרעהט מיט די הענד ווי צוויי דרעהענדיגע רעדער. זי איז פארבייגעלאפען די פערד און זיי האבען זיך דערשראקען און

זיך אויסגעריסען פון יאָזעף׳ס הענד. און זי איז געלאָפען ווייטער און געשריען איבער די פעלדער אַרוים: „הער! הער!“

— וואָס איז געשעהן? וואָס איז געשעהן? — האָט אויסגערו־פען יאָזעף; — פאַרשאַלטענע פרוי, וואָס איז געשעהן? — און ער האָט איהר נאָכגעשיקט אַ גאַנץ בינטעל מיט אונגאַרישע קללות. זי איז אָבער אַלץ געלאָפען ווייטער און געשריען: „הער, הער!“

„דענישע בעטלערין!“ האָט געשריען יאָזעף, וועלכער האָט זיך געראַנגעלט מיט די פערד, ביז די האַלבבלוטיגע אַראָבער האָבען זיך ארויסגעריסען און זענען אַריינגעלאָפען אין שטאַל; און צי־טערענדיג מיט די גאַנצע בלאַנקענדיגע קערפּערס און מיט שוים פאַר די ציטערדינע מיילער האָבען זיי זיך פאַרשטופּט אין דער פינסטערניש און ציטערענדיג זיך צוגערוקט איינס צו דאָס אַנ־דערע. מים טיקער איז אַרונטערגעלאָפען די טרעפּ מיט צולאָזטע האָר און אין האַנד האָט זי געהאַלטען אַ האָר בערשטעל. זי האָט דאָס בערשטעל אַוועקגעוואָרפען און געשריען:

„זי איז טויט, די ווירטין איז טויט!“

אין דער זעלביגער צייט האָט מאַרינקאַ מיט פאַרשטאַרטע אוי־גען געריבען די ווייסע הענד פון דער טויטער, פונקט ווי זי וואָלט זיי וועלען אַנוואַרעמען — און זי האָט אַליין ניט געוואוסט, וואָס זי טוט און אַ צומישטע האָט זי געזאָגט:

„ברעננט זי צוריק צו זיך, ברעננט זי צוריק צו זיך“, און פּלוצלונג האָט זי אַנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אַן דעם אומגעוואָרפענעם שטוהל און האָט אָנגעהויבען צו שלוכצען. און אַז זי איז ווידער אויפגעשטאַנען און איז אַרויסגעלאָפען פון צימער, איז זי אַריין אין פאַרהויז און האָט אויפגעהויבען מים טיקער׳ס בערשטעל און איז געלאָפען פאַרביי האַנאַ און פונקט ווי אַנע האָט זי געשריען: „הער! הער!“

— וואָס איז געשעהן? וואָס איז געשעהן? — דאָס זענען גע־ווען די קוטשערס, וואָס זענען איצטער אַרויסגעלאָפען פון זייער צימער נאַקעט, און האַלב וואַכענדיגע, ווייל מען האָט זיי אויפגע־וועקט פון דעם נאָכמיטאָג שלאָף. — וואָס איז געשעהן?

פון דער פענסטער אַרויס, וואו עס האָבען געוועהט די גאָרדינען, האָט אַרויסגעשריען מים טיקער, איבער דער הויף אַרויס:

„זי איז טויט! זי איז טויט!“

„דער הער, דער הער...“

יאַן איז אויפגעשטאַנען; ניט וויסענדיג וואָס ער טוט און שרעקענדיג זיך, פונקט ווי ביינאַכט ווען ער פלעגט זיך אויפכאַפּען אין דער פינסטער, האָט ער זיך אַרויפגעשאַרט אויבען, און בעטראַכט די טויטע מוטער דורך אַ שפּאַלט אין דער טיר.

דאַן איז געקומען דער פאָטער. ער האָט אָפּגעשטופּט מאַרינקאַ'ן אין אַ זייט, און דעם גערטנער, וואָס איז אַריינגעלאָפען און איגנאַצ'ן. ער האָט אויפגעהויבען די מוטער אויף זיינע הענד, הויך אויף זיינע הענד און זי אַריינגעטראָגען אין שלאָפצימער.

אין הויז איז געוואָרען שטיל. אַנע האָט אין שלאָפצימער בעהאַנגען די וואַנד מיט ווייסע טיכער, און יעדעס מאָל איז זי אַרונטער פון דעם לייטער און האָט באַטראַכט די טויטע. די אויגענדעקלעך האָבען זיך געעפענט איבער די געבראָכענע אויגען. אַנע איז אַרויפגעגאַנגען צו זיך אין קאַמער, און האָט געעפענט איהר קאַמאָדע. פון דאָרט האָט זי אַרויסגענומען צוויי אַלטע שילינגען. זיי זענען געווען פון פרעדריך דעם זיעבענטענס צייטען, און ביידע האָבען געהאַט לעכער. ווען אַנע האָט זיי גענומען אין דער האַנד אַריין, האָט זי אָנגעהויבען צו וויינען.

דערנאָך איז זי צוריק אַרונטער אונטען, איז אַריין צו דער טויטער, און צוגעשלאָסען די טיר הינטער זיך. און ווען זי האָט געוויינט אַזוי, אַז איהרע טרעהרען זענען געפאַלען אויף די ווייסע הענד, האָט זי די שילינגען אַרויפגעלעגט אויף די צוגעדריקטע אויגען פון דער טויטער.

יאַן, וועלכער איז איצטער קיינעם ניט אָנגעגאַנגען, איז געזעסען ביי האַנאַ'ן. אין דער קיך איז געווען שטיל, ווי מען וואָלט דאָרט פאַר קיינעם ניט געקאָכט.

— האַנאַ — האָט יאַן געשעפּטשעט.

— וואָס, יונגער הער?

— האַנאַ — האָט ער געשעפּטשעט און איהר געקוקט אין פּנים אריין: — פאַרוואָס איז די מאַמע טויט?

און ער האָט געזאָגט ט ו י ט ווי אַ פרעמד וואָרט, ווי אַ קלאַנג וואָס מען פאַרשטעהט ניט.

— יונגער הער — האָט נאָר האַנאַ געענטפערט און געקוקט מיט איהרע העלבלאַנדע אויגען דורכ'ן צימער.

פּלוצלונג אָבער איז געקומען צו לויפען מאַרינקאַ. זי איז געווען אַנגעטאָן אין גאַנצען אין שוואַרצען. „דער גלח קומט" האָט זי געזאָגט און איז געלאָפען ווייטער.

יאַאָן איז איהר נאָכגעלאָפען. די הענד האָט ער געהאַלטען פעסט ביי זיין קערפּער. דיביידע פּאָר אינגלעך זענען געגאַנגען מיט זייערע ווייסע העמדלעך הינטער דעם גלח. און מאַרינקאַ האָט אויפגעריסען אַלע טהירען, און זי האָט אָנגעקלאַפּט אָן דער לעצטער. זי האָט געקלאַפּט און נאָך אַמאָל געקלאַפּט: „אַנע, אַנע!" זי איז אָבער געבליבען צוגעשלאָסען: „אַנע, אַנע!" האָט זי געשריען העכער. פּלוצלונג אָבער האָט אַנע אויפגעריסען די טיר און שטעהענדיג אין מיטען דער שוועל ווי אַ משוגענע, האָט זיי זיך אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענד ביי די ביישטידלען גלייך ווי זי וואָלט איהר גאַנצע פאַרצווייפלונג געוואָלט אויסגיסען מיט צאָרן געגען דעם פרעמדען מאַן אין דעם גלח'שען געוואַנד — און זי האָט דעם גלח בעגאָסען מיט אַ שטראָם פון אַלע קללות אויף דעניש און אויף אַ געבראָכענעם אונגאַריש, און האָט צוריק צוגעקלאַפּט די טיר. די ליידיגע ווייהרויך פאַנען אין די הענד פון די אינגלעך האָבען געציטערט.

יאַאָן איז אַנטלאָפען. ציטערדיג מיט דעם גאַנצען קערפּער, האָט ער זיך צוגעטוליעט צו האַנאַ'ס קניע: — האַנאַ, האַנאַ, פאַרוואָס איז דער גלח אוועקגעגאַנגען?

— יונגער הערר, יונגער הערר!

דערנאָך איז דער פאָטער אוועקגעפאָהרען, און יאַאָן האָט געקראָגען פאַר אַ גאָווערנאַנטין דאָס פראַנצויזישע פריילין. אַנע אָבער פלעגט מיט איהם זאָגען דאָס געבעט יעדען אָבענד.

— אנע, וואו איז דער טאטע? — האט יאאן געפרעגט אין מיטען געבעט.

— ער רייזט ארום — און זי האט ווייטער געבעטען: „פאר־גיב מיר מיינע זינד, ווי איך פארגיב די וואס זינדיגען געגען מיר".

— פארוואס? — האט געפרעגט יאאן און געטראכט וועגען זיין פאטער.

„ברענג אונז ניט צו קיין נסיון, באפריי אונז פון שלעכטס", האט זי ווייטער געבעטען.

— פארוואס? — האט יאאן געפרעגט נאכאמאל, און איז מיט איינמאל איינגעשלאפען.

יאאן האט מעהר ניט גוט פארשטאנען, וואס אנע האט גע־זאגט. ווארים פון זינט די מוטער איז געשטארבען, האט ער פאר־געסען די דענישע שפראך. אויף א ווייל האט זיך יאאן ווידער אויפ־געכאפט און ער האט געהערט, ווי אנע, וועלכע איז געזעסען ביים לאמפ, האט געוויינט.

— פארוואס וויינסטו? — האט ער געפרעגט און אויפגעהויבען דעם קאפ.

אנע האט א שפרונג געטאן אין דער הויך: — יאסע זאל שלא־פען — האט זי געזאגט.

— אבער פארוואס וויינסטו?

אנע האט אפגעווישט די טרעהרען מיט דעם רוקען פון איהר האנד — איך וויין ניט קליינער יאסע — האט זי געזאגט — איך זיץ נאר און נעה...

דורך די טעג פלעגט יאאן אם מייסטען זיצען ביי האנא אדער ביי יאזעף'ן אין שטאל. ווארים יאאן האט געקענט שפיעלען אויף א פיעדעל.

זומער איז געקומען דער לעהרער. ער איז געווען א גריך. און אזא הויכער, אז ער האט געמוזט אנבויגען דעם קאפ, ווען ער איז דורך דער טיר אריין אין דעם שוהלצימער. ווען דער פאטער איז געווען אין דער היים, האט ער אויסגעשטעלט א לאנגען צעטעל וועגען אליץ, וואס יאאן זאל לערנען. אבער דער הער קריסטאפער־

לאס פלעגט אפט פארגעסען מיט איהם צו לערנען. ער פלעגט נאר זיצען און האלטען איהם אויף זיין שויס, איהם האלטען אין איין גלעטען איבער די האר און קוקען ערגיץ וואו. יאאן האט קיינמאל ניט געזעהן אזעלכענע אויגען ווי קריסטאפולאס'עס אויגען — אזוי גרויס, און אזוי בלאה, און קיינמאל זענען זיי ניט געווען פרעהליך.

— אבער איצטער מוזען מיר לערנען, יאאן — האט ער געזאגט און ער האט אנגעהויבען צו דערצעהלען פון אלע ערטער, וואס געפינען זיך אויף דער לאנדקארט.

— וואו וואוינסט דו? — האט געפרעגט יאאן.

— איך? איך וואוין אין העלאס.

— וואו געפינט זיך דאס?

דער קריסטאפולאס האט מיט זיין שמאלע האנד אנגעוויזען אויף גריכענלאנד. „דאס איז העלאס" האט ער געזאגט.

— הם — און יאאן האט באטראכט העלאס — און וואו וואוין איך? — האט ער געפרעגט.

דער קריסטאפולאס האט געזאגט, אז ער האט געזוכט דעם „אינזעל" אויף דער לאנדקארט, אבער זיין היים איז דארטען ניט אנגעגעבען.

— פארוואס?

דער לעצטער האט אבער גאר ניט געענטפערט. ער האט נאר באטראכט גריכענלאנד אין דער צייט, וואס זיין האנד האט געגלעט יאאנ'ס האר.

— שפיעל איצט עפּים — האט געזאגט יאאן.

דער הער קריסטאפולאס איז צוגעגאנגען צום קלאוויר און אנגעהויבען צו שפיעלען. די טענער האבען זיך געגאסען אונטער זיינע לאנגע און שמאלע הענד, אין דער צייט וואס זיינע אויגען האבען אויסגעזעהן ווי זיי וואלטען קוקען ערגיץ ווייט. יאאן איז געזעסען מיט דעם קאפ אנגעלעהנט אויפ'ן קלאוויר. באלד אבער איז ער געלעגען אויסגעשטרעקט אין זיין גאנצער לענג אויפ'ן דיל,

ווי ער פלעגט זומער־צייט ליגען אקעגען דער זון פאר די וויינ־שטאקען.

— שפיעל נאך — האט ער זיך געבעטען.

אין שטאל ביי יאזעף'ן פלעגט ער אליין שפיעלען. זיינע הענד זענען געווען צו קליין פאר יאזעף'ס גרויסע פידעל. די מעלאדיען האבען זיך אבער געגאסען איינע נאך די אנדערע, האנא'ס ליעדער און זיין מוטער'ס ליעדער. ער האט זיי ניט צוטיילט, נאר זיי האבען זיך געגאסען איינס אין דאס צווייטע אריין, און ער פלעגט דאן ווערען אזוי רויט און היים, ווי ער וואלט געריטען אויף זיין קליין פאני פערדיל „קאפריז" נעבען זיין פאטער. ווען זיין פאטער איז געווען אין דער היים, פלעגען זיי צוזאמען רייטען יעדען טאג. דאס פאני־פערדיל האט זיך ניט געקענט אויסשטרעקען, נאר עס פלעגט לויפען ווי א גרויסער הונט נעבען זיין פאטער'ס „אמור". זיי פלעגען רייטען פארביי דעם טייך, פארביי די ביימער און איבער די פעלדער. די פויערים האבען זיי באגריסט און דער פאטער פלעגט זיי אנרופען ביי די נעמען, און יאאן האט זיך פארנייגט.

קאראל, דער שופט פון דארף, איז געשטאנען לעבען זיין רויט געמאלטען הויז און ער האט ארונטערגענומען דעם הוט.

— ווי געהט עס אייך, קאראל? — האט געפרעגט דער פאטער.

— ס'געהט שלעכט, הער! — האט געענטפערט קאראל און איז געשטאנען מיט'ן הוט אין דער האנד. — דער גאנצער לייב איז געשוואלען.

דאס האט קאראל גערעדט וועגען זיין פרוי, וואס איז געווען קראנק.

— דו וואלסט באדארפט ברענגען דעם דאקטאר — האט געזאגט דער פאטער.

קאראל האט געדרעהט מיט'ן היטעל און געזאגט: — ס'דארף קאסטען צוואנציג גילדען איהם צו ברענגען איבער'ן טייך, הער.

— יא, יא. — אויב דו הארפסט אמאל האבען א זאך צו לינדערן דעם שמערץ, קענסטו עס קריגען ביי אונז אויבען.

זיי זענען געריטען ווייטער פארביי דעם טייך.

— טאַטע, האָט געפרעגט יאַן — פאַרוואָס האָט קאַראָל אַזוינע גרויסע זילבערנע קנעפּ אויף זיין יאַקע?

— ווייל ער איז אַ רומענער, — האָט געענטפערט דער פאַטער.

איוואַ איז געשטאַנען פאַר זיין נידעריגען גרויען הויז אין מיטען צווישען זיינע חזרים.

— דיינע חזרים זענען שוין זיבּש פעט — האָט געזאָגט דער פאַטער.

— אַ. יאָ, — האָט געענטפערט איוואַ.

— ווען זיי, הייסט עס, באַלד געהן אויף'ן מאַרק?

— דער טייך איז צו ווילד, הער — האָט געענטפערט איוואַ און געלאָזט זיין בליק איבער די חזרים — עס איז צו געפעהרליך זיי צו פיהרען אַהין.

— דאָס קען זיין — האָט געזאָגט דער פאַטער.

דמעטערס דעם וויינגערטנערס מוטער איז געשטאַנען ביים ראַנד פון דער קאַנאַווע אין איהר פיעל־פאַרביגען קלייד.

— ווי דער יונגער הער וואַקסט דאָס אַביסעל, גנעדיגער הער, — האָט זי געזאָגט.

— יאָ — האָט געענטפערט דער פאַטער און באַטראַכט יאַאַנ'ען, וואָס איז געזעסען אַזוי גלייך אויף זיין פאַני — אָבער ער איז דאָך שוין אַכט יאָהר...

— און ער זעהט אויס פונקט ווי זיין פאַטער, הער — האָט געזאָגט די אַלטע. — פרעמד בלוט קלעפּט זיך ניט צו צו די אויהאַזי'ס.

ווי אַ שאַטען איז איבערגעלאָפען איבער דעם פאַטער'ס געזיכט.

— דאָס איז מעגליך — האָט ער געזאָגט און זיי האָבען געריטען ווייטער. דמעטערס מוטער האָט זיך פאַרנייגט.

דער וועג האָט געפיהרט האַרט ביים טייך, וואָס האָט זיך גע־טראָגען שטאַרק אין פינסטער. זיי זענען געריטען ביז דעם שפּיץ אויף דעם מזרח זייט פון אינזעל, וואָס איז געווען שמאָל ווי אַ פעלז, וואו קוקט אַרויס פון וואַסער. אויףביידע זייטען האָט געברויזט

דער שטראם פון טייך. דער פאטער איז לאנג אזוי געזעסען אויפ'ן פערד און געקוקט אויפ'ן וואסער.

— טאטע, — האט געפרעגט יאאן — פארוואס איז דאס וואסער אזוי שווארץ?

— ווייל דער טייך איז אזוי טיעף — האט געזאגט דער פאטער.

ווען די פערד זענען ווידער שוין געלאפען אין א טראב, האט יאאן געזעהן דעם הוזירער שמעון, וואס איז זיי אקעגען געקומען מיט דעם שווערען קאסטען אויף דער פלייצע. דער הוזירער מיט זיינע אלע זאכען, די זייגערס און טיכער און ליולקעס און היטעלעך און קייטעלעך. דאס אלץ האט איהם אינטערעסירט, האט ער אויסגערופען: — טאטע, טאטע, זעה, אט איז שמעון.

שמעון איז געבליבען שטעהן אויפ'ן פעלד און ער האט זיך פארנייגט אזוי טיעף, אז זיין לאנגע קאפאטע איז אין גאנצען געבליבען ליגען אויפ'ן גראז. דער פאטער האט זיך אבער אויף איהם ניט אומגעקוקט און איז ווייטער געריטען.

— טאטע, טאטע — האט יאאן ניט אפגעטראטען — דאס איז געוועזן שמעון. שמעון פון ארסאווא.

דער פאטער האט זיך אבער אויף שמעון'ען ניט אומגעקוקט. יאאן האט זיך געהאלטען אין איין דרעהען אויף זיין פאני, און שמעון איז זיך געגאנגען ווייטער זיין וועג.

זיי האבען זיך אפגעקעהרט פון טייך און איצטער זענען זיי געריטען איבער פעלדער ביז ווייט הינטער'ן וועלדעל, וואו עס האבען געוואוינט די גאנצע באנדע שמוגלערס, ווי יאזעף פלעגט זאגען. ווען זיי זענען צוגעקומען צום „בורג", איז דער פאטער ארונטער פון פערד, און ער האט אנגעבונדען זיין פערד אין יאאן'ס פאני. יאאן האט אנגענומען דעם פאטער'ס האנד, ווען זיי האבען זיך געלאזט געהן צו דער חורבה. דאס פלעגט ער אלע מאל טאן. בלויז דריי מויערען זענען נאך דארט געשטאנען. פון דער פערטער איז מעהר ניט געבליבען ווי הויפענס זאמד, וואס האבען אויסגעזעהן ווי בערג. אזוי הויך זענען זיי געווען. דער פאטער איז ארויף אויף

די צוברעקעלטע שטיינערנע טרעפּ, און האָט אַנגעשפּאַרט די אָרעמס אויפ׳ן קאַנט פון דער מויער.

— מעג איך זיך זעצען ביי דיר? — האָט געפרעגט יאַאַן. און דער פּאַטער האָט איהם אויפגעהויבען און געזעצט אויף דער מויער. יאַאַן איז געזעסען און זיך אומגעקוקט: אַט דאָרט איז געלעגען קאַראַל׳ס הויף און דאָרט, אין שמוציגען הויז, האָט געוואוינט יאַ־זעף׳ס כלה. און דאָרטען זענען געוועזען דעם הער קריסטאָפּולאָס׳עס פּענסטער אין שלאָס. דאָ האָט מען געזעהן דעם גאַנצען אינזעל און אַלע הייזער ביז צו דער „מוטערס מיהל“. דער פּאַטער האָט לאַנג אַריבערגעקוקט צו די שווערע פליגעל.

— דאָרט פלעגט אַלע מאָל זיצען די מאַמע — האָט געזאָגט יאַאַן און אָנגעוויזען מיט דער האַנד אויף דער באַנק, וואָס איז געשטאַ־נען לעבען דעם מילנערס הויז.

— יאָ — האָט געזאָגט שטיל דער פּאַטער.

דאָרטען אונטען אָבער, גראַד אונטען איז געלעגען די שטאָדט, מיט דער קירך אין מיטען. דאָרט ביי דער טיר איז געווען זיין מו־טער׳ס קבר.

יאַאַן האָט זיך פאַרקוקט אויף זיין מוטער׳ס קבר. — טאַטע — האָט ער אַ פרעג געטאַן — ווילסטו אויך באַגראָבען ווערען, וואו די מאַמע ליגט?

— יאָ.

— זאָל איך אויך באַגראָבען ווערען וואו איהר וועט ליגען?

— יאָ, — ווען עס וועט קומען די צייט.

— פאַרוואָס? — האָט געפרעגט יאַאַן.

דער פּאַטער האָט מיט אַ פאַרשטיינערטען בליק אַריבערגעקוקט אַריבער דעם טייך: — ווייל דאָרטען ליגען אַלע אויהאַזי׳ס. באַלד אָבער האָט ער נאָך צוגעגעבען (און ער האָט אַליין ניט געוואוסט אַז ער זאָגט עס): — וואו מען איז געבוירען געוואָרען, דאָרטען דאַרף מען אויך באַגראָבען ווערען.

יאַאַן האָט איהם אָבער מעהר ניט געהערט. זיין קינדערשער געהירן איז פּלוצים ווידער אַריבערגעשפּרונגען צו שמעונ׳ען. —

ער האט ניט געקענט פארשטעהן, פארוואס דער פאטער האט איהם ניט געזאגט קיין גוטען טאג.

דערנאך האט ער זיך ווידער פארקוקט אין דער ווייטענס. דארטען העט ווייט, הינטער דעם וועלדעל, זענען געווען די הייזער פון די שמוגלערס. זיי האבען געהאט אזוינע קליינע פענסטערלעך!

— פארוואס רייטען מיר קיינמאל ניט פארביי די הייזער פון די שמוגלערס? — האט יאאן געפרעגט.

דער פאטער האט ניט געענטפערט.

פלוצים אבער האט יאאן ארויסגעשאסען: — יאזעף זאגט, אז די שמוגלערס קריגען די שענסטע כלות.

דער פאטער האט זיך אויסגעדרעהט צו איהם — איך האב דאך דיר געזאגט, אז דו זאלסט ניט אריין אין שטאל.

— יא — האט יאאן געזאגט שטיל און פארשעמט. באלד אבער נאכדעם האט ער א זאג געטאן (אפשר כדי אפצואווישען דאס, וואס ער האט געזאגט וועגען יאזעף'ן און די שמוגלערס כלות): — פעטער געארגעוויטשעס הויז איז גרויס — און ער האט ארונטערגעקוקט אויף פעטער געארגעוויטשעס הויז, וואס איז געשטאנען ברייט און לאנג מיט זיינע ביידע זיילען געגענאיבער די קירך.

— יא, ס'איז גרויס.

— איז עס גרעסער פון „שלאס?" — האט געפרעגט יאאן.

— ניין, דאס שלאס איז צום גרעסטען.

— אזוי — יאאן האט א ווײלע זיך פארטראכט, און דערנאך האט ער געפרעגט: — אבער דעמאלט, ווען די טערקען זענען געקומען, איז די בורג געווען צום גרעסטען?

— יא, דעמאלט איז די בורג געווען די גרעסטע געביידע.

יאאן האט איצטער געפרעגט וועגען די טערקען און וועגען דעם פאשא, וואס מען האט אויפגעהאנגען, ווען מען איז איהם בייגעקומען, און אלע זיינע לייט, די טערקען, האבען געמוזט אנטלויפען.

— וואוהין זענען זיי אנטלאפען? האט געפרעגט יאאן.

— אריבער דעם טייך — האט געענטפערט דער פאטער.

— ווער האט געשלאגען די טערקען?

— יאַאַן אויהאַזי האָט זיי געשלאָגען.

— יאַאַן אויהאַזי — האָט דאָס אינגעל איבערגע'חזר'ט שטיל. ער איז אין גאַנצען בלאַס געוואָרען. — און ער האָט דעם פּאַשאַ אויפגעהאַנגען? — האָט ער ווייטער געפרעגט.

— יאָ.

די זון איז געשטאַנען טיעף אין הימעל. די הייזער האָבען געוואָרפען זייערע לאַנגע שאָטענס איבער דעם גרויען אינזעל.

יאַאַנ'ען איז געוואָרען קאַלט אויף דעם ראַנד פון דער מויער, און ווי פריהער האָט ער אַ זאָג געטהאָן: — טאַטע, זעה נאָר ווי שוואַרץ דער טייך איז.

— יאָ.

— און ער דרעהט זיך ארום און ארום.

— יאָ —— האָט געזאָגט דער פאָטער און ער האָט אָנגעשפּאַרט ביידע הענט אויף דעם מויער.

יאַאַן האָט ווייטער געקוקט אויפ'ן טייך מיט זיינע גרויסע אוי־גען. דערנאָך האָט ער פּלוצים אַ זאָג געטאָן: — טאַטע, דער טייך זעהט אויס ווי דאָס טוך אויפ'ן דיל.

— וועלכעס טוך? — האָט געפרעגט דער פאָטער.

— יאַאַן האָט אָבער ניט געענטפערט. געדאַכט האָט זיך, ווי ער וואָלט זיך פּלוצים דערשראָקען. וואָרים דאָס טוך אויפ'ן דיל, דאָס האָט ער געמיינט דעם לאַנגען טעפּיך, וואָס מען האָט אויסגע־שפּרייט אויף די דילען און טרעפּ, ווען מען האָט די מוטער ארויס־געטראָגען אַ טויטע פון הויז — איינגאַנץ איז געגאַנגען פאַראויס, ווען מען האָט ארויסגעטראָגען דעם ווייסען ארון.

— קום — האָט געזאָגט דער פאָטער — איצטער מוזען מיר אהיים געהן.

זיי זענען ארונטער פון באַרג. יאַאַן האָט אָבער ווידער גע־טראַכט פון שמעונ'ען, וועמען דער פאָטער האָט ניט געגריסט. ווען זיי זענען אהיים געקומען, האָט יאַאַן באַקומען פון דעם אינגסטען קובער צוויי שטיקלעך צוקער פאַר זיין פּאָני, און ער האָט זיך בגנבה

געשארט אונטער די פענסטער צו דער שטאל, וואו קאפריז האט פון איהם באקומען דעם צוקער.

— מיר האבען געטראפען שמעונ'ען — האט געזאגט יאאן.

— אזוי — האט געזאגט יאזעף — לויפט ער דא ווידער ארום מיט זיינע שמאטעס? נא, איבעריגענס דא אויף דעם אינזעל, נויטיגען זיך די מיידלעך אין פארטיכער פאר זייערע לייבער.

יאאן האט זיך פארטראכט אויף איין אויגענבליק, דאן האט ער א פרעג געטאן: — דו, יאזעף, פארוואס זאגט דער טאטע קיינ־מאל ניט קיין גוטען טאג צו שמעונ'ען פון ארסאווא?

— ניין — האט געזאגט יאזעף, דאס וועט דער הער קיינמאל ניט טאן, וויל שמעון איז א איד, און קיין ארענטליכער קריסטליכער מענש באגריסט קיינמאל ניט די זשידעס.

יאאן האט אפגעווארט א ווייל, דאן האט ער שטיל א זאג גע־טאן: — יאזעף, ווייסטו אז דער, וואס האט אויפגעהאנגען דעם פאשא, האט געהייסען יאאן?

מיט אמאל האט זיך דערהערט א שרעקליכער געשריי אויפ'ן הויף, און יאזעף איז צוגעלאפען צו דער טיר פון שטאל. דאס האבען זיך די צוויי רומענישע קובערס געשלאגען מיט די סערבישע פאסטוכער. דאס בלוט איז ביי די סערבישע יונגען גערונען פון דער נאז. אלע וואש מיידלעך זענען זיך צונויפגעלאפען מיט פארקא־שערטע קליידער, און פון וואשקעסעל האט זיך געטראגען א פארע איבער'ן הויף. די רומענער האבען זיך ווי קעץ א ווארף געטאן אויף די סערבישע יונגען, און די רומענישע מיידלעך האבען געמאכט געוואלדען.

— האלט ס'מויל, איהר רומענישע שרייערקעס.

— שלאגט, שלאגט! האט אויסגערופען דמעטער, וואס איז געלאפען צו הילף די רומענישע קובערס.

— דערלאנגט זיי, דערלאנגט זיי — האט געשריגען יאזעף, און איינגעגראבען זיינע הענט אין די אונגארישע הויזען — דערלאנגט זיי גוט, די סערבישע חזרים.

די סערבעו האָבען אויפגעשריגען פאַר וועהטאָג. ווארים די דור־מענער האָבען זיי געביסען אויף די נאַקעטע אָרעמס.

— דערלאַנגט זיי, דערלאַנגט זיי!...

— הילף! הילף! — דאָס האָבען די מיידלעך געשריגען.

— שטיל! — זענט איהר משוגע? — דאָס איז געווען דעם פאַטער'ס קול, וואָס האָט פון פענסטער אַרונטערגעדונערט און איבערגעשריגען דעם ליאַרעם. און פּלוצים האָט זיך דערהערט אַנע'ס קול, וואָס האָט אַרויסגעשריגען דורך אַן אַנדערען פענסטער און דורך דער האַלב־פינסטערניש זיך אַריינגעריסען אין טומעל:— יאַסע, יאַסע!

— וואו איז הער יאַאַן? — האָט אויסגערופען דער פאַטער.

עס איז שטיל געוואָרען. ווי שאָטענס האָבען זיך אַלע גענומען אַוועקשאַרען אין דער טונקעלהייט. יאַאַן אָבער איז אַ דערשראָ־קענער אַרויפגעלאָפען די טרעפּ צו הער קריסטאָפּולאָס אין צימער אַריין.

— יאַסע, יאַסע! — דאָס איז געווען אַנע, וואָס האָט געקלאַפּט אין דער טיר. און נאָכדעם ווי זי האָט זי געעפענט, האָט זי איהם אָנגעכאַפּט ביים אָרעם, און האָט איהם מיטגעשלעפּט מיט זיך דורך דעם לאַנגען קאָרידאָר אין זיין צימער אַריין.

— האָב איך דיר ניט געזאָגט, אַז דו זאָלסט דיך ניט אַרומ־שלעפּען? אַז אַן אונזעריגער קען זיך דערשרעקען צום טויט? שמיץ פאַרדיענסטו, וואָס דו לויפסט אַרום מיט אַט די פון גאָט פאַרשאָלטענע טייוואָלים... טו אויס די זאָקען, האָב איך געזאָגט. ווען די זעליגע פרוי וואָלט זיך געווען פאַרשטעלען אין וואָס פאַר אַ בלאָטע מיר זענען דאָ פאַרקראָכען מיט אונזערע פיס... טו אויס די זאָקען, האָב איך דיר געזאָגט. די זעליגע פרוי איז אָבער אַהיים געגאַנגען צום ליעבען גאָט. און דאָס איז אויך געווען דאָס קליגסטע, וואָס זי האָט געקענט טאָן... ווארים דאָ איז דאָס פאַר־שאָלטענע לאַנד, און דאָס איז דער טאָל פון מגפות, ווי עס שטעהט געשריבען. די זעליגע פרוי איז אָבער אַוועק צום פריעדען און יעזוס'ן. טו אויס די זאָקען. — פּלוצים האָט זי אָנגעהויבען צו וויי־

נען און האט אנידערגעקניהט פאר דעם בעט: — און אז אונזעריגער מוז דא בלייבען! און וואס קען מען טאן? גארנישט נים קען מען טאן. און מען איז ווי א קאליקע אויף גאט'ס ערד. און מען קען קיין זאך ניט טאן, א חוץ בעטען... יאסע, יאסע, פארשטעהסטו, וואס איך זאג?...

— יא — האט ער געענטפערט שטיל — יא... ער אליין האט אויך געוויינט פאר שרעק, אזוי אז די טרעהרען האבען איהם געראנען איבער די באקען.

— ניין, ניין, דו פארשטעהסט מיך נים, — און אנע האט געוויינט נאך העכער — ער פארשטעהט ניט די שפראך פון זיין מוטער... די שפראך פון זיין מוטער, די שפראך פון זיין מוטער, — האט זי געהאלטען אין איין איבער'חזר'ן.

און זי האט גערעדט צו איהם מיט די פרעמדע ווערטער, וואס זי האט געקענט, און זי האט דורכגעמישט סערבישע, אונגארישע, רומענישע און רוטעניש ווערטער וואס זי האט זיך אויסגעלערנט פון די זידלערייען אין די וואש־קעלערן. און מיט אמאל האט זי ווידער גערעדט אויף דעניש, און האט פארשאלטען די געצענדיענער, און די אידען, און די גריכען, וואס האבען ביי איהר צוגענומען איהר יאסע.

— און וואס קען אן אונזעריגע טאן? אן ארים באשעפעניש, וואס איז איבערגעבליבען אליין אויף גאט'ס ערד? — גערעדט האט זי ווי פון א בוך ארוים. זי, וואס פלעגט אזוי קיינמאל ניט רעדען, און זי האט אויסמישט איהרע ווערטער מיט די ווערטער פון דער ביבעל, די ביבעל, וואס איז געווען דאס איינציגע בוך, וועלכעס זי האט געלייענט. זי האט איינגעוויקעלט יאאנ'ען אין דער דעק און איהם צוגעדעקט און ווידער איינגעוויקעלט און געוויינט אויף דער פארשטארבענער פרוי, וואס איז אין הימעל. — און מיר, מיר, וואס מיר זענען אין גלות — האט זי געזאגט.

יאאן איז ניט געשלאפען. פון אונטער די ציטערדיגע אויגענדעקלעך האט אפער געקוקט אויף אנע, וואס איז געזעסען ביים לאמפ, פאר דער גרויסער ביבעל. זי האט אנגעטאן די ברילען און

זי צוריק אויסגעטאָן. ווארים די ווערטער זענען זיך צושוואר־
מען פון איהרע אויגען, וואָס זענען געווען פארלאָפען מיט טרעהרען.

„זעה, איך וועל שיקען אויף זיי די שווערד, דעם הונגער און
מגפות, און איך וועל זיך אומגעהן מיט זיי, ווי מען געהט אום
מיט שלעכטע פייגען, פאר וועלכע עס עקעלט איינעם צו עסען;
איך וועל הינטער זיי זיין מיט דער שווערד, הונגער און מגפות
און וועל זיי ניט לאָזען בלייבען אין קיין קעניגרייך אויף דער ערד,
אז זיי זאָלען זיין פאר א קללה, פאר א וואונדער, פאר געלעכטער
און שפאָט צווישען אלע פעלקער...“

אנע האָט געלייענט העכער און געבלעטערט אין דעם גרויסען
בוך, וואו עס זיינען געלעגען פיעלע צייכענס פון רויטען און ווייסען
באנד:

„האב ניט מורא, מיין קנעכט יעקב, און שרעק דיך ניט, ישראל!
ווארים איך וועל דיר העלפען פון ווייטע לענדער, און דיין זאָמען
פון לאנד פון זייער געפענגניש. און יעקב וועט זיך אומקעהרען,
און ער וועט לעבען אין פריעדען און רוה און קיינער וועט איהם
ניט איבערשרעקען“. אנע׳ס וויינען האָט אויפגעהערט, און זי האָט
צונויפגעלעגט די הענט: — אוי גאָט, דו מיין הארץ! אוי גאָט,
דו מיין הארץ!“ — האָט זי געמורמעלט. יאַאַן איז איינגעשלאָפען.
אבער אפילו נאָך אין שלאָף האָט זיין קערפער עטליכע מאָל לייכט
אויפגעציטערט.

ווען דער פאָטער איז אבער ווידער אמאָל געווען אוועק פון דער
היים, איז מאמזעל אריבערגעפאָהרען דעם טייך קיין ארסאָווא,
און מיט זיך מיטגענומען יאַאַנ׳ען. און זיי האָבען באזוכט דער
מאמזעלס אלע פריינדינען. אָפטער אבער ווי אומעטום פלעגען זיי
קומען צו דעם קאָמאַנדאַנט׳ס פרוי, וועמענס קליידער פלעגען זיך
לאַנגע נאָכשלעפען אויף דער ערד, און וועלכע האָט געהאַט געלע
האר און גרויסע רויטע פלעקען אויף די באַקען. יאַאַן איז גע־
זעסען ביים פענסטער, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויףביידע הענט,
און ארונטערגעקוקט צו די סאָלדאַטען, וואָס זענען געווען ווייס
און געל און רויט, מיט זעהר פיעל גאָלד. דעם קאָמאַנדאַנט׳ס זוהן,

וואס האט געהאט רויטע האר, איז געשטאנען לעבען איהם. ער האט געהאט אזוינע שפּיציגע נעגעל, וואס ער האט בגנבה איינגע־גראבען אין יאאנ'ס פּיס. דעם קאמאנדאנט'ס פרוי און מאמזעל זענען געזעסען אין צימער אין די גרויסע שטוהלען, און האבען גע־לאכט און גע'סוד'עט זיך, און געטרונקען פון קליינע גלעזער, און זיי זענען געזעסען אזוי נאהענט ביים פייער, אז עס האט זיי גע־בראטען. זיי האבען אויך געקראגען קוכען מיט א סך ראזינקעס, און די פרוי קאמאנדאנטין האט צוגערופען יאאנ'ען ער זאל פאר־זוכען.

„ס'איז גוט, ס'איז גוט", האט זי געזאגט און איהם געשטאפּט דעם קוכען אין מויל אריין.

„א, ער איז שעהן, דער קליינער נע'ונד'ניק!" האט זי געזאגט, און איהם אויפגעהויבען אויף איהרע נאקעטע ארעמס, פאר וועלכע יאאן האט זיך געשראקען. און יאאן איז צוריקגעגאנגען צום פענסטער און ווידער ארונטערגעקוקט אויף די סאלדאטען, וואס האבען שטענדיג געהאלטען אין איין געהן הין און צוריק. — פפוי, — האט א זאג געטאן די פרוי פון דעם קא־מאנדאנט צו איהר אייגענעם לאנגען זוהן — געה אוועק מיט דיין פרצוף, וואס איז פול מיט זומער־שפּרינקלעך.

טיילמאל פלעגען זיי אויך זיין ביי מארינקא, וואס האט גע־וואוינט אויף דער אנדערער זייט פון מארק. איהרע פענסטער זיי־נען געווען די גרעסטע אין גאנץ ארסאווא. און דארטען זענען גע־שטאנען אנאנאס מיט גרינע וואזעס און גלעזערנע שאלען און ווייסע פלעשעלעך. אינוועניג פלעגט אבער אלעמאל זיין פול מיט אפּי־צירען, וואס פלעגען טרינקען טיי און מאמזעל פלעגט רעדען מיט זיי. און די טיי פלעגען דערלאנגען צוויי מיידלעך, וואס האבען געהאט ווייסע געזיכטער, און וואס פלעגען געקושט ווערען פון די אפיצירען. מארינקא אליין האט געהאט שווארצע אויגענברעמען און איז געשטאנען הינטער א שענק־טיש מיט זילבערנע שאלען און קליינע פעסעלעך אויף זילבערנע פיס, און אלץ האט געבליצט.

מאמזעל פלעגט אפט פארשווינדען אין א קליינעם צימער, פאר

וועלכער עס איז געווען אַ טיר, און יאַאַן האָט זיך אַרומגעדרעהט אַליין און באַטראַכט די אָפּיצירען, וואָס האָבען געשפּיעלט אין קאָר־טען. דאָרטען איז אָבער געווען איינער, וואָס האָט קיינמאָל ניט געערדט, נאָר פלעגט תמיד זיצען אין אַ ווינקעל לעבען דעם שענק־טיש, און יעדעס מאָל ווען מאַרינקאַ פלעגט פאַרבייגעהן פאַרביי איהם, פלעגט ער איהר קושען אַלע פינף פינגער. יאַאַן האָט זיך אַוועקגעשטעלט לעבען זיין טיש און איהם אָנגעקוקט.

— זענט איהר געווען אין מלחמה? — האָט געפרעגט יאַאַן.

— יאָ, — האָט געענטפערט דער יונגערמאַן.

— אַזוי... געגען וועמען? — האָט ווידער געפרעגט יאַאַן.

— געגען די טערקען — האָט געענטפערט דער אָפּיציר.

— אַזוי — באַלד דאַרויף האָט יאַאַן אַ זאָג געטאָן: — איך וויל אויך ווערען אַ סאָלדאַט. און ער האָט זיינע הענט אַריינגע־שטעקט אין לעדערנעם פּאַס איבער זיין בלויע זשאַנדאַר־בלוזע.

דער יונגערמאַן האָט איהם אָנגעקוקט מיט זיינע לענגליכע אויגען און אַ זאָג געטאָן: — דו ביזט דאָך ניט קיין סערב.

דאָס פראַנצויזישע פרייליין איז אַרויסגעקומען פון דעם קליי־נעם צימער, איהר קאָפּ איז געווען אין גאַנצען רויט.

„שנעלער, שנעלער, מיר זיינען אויף צרות“, האָט זי געזאָגט.

עס איז שוין געווען גאַנץ פינסטער אויפ'ן טייך, איידער זיי זענען אַהיים געקומען. יאַאַן האָט זיך אַריינגע'גנב'עט אין שטאַל. ער איז אַרויפגעקראָכען אויף דער האָבער קאַסטען פאַר זיין פאַטער'ס פערד אַמור.

— יאָזעף! — האָט ער אויסגערופען.

— יאָ.

— האָט מאַרינקאַ אַ מאַן?

— זי האָט אַ סך מענער — האָט געענטפערט יאָזעף און האָט אויסגעשפּיגען דורך די ציין.

יאַאַן האָט געטראַכט אַ ווייַלע און אויס דעם אייגענאַרטיגען געדאַנקענגאַנג פון אַ קינד אַרויס, האָט ער אַ פרעג געטאָן: — אָבער מאַרינקאַ איז דאָך געווען ביי אונז?

— יא, דאס איז אמת. ווארים אהער דא לויפען זיך אן אלע פרויען, וואס מוזען זייער לאנד פארלאזען.
— פארוואס? — האט געפרעגט יאזן.
— ווייל עס איז אזוי, — האט געענטפערט יאזעף און זיך גע־זעצט אויף דעם האבער קאסטען.

„שנעלער... לאמיר געהן, מיר זיינען אוי, צרות..."
מאמזעל איז געווען בייז. עס איז שוין געווען צו שפעט, און זי איז כמעט געלאפען איבער'ן מארק, כדי צו קומען אהיים נאך איי־דער עס וועט טונקעל ווערען. „שנעל, שנעל!" און זי האט א קניפ געטאן יאזנ'ען ביי דער שלייף.
פלוצים אבער איז זיי אקעגענגעקומען א מחנה יונגען, אהן א שיעור יונגען, אין די הונדערטער. און זיי האבען געשריגען און גע־ליארעמט, און פאראויס איז געלאפען דוד, שמעונ'ס זוהן, און זיינע קליידער זענען געהאנגען אויף איהם צעריסען אין שטיקער. „דער איד, דער איד! האבען זיי געשריגען. „דער איד, דער איד!" האבען זיי געשריגען און געפייפט אויף די פינגער. דוד אבער האט זיך א קעהר געטאן, גראד פאר יאזנ'ען און ער האט צוזאמענ־געבאלט זיינע אויפגעהויבענע הענט פאר זיי אלע, פאר די אלע הונ־דערטער. „דער איד, דער איד! שמייסט איהם, דעם אידען!" „שמייסט דעם אידען!" האבען אונטערגעכאפט אנדערע.
און פלוצים האבען אלע אינגלעך געשריען ווי אין א כאר: „שמייסט איהם, שמייסט איהם, שמייסט דעם אידען!" און דוד איז ווייטער געלאפען מיט אויפגעהויבענע הענט, און זיך אנגעכאפט מיט ביידע הענט אן דער מאמזעל, וואס האט געשריגען הויך אויפ'ן קול. און די אינגלעך האבען געליארעמט: „באווארפט איהם מיט טא־מאטען! שמייסט דעם אידען, באווארפט איהם מיט טאמאטען, שמייסט דעם אידען!"
דוד האט זיך אויסגעגליטשט, און די טאמאטען זענען געפלויגען איבער איהם, האבען געפלאצט אויף זיין נאקעטען קערפער, אויף זיין געזיכט, אויף זיינע האר, אזוי אז ער האט אויסגעזעהן ווי ער וואלט

געוועזן באַגאָסען מיט בלוט. „שמייסט איהם, שמייסט איהם, שמייסט דעם אידען!"

— קום, קום! — האָט געשריגען די מאַמזעל און איז עטליכע מאָל שיער אומגעפאַלען. — קום, קום!

„שמייסט איהם, שמייסט איהם, שלאָגט דעם אידען!" דוד איז איצטער שוין געלעגען אויף דער ערד, זיינע הענד זיינען געווען אויפגעהויבען מיט צושפרייטע פינגער: „שלאָגט איהם, שלאָגט איהם, דעם עזעל דעם אידען!" און זיי האָבען איהם געשלאָגען, געבאָכעט און געטראָטען מיט די פיס.

— קום, קום! — האָט געשריגען די מאַמזעל.

פלוצים אָבער האָט זיך יאַאן דורכגעמאַכט אַ וועג דורך דער מאַסע, צווישען די פיס פון די אינגלעך, צווישען זייערע אויפגע־הויבענע הענד, ביז ער איז געשטאַנען לעבען דוד'ן.

— אנטלויף! אנטלויף! — האָט ער געשריען. — אנטלויף! און אַלץ אין איהם האָט געציטערט. דאָס געזיכט, די צונויפגע־באַלטע הענט, די פיס אונטער איהם: — אנטלויף! — און דוד האָט זיך ארויסגעגליטשט ווי אַ פּיאַווקע, ווי אַ שלאַנג. ארויסגעגליטשט אויף דער ערד, צווישען זייערע פיס, און די אינגלעך האָבען ווידער געליאַרעמט און געשריגען. און די מאַמזעל איז אוועקגעלאָפען, אויף מאַרינקאַ'ס טרעפּ ארויף, און דער ווייסער אַפיציר, וואָס האָט קיינמאָל ניט גערעדט, האָט גענומען יאַאַנ'ען אויף זיינע הענט און איהם אריינגעטראָגען אינוועניג.

— ער איז משוגע, דער נע ונד'ניק, — האָט געשריגען די מאַמ־זעל, וואָס איז געווען אַן אַנגעצונדענע, ווארים אַלע איהרע קליידער זיינען געווען באַשמוצט.

אויפ'ן גאַנצען וועג אהיים האָט יאַאן ניט גערעדט קיין וואָרט. דער ווייסער אַפיציר האָט זיי צוגעפיהרט צום שיפעל, און צוגע־דעקט יאַאַנ'ען מיט אַ גרויסע דעק. אונטער איהר איז ער געלעגען און נאָך געציטערט. אין דער היים זענען ביים ברעג געשטאַנען יאַזעף און דער הער קריסטאָפּולאָס און איגנאַץ, און זיי האָבען דורך דער פינסטערניש אָקעגען געשריען דעם שיפעל.

די מאמזעל האט אבער נאר געזאגט: — אט זענען מיר דאך! — און פלוצים האט זי אויסגעגאסען א גאנצען מבול מיט פאריזער זידעל ווערטער אויף די ווארטענדיגע.

אפשר אין א וואך ארום, ווען זיי האבען זיך אין א נאכמיטאג דערנעהנטערט מיט זייער שיפעל צו ארסאווא, צו דעם ארט, וואו די אינגלעך זענען געלעגען מיט זייערע ווענדקעס, האבען עטליכע פון זיי אויסגערופען: — אט זענען זיי... אט זענען די לייט פון אינזעל.

דעם באדנערס לאנגער יונג איז אויפגעשפרונגען: — יא, דאס זענען זיי. די כאליאסטרע פון דעם אינזעל. און ער און די אנדערע אינגלעך זענען געלאפען צו די זייטיגע טרעפ, וואו אלע אינגלעך זענען געשטאנען צוזאמען אין א רעדעל,, ווען יאאן איז ארויפגעקומען די שטיגען. דעם באדנער'ס זוהן האט זיך ווי נים ווילענדיג אנגעשטויסען אן יאאנ'ס פלייצע, און דעם שניידער'ס יונג האט איהם אנגעטראטען אויפ'ן פוס. יאאן איז זיך רוהיג געגאנגען הינטער דעם פריילין, מיט די הענט צונויפגעבאלט ביי זיין לעדערנעם פאס. די אויגען האט ער געהאלטען האלב געשלאסען. ווען יאאן איז געהאט אפגעגאנגען א שטיק וועג, האט דעם שניידער'ס יונג אנגעהויבען צו פייפען אויף זיינע פינגער, און די איבעריגע האבען אנגעהויבען צו מאכען קולות.

דעם באדנער'ס זוהן אבער האט אויסגעזעהן ווי אן אפגעמאכטער און ער האט געשריגען: — וואס מיינט ער זיך, דער פארשאלטענער יונג, מיט זיינע צוגעמאכטע אויגען! די איבעריגע האבען ווייטער געשריגען ביז יאאן איז פארשוואונדען אין אן אנדער גאס.

פון יענעם טאג אן האבען די אינגלעך אלע מאל אפגעווארט דאס שיפעל, און ווען זיי האבען עם דערזעהן, פלעגען זיי אנהויבען צו פייפען אויף זייערע פינגער: — אט זענען זיי, אט איז ער, — און זיי האבען געווארפען שטיינער און זאמד אויף דעם שיפעל. די מאמזעל איז געווארען בלייך אונטער איהר פודער. יאאן אבער איז געבליבען שטעהן גלייך אין שיפעל.

— טראגט אייך אַפּ—האָט ער געזאָגט און איז געגאנגען פאר־ביי די ליארמענדיגע אינגלעך, מיט זיינע האלב צוגעשלאָסענע אוי־גען־דעקלעך. זיי האָבען איהם נאָכגעשריגען. ביי דער מאַמזעל האָבען געציטערט די קניה. זי איז כמעט ווי געלאָפען איבער׳ן מארק.

— געמיינער פּרינץ, געמיינער פּרינץ! — האָבען די אינגלעך געשריגען איבער׳ן מארק.

„קום, קום!“, האָט די מאַמזעל געשריגען צו יאַאנ׳ען.

„קום, קום!“

—דער פון אינזעל, דער פון אינזעל!...

— געמיינער פּרינץ, געמיינער!...

— קום שוין, צום טייוועל, קום שוין, דו נע ונד׳ניק! — האָט אויסגערופען די מאַמזעל און איז ארויפגעלאָפען אויף מאַ־רינקא׳ס טרעפּ, וואו דעם קאָמאנדאנט׳ס רויטער זוהן האָט זיך גע־הוידעט אויף די גראַטעס: — דערלאנגט איהם, דערלאנגט איהם, דעם פּאָטערלאנדסלאָזען!

דאָס קוויטשענדיגע קול׳כעל פון דעם קאָמאנדאנט׳ס זוהנדעל האָט זיך צוטראָגען איבער׳ן מארק: — דערלאנגט איהם, דערלאנגט איהם, דעם אהן אַ פּאָטערלאנד!

און פּונקט ווי דערמיט וואָלט געפונען געוואָרען דאָס ריכטיגע וואָרט און דער נאָמען וואָלט געגעבען געוואָרען און די שאנד אָפּ־געשטעמפּעלט, האָבען אַלע גענומען שרייען: — שלאָגט איהם, שלאָגט איהם, דעם פּאָטערלאנדסלאָזען.—פּאראוים פאר אַלעמען איז געגאנגען דעם באַדנער׳ס זוהן.

— וועסטו אַמאָל עפענען דיינע אויגען? — האָט אויסגעשרי־גען דעם באַדנער׳ס יונג און איהם פארפאַהרען מיט די פויסטען איז נאַקען.

— גיב איהם אין נאַקען! — האָט געברילט דער זוהן פון קאָ־מאנדאַנט.

— פרינץ אהן א פאטערלאנד! פרינץ אהן א פאטערלאנד! פרינץ אהן א פאטערלאנד!...

זיי האבען זיך א לאז געטאן אויף די טרעפ, און אריבערגע־געשפרונגען איבער דעם געלענדער, און זיי האבען געפייפט און גע־שריגען. יאאן איז אומגעפאלען, און דעם באדנער'ס יונג איז שוין געלעגען אויף איהם.

מארינקא איז געקומען צו לויפען צום פענסטער: — העלפט דעם הער יאאן, העלפט איהם, העלפט איהם!

די אפיצירען אבער אינוועניג האבען זיך ארומגעדרעהט און זיי האבען געלאכט: — דערלאנגט איהם, דערלאנגט איהם, איהר סערבען — האבען זיי אויסגערופען און זיך געטרייסעלט פאר גע־לעכטער.

— דערלאנגט איהם, דעם פרינץ אהן א פאטערלאנד! — יאאן איז אין גאנצען פארשוואונדען אונטער א קופע אינגלעך, וואס זע־נען געפאלען איבער איהם. און זיי האבען איהם געשלאגען און געטראטען מיט די פיס און אויפס ניי געשלאגען.

די פרוי פון דעם אויבערשט האט אויפגעפראלט איהר פענסטער און געפאכעט מיט איהרע נאקעטע ארעמס:

„ארימער נע ונד'ניק!" האט זי געשריגען אויף'ן מארק ארויס.

— שעמט אייך, שעמט אייך! האט אויסגערופען מארינקא, און זי איז דורך דער טיר ארויסגעלאפען אויף די טרעפ. — הער יאאן, הער יאאן! — האט זי געשריגען און געפאכעט מיט די הענט דעם הויפען אינגלעך וואס האט זיך געוואלגערט אויף יאאנ'ען.

— פרינץ אהן א פאטערלאנד! פרינץ אהן א פאטערלאנד!

פלוצים אבער האט זיך יאאן ארויסגעדראפעט פון אונטער דעם באדנער'ס יונג און זיך א הויב געטאן אזוי, אז ער איז געבליבען שטעהן אויף דער אויבערשטער שטיג. דאס בלוט איז גערונען פון זיין אפענער ברוסט איבער דעם גארטעל ארונטער אין זיינע ארעמס. דא האט מארינקא איהם א נעם געטאן, אויפגעהויבען איהם אין דער הויך מיט איהרעביידע ציטערדיגע הענט, און איהם אריינגעטרא־

נען אינוועניג. ווען יאאן האט זיך אויפגעכאפט, איז לעבען זיין בעט געזעסען דער ווייסער אפיציר.

— ליג שטיל — האט ער געזאגט — ליג שטיל.

יאאן האט צונויפגעפרעסט די ליפען — איך וויל אהיים געהן!

— האט ער אויסגערופען, און פלוצים האט ער אנגעהויבען צו שלוכצען, אזוי ווי זיין גאנצער אינגעלשער קערפער וואלט גע־האלטען ביים צופלאצען.

— יא, דו וועסט אהיים געהן — האט געזאגט דער ווייסער אפיציר.

די מאמזעל איז געלעגען אין בעט און זי האט איצטער ניט גע־וואלט אויפשטעהן. מארינקא און דער ווייסער אפיציר האבען יאאנ'ען געבראכט צום שיפעל. איצטער איז ער געלעגען אויפ'ן דעק פון שיפעל צוגעדעקט מיט טיכער, און דמעטער מיט איגנאץ'ן האבען גערודערט. ווען זיי זענען אריבערגעקומען אויף יענער זייט טייך, האבען זיי יאאנ'ען געטראגען אויף א טראגברעטעל צום שלאס.

אגע איז געקומען פון דער גנעדיגער פרוי'ס קבר. — גרויסער גאט אין הימעל! — האט זי אויסגערופען — וואס איז געשעהן? א. ליעבער יעזוס, זיי האבען איהם גע'ממית'ט. יאסע, יאסע! זיי האבען איהם גע'ממית'ט... און זי האט זיך געווארפען איבער דעם בעט און געבילט ווי א הונט איבער א טויטען. יאאן האט ניט גע־רעדט. ער האט נאר מיטביידע הענט זיך געגלעט איבער זיין לינקע ברוסט, ארויף און אראפ, ווי זיין קלאפענדיג הארץ וואלט איהם ברענען.

— לאז איהם ליגען! — האט געזאגט דער הער קריסטאפולאס.

— ער דארף ליגען רוהיג.

ביינאכט האט יאאן געהאט פיבער. ער האט געדרימעלט און זיך אויפגעכאפט. אגע איז געזעסען ביים לאמפ פאר איהר גרוי־סע ביבעל. זי האט געלייענט אין דער הויך, אזוי אז די קללות פון די נביאים האבען זיך צונויפגעמישט מיט דעם האלבען שלאף פון דעם דרימעלדיגען: „און עס וועט זיין אנשטאט באלזאם א

נעשטאנק; און אנשטאט א גארטעל א לויז באנד; און אנשטאט נעקרויזטע האר א פליך; און אנשטאט א ברייטער מאנטעל, אן ענגער זאק. דאס אלעס אויפ׳ן ארט פון שענקייט. דיינע מענשען וועלען פאלען דורך די שווערד און דיינע קריגער אין מלחמה..."

— וואס איז יאסע? יאסע, טוט דיר וועה?

— ניט זעהר.

אנע האט אנגעשפארט איהר קאפ אויף יאאנ׳ס קישען.

— עס טוט מיר גוט, ווען איך וויין — האט געזאגט יאאן און פארווארפען זיינע הענד ארום איהר האלז.

ווען יאאן האט זיך ווידער אויפגעכאפט איז געווען פארמיטאג. אנע איז נאך אלץ געזעסען ביי זיין בעט. יאאן איז געלעגען גאנץ שטיל, מיט גרויסע און שטארע אויגען. מיט אמאל אבער איז ער געווארען אומרוהיג.

— אנע, איך וויל אויפשטעהן — האט ער געזאגט, און געוואלט ארויס פון בעט.

— דאס טארסטו ניט, יאסע, דו מוזט ליגען שטיל.

— ניין, איך וויל אויפשטעהן. — אנע האט איהם געהאלפען ביים אנטאן. ער איז געווען אזוי אומרוהיג, און זיינע אויגען זענען געווען קיילעכדיג און אין גאנצען אויפגעריסען. — איך וויל לעזען — האט ער געזאגט. ער פלעגט אלעמאל לעזען פון די גרויסע מוזיקער אין די רויטע בענדער, וואס זענען געקומען פון פאריז. ער האט אבער באלד געלאזט פאלען דאס בוך פון זיינע הענט — איך וויל ארויסגעהן — האט ער געזאגט.

—— וואוהין? — האט געפרעגט אנע און זיך אויפגעהויבען. עס האט זי אזוי מאדנע געשראקען, ווארים יאאנ׳ס פנים איז געווען ווי פארשטיינערט.

— איך געה ארויף אויבען — האט ער געזאגט.

— יאאן האט שטיל אנגעקלאפט אן הער קריסטאפולאס׳עס טיר.

— ביזטו עס? — האט געפרעגט דער הער קריסטאפולאס, און זעהענדיג ווי יאאנ׳ס אויגען זענען אזוי מאדנע, ווי זיי וואלטען גאר ניט געזעהן, און אין גאנצען האט ער אויסגעזעהן, ווי ער וואלט

קלענער געווארען אין זיינע קליידער, האט ער האסטיג א פרעג גע־טאן: — ווי געהט עס דיר, יאאן?

— א דאנק! — האט געענטפערט יאאן. ער האט זיך אנידער־געזעצט אויפ'ן דיל, און אנגעשפארט זיין קאפ (וואס איז געווען אזוי שווער) אן א פוס פון קלאוויר. — ווילט איהר ניט עפעס שפיע־לען?

— זעהר גערן — האט געענטפערט דער הער קריסטאפולאס, און ער האט אנגעהויבען צו שפיעלען. יאאן האט ארויפגעקוקט צו איהם און זיך געצוואונגען צו צוהערען צו זיין שפיעלען. — ניין. עס איז געווען בלויז דאס איין איינציגע, דאס איין איינציגע, וואס עס האט איהם אזוי וועה געטאן, אין זיין קאפ און אין זיין גאנצער נשמה. — נאר דאס איין איינציגע: זיי האבען איהם געמאכט צו שפאט, ווי זיי האבען געמאכט צו שפאט דוד'ן. זיי האבען פון זיין לייב ארונטערגעריסען די קליידער, ווי זיי האבען זיי אראפגעריסען פון דוד'ן, שמעונ'ס זוהן. „אהן א פאטערלאנד, אהן א פאטערלאנד“. — יא... פונקט אזוי ווי דוד.

געווען איז איהם אזוי, ווי ער וואלט גאר ניט געקענט טראכ־טען, ווי זיין קאפ וואלט געווארען אזוי גרויס, און ער האט מעהר ניט געקענט טראכטען. ווען ער האט אבער אנגעשפארט זיין קאפ אן דעם פוס פון קלאוויר, וואס איז געווען קאלט, דאן האט זיך איהם געדאכט ווי זיינע געדאנקען וואלטען צוריקגעקומען. — וואַ־רים יאזעף האט געזאגט, יאזעף דער וואס איז אין שטאל: „דא אהער לויפען זיך אן אלע די, וואס האבען ניט קיין פאטערלאנד“. דאס האט יאזעף געזאגט, און מאמזעל האט עס געזאגט, און אנע, און דעם קאמאנדאנט'ס פרוי:

— קליינער נע ונד'ניק! האבען זיי געזאגט.

— פעהלט דיר עפיס, יאאן? — האט געפרעגט דער הער קרי־סטאפולאס, וואס האט אויפגעהערט צו שפיעלען. — פעהלט דיר עפיס, יאאן?

— ניין, גארנישט, — האט געענטפערט יאאן און איהם אנגע־קוקט מיט די אויגען, וואס האבען גאר ניט געזעהן.

— פארוואס זשע זיפצסטו?

יאאן האט פאמעליך געשאקעלט מיט'ן קאפ.

— טוט וועה די ברוסט?

— ניין.

— וואס זשע דען פעהלט דיר?

הער קריסטאפולאס האט איהם געגלעט איבער די האר.

— יאאן אבער האט אפגעשטופט זיין האנד, ווי דער קאפ וואלט איהם וועה געטאן. — אהן א פאטערלאנד!... יא, דאס האט גע־זאגט דעם קאמאנדאנט'ס פרוי, און יאזעף. הייסט עס... הייסט עס אז עס איז אמת טאקי... אבער פארוואס? פארוואס?... דאס האבען זיי איהם אזוי גערופען. זיי האבען איהם געמאכט צו שפאט, ווי דוד'ן, שמעונ'ן זוהן. זיי האבען איהם די קליידער פון לייב געריסען, ווי שמעונ'ס זוהן. אגע האט דאך איהם אבער גע־זאגט פארוואס זיי האבען באליידיגט דוד'ן: „וויל ער איז א אידיש קינד און דאס איז א שאנד". און די מאמזעל האט עס גע־זאגט און דערביי פארצויגען דאס מויל: — פע, א איד! און יאזעף האט עס געזאגט אין שטאל, און די אינגלאך האבען גע־פייפט. אלע אינגלעך אין ארסאווא: „דער איד, דער איד..." ווייל עס איז געווען א שאנד.

— יאאן, פארוואס וויינסטו?

— איך וויין ניט.

יאאן האט זיך ניט געריהרט. געדאכט האט זיך, ווי אין זיינע אויגען הינטער די טרעהרען וואלט געזעסען א שרעקליכע אנגסט.

— טוט דיר די ברוסט אזוי וועה?

— יא, איצטער טוט מיר די ברוסט וועה.

יאאן איז געזעסען אומבאוועגליך און געקוקט א פארגאפטער מיט די זעלביגע אויגען פאר זיך; דעם קאמאנדאנט'ס זוהן איז געווען דער ערשטער וואס האט אנגעהויבען איהם אקעגען צו שרייען: — גע ונד'ניק, גע ונד'ניק! און די אפיצירען, אלע, אלע, וואס

האָבען ביי מארינקא געשפּיעלט אין קאַרטען, האָבען אַקעגען גע־שריגען: — נע ונד'גיק, נע ונד'ניק! און געלאַכט האָבען זיי — געלאַכט פּונקט אַזוי ווי די פּאַראַבקעס לאַכען פון דעם האַרב, פון פּעטער מיט דעם האַרב, וועמען דריי כלות האָבען פאַרלאָזען, ווייל ער איז אַזוי מיאוס. — ווי דוד'ן, דאָס אידישע אינגעל, און ווי דעם האַרב, אַזוי האָבען זיי אויף איהם געמאַכט צו שפּאָט...

— יאַאַן, דו מוזט געהן אין בעט אריין, דו האָסט דאָך פיבער. דו מוזט געהן אין בעט אריין.

יאַאַן האָט אַ ציטער געטאָן. — ניין, ניין! — און ער האָט גע־שאָקעלט מיט'ן קאָפּ: — איך וויל ניט געהן אין בעט אריין.

— אויב אַזוי, וועלען מיר אביסעל געהן אויף דער לופט.

— יאַ, מיר וועלען געהן אויף דער לופט.

אַנע איז געשטאַנען אין פירהויז אויף די טרעפּ. — וואו וויל ער געהן? וואו וויל ער געהן? — האָט זי געיאָמערט ווי פריהער.

— מיר געהען אביסעל אויף דער לופט — האָט געזאָגט הער קריסטאָפּולאָס.

— אָבער, אָבער געהט ניט צו ווייט — האָט זיך געבעטען אַנע.

— אַ, געהט ניט צו ווייט מיט איהם, ווארים ער קען דאָס ניט פאַרטראָגען.

זיי זענען שווייגענדיג געגאַנגען אויף און אָפּ פאַר'ן שלאָס.

פּלוצים האָט יאַאַן אַ פרעג געטאָן און אַנגעקוקט דעם לעהרער:

— געפינט זיך אַלץ פאַרצייכענט אויף דער לאַנדסקאַרט?

דער גריך האָט אַ ציטער געטאָן: — יאַ — האָט ער געענט־פערט — אויף דער לאַנדקאַרט איז אַלץ פאַרצייכענט.

— אַלע לענדער? — האָט יאַאַן ווידער געפרעגט.

— יאַ, אַלע לענדער.

יאַאַן איז ווידער געוואָרען שטיל. הייסט עס, אַז עס איז טאַקי אמת. ווארים דער הער קריסטאָפּולוס האָט עס געזאָגט. דאָס ווייס ער גענוי. דער הער קריסטאָפּולאָס האָט עס געזאָגט... דריי מאָל האָט ער עס געזאָגט:—דער אינזעל אויף וועלכען דו וואוינסט, יאַאַן,

שטעהט ניט אויף דער קארט. — אהן א פאטערלאנד... אהן א פאטערלאנד...

עמיצער איז פארבייגעגאנגען פארביי זיי און דער הער קריסטאפולאס האט זיך געגריסט. — דאס איז געווען פעטער — האט ער געזאגט. דא אבער האט דער הער קריסטאפולאס אנגעכאפט יאאנ'ען, וואס איז געווארען אזוי וויים ווי די מויער.

— קום, יאאן, — האט ער געזאגט און איהם געפיהרט אין הויז אריין — דו וועסט קראנק ווערען. — זיי האבען געגעסען אין גרויסען עס־זאל, זייביידע אליין און האבען ניט גערעדט.

— וואו איז די מאמזעל? — האט געפרעגט יאאן.

— אין ארסאווא, — האט געענטפערט דער הער קריסטאפולאס.

יאאנ'ס געזיכט האט א ציטער געטאן.

זיי זענען ווידער ארויף די טרעפ און אריין אין קריסטאפולאס' צימער. יאאן האט זיך אנידערגעזעצט אויפ'ן זעלביגען ארט ווי פריהער. עס האט אנגעהויבען צו ווערען פארנאכט און אין צימער זענען געלעגען שאטענס. דער הער קריסטאפולאס האט זיך אויפגעהויבען און אוועקגעלעגט דאס בוך וואס ער האט געהאלטען אין האנט.

מיט אמאל האט יאאן אין דער פינסטערניש אויסגערופען: — הער קריסטאפולאס!

— יא.

איין אויגענבליק איז געווען שטיל און דאן אבער איז עס געקומען זעהר האסטיג: — האבען די רומענער א פאטערלאנד?

— געוויס, זיי האבען דאך רומעניען.

— און די סערבען — האבען סערביען?

— יא, זיי האבען סערביען.

און עס איז ווידער געווארען שטיל ביז יאאן האט ווידער א פרעג געטאן: — און די מאמע האט געהאט דענעמארק? — דעם

הער קריסטאַפּולאָס האָט זיך געדאַכט ווי דאָס אינגעל וואָלט גערעדט פון שלאָף, אָדער ווי דורך אַ טעלעפאָן.

— יאָ, זי האָט געהאַט דענעמאַרק. זי איז דאָך אַבער אַוועק פון דאָרטען.

יאַאַן האָט נאָר געטראַכט אַן אויגענבליק. פּלוצים האָט ער אַבער שנעל אַ פרעג געטאָן (פאַרכאַפּט פון איינעם פון יענע מאָד־נע געדאַנקען, וואָס זענען געווען אָדער אינגער אָדער עלטער פון זיינע יאָהרען) : — איז זי דערפאַר געשטאָרבען?

— דיין מאַמע איז דאָך געווען קראַנק — האָט געענטפערט דער הער קריסטאַפּולאָס.

— אַזוי. — און באַלד נאָכדעם האָט ער אויפגעהויבען דעם קאָפּ און אַ פרעג געטאָן : — און די אידען? — האָבען די אידען אויך אַ פאַטערלאַנד?

— ניין — האָט געענטפערט דער גריך — די אידען האָבען ניט קיין פאַטערלאַנד.

— פאַרוואָס?

דער הער קריסטאַפּולאָס האָט געענטפערט : — דו ווייסט דאָך, אַז די אידען זענען פון גאָט פאַרשאָלטען געוואָרען.

— יאָ — האָט יאַאַן געזאָגט גאַנץ שטיל און כמעט אָהן אַ טאָן.

— איך וועל אָנצינדען דעם לאָמפּ — האָט אַ זאָג געטאָן דער הער קריסטאַפּולאָס, ווענען עס איז פּלוצים באַפאַלען אַ מאָדנע שרעק ביי דעם „יאָ" און יאַאַנ'ס אַלע פראַגען. און אין דער צייט וואָס ער האָט דעם לאָמפּ אָנגעצונדען, האָט ער אַ פרעג געטאָן :

— יאַאַן, פאַרוואָס איז אייגענטליך געקומען צו אַ געשלעג צווישען דיר און די אינגלעך אין אָרסאַווא?

יאַאַן האָט אַבער גאָרניט געענטפערט. — זיי זענען פאַרשאָלטען געוואָרען פון גאָט... און ווי ער איז אַזוי געזעסען, איז זיין גע־זיכט געוואָרען אין גאַנצען אומבאַוועגליך. — זיי זענען פאַרשאָל־טען געוואָרען פון גאָט.

— נו, איצטער מוזטו געהן אין בעט אַריין, — האָט געזאָגט

דער הער קריסטאפולאס, און ארויפגעלעגט זיין האנד אויף יאאנ'ס פלייצע.

— זעצט אייך לעבען מיר ביים בעט — האט זיך געבעטען יאאן.

— יא, איך וועל מיר זעצען נעבען דיר.

זיי זענען אריינגעגאנגען אין יאאנ'ס צימער. ווען יאאן האט זיך נאר געלעגט אין בעט אריין, איז ער מיט אמאל אין איין סע־קונדע איינגעשלאפען, ווי איינער, וואס קריגט פלוצים דעם שלאג.

ווען ער האט זיך אויפגעכאפט צו מארגענס אין דער פריה, האט ער זיך א הויב געטאן אין דער הויך, גלייך ווי עמיצער וואלט איהם איינגערוימט אין אויער אריין: „פארשאלטען פון גאט". דו ווייסט דאך, אז זיי זענען פון גאט פארשאלטען געווארען". יא, ער האט עס געוואוסט, אז זיי זענען פארשאלטען, און פול מיט שרעק האט ער זיך פארקוקט אין דעם פוסטען רוים. ווענען זיי האט דאס אנע געלייענט ביי נאכט הויך אויפ'ן קול פון דער גרויסער ביבעל, ווענען זיי און פון אלע קללות און תוכחות. איז איבער זיי ווייגט זי. איבער זיי, די אידען, ווייל זיי זענען פארשאלטען און גאט האט פון זיי צוגענומען זייער פאטערלאנד. פון זיי צוגענומען זייער פאטערלאנד. וועמען גאט פארשעלט, ביי דעם נעמט ער צו דאס פאטערלאנד. וועמען ער פארשעלט, דעם גיט ער ניט קיין פאַ־טערלאנד... נאר ער איז פארשפאט און בעטראַטען מיט די פיס, און געקניפען אין די זייטען, און געשטויסען אין דער ברוסט — פונקט אזוי ווי ער, ווי ער איז געשלאגען געווארען פון די אַרסאַוועער איננ־לעך. — פארשאלטען פון גאט. פארשאלטען פון גאט!...

און פלוצים האט ער זיך אויפגעהויבען און איז געפאלען אויף די קניה. די טרעהרען האבען זיך געגאסען פון זיינע ווייט פאנאנ־דערגעעפענטע אויגען, און ער איז ארומגעקראכען אין בעט און גע־וויינט און געבעטען, ביז אלע תפלות זענען איהם אויסגעגאנגען און ער האט צוזאמענגעמישט אלע צוזאמען און ער האט געבעטען: „אוי, ליעבער גאט און אלע הייליגע... און יאזעף און מאריע און סטעפאן... סטעפאן און מאריע און יאזעף, ווייל איך וויל ניט זיין פארשאלטען, איך וויל ניט זיין פארשאלטען..." און פלוצים

איז ער אַראָפּ פון בעט, און זיך געלעגט אויף דער הוילער ערד, ווי אַנע פלעגט עס טאָן, און ער האָט געבעטען מיט צונויפגעלעגטע הענט ווי אַנע. ער האָט געבעטען ווי אַנע, געבעטען צו גאָט און צו אונזער פאָטער, וואָס איז אין הימעל, און צו יאָזעף און דעם הייליגען איוואַ און צו באַרבאַרא, וואָס זיצען אין קלויסטער, און צו גאָט — אַז זיי זאָלען איהם געבען אַ פאָטערלאַנד, כדי ער זאָל ניט דאַרפען זיין פאַרשאָלטען. ער האָט נאָכאַמאָל געוויינט און נאָכאַמאָל געבעטען: אוי, ליעבער גאָט, ליעבער גאָט און די הייליגע יונגפרוי מיט'ן קינד, ווילסטו מיר ניט העלפען ?... פאָטער אונזער, וואָס דו ביזט אין הימעל... ווילסטו מיר ניט העלפען ? פאָטער אונזערער, ווילסטו מיר ניט העלפען ? — ענדליך איז ער אויפגעשטאַנען, און אָפּגעווישט די טרעהרען. זיינע קניה האָבען איהם וועה געטאָן און ער איז געווען זעהר מיעד. — אָבער ווען גאָט פאַרשעלט, ביי דעם נעמט ער צו דאָס פאָטערלאַנד.

...איצטער איז געווען די צייט, וואָס ער האָט באַדאַרפט געהן לערנען, און ער האָט צונויפגעקליבען זיינע ביכער.

— ווי שנעל דו ביזט נעכטען אוועקגעשלאָפען — האָט געזאָגט דער הער קריסטאָפּולאָס, ווען יאָאַן איז אריינגעקומען.

— יאָ — האָט געזאָגט יאָאַן און זיך געזעצט ביים טיש. דער הער קריסטאָפּולאָס האָט געדרעהט דעם גלאָבוס מיט זיינע שלאַנקע הענט און דערצעהלט פון די אָקעאַנען, וואָס קיינער ווייס ניט ווי טיעף זיי זענען, פון דער ערד, וואָס איז געווען פול מיט פייער, און פון די פעלזען, ווי אַזוי די גרויסען ים'ען זענען פאַרגליווערט געוואָרען און ס'איז פון זיי געוואָרען אייז.

— און גאָט האָט אַלץ באַשאַפען ? — האָט יאָאַן געפרעגט שטיל.

— יאָ — האָט געענטפערט קריסטאָפּולאָס און געלאָזט זיין בליק אַרומשוועבען איבער דעם גלאָבוס — דער גרויסער גאָט האָט אַלע וועלטען באַשאַפען.

יאָאַן איז אַ ווײַלע געזעסען פאַרטראַכט און דער הער קריסטאָפּולאָס האָט ווייטער דערצעהלט. מיט אַמאָל האָט יאָאַן אָנגעקוקט דעם גריך און אַ פרעג געטאָן: — קען גאָט אַלץ טאָן ?

— יא.

— קען ער אונז אלץ געבען? — האט יאאן געפרעגט און נאך אלץ אנגעקוקט דעם גריך. דער הער קריסטאפולאס האט ניט גע־ענטפערט. יאאן האט ווייטער גערעדט: — אנע זאגט, אז ער קען, ווען מיר זאלען איהם נאר בעטען.

דער הער קריסטאפולאס האט איהם אנגעקוקט. עפּים עהנ־ליכעס צו א גרויסען שמערץ אדער צו א גרויסע אנשטרענגונג האט ארויסגעקוקט פון יאאנ'ס אויגען. — יא, יאאן — דער גרויסער גאט קען טאן אלץ.

געדאכט האט זיך, אז יאאן איז געווארען רוהיגער. אבער אין דער צייט ווען ער האט געלייענט און געשריבען און אנגערופען אלע גראמאטיקאלישע כללים, האט ער נאר געטראכט וועגען איין זאך, אז ער וואלט וועלען בעטען, בעטען און כסדר נאר בעטען צו גאט און צו אלע הייליגע, און צו דער הייליגער יונגפרוי, און צו בּאר־באראַ, וואס זיצט אין קלויסטער, און צו דער הייליגער אנא, צו וועלכע איגנאַץ בעט, און צום הייליגען יוסף. די מאמזעל האט אבער געהאט א רויזענקראנץ, וועלכע איז געלעגען אין דעם שראנק צווישען אלע שמעקעדיגע פלעשעלעך. און די מאמזעל פלעגט בעטען אלע מאל ווען זי איז געווען אין ארסאווא, דאן פלעגט זי וויינען, און תפלה טאן צו אלע פערל פון דעם קראנץ. דערנאך אבער פלעגט זי זיך ווידער פיהלען גוט, און זי פלעגט מאכען שפאס מיט די רומענישע קוכערס, אז ווען די מאמזעל וועט צוריקקומען פון ארסאווא, וועט ער ביי איהר אנטלייהען דעם רויזענקראנץ, און ער וועט אויך תפלה טאן צו אלע פעריל ווי זי טוט עס. ווארים ער וויל, ער וויל האבען א פאטערלאנד ווי אלע סערבען און רומענער און ווי אלע די, וואס וואוינען אין זיבענבירגען; און זיין מאמע האט דאך געהאט דענעמארק, האט זי דאך ניט געקענט זיין פאר־שאלטען. און ער האט געבעטען אין דער פריה, און ער האט גע־בעטען אין אווענט, ווען אנע פלעגט קניהען און תפלה טאן פאר זיין בעט: — פאטער אונזערער, וואס דו ביזט אין הימעל... פאטער אונזערער, וואס דו ביזט אין הימעל — האט ער געהאלטען אין איין

ווידערהאָלען, און מיט אַנשטרענגונג האָט ער נאָכגעזאָגט די האַלב פאַרגעסענע דענישע ווערטער.

„געהייליגט אין דיין נאָמען“ — האָט געזאָגט אַנע.

„געהייליגט איז דיין נאָמען“ האָט שטיל נאָכגעזאָגט יאַאַן.

„ביז אימער און אייביג, אָמן“, האָט פאַרענדיגט אַנע.

יאַאַן איז געלעגען גאַנץ שטיל און מיט אַמאָל האָט ער אַ קעהר געטאָן דעם קאָפּ און געפרעגט: — אַנע, די אידען בעטען אויך?

אַנע האָט געטראַכט אַן אויגענבליק, דערנאָך האָט זי געענט־פערט: — אַז עס העלפט זיי סאַי ווי סאַי ניט.

— פאַרוואָס? — האָט געפרעגט יאַאַן און זיינע אויגען האָבען געהאַנגען אין די איהריגע.

— ווייל גאָט האָט זיי פאַרשאָלטען אויף אַלע צייטען.

יאַאַן האָט זיך אויפגעכאַפּט נאָכדעם ווי ער האָט אַ קורצע וויילע געדרימעלט און דער לאָמפּ איז געווען אויסגעלאָשען. בלויז אַ קליין נאַכט־לעמפּיל האָט געברענט. יאַאַן האָט זיך אויפגעהויבען אין זיין בעט, אין גאַנצען זיך צוטיפּגעדרעהט און דעם קאָפּ אָנגעלעהנט אויף דער קניה; אויסגעזעהן האָט ער ווי זיין גאַנצער קערפּער וואָלט זיך איינגעדרעהט אין דרייען פאַר יסורים: — „אַז ער העלפט זיי סאַי ווי סאַי ניט!“ און ער האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און גע־שאָקעלט מיט איהם: — עס העלפט סאַי ווי סאַי ניט, עס העלפט סאַי ווי סאַי ניט... ווייל זיי זענען פאַרשאָלטען פון גאָט... אויף אַלע צייטען... פּלוצים איז ער אויפגעשטאַנען און מיט ציטער־דיגע הענט האָט ער אָנגעצונדען דעם לאָמפּ און ער האָט גענומען די גרויסע ביבעל, און זי אויפגעמישט דאָרט, וואו עס זענען געלעגען אַנע׳ס סמנים, די רויטע און די ווייסע. ער האָט געלייענט, ער האָט אָבער ניט פאַרשטאַנען, וואָס ער לייענט, און ער האָט גע־לייענט הויך אויפ׳ן קול ווי אַנע, און ער האָט אָנגעהויבען מיט דעם באַקאַנטען ניגון — פאַר אַלע קללות פון גאָט, און ווי דער האַר האָט ביי די אידען צוגענומען זייער פאָטערלאַנד... און דאַן איז ער צוריקגעגאַנגען אין בעט אַריין. די ביבעל איז נאָך אַלץ געלעגען אויפגעעפענט מיט איהרע רויטע און ווייסע סמנים. פּלוצים האָט

ער הויך אויפ'ן קול און כמעט ווי שרייענדיג אויסגערופען: „מאמע, מאמע!...“ צוגעדריקט דעם קאפ צו דער וואנט און זיך צעוויינט.

...אין עטליכע טעג ארום, ווען ער האט געקומען זיין לעקציע, האט דער הער קריסטאפולאס א זאג געטאן: — איך פאהר קיין ארסאווא. ווילסטו מיטפאהרען?

יאאן האט שנעל א בויג געטאן זיין קאפ, און א ציטער איז דורכגעלאפען דורך זיין געזיכט: — יא — האט ער געזאגט — יא. א דאנק אייך.

— וועלען מיר פאהרען צוויי א זייגער.

— יא, א דאנק אייך.

יאאן איז געווען גאנץ רוהיג, אזוי רוהיג און שטיל, ווי ביי דעם אויגען־דאקטאר אין בודאפעסט, ווען מען האט איהם אפערירט. ער איז געזעסען אין שיפעל און זיך צוגעהערט צו דעם קלאפען פון די רודערס.

— איז דיר קאלט, יאאן? — האט געפרעגט דער לעהרער.

— ניין, — האט ער געענטפערט.

איצט האט ער געזעהן די אינגלעך, ווי זיי זענען געלעגען ביים טייך מיט זייערע ווענדקעס.

— דו ביזט אזוי בלייך, יאאן.

די אינגלעך האבען זיך אבער ניט אויפגעהויבען און זענען געבליבען ליגען ביי זייערע וועדקעס.

— זיץ שטיל, יאאן.

— יא.

און אט האט זיך באוויזען דעם באדנער'ס אינגעל.

— וואס ווילסטו, יאאן?

— איך וויל מיך נאר זיצען אויף דער אנדערער זייט.

איצטער האבען זיי פארבייגערודערט פארביי די אינגלעך און האבען זיך אפגעשטעלט ביים ברעג.

— געהסטו, יאאן?

— יא.

יאַן איז אַרויס פון שיפעל און איז געבליבען שטעהן אויף די טרעפּ.

און מיט אַמאָל איז עס געשעהן.

דאָס מאָל איז עס געווען דעם שניידער'ס איינגעל, וואָס האָט אַנגעהויבען, און זיין קול האָט געטראָפען יאַנ'ען, ווי אַ געוואָרפע־נער שטיין אין פּלייצע, און דאָס געלעכטער פון די איבעריגע אינג־לעך איז איהם אַקעגענגעקומען. אין דעם ערשטען אויגענבליק האָט יאַן צושפּרייט זיינע פינגער, דערנאָך אָבער האָט ער צונויפגע־באַלט זיינע פויסטען.

— וואָס שרייען די אינגלעך? — האָט געפרעגט דער הער קרי־סטאָפּולאָס, ער האָט ניט פאַרשטאַנען קיין סערביש.

— איך ווייס ניט — האָט געענטפערט יאַן און זיי זענען גע־גאַנגען ווייטער.

זיי זענען געקומען אין מאַרק אַריין. דאַ האָט זיי אָבער קיי־נער ניט נאָכגעשריגען. אויף דעם טראָטואַר אָבער, גראַד פאַר מאַרינקאַ'ס טרעפּ, זענען פאַרביי־געגאַנגען צוויי מיידלעך מיט בלו־מען אין די האָר, און איינע האָט פּלוצים אַ שטויס געטאָן די צווייטע אין אַ זייט: — זעה נאָר, זעה, אָט איז דער פּאַטערלאַנדסלאָזער. — יאַן האָט זיך געשאַרט האַרט ביי דער וואַנט. אָפּיצירען זענען פאַרביי־געגאַנגען, דאַמען זענען פאַרביי־געגאַנגען, און זיי האָבען זיך איבערגעוואונקען איינס צו דאָס אַנדערע.

— פאַרוואָס קוקען אונז אַלע מענשען אַזוי אָן? — האָט גע־פרעגט דער הער קריסטאָפּולאָס און געלאַכט.

— איך ווייס ניט — האָט געענטפערט יאַן און ניט אויפגעהויבען די אויגען.

...חדשים זענען פאַרביי. דער הער קריסטאָפּולאָס האָט איצ־טער געזעהן, ווי יאַן געהט יעדען נאָכמיטאָג מיט אַ בוקעט בלו־מען איבער'ן הויף. איינמאָל האָט דער גריך געעפענט דאָס פענ־סטער און געפרעגט: — וואוהין געהסטו, יאַן?

— איך געה צום בית עלמין.

יאאן איז דורך די פעלדער געגאנגען צום שטעטיל. איבער'ן בית עולם איז ער כמעט ווי געלאפען, ביז ער איז אריין אין דער קירך. אינוועניג, וואו אלע הייליגע זענען געזעסען אויף זייערע אלטארען, איז געווען האלב טונקעל. יאאן איז צוגעגאנגען גאנץ פאמעליך און אוועקגעלעגט די בלומען פאר דער הייליגער אנא. אויף אלע אלטארען זענען געלעגען בלומען. עטליכע פון זיי זענען שוין געווען אין גאנצען פארוועלקט, און די אלע האט יאאן גע־בראכט. איצטער האט יאאן אנגעשפארט זיין קאפ אויף דעם שטענדער און געבעטען האט ער ניט אין דער הויך, ער האט נאר געשעפטשעט זיינע תפלות.

ווען ער איז צוריק אהיים געקומען, האט ער געשפיעלט צוזאמען מיט דעם הער קריסטאפולאס. אין איינעם פון די צימערען האט ער געפונען אן אלטע פידעל. דער הער קריסטאפולאס האט געמאכט איבונגען מיט איהם עטליכע שעה נאכאנאנד.

דער הער קריסטאפולאס האט יאאנ'ען פלוצים אנגעקוקט מיט א פארשענדען בליק. ער איז געשטאנען גלייך ווי א ווירע ווען ער האט געשפיעלט, זיין קאפ איז אבער געווען אנגעבויגען.

— מען וואלט געקענט גלויבען, אז דו טראגסט דיך ארום מיט עפים א באהאלטענעם צער אין הארצען — האט געזאגט דער הער קריסטאפולאס.

יאאן האט גאר ניט געענטפערט. עס האט נאר אלע ווײלע א ציטער געטאן ארום זיינע ליפען, ווען ער האט געשפיעלט.

איינמאל, ווען יאאן האט שפאצירט, איז ער צוגעקומען צו א כאטע פון א האלצהעקער. אינוועניג איז געווען זעהר שטיל. אין איין טאג, ווען ער איז דארט פארבייגעגאנגען, האט ער זיך אריינ־געשארט אינוועניג.

— פעטער — האט ער אויסגערופען — פעטער — ביזטו דא?

קיינער האט איהם ניט געענטפערט.

— פעטער — האט ער נאכאמאל אויסגערופען, און איהם איז פלוצים באפאלען א מאדנער שרעק. ווארים פון צווישען דעם הוי־פען הובעל שפענער האט זיך דערהערט א קלאנג, גלייך ווי עמיצער

וואָלט געהאַילט, גלייך ווי אַ הונט אָדער עפּיס אַן אַנדערע באַשע־פעניש וואָלט געוואָיעט, אָבער ניט ווי קיין מענש.

— פּעטער — האָט איצטער יאָאַן אויסגערופען שטיל, און דער נאָמען אין איהם געבליבען שטעקען אין דער קעהל. וואָרים עס איז טאַקי געווען פּעטער, וואָס איז דאָרט געלעגען איינגעגראָבען אין די הובעל שפּענער, דעם קאָפּ אונטער די שפּענער און ארויסגעזעהן האָט זיך ניט מעהר ווי הארביגער רוקען.

— פּעטער, — האָט יאָאַן נאָכאַמאָל אויסגערופען. יענער האָט אָבער אַלץ ניט געענטפערט און די שפּענער האָבען בסדר געהאַל־טען אין איין ציטערן אונטער דעם הויקערס ווײנען.

יאָאַן האָט זיך אויסגעדרעהט און איז ארויסגעגאַנגען. די בלומען, וואָס ער האָט געהט אויסגעקליבען פאַר דער קירך, זענען איהם ארויסגעפאַלען פון דער האַנד. ווען ער איז אַהיים געקומען איז ער אריין אין שטאַל, וואו יאָזעף האָט געפּוצט זיין פאָטער'ס פערד.

— מיין ארבייט איז אייגענטליך גאַר ניט נויטיג, וואָרים דער הער איז דאָך קיינמאָל ניט אין דער היים — האָט געזאָגט יאָזעף — נאָר דער טייוועל וואָלט דאָ געקענט אויסהאַלטען... וואו געפינט זיך היינט אייגענטליך דער הער?

— דער טאַטע איז אין לאָנדאָן — האָט געענטפערט יאָאַן.

— לאָנדאָן? — האָט געפרעגט יאָזעף — דאָס מוז זיין זעהר ווייט פון דאַנען. און גלייך דערויף האָט ער צוגעגעבען, בעת ער האָט געפּוצט דאָס פערד: — יאָ, די וועלט איז גרויס, אָבער איז קבר אריין מוזען מיר דאָך אַלע געהן.

יאָאַן האָט געריטען אויף דעם האָבער קאַסטען: — יאָזעף — האָט ער אַ זאָג געטאָן — וואָס פעהלט פּעטער'ן?

— איהם פעהלט מסתמא דאָס, וואָס איהם פעהלט אַלע מאָל — האָט געענטפערט יאָזעף און ווייטער געפּוצט דאָס פערד. — באַלד האָט ער צוגעגעבען: — איצטער איז עס איוואַנאַ.

— איוואַנאַ איז שען? — האָט געפרעגט יאָאַן.

— יאָ — האָט געענטפערט יאָזעף — וואונדערשען. און ער

האט מיט דעם קאם פאמעליך געפיהרט איבער זיין אייגענעם פוס. ער האט ווידער געפוצט אמור'ס גלאנצענדיגע פעל. און פלוצים האט ער א זאג געטאן: — אייגענטליך קען מען דאך גאר קיין טענות ניט האבען צו קיין פרויען, וואס ווילען ניט חתונה האבען מיט אזא קאליקע, וואס זעהט אויס ווי ער וואלט ארומגעגאנגען מיט א צייכען פון גאט.

יאאן איז ארונטער פון האבער קאסטען.

דער הער יאאן רייט שוין אויך קיינמאל ניט — האט געזאגט יאזעף.

ניט ווילענדיג האט ער געזאגט „הער" יאאן, ווען זיין בליק איז געפאלען אויף יאאנ'ס געזיכט. יאאן אבער איז שוין געווען אין הויף, און איז שוין געווען ביי די טרעפ, וואס האבען געפיהרט צו דעם פארהאנגענעם צימער.

איין טאג, ווען יאאן איז געזעסען אנגעבויגען איבער זיינע ביכער, האט מען אנגעקלאפט אין דער טיר.

— ארייןǃ — האט ער אויסגערופען.

פעטער איז אריינגעקומען און געמאכט צוויי טריט פון דער טיר: — איך האב געוואלט זאגען... איך האב געוואלט דעם הער יאאן זאגען, ווייל דער הער איז דאך ניט אין דער היים... האב איך געוואלט זאגען, אז... — פעטער האט אויפגעהויבען זיינע אויגען, און זיין קול האט געקלונגען אזוי מאדנע, גלייך ווי ער וואלט גערעדט דורך א פאנאגראף: — זאגען אז איך מוז אוועק.

— דו ווילסט אוועקגעהן, פעטער?

דער הארבאטער איז געבליבען שטעהן ווי פריהער. נאר גע־דאכט האט זיך, ווי זיינע קרומע פלייצעס וואלטען נאך טיעפער אראבגעזונקען:

— יא, איך מוז אוועק.

גערעדט האט ער מיט'ן זעלביגען קול און אויף זיינע באקען האבען געברענט צוויי פלעקען.

— וואוהין ווילסטו דען געהן? — האט געפרעגט יאאן און איז צוגעגאנגען מיט צוויי טריט נעהענטער.

פעטער האט א קער געטאן דעם קאפ, גלייך ווי א חיה וואס דערהערט א קלאנג וועלכען זי האט ניט ערווארט.

— וואוהין ווילסטו דען געהן?

דער הארבאטער האט זיך פארטראכט אן אויגענבליק — איך וויל אהיים פאהרען — האט ער געענטפערט — אהיים פון וואנען איך בין געקומען.

יאאנ'ס אויגען האבען זיך ווייט צועפענט — אויף איין רגע.

— איך מוז אוועק פון דאנען — האט פעטער ווידערהאלט ווי פאר זיך.

פלוצים האט ער זיך אבער אווארף געטאן אויף דער ערד, און באלד האט ער זיך צוריק אויפגעזעצט און ער איז געזעסען א צונויפגעדרעהטער מיט דעם קין אנגעשפארט אויף די שפיץ קניה און די הענד פארווארפען ארום די ניט געקעמטע האר, און גע־שלוכצט און געשלוכצט מיט א מאדנעם קול, ווי ער וואלט גע־כארכעלט.

און צווישען זיין שלוכצען האט ער ארויסגעמורמעלט א גאנ־צען שטראם מיט ווערטער: — אך, העלף מיר, יונגער הער! העלף מיר, יונגער הער! העלף מיר!...

יאאן האט אליין ניט געוואוסט וואס ער זאל זאגען און ער האט אויסגערופען: — אבער שטעה דאך אויף... שטעה דאך אויף! פע־טער, פעטער, שטעה אויף!...

ער האט געוואלט צוגעהן צו איהם און איהם ארומנעמען. פלו־צים אבער, צי פון שרעק, צי פון עקעל וואס עס פיהלט די יוגענד פאר אלץ, וואס איז מיאוס, איז ער געבליבען שטעהן און מיט א דער־שראקען קול האט ער אויסגערופען: — שטעה אויף, שטעה אויף!

צומישט, אבער ווי איינער וואס איז געוועהנט צו פאלגען, האט זיך פעטער אויפגעהויבען פון דיל. — יא, יא — האט ער געזאגט שווער, און די לאנגע ארעמס זיינע זענען ווידער ארונטערגעפא־לען שלאף, ווי פריהער. מיט אמאל אבער, זיך דערמאנענדיג נאך וואס ער איז אייגענטליך געקומען, האט ער אנגעהויבען צו קלאגען, מיט דעם באקאנטען געקלאג פון די ארימע: אך, יונגער הער,

איך פארמאג גאר נישט. און איך בין ווי א נאקעטער אויפ'ן פעלד...
הער, ווי א נאקעטער אויפ'ן פעלד... אבער ווען דער יונגער הער
וויל זיין אזוי גנעדיג און גוט, אזוי גנעדיג און גוט, און געבען מיר
אויף א קאמאזעלקע... א קאמאזעלקע אויפ'ן וועג...

און פונקט אזוי ווי די ווערטער וואלטען בטל געמאכט אלע
זיינע פריהערדיגע געדאנקען, האט ער אויפס נייע אנגעהויבען צו
שלוכצען. און די אויגען האבען איהם ארויסגעזעצט פון די אויגען,
גלייך ווי דאס קלאפען פון זיין הארץ וואלט ארויסגעשאסען דורך
דעם קאפ.

— א, העלף מיר, יונגער הער, העלף מיר. יונגער הער, העלף
מיר!

מיט זיינע פארקרומטע הענט האט ער ארומגעכאפט יאאנ'ס
עלענבויגען. און יאאן, וועלכער האט כמעט ניט געקענט רעדען,
האט אויסגערופען:

— יא, יא, מיר וועלען דיר העלפען. מיר וועלען דיר העלפען.

און ווען פעטער האט אלץ ניט אויפגעהערט צו וויינען, האט
ער איהם געוואלט טרייסטען, און ער האט געזאגט נאך אלץ שטע־
הענדיג דריי טריט ווייט פון איהם: — הערסטו, הערסטו, מיר וועלען
דיר אלץ קויפען אין ארסאווא. — און פלוצים, מיטגעריסען פון דעם
דראנג צו טרייסטען, האט ער ווייטער געזאגט: א קאמאזעלקע
און א מאנטעל וועלען מיר קויפען... היינט אין ארסאווא. מיר ווע־
לען אריבערפאהרען און מיר וועלען אלץ קויפען... היינט נאכ־
מיטאג, אין ארסאווא.

דער הארבאטער איז אוועקגעגאנגען. ער האט כמעט גאר ניט
געזאגט. ער איז נאר אויף איין אייגענבליק געבליבען שטעהן ביי
דער טיר.

יאאן האט אבער באלד גערופען יאזעף'ן, און דמעטער'ן און גע־
הייסען ברענגען דאס שיפעל. דאס אלץ האט ער געטאן מיט אזא
חשק, ווייל ער האט פלוצים דערפיהלט, אז ער קען אלץ הייסען טאן
ווי א דערוואקסענער.

— וואו ווילסטו פאָהרען? — האָט געפרעגט אַנע, וועלכע איז געקומען צו לויפען פון קאָרידאָר.

— מיר וועלען פאָהרען קיין אָרסאָווא — האָט געזאָגט יאָאַן.

— ווער?... וואָס מיינט דאָס? און נאָך וואָס?

אַנע האָט געזעהן ווי ער האָט זיך אָנגעטאָן דעם מאַנטעל, און פלוצים האָט ער אַ זאָג געטאָן: — פעטער און איך.

— אויב אַזוי, וויל איך מיטפאָהרען, וויל איך מיטפאָהרען. דו וועסט ניט קריגען קיין ערלויבניש צו פאָהרען. — איך געה מיט דיר — האָט זי געזאָגט און איז ארויסגעלאָפען די טרעפ, בעת יאָאַן איז ארויסגעגאַנגען אויפ'ן הויף.

דאָרטען איז שוין פעטער געשטאַנען גרייט. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ שמוציגען פעלץ, וואָס איז געווען ארומגעגאַרטעלט מיט אַ שטריק. ווי ער איז אַזוי געשטאַנען, האָט ער אויסגעזעהן, ווי אַ זאַק מיט זעגעכץ.

— דער שטראָם איז היינט שטאַרק, הער יאָאַן — האָט געזאָגט יאָזעף, וואָס איז שוין געזעסען אין שיפעל.

— פאַסט אויף אויף אייך, הער — האָט אויסגערופען דמע־טער און געהאָלפען יאָאַנ'ען אריינשטייגען.

פון דער ווייטענס איז אַנע געקומען צו לויפען מיט'ן וועג. אויסגעפוצט איז זי געווען, ווי פאַרצייטענס אַזוי ווי אין ווייכע, ווען זי האָט זיך געקליבען אין קלויסטער אריין.

— זאָל זי מיטפאָהרען? — האָט געפרעגט יאָזעף.

— יאָ — האָט געענטפערט יאָאַן.

אַלע זענען אריין אין שיפעל. דער שטראָם איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז דאָס שיפעל האָט זיך שיער ניט איבערגעקעהרט מיט זיי אַלעמען. אַנע האָט געהאַלטען צונויפגעלעגט איהרע הענט אין די שווארצע הענטשקעס. צוליעב דעם ווינט איז דער הוט איהר געזעסען קרום אויף איהר קאָפ. פעטער האָט זיך ניט גערירט. זיין ברייט פנים האָט פון דעם שמוציגען פעלץ ארויסגעקוקט אַזוי אומבאַוועגליך, ווי עס וואָלט געווען טויט.

אויף דעם בריקעל זענען בלויז געזעסען צוויי אַלטע לייט און האָ־

בען באטראכט די שפיצען פון זייערע אייגענע קניה. די זעלנער אבער ביי דער פעסטונג האבען זיך אומגעקוקט און זיי אנגעקוקט.

יאאן איז געגאנגען נאך דעם הארבאטען. אנע איז נאכגעגאנגען פון הינטען. דער ווינט אויפ'ן טייך האט צושויבערט זייערע האר, אזוי אז עס האבען ארויסגעקוקט לאקען פון אונטער די הינט. פעטער איז געגאנגען מאדנע, ווי א וואקעלדיגע חיה, וואס מען שלעפט זי ביי א שטריקעל. אין גאס האט מען ניט געזעהן קיין מענש. פלוצים אבער איז פון א הויז ארויסגעשפרונגען דעם שניי־דער'ס יונג און איז געבליבען שטעהן מיט אן אפען מויל פאר יאאן און פעטער'ן. דאן האט ער זיך א לאז געטאן פארביי דער וואך און אין מארק אריין.

— העי, העי, אט קומט דער אהן א פאטערלאנד!

דאס האט געשריגען דעם שניידער'ס יונג, און נאך צוגעגעבען: האלא, האלא, ער איז דא מיט זיין כאליאסטרע!...

עטליכע סערזשאנטען פון דער וואך זענען צוגעגאנגען צום פענסטער און האבען אנגעהויבען צו לאכען. און די סאלדאטען זענען מיט די הענט אין די טאשען געלאפען איבער דער גאס און געכיכעט אין זיך. איין סערזשאנט האט געעפענט דאס פענסטער און אזוי געלאכט, אז ער האט זיך געמוזט אנהאלטען ביים ראהם פון פענסטער. „ער מארשירט, ער מארשירט מיט זיין גווארדיע!" — האט ער אויסגערופען. און די סאלדאטען, וואס האבען אזוי געלאכט, אז זיי האבען זיך געמוזט האלטען ביי די זייטען, האבען איבערגע'חזר'ט די ווערטער פון זייער עלצטען: — זעהט די גווארדיע פון דעם אינזעל!... דעם באדנער'ס זוהן, וועלכער האט זיך באוויזען אויף די טרעפ, האט מיט א קוויטשענדיג קול אויס־געשריען: — זעהט, זעהט, זעהט, אט איז די משוגענע מויד... זעהט, זעהט, אט איז דער הויקער!... „הוראה, הוראה פאר דער גווארדיע פון אהן א פאטערלאנד!"

די סאלדאטען זענען געווען די ערשטע וואס האבען דאס גע־שריגען און באלד האט אויך געשריגען דעם באדנער'ס זוהן: „הוראה פאר אהן א פאטערלאנדס גווארדיע!"

יאַנ׳ס פיס האָבען ניט געקענט געפינען דעם באָדען. ער איז אָבער ווייטער געגאַנגען.

מיט אַמאָל איז צו איהם צוגעלאָפען דעם שניידער׳ס זוהן און פאָכענדיג מיט זיין היטעל ווי מיט אַ פאָהן, האָט ער איהם געשריגען גלייך אין פּנים אריין: — הוראה, פאַר אַהן פאַטערלאַנד׳ס גוואַר־דיע!

אַנע איז געבליבען שטעהן. מיט דער הוט אין דער קרים און מיט די פליהענדיגע פאַסמעס האָר, האָט זי אויסגעזעהן ווי אַ פאַר־בלאָנדזשעטע. און מיט אַמאָל האָט זי מיט אַן אויפגעהויבענער האַנד זיך אַ לאָז געטאָן צו דעם שניידער׳ס זוהן און אויסגערופען:

— דו לאָבוס איינער!

יאַן האָט אָבער אָנגעכאַפּט איהר האַנט: — אַנע, לאָז איהם. און אַנע האָט אַרונטערגעלאָזט די האַנט און געפיהלט האָט זי, אַז יאַן ציטערט ווי איינער, וואָס עס טרייסעלט איהם ביז אין טיעפען האַרץ אַריין.

— הוראה פאַר דער גוואַרדיע! — און די אינגלעך האָבען גע־פייפט און געזונגען.

— יאָסע, יאָסע, האָט געזאָגט אַנע. מיט אַמאָל איז זי שטיל געוואָרען און דערנאָך האָט זי ווידער אָנגעהויבען: — יאָסע, לאָמיר זיך אומקעהרען, לאָמיר זיך אומקעהרען.

אָבער פאַר זיי און הינטער זיי און פון די טרעפּ אַראָפּ האָט מען געשריגען: — זעהט די משוגענע מויד, דאָס איז זיין אַם. דאָס איז אַהן פאַטערלאַנדס אַם.

יאַן האָט אָנגעכאַפּט אַנע׳ס האַנט.

— קום — האָט ער געזאָגט. ער האָט ניט געוואוסט, אַז טרעה־רען זענען איהם געראָנען פון די אויגען, און זענען פאַרגליווערט גע־וואָרען, ווייל זיינע באַקען זענען געווען אַזוי קאַלט.

— יאָסע, קליינע יאָסע.

— הוראה פאַר דער גוואַרדיע!

יאַן האָט באַטראַכט די שטיינער פון באָדען אויף וועלכע זיינע פיס וועלען דאַרפען געהן. יאָ, ער מוז געהן איבער די שטיינער. און

דאך האט ער געזעהן (הגם ער האט ניט געוואוסט ווי אזוי ס'איז געקומען) אלע פענסטער. דעם אבערשטס פענסטער, דעם קאָמאנדאנט־פענסטער, און מארינקא'ס פענסטער, וואו אלעמענס פנים'ער האבען געלאכט. און פלוצים האט ער אויפגעהויבען די אויגען, און אין וויינינגער ווי אין א סעקונדע האט ער אין אלע פענסטער און אין אלע טירען געזעהן לאכענדיגע מענשליכע פנים'ער, וואס האבען געקוקט אויף איהם. ווי א רינג האבען זיי אויסגעזעהן ארום איהם, און דער הארבאטער איז געגאנגען הינטער איהם. מיט אמאל איז ער געבליבען שטעהן און געעפענט זיין מויל, ווי איינער וואס וויל שרייען, און דאך האט ער ניט געשריגען. אבער אפשר האט ער יא ארויסגעלאזט פון זיך א געשריי, פון וועלכען עס איז קיינמאל ניט געווארען קיין קלאנג. און געשעהן איז דאס, ווייל דארט ביים ווינקעל, ביי שמעון'ס ווינקעל, דארט ביים ווינקעל איז געשטאנען שמעון'ס דיקע פרוי, און דוד — — און זיי האבען אויף געשריגען — — און דאס איינגסטע האט אויך געשריגען: „זעהט איהם, זעהט איהם אהין פאטערלאנד!" און זיי האבען געשריגען העכער פון אלעמען: „זעהט איהם, זעהט איהם אהין־פאטערלאנד מיט זיין גווארדיע!" דער איד שמעון און דוד און אלע אידישע קינדער. און געדאכט האט זיך איצט יאאנ'ען, אז ער זעהט שוין מעהר גאר נישט, און ער הערט שוין מעהר גאר נישט. דאך אנע'ס שטילע וויינען האט ער נאך געהערט.

ענדליך איז ער געשטאנען אויף די טרעפ פון דעם קליידער מאַגאזין. די ביידע יונגע לייט הינטער דעם קאסע טיש, האבען געלאכט פאר זיך אין א שפיגעל אריין, בעת זיי האבען העפליך באַדיענט. יאאן איז ארומגעגאנגען מיט זיי צווישען די געשטעלען אויף וועלכע די קליידער זענען געהאנגען אין לאנגע רייהען. אנע האט אנגענומען זיין האנט.

— יאסע, יאסע — האט זי געזאגט — קענען מיר ניט בלייבען דא ביז עס וועט ווערען פינסטער?

יאאן האט זיך אבער ארויסגעריסען פון איהר.

די טיר פון קראָם האָט זיך געעפענט און עס איז אריינגעקומען דער ווייסער אַפּיציר.

— אַ גוטען טאָג, גראַף יאַאַן — האָט ער געזאָגט און דערלאַנגט יאַאַנ׳ען זיין שמאָלע האנט.

ווען יאַאַן האָט דערפיהלט דעם דרוק פון יענעמ׳ס האנט, איז ווי אַ רוק דורכגעלאָפען דורך זיינע פּלייצעס און אויף איין סע־קונדע איז זיין קאָפּ צוגעפאלען צו דעם אַפּיציר׳ס ארעם, אזוי שווער ווי דער קאָפּ פון אַ טויטען. דער אַפּיציר האָט אבער נאָכ־געלאָזט יאַאַנ׳ס האנט, אפשר דערפאר, ווייל ער האָט מורא גע־האַט, אז יאַאַן וועט זיך צעוויינען, און געזאָגט: — איך וואָלט וועלען האָבען אַ פּאָר הענטשקעס.

אַ לאַנגע צייט האָט ער געפּרואווט די לעדער פון די הענטשקעס.

— געהט איהר ארונטער צום שיפעל, גראַף יאַאַן? — האָט ער געפרעגט, ווען אלץ פאר דעם הארבאַטען איז געווען איינגעקויפט.

— יאָ, — האָט געענטפערט יאַאַן. און זיינע הענט האָבען זיך פּלוצים איינגעקלאַמערט ביים קאַנט פון קאַסע טיש, ווי פריהער ביים קאַנט פון שיפעל.

— אויב אזוי, קענען מיר דאָך געהן צוזאַמען — האָט געזאָגט דער אַפּיציר. — ווארים איך דאַרף אויך געהן דעם זעלביגען וועג.

זיי זענען צוזאַמען ארויסגעגאַנגען. ער האָט אַליין ניט גע־וואוסט אַז ער געהט אזוי גלייך איבער דעם מאַרק, ווי אַ סאָלדאַט אין רייהע אין גליעד נעבען ווייסען אַפּיציר. פּעטער איז געגאַנגען הינטער זיי מיט דעם פּעקעל נייע קליידער אונטער׳ן ארעם. אַנע האָט געהאַלטען איהר בליק ווי פארשטיינערט אויף יאַאַנ׳ס רו־קען. אין מיטען מאַרק איז יאַאַן געבליבען שטעהן.

— נו, זיי געזונט, פּעטער! — האָט ער געזאָגט מיט אַ שאַרפע און געקינסטעלטע שטים.

דער ווייסער אַפּיציר האָט באַטראַכט יאַאַנ׳ען. — אַז וועמען דערמאַנט ער מיך? — איז דורכגעלאָפען אַ געדאַנק דורך זיין קאָפּ. און אין זעלביגען איינענבליק האָט ער געטראַכט וועגען דעם יונגען קעניג.

— נו פאהר געזונטערהייד און זאל דיר גוט זיין — האט אויס־גערופען יאאן און געדריקט דעם הארבאטען'ס האנט, פאר וועל־כער ער פלעגט אז אנדערש מאל מורא האבען: — אדיע!

פעטער האט געוואלט עפּיס זאגען. יאאן איז שוין אבער געוועזען ווייטער געגאנגען. איצטער איז דער הארבאטער געשטאנען אין מיטען מארק און אנגעהויבען צו פאכען מיט זיין בינטעל, גלייך ווי ער וואלט דערמיט וועלען אויסדריקען א סארט פארצווייפלונג און אפשר גאר א גרויס פרייד.

די סאלדאטען ביי דער וואך האבען סאלוטירט פאר דעם ווייסען אפיציר, וועלכער איז געבליבען שטעהן און זיינע בליקען האבען געבלאנדזשעט איבער דער קייט מיט קעפּ, וואס האבען ארויסגע־קוקט פון די פענסטער.

— אדיע, גראף יאאן, — האט ער געזאגט — איצטער וועל איך אוועקפאהרען פון דאנען.

— וואוהין וועט איהר פאהרען?

— אוועק פון דאנען.

און גלייך נאכדעם האט דער ווייסער לייטענאנט א זאג גע־טאן: — מיין טאטע איז טויט, און איך בין אזוי רייך, אז איך קען אנטלויפען — —.

— אנטלויפען? — האט געפרעגט יאאן און ניט פארשטאנען.

— יא — האט געענטפערט דער לייטענאנט און אויפגעהויבען זיינע בליקען צו דער קייט פון פנים'ער, וואס האט זיך אויסגע־שפאנט פון הויז צו הויז: — אנטלויפען פון די חיות, וואס רופען זיך מענשען. — אדיע, גראף יאאן — האט ער אויסגערופען און ניט ווילענדיג דערלאנגט יאאן אויהאזי אזא קלאפּ איבער דער האנט, ווי ער וואלט עס טאן צו זיינעם א קאמעראד אין דעם לייב־רעגימענט פון זיין מאיעסטעט.

יאאן האט געוואלט איהם פארשטעהן. און פון אנגעשטרענגטען טראכטען האט ער צוגעמאכט די אויגען. — אדיע! — האט ער געענטפערט דערנאך. און כאטש ער האט ניט געוואלט לויפען, איז ער די לעצטע טריט צום שיפעל דאך געלאפען.

— קום, אַנע!

— יאָ יאָסע, יאָ יאָסע.

זיי זענען ווידער געזעסען אין שיפעל. און מיט אַמאָל, גלייך ווי זיי וואָלטען אַרויסגעשאָסען געוואָרען פון דער ערד, זענען די אינגלעך זיך צונויפגעלאָפען צו דער מאָלע, אין אַ גרויסער מחנה, און האָבען אין אַ כאָר נאָכגעשיקט דעם שיפעל איין שניידענדיגען פייף, ווי זיי וואָלטען קוילען אַריינגעשאָסען אין וואַסער. יאַאַן איז געזעסען אין מיטען שיפעל מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, און זיינע צונויפגעדריקטע פויסטען זענען איהם געלעגען אויף דער קניה.

— זאָל לעבען די משוגענע אַם! זאָל לעבען די משוגענע אַם!

— און זיי האָבען ווידער געפייפט, ווען יאָזעף און דמעטער האָבען אויפגעהויבען די וועסלעס צום רודערן.

— נו, רודערט! — האָט געזאָגט יאַאַן.

— יאָ, — האָט געענטפערט יאָזעף און זיי האָבען אָנגעהויבען צו רודערן.

אַזוי האָט יאָזעף זיין יונגען הער נאָך קיינמאָל ניט געזעהן. יאַאַן האָט זיך ניט געריהרט. ער האָט זיין פּנים כסדר געהאַלטען אָנגעשטעלט אַרויף און זיינע אויגען זענען געווען אַזוי ווייט צו־עפענט, גלייך ווי ער וואָלט וועלען דערגרונטעווען דאָס האַרץ פון הימעל.

— רודערט צו צום שטעטיל — האָט ער אויסגערופען און זיין בליק האָט זיך ניט געביטען.

— יאָ, גראַף יאַאַן, — האָט געזאָגט יאָזעף.

די געשרייען פון ברעג זענען ביסלעכווייז אָפּגעשטאָרבען.

— וואוהין זאָלען מיר דען ווידער פאָהרען? — האָט געיאָמערט אַנע, וועמענס פּנים עס איז פון שרעק און קעלט געווען אַזוי גע־שוואָלען, גלייך ווי זי וואָלט געהאַט צאָהנוועהטאָג. — וואוהין וועלען מיר פאָהרען?

— דו וועסט געהן אַהיים — האָט געזאָגט יאַאַן.

ביי דער בריק פון שטעטיל האָבען זיי זיך אָבגעשטעלט.

— געה אַהיים — האָט יאַאַן געזאָגט צו אַנע.

זי האט ניט געוואגט צו ענטפערען. יאאן איז אוועקגעגאנגען מיט זיכערע טריט און מיט דעם קאפ אויפגעהויבען אין דער הויך. ער איז געגאנגען איבער דעם פלאץ און געעפענט די טיר פון בית עלמין. אין דער קירך איז געווען טונקעל. איהם האט דאס אבער ניט געארט און דעם וועג האט ער געקענט. מיט קאלטע הענט האט ער פון די אלטארען ארונטערגענומען די בלומען בוקעטען איי־נעם נאך דעם אנדערן, געקוקט די הייליגע אין זייערע געמאלטע פנים'ר אריין, און דערנאך איז ער אהיים געגאנגען.

— איהר האט זיך אזוי לאנג געזאמט — האט אויסגערופען דער הער קריסטאפולאס, וועלכער האט געוואלט אויספרואווען צי וועט יאאן רעדען פון דעם, וואס אנע האט שוין דערצעהלט.

— יא — דאס איז געווען אלץ, וואס יאאן האט געענטפערט און ער האט זיך געזעצט. מעהר האט ער גאר ניט געזאגט. פלוצים אבער האט ער אויפגעהויבען זיינע בליקען און אנגעקוקט דעם הער קריסטאפולאס.

— זענען מיר רייך? — האט ער געפרעגט.

דער הער קריסטאפולאס איז געווארען זעהר ערשטוינט. — יא — האט ער געענטפערט — איהר זענט רייך.

— זעהר רייך? — האט יאאן געפרעגט נאכאמאל.

— יא, זעהר רייך.

— אזוי — האט אויסגערופען יאאן און מעהר האט ער ניט גערעדט.

עס איז אבער געווארען זומער. דער הער קריסטאפולאס איז אוועקגעפאהרען און צו הערבסט צו האט יאאן געזאלט אנקומען אין פענסיאן. אין הער דופיער'ס פענסיאן וואס אין פאריז.

יאאן איז געריטען נעבען זיין פאטער. זיי האבען געריטען ארום דעם אינזעל. דער אווענט האט אנגעהויבען זיך ארונטערצו־לאזען, און דער טייך איז געווארען טונקעל. די פויערים, וואס זענען געזעסען פאר זייערע הייזער מיט די ליולקעס, האבען זיך אויפגעהויבען און פארנייגט אזוי טיעף, אז זייערע רעק האבען שיער אנגעריהרט דעם באדען.

דער שופט פון דארף האָט אַרונטערגענומען דאָס היטעל: — אַריע, הער!

— זיי געזונט, קאַראַל.

יאַאַן האָט צו אַלעמען געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. די אַלטע מאַריע איז אַריבערגעקראָכען דעם פּאַרקאַן און געקושט יאַאַנ'ען די האַנט. — זיי געזונט, מאַריע! — צוויי מיידלעך האָבען געוואַשען ביים טייך, און זייערע וואַש העלצער האָבען געקלאַפּט. ביים סאַמע סוף פון דער לאַנד־צינג, האָט די „מאַמעס מיהל" פאַמעליך געדרעהט מיט איהרע פליגעל, וואָס זענען געווען באַצויגען מיט זעגעל־טוך. יאַאַן האָט אויפגעהויבען זיין פּנים. די אַקאַציען איבער זיין קאָפּ האָבען געשמעקט אַזוי זיס. אין שאָטען פון דיביימער זענען זיינע טרעהרען שטיל אַרונטערגערונען איבער זיינע באַקען.

זיי זענען אַרויפגעריטען צו דער „בורג" און דאָרטען אָנגעבונדען זייערע פערד. יאַאַן איז אַרויף אויף דעם הויפען שטיינער און זאַמד נעבען דער מויער, און זיינע בליקען האָבען אַרומגעשוועבט פון די שמוגלערס הייזער צו דער שטאָדט, און צו דער קירך, און פון „שלאָס" ביז צו דער מיהל.

— וואָס איז דאָס? — האָט אויסגערופען יאַאַן און אויסגע־דרעהט זיין קאָפּ. זיין פאָטער האָט זיך אַריבערגעבויגען אַריבער דעם מויער.

— רוהיג זאָל זיין — האָט ער אויסגערופען — רוהיג... קען דאָ קיינמאָל ניט זיין שטיל? — פון יענער זייט אָבער האָבען זיך אַלץ געטראָגען שרייענדיגע קולות: — שלאָגט איהם, שלאָגט איהם, דעם פערבישען חזיר! — און אַ מחנה רומענישע יונגען האָבען אונטען אויפ'ן וועג זיך געיאָגט נאָך איינגאַיע'ן.

— רוהיג! — האָט דער פאָטער ווידער אויסגערופען. און די יונגען האָבען אויפגעהויבען די קעפּ, דערנאָך זיי שנעל צוריק אָנ־געבויגען, גלייך ווי זיי וואָלטען אין נאַקען דעם שלאָג באַקומען, און איינער נאָך דעם אַנדערן האָבען זיי זיך שנעל גענומען פאַרביי־שאַרען, פאַרביי דער וואַנט, וואו דער פאָטער איז געשטאַנען,

— טאטע — האט יאַאן אויסגערופען — איגנאַץ איז אין גאַנ־צען צובלוטיגט איז פּנים.

— יאַ — האט געענטפערט דער פאַטער און צונויפגעדריקט זיי־נע פויסטען. — דאַ גראבלען מיר זיך איינער דעם צווייטען אויס די אויגען, ביז מיר וועלען אלע בלינד ווערען. — ער האט זיך אָפּ־גערוקט. — קום, מיר מוזען אהיים רייטען.

זיי זענען ארויף אויף די פערד און געריטען שווייגענדיג, ביז דער פאַטער האט א זאג געטאָן, גלייך ווי ער וואָלט דערמיט אָפּ־געשלאָסען עפּיס א לאַנגען און באהאלטענעם געדאנקענגאַנג: — אבער איצטער ווייסטו דאָך סאַי ווי אוועק פון דאַנען. — יאַאַן האט גאָר ניט געענטפערט. זיין קעהל האט געציטערט הינטער זיין הויכען קראַגען. דער פאַטער האט ווייטער גערעדט, און האט אריבערגעקוקט איבער דעם קאָפּ פון פערד: — און אין פראַנקרייך איז מען פריינדליך צו פרעמדע.

יאַאַן האט פעסטער א נעם געטאָן די לייצעס אין זיינע הענט און שטיל האט ער א פרעג געטאָן: — טאַטע, וואו ווערסטו פאַה־רען היינטיגען ווינטער?

געדאַכט האט זיך, ווי דער פאַטער וואָלט פארהערט די פראַגע. אָן אויגענבליק האט ער געשוויגען, דערנאָך אבער האט ער גע־זאַגט: — איך בלייב דאַ; איצטער האָב איך זיך אומגעקעהרט אהיים... אויף אייביג אומגעקעהרט.

יאַאַן האט נאָך קיינמאָל פריהער ניט געהערט זיין פאַטער אזוי שטאַמלען. ער האט דארום געוואָלט איהם אָנכאַפּען ביי דער האַנט, און דאָך האט ער עס ניט געטאָן; זיין האַנט איז נאָר שלאַף ארונטערגעפאַלען. מיט אמאָל אבער, ווען ער האט דערפיהלט ווי א שטראָם בלוט איז איהם דורכגעלאָפען אין דער קעהל, האט ער א פרעג געטאָן: — טאַטע, פארוואָס האבען מיר ניט קיין פאַטער־לאַנד? — זיין שטים האט דערביי געקלונגען, ווי ער וואָלט די ווער־טער ארויסגעקוועטשט.

דער פאַטער האט איהם געענטפערט: — די אויהאַזי'ס הא־בען ניט געקראָגען קיין פאַטערלאַנד. — מעהר האבען זיי ניט גע־

רעדט. אויף די טרעפּ צווישען די זיילען האָבען זיי זיך צושיידט.

יאַאַן איז אריין אין צימער. די לבנה איז אויפגעגאַנגען, און איהר שיין איז אריינגעפאַלען אינוועניג. יאַאַן איז געשטאַנען מיט'ן רוקען צום פענסטער. דער אַלטער שרייב־טיש, וואָס האָט געשטאַמט פון ווייליע, און דאָס בילד, וואָס האָט פאָרגעשטעלט דעם פיארד פון ווייליע, וועלכעס איז געהאַנגען אויף דער וואַנט, און דער ווייסער לאָמפּ, און דאָס בילד „דעמערונג" און אַנע'ס שפּרונג־ווערטער איבער'ן בעט — אַלץ האָט זיך געזעהן אזוי דייטליך אין שיין פון דער לבנה, ווי אַ צו ווייטע זאַך הויבט אָן ביסלעכווייז זיך דייטליך ארויס צו זעהן. יאַאַן האָט איצטער געזעהן יעדע זאַך און יעדעס בילד. ווי הויך עס זענען געוועזען די זיילען פון פאַנטעזיאָן! דאָרטען געפינט זיך איצט ווידער דער הער קריסטאָפּולאָס — אין זיין פאָטערלאַנד. יאַאַן האָט זיך אומגעקעהרט מיט'ן פּנים צום פענסטער. ווי קלאָר עס איז געווען דאָס ליכט פון דער לבנה! נאָך דער שאָטען פון די טאָפּאָלען האָט זיך אויסגעצויגען אַ לאַנגער איבער דעם הויף פאַר'ן הויז, ווי צוויי טונקעלע און אויסגעשטרעקטע ארעמס. ער האָט זיך געלעגט אין בעט אריין, אָבער געשלאָפען איז ער ניט. זענען דאָס געווען די פליטען, וואָס ער האָט איצטער געהערט אין טייך? יאָ, אין העלע לבנה נעכט זענען זיי געשוואומען אראָפּ דעם טייך. ווי גרויס עס איז געוואָרען דער שרייב־טיש ווען די לבנה האָט געשיינט! געדאַכט האָט זיך ווי ער וואָלט געוואָרען צוויי מאָל אזוי גרויס. ווען זיין מוטער האָט געלעבט, פלעגען אין אַלע שיפּלאָדען ליגען קליינע פאַרוועלקטע בלומענקרענץ צווישען איהרע קליידער... זי פלעגט אָפט וויינען ווען זי פלעגט זיצען אונטער די פליגעל פון דער מיהל און נאָכקוקען די פליטען—די פליטען, וואָס פלעגען שווימען מיט'ן שטראָם.

די טיר האָט זיך שטיל געעפענט, און עס איז אריינגעקומען אַנע. זי האָט זיך אריינגעשאַרט אין די בלויע זאָקען דורך דער האַלב־געעפענטער טיר און אויפ'ן דיל, און כאָטש ער האָט אַליין ניט געוואוסט, פאַרוואָס ער טוט עס, האָט יאַאַן צוגעמאַכט די אויגען. ער האָט געהערט ווי זי איז ווידער געגאַנגען איבער'ן דיל, און ער האָט

צוריק געעפענט די אויגען. אַנע האָט זיך אַנידער געזעצט. אויף דער הוילער ערד האָט זי זיך אַנידערגעזעצט, מיט'ן רוקען אַנגע־שפּאַרט אויפ'ן שרייב־טיש, און זי איז אַזוי געזעסען מיט צוזאַמענ־געזונקענע פּלייצעס, און אומבאַוועגליך אין לבנה־שיין האָט זי אויסגעזעהן ווי אַ צובראָכענע כּלי פון ליים.

II

דער גאַרטען פון לוקסעמבורג איז אויך געווען דער גאַרטען פון הער דופּיער'ס שילער. אין מיטאָג־שטונדען פּלעגט יאָאַן דאָרטען זיצען אונטער די ביימער. צוערשט איז דאָרט נאָך געווען שטיל, און די טויבען האָבען געוואָרקעט אויף די שטיינערנע קרוינען פון די קעניגינס, אין דער צייט, וואָס ווייסע קינדער האָבען ביים ראַנד פון באַסינס געלאָזט שווימען קליינע שיפלעך אַקעגען דער זון, און די גואוורנאַנטקעס זענען געזעסען גלייך ווי די ווירעס און מיט שטילע געזיכטער, אַרום און אין שאָטען פון די ביימער. ביסלעכווייז אָבער זענען אָנגעקומען מחנות סטודענטען, וואָס האָבען געפּלוידערט און געלאַכט און גערעדט אויף אַלערליי שפּראַכען צווישען זיך. און עס זענען אויך געקומען די יונגע לייט פון דעם ענגלישען פּענסיאָן און די שילער פון דער אַקאַדעמיע. די לעצטע האָבען געטראָגען אוניפאָרמען.

יאָאַן איז געזעסען אַליין. די פּנים'ר אָבער זענען איהם פון טאָג צו טאָג געוואָרען באַקאַנטער. זיי פּלעגען זיך אָפּטיילען איינער פון אַנדערן און געהן פּאָרענווייז אונטער די ביימער און פּלוידערן. יענע צוויי זענען געווען גריכען. יאָ, יאָאַן האָט געהערט ווי זיי האָבען גערעדט דעם הער קריסטאָפּולאָס'עס שפּראַך, די שפּראַך פון דעם הערר קריסטאָפּולאָס, וועלכער איז איצטער שוין געווען טויט. ער פּלעגט אָפט זאָגען: „יאָאַן, דאָס בלוט פון די גריכען איז דאָס רויטסטע". און איצטער האָבען זיי איהם געטויט ווינטער אין מאַצעדאָניען, און ער האָט געמוזט אוועקגעבען זיין בלוט. אין

דעם היים זענען פיעלע געשטאָרבען. אויף יאָזעף פון דער שטאָל איז געוועזן טויט. ווער האָט געקענט ירשה'נען זיין געלד, וואָס ער האָט אָפּגעשפּאָרט כדי ער זאָל אַמאָל קענען חתונה האָבען אין זיין אונגאַרישער היים?

און אַט זענען געגאַנגען דיביידע יאַפּאַנעזער. פּרינץ כירא איז ניט געוועזן דערביי. הם. יאַ, אַלע יאַפּאַנעזער טראָגען ברי־לען. דער הער טאָמעיסטער האָט געזאָגט, אַז דאָס טהאָן זיי דער־פאַר, ווייל זיי ווילען פאַרשטעלען זייערע אויגען.

אַלע ארום און ארום האָבען געפּלוידערט. די מאַמזעלען פון דער רו דע ל'אַבע דע ל'עפּע, זענען פאַרבייגעגאַנגען ווי אַ מחנה. זיי האָבען געטראָגען פּיאָלקעס אויף דער ברוסט. ווי זיי האָבען דאָס געדרעהט מיט די קעפּ, ווען זיי האָבען אַזוי קאָקעטיש שפּאַצירט אויף די שפּיץ־פינגער! אין דער היים אונטער די ווײַנשטאָקען האָבען די פּיאָלקעס מסתמא שוין לאַנג אָפּגעבליהט.

— יאַאַן!

יאַאַן אויהאַזי האָט זיך אומגעקוקט. דאָס האָט איהם גע־רופען האַראַלד ניעלסען. — די פאַהן איז אַנגעקומען — האָט ער אויסגערופען, — אַט איז זי. — און האַראַלד ניעלסען האָט געדרעהט מיט אַ פּעקעל, וואָס ער האָט געהאַלטען אין האַנט.

— קום מיט מיר אַהיים — האָט ער געזאָגט — וועלען מיר זי אויפהענגען.

— יאַ, גלייך, — האָט געזאָגט יאַאַן. האַראַלד איז אָבער געלאָ־פען ווייטער, און ווי ער האָט אַזוי געפּאַכעט מיט זיין פּעקעל, האָט ער געשריגען צו אַלעמען וואָס ער האָט געקענט (און געקענט האָט האַראַלד ניעלסען הונדערטע מענשען):

— איך האָב באַקומען מיין פלאַג...

איך האָב באַקומען מיין פלאַג...

איך האָב באַקומען מיין פלאַג...

עטליכע סטודענטען, וואָס זענען פאַרבייגעגאַנגען, האָבען עס געהערט.

זיי האָבען אויסגערופען און געלאַכט: „העי, העי, ווייז זי אונז“, און אנדערע האָבען געלאַכט: „יאַ, יאַ, ווייז זי אונז“.

— מיט פאַרגעניגען — האָט געענטפערט האַראַלד.

די וואָש מיידלעך זענען געקומען צו לויפען, און עטליכע סטו־דענטען, אַ סך סטודענטען.

— מיר ווילען זי זעהן — האָבען זיי אויסגערופען.

— מיט פאַרגעניגען — האָט געענטפערט האַראַלד, מיט פאַר־געניגען. ער האָט די פאָהן אַרויסגעריסען פון פאַפיר און איז אַרויפ־געשפרונגען אויף אַ באַנק. ער האָט געהאַלטען די פאָהן אין זיין הויך אויפגעהויבענער האַנט, און מיט איהר געפאָכעט איבער די קעפּ פון די אַנדערע אין דער זון. — דאָס איז די נאָרוועגישע פאָהן! האָט ער אויסגערופען, און דעם קאָפּ זיינעם, וואָס איז געווען אַזוי בלאָנד ווי אַ זאַנג, האָט ער פאַרריסען אין דער הויך. — דאָס איז די נאָרוועגישע פאָהן!

סטודענטען און דאַמען און מיידלעך האָבען געלאַכט און גע־שריגען: — „זאָל לעבען די נאָרוועגישע פאָהן“.

— יאַ, זי זאָל לעבען, זי זאָל לעבען! — האָט געשריגען האַ־ראַלד פון אַ פולען האַלז, ביז פיער יונגע לייט האָבען איהם אַ ריס געטאָן פון דער באַנק, איהם אויפגעהויבען אויף די פּלייצעס און איהם געטראָגען אונטער די קאַשטאַן־ביימער, און זיי האָבען געזונגען: „זאָל לעבען נאָרוועגיען“!... און די גאַנצע מחנה האָט געלאַכט. האַראַלד האָט זיך אָבער באַפרייט פון זיי און איז אוועק־געלאָפען מיט זיין פלאַג.

יאָאַן האָט זיך אויפגעהויבען און נאָכגעקוקט די אויפגעוויקעל־טע פאָהן. דערנאָך האָט ער אַנגעבויגען זיין קאָפּ און זיך געלאָזט געהן, און זיך אַנגעשטויסען אָן אַ מענשען, וואָס איז איהם אַקעגען געקומען.

— זענט איהר בלינד, צי וואָס? — האָט יענער געפרעגט.

יאָאַן האָט דאָס אָבער ניט געהערט און איז זיך געגאַנגען ווייטער. ער האָט זיך פאַרנומען מיט אַ וועג, וואו קיינער איז ניט גע־ווען, וואו בלויז עטליכע אַרבייטער זענען געזעסען אויף די בענק

און געבלאזען דעם בלויען רויך פון ציגארעטען אין דער בלויער לופט אריין. אויף די העל גרינע לאנקעס האבען די גערטנער פארלאזען זייער ארבייט, בלויז עטליכע פאלמען האבען נאך גע־ווארט אין זייערע גרויסע וואזעס, אז מען זאל זיי איבערגעבען צו דער פריהלינגס ערד. איין איינציגער גערטנער איז ארומגעגאנ־גען ארום דער גרופע פאלמען און געשטעלט זיך באלד נעהענטער און באלד ווייטער, און באטראכט דאס ליכט אין דעם שאטען פון די ביימער. ער האט באגריסט יאאנ'ען. יאאן האט ליעב געהאט די ביימער. זיי זענען געשטאנען אזוי שטיל. זיי האבען אויפגע־נומען די זון און דעם רעגען און זענען געווען אזוי שטיל. יאאן האט פארפיהרט א שמועס מיט זייער גערטנער, און האט זיי אלע געקענט.

— ווי שען דא איז — האט יאאן געזאגט.

— יא — האט געענטפערט דער יונגער מאן, — שען איז דא, אבער די פארקען אין לאנדאן זענען א סך שענער. יא, עס וואלט געווען בעסער, ווען איך וואלט געווען פארבליבען אין לאנדאן. דאר־טען האב איך אין א וואך פארדיענט צוויי מאל אזוי פיעל...

— פארוואס זשע זענט איהר טאקי ניט פארבליבען אין ענג־לאנד?

דער יונגער גערטנער האט זיך פארטראכט א ווײלע.

— איך ווייס ניט, ווי אזוי איך וואלט געווען געקענט, — האט ער געענטפערט און פלוצים האט ער גענומען שמייכלען אין דער העלער לופט אריין: — אבער א פראנצויז פיהלט זיך דאך נאר גוט אין פראנקרייך.

א ווײלע האבען זיי ביידע געשוויגען.

דערנאך האט יאאן א פרעג געטאן: — און אט די פאלמען וועלען איצטער איינגעפלאנצט ווערען?

— יא, זיי זענען שען, ניט? און דאך אויך מיר ביימער!... אין אלזשיר האט איהר בארארפט זעהן פאלמען.

— זענט איהר אויך געווען אין אלזשיר? — האט געפרעגט יאאן.

— נו, אודאי — און דער יונגער מאַן האָט גענומען דערצעה־לען מיט הנאה און מיט שטאָלץ, ווי אַלע פּראָנצוויזען, וואָס האָבען געזעהן אַ פרעמד לאַנד — איך בין דאָרט געווען אַכט חדשים.

— דאָס איז אַ לאַנגע צייט.

— אָבער — האָט דער גערטנער ווייטער געזאָגט — ביימער טאָר מען קיינמאָל ניט פאַרפּלאַנצען אויף קיין פרעמדע ערד. אַלץ מוז בלייבען דאָרט, וואו עס געהערט.

— דאָס איז אמת — האָט געזאָגט יאַאָן. און אַזוי ווי דער יונגער מאַן איז דורך עפּיס אין יאַאָנ׳ס קול געוואָרען אויפמערקזאַם, האָט ער איהם פּלוצים אָנגעקוקט און געפרעגט: — וואָס פאַר אַ סאָרט ביימער וואַקסען אין אייער פאָטערלאַנד?

— מיין לאַנד — האָט געענטפערט יאַאָן — מיין לאַנד איז אַזוי ווייט פון דאַנען.

און דער גערטנער האָט זיך צוזעגענט מיט איהם.

יאַאָן איז אַרויס פון גאָרטען, און איז געגאַנגען איבער דער גאַס אין דער שול אַריין. די קלאַס צימערן זענען געווען ליידיג, און די שטיינערנע טרעפּען האָבען נאָך געשמעקט פון דער לאַנגער קעלט פון ווינטער.

די טיר פון שפּרעך־צימער איז געשטאַנען אָפען און יאַאָן האָט געזעהן זיצען יאַזעף אָפּאַני פאַר אַ דאַמע, וועמענס גרויסע שלעפּ עס איז געלעגען אויפ׳ן דיל. האַראַלד ניעלסען איז געזעסען אויף די אַנדערע שטיגען.

— וואו ביזטו געווען אַזוי לאַנג? — האָט ער געפרעגט. מיר ווילען אויפהענגען די פאָהן. איבער מיין בעט וועט זי הענגען.

— דאָס טאָר זי ניט.

— פאַרוואָס ניט?

יאַאָן איז פאַרבייגעלאָפען פאַרביי די שילערס צימערן און גע־ענטפערט:

— דער הער דופּיער ערלויבט דאָס ניט.

— אי וואס — האט געענטפערט האראלד — דא וועט זי הענגען.

ער האט אויפגעריסען א טיר.

— האלשטיין, האלשטיין! — האט ער אויסגערופען — מיר וועלען אויפהענגען די פאהן.

— וואס פאר א פאהן? — האט געפרעגט האלשטיין, וועלכער האט זיך באוויזען אין דער טיר. ער האט געהאט אזעלכענע מאדנע באוועגונגען, ווי ער וואלט זיך געלענגערט.

— די נארוועגישע.

— איז זי ריין?

— האלט ס'מויל.

אין זיין צימער איז האראלד ארויפגעשפרונגען אויף זיין בעט.

— דא וועט זי הענגען — האט ער געזאגט, און ער האט געהאל־טען די פאהן מיט ביידע הענט אויסגעשפרייט איבער די ווייסע וואנט.

— דו האסט דאך ניט קיין נעגעל — האט זיך גערייצט מיט איהם האלשטיין, וואס האט באלאנסירט זיין קערפער אויפ'ן בעט, ווי אויף א שפיץ פון א זייל.

יאאן האט אבער געבראכט נעגעל.

— אט האסטו עטליכע — האט ער געזאגט גאנץ שטיל.

— א דאנק. העלף מיר צו — האט געזאגט האראלד, וואס האט אריינגעקלאפט די נעגעל — האלט צו די פאהן.

יאאן איז ארויפגעשפרונגען אויפ'ן בעט. די פאהן האט ער געהאלטען אזוי פעסט ווי מיט קלאמערן.

— א גאנץ שענע פאהן — האט געזאגט האלשטיין פון דעם פלאץ אויפ'ן בעט, אויף וועלכען ער האט זיך געוויגט.

— עס איז די שענסטע פאהן אויף דער וועלט — האט געענט־פערט האראלד, און ווייטער געקלאפט מיט'ן האמער.

— אזוי. איצט הענגט זי.

הארלד איז ארונטערגעשפרונגען און באטראכט דאס אויס־

געשפּרייטען טוך: — ביי אַלע אונזערע דיכטער הענגט די פּלאָג איבער זייערע בעטען.

— אייערע דיכטער! — האָט געזאָגט האַלשטיין און איז אַ שפּרונג געטאָן פון דעם אַנלעהן פון בעט אין בעט אריין, וואו ער איז געפאַלען און ער איז דאָרט געבליבען ליגען אויפ'ן רוקען: — אייערע דיכטער זענען פאַר מיר אַביסעל צו פאַרוויקעלט.

— די נאָרוועגישע דיכטער זענען די גרעסטע אין דער וועלט — האָט געזאָגט האַראַלד און געקלאַפּט מיט'ן העמערל אויפ'ן בעט אויף וועלכען ער איז געזעסען.

— הם, — האָט געזאָגט האַלשטיין, וואָס איז געלעגען אויסגע־שטרעקט איז זיין גאַנצער לענג. — מיר, דענער, באַריהמען זיך ניט אַזוי הויך אויפ'ן קול. ניט אַזוי, יאָאַן?

היציג און אפשר פון אַן אונבאַוואוסטער אייפערזוכט, וואָס זיי האָבען אַלע געפיהלט אין זייער פאַרהעלטניש צו יאָאַנ'ען, האָט האַראַלד אויסגערופען: — יאָאַן איז ניט קיין דענער.

— מיין מוטער איז דאָך געוועזן אַ דענישע.

— מען קען ניט האָבען קיין האַלב פאַטערלאַנד — האָט געענט־פערט האַראַלד, און האָט זיך אויך אויסגעשטרעקט אויפ'ן בעט ווי האַלשטיין.

יאָאַן האָט גאָר ניט געזאָגט און זיך ניט גערירט. ווי ער איז אַזוי געזעסען צו פוסענס פון האַראַלד'ס בעט, איז דער שיין פון דער פרעמדער פּלאַג געפאַלען ווי אַ טונקעלע רויטקייט איבער זיין געזיכט. צום סוף האָט ער אַ זאָג געטאָן, גלייך ווי ער וואָלט די לעצטע ווערטער ניט געהערט:

— אָבער פאַרוואָס לעבען זיי ניט אין זייער פאַטערלאַנד?

— ווער? — האָט געפרעגט האַראַלד.

— די דיכטער.

האַראַלד האָט צונויפגעשפּיצט זיין מויל, ווי ער פּלעגט עס טאָן אַלעמאָל ווען ער האָט גערעדט וועגען זיין פאָטער, דעם גרויי־סען מאָהלער: — מיין טאַטע זאָגט, אַז די העכסטע קונסט קען מען

נאר דעמאלט שאפען, ווען מען בענקט. און דארום וואוינען אלע די, וואס האבען נאך עפּיס א באדייטונג, אין אויסלאנד.

יאאן האט אנגעלעהנט זיינע צונויפגעלעגטע הענט אויף די קניה, און האלשטיין, וואס האט א דרעה געטאן דעם קאפּ (ווען ער איז געווען וואך פלעגט ער דרעהען זיין קאפּ באלד רעכטס און באלד לינקס, גלייך ווי ער וואלט אין איין מינוט וועלען זעהן הונדערט זאכען), האט א זאג געטאן: — יאאנ'ס הענט זענען אזוי שען!

האראלד האט זיך געוויצעלט: — איך וואלט וועלען וויסען, וואס דו געפינסט ניט פאר שען אין יאאנ'ען.

— נארישקייטען — האט געענטפערט האלשטיין.

האראלד האט אבער געזאגט לאנגזאמער: — איבעריגענס האט מיין טאטע אויך געזאגט, אז יאאן האט מערקווירדיגע הענט. ער האט געזאגט, אז צייטענווייז דריקט ער זיי אזוי פעסט צוזאמען, ווי איהם וואלט ערגיץ עפּיס וועה געטאן.

האלשטיין האט האסטיג א דרעה געטאן דעם קאפּ: — דאס איז אמת, — און ווידער א דרעה טוענדיג מיט'ן קאפּ און באטראכטענדיג זיינע אייגענע הענט, וואס זענען געווען ווייס, אבער אביסעל צו גרויס, האט ער געזאגט: — מיר, פון דעם דענישען לאנד־אדעל, האבען אלע פּויערישע הענט.

א ווײַלע האט ער געשוויגען. און פּלוצים זיך אומקעהרענדיג צו די דיכטער (די געדאנקען אין זיין געהירן פלעגען אלעמאל שפּרינגען ווי די גראז־שפּרינגער אהין און אהער), האט ער געזאגט:

— דאס וואס זיי וואוינען ניט אין זייער פאטערלאנד, איז דערפאר ווייל קריסטיאנא איז א מיאוס לאך.

— אזוי! — דו ביזט דאך דארט נאך קיינמאל ניט געווען.

— נע, א דאנק גאט, וואס ניט.

יאאן האט געקוקט פאר זיך און געזאגט: — ווינטער איז דאס גאנצע לאנד דאך ווייס.

— נא, אודאי האלט יעדער איינער צום מייסטען פון זיין אייגענער פאטערלאנד.

— דאס איז אמת, — האט געענטפערט האראלד אין א טאן, ווי ער וואלט שליסען פריערען.

אלע דריי האבען געשוויגען. האראלד און עריך האבען ארויס־געקוקט אין דער הויף. דער שיין פון די גרויסע ביימער פון דער עווענין האט אנגעפילט דאס צימער מיט א גרויליכער דעמערונג, אין וועלכער עס האבען נאר געלויכטען די פארבען פון דער פאהן, און די געזיכטער זענען געווארען גאנץ בלייך.

אין א שטילען טאן האט האראלד א זאג געטאן: — אין ערגיץ אויף דער וועלט איז ניט פאראן אזוי פיעל פאהנען, ווי אין בערגען, אין זיעבצעהנטען מאי.

עריך'ס אויגען האבען אויסגעזעהן גרעסער און בלוי, ווי פיאל־קעס אין דעם בלייכען געזיכט וואס איז געווען געווענדעט אין דער הויף, ווען ער האט געזאגט: — שען איז אויף אין דער היים, זומער, ווען מיר זענען מיט דער יאכט אונטערוועגנס און דער מאטראָז ציהט ארונטער די פלאג ביים זון־אונטערגאנג און מיר נעמען ארונטער די היטלען... דאן איז עס אזוי שטיל ווען די פלאג זינקט... צו שען.

עריך איז אנטשוויגען געווארען און ווידער איז געווען שטיל. יאאן האט אראפגעלאזט דעם קאפ.

דורך דעם הויז האט זיך דורכגעטראגען א גרילצענדער קלאנג פון א גלאק, און מיט איין שפרונג איז הארלד ארויס פון בעט.

— מיר וועלען האבען די שטראף־לעקציע אין דייטש, — האט ער געזאגט.

— ווען ? — האט געפרעגט האלשטיין, וואס איז נאך געלעגען אין בעט.

— דריי פערטעל אויף אכט... מיט איבונגען אין סטיל, — האט געענטפערט הארלד, וואס איז שוין געשטאנען ביי דער מיר.

דארט אבער האט ער זיך אומגעדרעהט.

— יא — דא הענגט זי גוט — האט ער געזאגט, און געקוקט אויף דער פלאג איידער ער איז ארויסגעגאנגען.

— האסטו דיין מוזיק שטונדע היינט? — האט נעפֿרעגט האל־שטיין, וואס האט אפגעשאקעלט זיינע פיס.

— ערשט מארגען — האט געענטפערט יאאן.

האלשטיין איז געשטאנען מיטביידע הענט אין די הויזען קעשענעס: — ווען מיר זאלען אלע האבען הענגען אונזערע פאהנען איבער די בעטען, יעדער מיט זיין שמאטע, וואלט עס דא היבש אויסגעזעהן.

„רעוואואר", האט ער געזאגט.

און ער איז ארויסגעגאנגען. יאאן איז געשטאנען אין מיטען פון לעדיגען צימער. און פלוצים האט ער א הויב געטאן ביידע הענט אין דער הויך צו דעם שווייגענדיגען רוים, און דערנאך זענען זיי מיט א קלאפ צוריק ארונטערגעפאלען אויף זיין קערפער.

ער איז ארויסגעגאנגען אין קארידאר. פרינץ כירא'ס טיר איז געשטאנען אפען. מיט דעם נאקען אנגעשפארט אויף דער וואנט איז געזעסען דער יונגער הינדו, און געגאפט מיט זיינע באוועגונגסלאזע אויגען אויף די גרינע ביימער.

— כירא — האט אויסגערופען יאאן — עס האט געקלונגען.

דער הינדו האט אויסגעדרעהט זיין קאפ, אין וועלכען קיין איינציגער צוג האט זיך ניט פארענדערט.

— עס האט געקלונגען, כירא — האט יאאן געזאגט נאכאמאל, און ער האט אנגענומען דעם הינדו'ס הענט, וואס זענען אלעמאל געווען קאלט. און פונקט ווי זיין טרויעריקייט וואלט ביי דער באריהרונג פון דעם אנדערנס קאלטע הענט, געוואלט זיך איבער־גיסען, האט יאאן אויף איין אויגענבליק זיך אנגעבויגען איבער די פלייצעס פון דעם אזיאט.

— איך דאנק דיר — האט געזאגט כירא און אנגעשטעלט זיינע שטארע אויגען אויף יאאנ'ען.

יאאן איז ארונטער די טרעפ, וואס האבען געפיהרט צו די קלאסען. אין ועסטיביול איז געשטאנען די יונגע דאמע, וואס איז געקומען אויף א וויזיט צו יאזעף אפאני. זי האט זיך אומגעקעהרט מיט'ן פנים צו יאאנ'ען און געפרעגט אויף פראנצויזיש:

— איצט הויבט זיך אָן די לעקציע?

און יאַאָן, וועלכער האָט אין איהר שפּראַך דערקענט אַז זי איז אַ מאַדיאַרין, האָט געענטפערט אויף אונגאַריש: — יאָ, גנעדיגע פרוי, די לעקציע הויבט זיך גלייך אָן.

די יונגע דאַמע האָט געשמייכעלט: — איהר זענט אַן אונגאַר?

— יאָ, גנעדיגע פרוי.

זי האָט געמאַכט אַ שנעל באַוועגונג, איז צוגעגאַנגען עטליכע טריט נעהענטער צו איהם און געפרעגט: — פון וועלכער געגענד אין אונגאַרן?

— פון דעם דרום'דיגען טייל פון אונגאַרן.

יאָזעף אַפּאַני, וועלכער האָט געבראַכט צו פיהרען זיין קוזינעס וואַגען, האָט זיך באַוויזען אין דער טיר, און יאַאָן האָט זיך פאַר־נייגט צום געזעגענען: — אַדיע, גנעדיגע פרוי.

ווען ער איז אַבגעגאַנגען עטליכע טריט, אונגעפעהר פינף אָדער זעקס, האָט ער געהערט ווי יאָזעף אַפּאַני האָט געפרעגט הויך אויפ'ן קול: — האָט ער גערעדט צו דיר?

— איך האָב דעם יונגענמאַן עפּיס געפרעגט... ער איז אַן אונ־גאַר.

יאָזעף האָט אָבער געזאָגט, און דאָס נאָך העכער: — ער איז ניט קיין אונגאַר. ער איז אַ אויהאַזי פון דעם אינזעל פון די פאַר־שטויסענע.

זיי זענען צוגעקומען צו דער טיר, און זייערע שטימען זענען אָפּגעשטאָרבען. יאַאָן האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט זיינע צועפּענטע הענט אָן דער שטיינערנער וואַנט, ווי איינער וועמען עס שווינ־דעלט און אָט־אָט וועט ער פאַלען. און זיין האַרץ האָט איהם גע־קלאַפּט אין דער ברוסט ווי אַ קאַלטער, שווערער שטיין, און פּלוצים איז ער געבליבען שטיל, גלייך ווי ער וואָלט אויף אייביג שטיל געוואָרען. — קיין אונגאַר... אַ אויהאַזי פון דעם אינזעל פון די פאַרשטויסענע... יאַאַנ'ס אויגען זענען געוואָרען טונקעלער, ווי אונטער אַ דרוק פון שמערצען; אַזוי טויט זענען זיי געוואָרען, ווי די אויגען פון אַ בלינדען. ער האָט זיך איצטער נאָכאַמאָל דערמאָנט

אז יענעם ערשטען טאָג, ווען אפּאַני איז אָנגעקומען אין פּענסיאָן, דער הער דופּיער איז צו איהם צוגעגאַנגען אין זיין שווארצען ראָק און געזאָגט: — אַט האָבען מיר דאָ אייערן א לאַנדסמאַן, גראף אפּאַני... האָט איז יאַאַן אויהאזי. און יאָזעף אפּאַני, וועלכער האָט געוואוסט ווער ער איז געווען, און אז ער איז דאָ, האָט קוים געעפענט זיינע ברייטע ליפען און געענטפערט: — אויהאזי! איהר האָט א טעות, מיין הער, ער איז ניט קיין אונגאר און ניט מיינער א לאַנדסמאַן.

איצטער האָבען זיך דערהערט טריט. דאָס איז יאָזעף אפּאַני צוריקגעקומען. און אין איין סעקונדע האָט זיך יאַאַן א ווארף געטאָן אויף איהם, און מיט זיינע הענט, וואָס זענען געווען צונויפגעדריקט ווי קוגלען, האָט ער איהם געשלאָגען אין פּנים אריין, אויף האַלז און נאַקען און ווידער אין פּנים אריין. זיין כעס האָט זיך ניט געקענט שטילען. — שופט! שופט! שופט! — האָט ער געשריגען און ווידער געשלאָגען — ביז ער האָט איהם פּלוצים אָפּגעלאָזען און איז אריין אין קלאַס. און יאָזעף אפּאַני האָט אפילו ניט געטראַכט וועגען דעם, אז ער זאָל זיך ווערען.

— איהר קומט צו שפּעט — האָט געזאָגט דער לעהרער, ווען יאַאַן איז אריין אין קלאַס.

— יאָ — האָט געענטפערט יאַאַן און זיך געזעצט אויף זיין פּלאַץ.

— וואו איז אפּאַני? — האָט געפרעגט דער לעהרער.

— ער האָט א גאַסט — האָט געענטפערט יאַאַן.

דער לעהרער האָט א זאָג געטאָן אָנגעבויגען איבער'ן בוך: — די שול איז, ווי עס ווייזט אויס, ניט דערצו געמאַכט, אז די שילער זאָלען עפּיס לערנען.

— ניין, — האָט געמורמעלט האַלשטיין — זי איז דאָ דערפאַר, אז דער הער דופּיער זאָל עפּיס פאַרדיענען.

יאָזעף אפּאַני איז ניט געקומען.

— פאַרוואָס שפּיעלסטו ניט? — האָט געפרעגט האַלשטיין,

ווען די שעה פון לערנען איז געווען פאַרביי און זיי זענען אַריינ־געקומען אין מוזיק צימער.

יאַן, וואָס איז געשטאַנען ביים פענסטער, האָט זיך ניט גע־ריהרט.

— פאַנטאַזיר עפּיס — האָט האַלשטיין ווייטער געזאָגט, און זיך געזעצט ביים קלאַוויר.

יאַן האָט גענומען זיין פידעל. ער האָט ניט געוואוסט אז ער האָט דאָס געשפּיעלט אַנע'ס ליעדער, און האַלשטיין האָט איהם באַגלייט מיט אַקאָרדען.

— וואו איז איינענטליך אַפּאַני? — האָט געפרעגט האַלשטיין ווייטער שפּיעלענדיג.

— איך ווייס ניט.

— ער איז געווען ביי דעם הער דופיער און דאַן איז ער אַוועק־געגאַנגען — האָט געזאָגט האַלשטיין און ווייטער געשפּיעלט.

יאַן האָט ניט געענטפערט. די מעלאָדיע האָט זיך געביטען. איצט איז עס געווען איינס פון זיין מוטער'ס ליעדער, וואָס עס האָט זיך געדאַכט, אַז עס קומט שטיל און פון ערגיץ ווייט.

— יאָ, שפּיעל דאָס, — האָט געזאָגט האַלשטיין, און ניט וויסענ־דיג פאַרוואָס זיינע געדאַנקען זענען אַלץ געווען באַשעפטיגט מיט יאָזעף אַפּאַני, האָט ער ווייטער אַ זאָג געטאָן: — אַפּאַני איז אַ גאַנצער מאַכער.

צום דריטען מאָל האָט יאַן געהערט אַפּאַני'ס נאָמען, און דער־פיהלט האָט ער אַ שטאָך פון אַ נאָדעל אונטער זיינע נעגעל. ער האָט ניט געוואוסט, אַז ער האָט אַלץ אין איינעם געשפּיעלט דאָס זעלבּיגע ליעד, נאָר ווילדער, מיט אַ שטאַרקערען גריף, ווי די מע־לאָדיע וואָלט וועלען צושמעטערען איהר אייגענעם ברעג. — דאָס איז געשעהן אונטער אַ דרוק פון שמערץ אָדער אונטער אַ שטראָם פון להכעיס.

האַלשטיין האָט אויפגעהויבען זיינע אויגען. מוזיק און פרויען האָבען אין דער טיעפּעניש פון זיינע אויגען אָנגעצונדען כמעט דעמ־זעלבּיגען פונק פון וואהנזין. יאַן האָט ווייטער געשפּיעלט זיין

מוטער'ס ליעדער. געדאכט האט זיך. ווי ער וואלט זיי געוואָרפען פון זיך, ווי א שיפער ווארפט ארונטער באלאסט פון זיין שיף. האל־שטיין האט איהם אקאמפאנירט, און דערביי האבען די טענער ארויפגעיאגט אויף זיין געזיכט א לייכטען ציטער און ער האט געזאגט: דו שפיעלסט דעניש, אבער שפיעלען שפיעלסט דו עס ווי א ציגיינער.

יאאן האט פלוצים אבגעהאקט אין מיטען שפיעלען מיט א גריל־צענדען טאן, גלייך ווי די סטרונעס וואלטען פלאצען. — דענקסטו אזוי? — האט ער געפרעגט און אפגעקעהרט זיין געזיכט.

האלשטיין אבער, וואס האט ווייטער אנגעהויבען אויפצונעמען זיינע אקארדען, האט פלוצים א זאג געטאן: די נארוועגער מאכען אלעמאל א גאנץ געשעפט וועגען זייער נארוועגען.

יאאן האט געשוויגען, און האלשטיין האט געזאגט: — דו וואלסט דאך אייגענטליך געקענט קריגען היים־רעכט אין דענעמארק.

— היים־רעכט?

— יא — האט געענטפערט האלשטיין, וואס האט נאך אלץ געשפיעלט. — דאס קען מען טאן. און דענעמארק איז דאך כמעט דיין פאטערלאנד.

יאאן, וואס איז נאך אלץ געשטאנען מיט'ן רוקען צו האל־שטיינ'ען, האט פלוצים א בויג געטאן מיט זיין בויגען ווי מיט א רוט.

— איך האב אבער מורא, אז דעם טיטול גראף דיינעם וועט מען ניט אנערקענען, ווייל די גראפשאפט איז אן אונגארישע.

האלשטיין האט אפגעהאקט אין מיטען. און פלוצים, ווען זיינע גרויסע הענט זענען געפאלען אויף די קלאווישען: — דו, רעדען רעדט מען פון פאטערלאנד, אבער וואס אונז טוט וועה איז גאר עפּיס אנדערש.

— וואו ווילסטו געהן? — האט ער פלוצים א פרעג געטאן, ווען ער האט דערזעהן יאאנ'ס געזיכט, און די ווערטער זענען איהם כמעט געבליבען שטעקען אין האלז.

— אַרויס אין דרויסען — האָט געענטפערט יאַאַן און איז אַרויס־געגאַנגען.

אין קאָרידאָר איז הער־אַלד איהם אַקעגען געלאָפען: — וואו אין דער וועלט איז ערגיץ אַפּאַני? — האָט ער אויסגערופען און איז ווייטער געלאָפען.

יאַאַן איז געגאַנגען דורך דעם וועסטיביול און פאַרביי דער גאַס צו דעם גאָרטען פון לוקסעמבורג. אויף די וועגען איז געווען פוסט, און פראַנקרייך'ס שטיינערנע קעניגינס זענען געווען אליין. יאַאַן איז געגאַנגען אונטער די קאַשטאַן־ביימער צו מאַריע פון מעדיסי'ס פאָנטאַן. ווען ער האָט אויפגעהויבען זיינע בליקען, האָט ער געזעהן זיצען כירא אויף דעם שטיינערנעם ראַנד. זיין הוט איז געלעגען פאַר איהם אויף דער ערד. דער הינדו האָט אַנגעבויגען דעם קאָפּ צו זיין געוועהנליכער פאַמעליכער באַגריסונג. פאַמעליך, ווי ער וואָלט געגריסט אַן אונטערטאַן. און אין דער גרינער דעמער־רונג, וואָס איז געלעגען איבער דעם וואַסער פון פאָנטאַן, זענען זיי שווייגענדיגע געזעסען איינער נעבען צווייטען.

— כירא, פאַרוואָס זיצסט דו אַלעמאַל דאָ? — האָט געפרעגט יאַאַן מיט אַ שטיל קול.

דער הינדו האָט ניט באַלד געענטפערט. דערנאָך האָט ער געזאָגט: — דאָ איז טונקעל, און דער אָרט איז אַלט. פונקט אַזוי איז עס אין אונזערע וועלדער. ער האָט ווידער געשוויגען און זיי האָבען ביידע זיך צוגעהערט צו דעם שפּריצענדיגען פאָנטאַן.

— כירא — האָט געפרעגט יאַאַן — פאַרוואָס ביזט דו געפאָהרען אַזוי וויית, ווען דו בענקסט אַזוי נאָך דיין היים?

דער הינדו האָט אויסגעדרעהט זיין קאָפּ: — ווייל איך האָב געמוזט.

— געמוזט?

— יאָ.

זיי האָבען ווידער געשוויגען, ביז יאַאַן האָט זיך אַנגעבויגען איבער דער שטיינערנער באַנק: — כירא, פאַרוואָס דערזאָגסט דו קיינמאָל ניט, וואָס דו ווילסט.

דער הינדו האט איהם ניט געענטפערט און נאר געקוקט אויף דעם שוימענדיגען וואסער.

— פארטרוי דיך מיר — האט יאאן געזאגט שטיל — איך בין נאך מעהר אהן אהיים ווי דו.

די אויגען פון דעם הינדו האבען זיך אפגעשטעלט אויף איהם.— יא — האט ער געזאגט, — פארוואס ביזט דו א געלער צווישען ווייסע?

יאאן האט אויפגעריסען זיינע אויגען און זיי באלד צוריק האלב צוגעמאכט. — יא — האט ער געזאגט — דאס בין איך טאקי. א געלער צווישען די ווייסע.

דער יונגער פירשט האט באטראכט יאאנ'ען און געזאגט: — פארוואס איך האב געמוזט?... ניט מיט אונזער אייגענעם ווילען געהען מיר. די ברידערשאפט שיקט אונז. עס איז ניט פאראן קיין פלעק און קיין ווינקעל אויף דעם אזיאטישען באדען פון וואנען מיר זאלען ניט קומען. די ברידערשאפט שיקט אונז און מיר מוזען געהארכען.

יאאן האט געשאקעלט מיט'ן קאפ און געזאגט: — איך פארשטעה דיך ניט.

פלוצים האט דער הינדו זיך צולאכט. קורץ, ווי איירא פא האט איהם אויסגעלערענט צו לאכען. — ניין — האט ער געזאגט — איהר פארשטעהט אונז ניט. — אבער — און זיינע נאז פליגעל זענען געווארען ברייטער און האבען געציטערט — אבער דער טאג וועט קומען ווען איהר וועט פארשטעהן און ווען עס וועט שוין אבער זיין צו שפעט.

— די ברידערשאפט? — האט געפרעגט יאאן — וואס מיינסטו מיט דעם? און וואו געפינט זי זיך?

— אין אונזער פאטערלאנד — האט געענטפערט דער הינדו. ער האט אויפגעהויבען זיין פנים, און עס האט אויסגעזעהן ווי פון קופער אויסגעפרעסט אויף אן אלטער פארצייטיגער מטבע. — אינדיען — האט ער געזאגט — איז נאר מיין היים. מיין פאטערלאנד איז אזיען.

— אַזיען ?

דער הינדו האָט זיין פראַגע ניט געהערט. קוקענדיג אויף דעם בליושצענדען שטראָם פון פאַנטאַן, האָט ער גערעדט לאַנגזאַם און זיינע ליפען האָבען זיך געוועלבט ארום די ווייסע ציין: — מיר זענען געווען אַלט. אָבער גאָט איז עלטער. גלייכגילטיג ווי די זקנים זענען, האָבען מיר זיך צוגעקוקט צו די ווייסע מוראַשקעס. און מיר האָבען זיך ניט געריהרט. צעהן טויזענד יאָהר דויערען לאַנג, און אונזער טאָג איז נאָך ניט געהאַט געקומען. די ווייסע האָבען ביי אונז צוגענומען אונזערע פעלדער און אויף די שוועלען פון אונזערע טעמפּלען האָבען זיי חוזק געמאַכט פון אַזיענ'ס גע־דולדיגען גאָט. און אונזערע פלייצעס האָבען זיך איינגעבויגען אונ־טער דעם אייזערנעם יאָך. מיר האָבען זיך אָבער ניט געריהרט. און זיי זיינען געגאַנגען אויף יאַגד נאָך לייבען אין אונזערע וועל־דער און האָבען אויסגעכאַפּט אונזערע עלעפאַנטען מיט נעצען, און זייער בלוט האָט אונז ניט אויפגערעגט, הגם זיי זענען אונז געווען הייליג. ביז דער טאָג איז געקומען.

— דער טאָג ?

דער הינדו האָט גערעדט שנעלער, מאָדנע כאָרכלענדיג, גלייך ווי ער וואָלט וועלען אונטערדריקען זיינע דראָהונגען: — און איהר האָט ניט קיין אויגען צו זעהן און קיין אויערען צו הערען. די צע־דערן אָבער רעדען. און די ברידערשאַפט זיצט פאַרזאַמעלט ארום זייערע שטאַמען און מיליאָנען דריקען צונויף זייערע אויפגעהויי־בענע הענט און די אָרעמס וואָס שווערען. פאַרוואָס איך האָב גע־מוזט ? די ברידערשאַפט שיקט אונז, כדי מיר זאָלען אייך קענען באַ'גנב'ענען. איהר האָט צוגע'גנב'עט אונזערע מלוכות מיט בלו־טיגע הענט און די פעלדער האָט איהר גע'גנב'עט, און די ערד. און טייכען וואָס מיר האָבען אַזוי ליעב געהאַט, האָבען געמוזט קרעכ־צען אונטער אייערע נאַרישע משאות. איצטער גנב'ענען מיר צו ביי אייך אייערע מלאכות, און אייער געשליפען גלאָז טוען מיר אָן איבער אונזערע אויגען, כדי איהר זאָלט ניט זעהן דעם בליק פון דעם קרום־אויגיגען, וואָס קוקט אויף אייך. פאַרוואָס איך האָב

געמוזט? מיר זענען טויזענדער און מיר זענען צעהנדליגע טויזענדער און מיר זענען אזיענס סטודענטען. די ווייסע האבען צוגעגנב'עט אלץ. נאר דעם גאט האבען זיי איבערגעלאזט און זיינע טעמפלען. און די ווייסע לאזען אין זייער אייטעלקייט אויפגעהן די זון, און זעהען ניט די צייכענס, וואס שטעהען אנגעשריבען אויף די מויערען.

יאאן איז בלייך געווארען: — כירא — האט ער געפרעגט — אבער וואס וויל דען דיין אזיען?

דער הינדו האט געשאקעלט מיט'ן קאפ, אזוי אז זיינע שווארצע האר האבען זיך געלעגט איבער זיין שטערען ווי אן אייזערנע קרוין: — אייער גאט האט עס געזעהן. אין אייערע הייליגע שריפטען האב איך עס געלעזען, אז ער האט געוואוסט קלאג און עלענד, האט ער נביאות געזאגט פון די בערג און די צייטען, ווען די זון וועט פערלאשען ווערען. די אויגען פון אייער גאט זענען אבער געווארען בלינד פון טרעהרען און דערפאר האט ער ניט געזעהן אלע שרעקען פון דעם טאג ביז ער וועט זיך ענדיגען. ווארים די טייכען וועלען שוימען פון בלוט, און די מתים וועלען ארומשווימען אויף אייער ימ'ן, און אייער פלוידערענדיגער גאט וועט זיין לעבעדיג מויל צומאכען פאר שרעק. די ווייסע פיס וועלען פארשטארט ווערען אויף דער פריהרענדיגער ערד, און אייערע אויוועגס וועלען מיר אויסלעשען ווי קליינע ליכטלעך, און אייערע טאטען וועלען ברענען ווי שפענער אין א שייטערהויפען. — דער הינדו האט געשוויגען. א דינער שוים איז געשטאנען פאר זיינע ציין: — אייער גאט האט עס געוואוסט. איהם אבער האט איהר ניט געוואלט הערען. איצטער אבער וועלען די ראבען קומען איבער אייערע פעלדער און אייערע מויערען וועלען ניט שטעהן, נאר עס וועט ווערען פון זיי א הויפען אש.

פירשט כירא האט געשוויגען און יאאן האט ניט געוואגט צו רעדען. ענדליך אבער האט ער א זאג געטאן: — ווייסטו דען, צי איהר וועט זיעגען?

דער הינדו האָט געענטפערט: — מענער זיעגען. קענען דען די ווייסע מענער? איהר האָט ווייבער אין אייערע אַדערן, וועלכע ברענען אוים אין אייך דאָס בלוט.

— און איהר? — האָט געפרעגט יאַאַן.

פרינץ כירא האָט געענטפערט: — מיר האָבען אַ סך פרייען, כדי מיר זאָלען פון איינער ניט רואינירט ווערען. אייער האַרץ זיצט צו טיעף אין אייער קערפער. דערפאַר וועלען מיר זיעגען.

יאַאַן האָט געפרעגט, אָבער ניט גלייך: — גלויבסטו אַז דו וועסט דאָס נאָך דערלעבען?

— דאָס פאַטערלאַנד וועט עס דערלעבען, האָט געענטפערט כירא.

— אַזיען? — האָט געפרעגט יאַאַן.

— יאָ.

יאַאַן האָט דערפיהלט ווי איהם וואָלט אָנהויבען צו שווינדלען און ווי דאָס גאַנצע בלוט וואָלט פאַרלאָזען זיין געהירן: — וועגען דעם טראַכסטו דאָס, כירא? — האָט ער געפרעגט.

— יאָ, וועגען דעם טראַכטען מיר.

יאַאַן האָט זיך אויפגעהויבען.

— און וועגען וואָס טראַכסט דו? — האָט געפרעגט כירא און אָנגעשטעלט זיינע אויגען אויף דעם ווייסען.

דורך די פּלוצים'דיגע פראַגע איז יאַאַן צומישט געוואָרען. און כמעט ניט וויסענדיג וואָס ער ענטפערט, האָט ער געזאָגט: — איך? איך טראַכט וועגען קלייניקייטען.

דער יונגער הינדו האָט געשמייכעלט מיט אַ שמייכעל, וואָס יאַאַן האָט ניט געזעהן.

יאַאַן אָבער, גלייך ווי ער וואָלט אין אַ נייע פראַגע געפונען אַן אָנהאַלט, האָט אַ פרעג געטאָן: — און ווען איהר וועט האָבען געזיעגט, וואָס וועט דאַן זיין?

דער הינדו האָט זיך פאַרקוקט אויף דעם גרינעם בלעטער דאַך און געזאָגט: — דאַן וועט שטיל ווערען, און גאָט וועט האָבען

פריעדען אין זיינע טעמפלען. איהר האט אונז געשטערט אין אונ־זערע געדאנקען. דעמאלט וועט איהר אונז מעהר ניט שטערען.

יאאן האט אבער געפרעגט: — אבער דאן... וואס וועט דאן געשעהן?

כירא האט געשמייכעלט: — דו ביזט דאך אן אמת'ער וויסער, יאאן. עס וועט גארנישט געשעהן. דאס קורצוויילינע וועט זיין טויט. — דו געהסט אהיים? — האט ער געפרעגט ווען יאאן האט זיך נעקליבען אוועקצוגעהן.

— יא — האט יאאן געענטפערט און איז אוועקגעגאנגען. און דער הינדו האט צוריק אנגעבויגען זיין קאפ ווי פריהער.

פלוצים אבער האט כירא אויסגערופען: — יאאן, יאאן!

— וואס ווילסטו?

דער הינדו איז אויפגעשטאנען און אנגענומען יאאנ'ס הענט:

— איך האט גערעדט. פארוואס ווילסט דו ניט אויך רעדען? דער אזיאט וועט דיך אפשר פארשטעהן.

יאאן האט צוגעמאכט זיינע אויגענדעקלעך איבער צוויי טרעה־רען און זיך באפרייט פון דעם הינדו'ס צארטע און געלע הענט. — ניין — האט ער געזאגט — אויך דו וועסט מיך ניט פארשטעהן. — און ער איז אוועקגעגאנגען.

ווען יאאן איז אהיים געקומען און איז אריין אין שפייז־זאל, זענען די שילער פון פענסיאן שוין געזעסען ביים מיטאג. יאאן האט זיך געזעצט אויף זיין פלאץ נעבען עריך האלשטיין.

עריך האט באוועגט זיין קאפ באלד רעכט און באלד לינקס. — וואו איז אפאני? — און ער האט אריבערגעקוקט צו יאזעף'ס לע־דיגען פלאץ, און געהאלטען אין איין באוועגען זיין קאפ, ווי א מיק וואלט איהם בייסען.

— און כידא, וואו איז כירא?

— פרינץ כירא וועט באלד קומען — האט געענטפערט יאאן און ער האט אליין ניט געוואוסט, אז ער האט געשטעלט „פרינץ“ פאר דעם נאמען פון זיין קאמעראד.

— די אַזיאַטען קומען אַלעמאָל צו שפּעט — האָט געזאָגט עריך און אויסגעשטרעקט זיינע פיס.

יאַאַן האָט זיך פּלוצים צולאַכט.

— צו אַל די גוטע יאָהר! פון וואָס לאַכסטו?

— פון דיר — האָט געענטפערט יאַאַן און איז מיט איינמאָל געוואָרען ערנסט.

— אַזוי? קענסטו מיר אפשר זאָגען וועגען וואָס כירא טראַכט ווען ער זיצט אַזא פאַרגלאַצטער?

— ער טראַכט אפשר וועגען דער צוקונפט — האָט געענטפערט יאַאַן און ווען ער האָט דאָס געזאָגט, איז ער געוואָרען אַזוי בלייך, ווי איינער וועמען עס פריהרט. פּונקט אַזוי ווי פריהער ביים באַסין.

— דאָס טוט דאָך אָבער יעדער פון אונז — האָט געזאָגט עריך.

— ווי שטעלסטו דו דיר פאָר די צוקונפט? — האָט געפרעגט יאַאַן.

עריך האַלשטיין האָט נאָכגעטראַכט אַ ווײַלע.

— איך קלעהר אַפּט, ווער עס וועט ווערען מיין פרוי.

יאַאַן האָט ווידער געלאַכט און געזאָגט: — ווי „ווייס" דו ביזט!

— איך בין אַ דענער — האָט געזאָגט האַלשטיין און ווייטער געגעסען.

— אָט איז כירא — האָט אויסגערופען האַלשטיין, ווען דער הינדו איז אריינגעקומען. — וואו איז אָבער אַפּאַני? — האָט ער ווידער געפרעגט און אריבערגעקוקט צו יאַזעף'ס פּלאַץ, וואו זיין בעהמיש גלאַז מיט די גראַנאַטען איז געשטאַנען. — וואָס פאַר אַ שען גלאַז? — האָט ער חוזק געמאַכט.

זיי האָבען ענדליך שוין געגעסען די טאָרטען און די פרוכט און אַפּאַני האָט זיך אַלץ ניט באַוויזען.

ווען זיי זענען צו דער שטראָף לעקציע אריינגעקומען אין קלאַס, איז אַפּאַני שוין דאָרטען געווען. ער האָט געטראָגען אַ „סמאָוקינג" און איז געווען אַזוי צוזאַמענגעשנורט אין זיין שוואַרצער סאַמעטענער וועסט, ווי אַ בודאַפּעסטער רייטער־לייטענאַנט ווען ער איז אין אוניפאָרם. זיין קין איז געווען געשוואָלען.

— האסט זיך געשלאגען מיט עמיצען? — האט געפרעגט האל־שטיין, ווען זיי האבען זיך געזעצט.

יאזעף אפאני האט ניט געענטפערט.

דער לעהרער איז אריינגעקומען. געווען איז ער א רעזערוו לייטענאנט פון די רהיין־פראווינצען, לאנג און בלאנד. אין דער שולע איז ער אנגעקומען דא ניט לאנג און צו דער קלאס האט ער גערעדט, ווי ער וואלט קאמאנדירט אן אפטיילונג. די יונגע הערען האבען געענטפערט מיט די שפיץ־ליפען.

— רעדט אביסעל העכער, מיין הער.

די יונגע הערען האבען גערעדט נאך אומדייטליכער.

— גראף האלשטיין האט זיך ניט געבעסערט.

— נע, מיט דעם האט ער רעכט — האט געזאגט האלשטיין אויף דעניש.

דער לעצטער איז מיט זיינע פראגען געשפרונגען פון איינעם צום אנדערן. זיי האבען אלע געענטפערט פארקעהרט מיט אומבאַוועגליכע געזיכטער.

— איהר ווילט הפנים מארגען נאך א שטראף־לעקציע.

— נאך זעקס — האט געענטפערט באראן אלבוטיערי זעהר הויך, אין מיטען קלאס.

און אלע האבען געלאכט. די אויגען פון לעהרער זענען געוואַרען בלייך.

— רוהיג! — האט ער געדונערט.

מען האט אויפגענומען „קאנווערזאציאן“ אויף דייטש. ער האט געשטעלט זיינע פראגען צו יאאנ׳ען: — הער, — האט ער געזאגט — דערצעהלט אונז עפּיס...

יאזעף אפאני האט זיך אויפגעהויבען און איז צוגעגאנגען נעהענטער צו איהם. מיט די הענט אין די קעשענעס האט ער געקוקט יאאנ׳ען גלייך אין פנים אריין.

— פון... פון דעם פארהעלטעניש צווישען די פעלקער און אייער פאטערלאנד...

דער הינדו האט אויפגעהויבען זיינע אויגען און געקוקט דא

אויף יאַאַנ׳ען און דאַ אויף אַפּאַני. יאַאַן האָט געעפענט די ליפען כדי עפּיס צו ענטפערען. אַפּאַני האָט אָבער ווידער געלאַכט, דער־ווייטערט פון איהם בלויז פינף טריט און שטאַמעלדיג און ניט קען־נענדיג איינהאַלטען זיין צאָרן, האָט ער געענטפערט: — איך האָב ניט די קענטעענישען...

און ווידער האָט ער געהערט ווי אַפּאַני האָט געלאַכט. געזעהן אָבער האָט ער איהם ניט, ווארים פאַר זיינע אויגען זענען געפלוי־גען געלע רעדער.

— קענטעענישען? — האָט אויסגערופען דער לעהרער. — קענט איהר אפילו ניט אייער אייגענע מוטערשפּראַך?

אַפּאַני האָט ווידער געלאַכט, און מיט אַמאָל האָט ער אַ זאָג געטאָן: — מוטערשפּראַך? דייטש איז דאָך ניט זיין מוטער־שפּראַך. און פּלוצים ארויסרייסענדיג ביידע הענט פון די טאַשען און אויפהויבענדיג זיי ווי די מאַגנאַטען פון עליען טוען עס, האָט ער געזאָגט: — אַ אויהאַזי האָט ניט קיין מוטערשפּראַך.

— עס זעהט אַזוי אויס — האָט געזאָגט דער לייטענאַנט.

יאַאַן האָט ניט פאַרשטאַנען.

— גראַף אַפּאַני — האָט געזאָגט דער לעהרער — נעמט איהר איבער דאָס טעמאַ.

און יאַאַן האָט געהערט ווי אַפּאַני רעדט, און ווי אויפגעוועקט, פאַרשטעהענדיג און באַגרייפענדיג, האָט ער אין איין רגע געזעהן זיין גאַנץ לעבען פאַר זיך. די בילדער זענען געוועזן בולט און דייט־ליך, איינס לויפענדיג איבער דעם צווייטען, און שוועבענדיג ווי ביל־דער, וואָס האָבען זיך געגליטשט אויף אַ דעק איינס איבער דעם אַנדערן און איינס דורך דעם אַנדערן.

— ער האָט געזעהן זיין מוטער און אַנע, וואָס זענען צוזאַמען געזעסען איינע ביי די אַנדערע אין דער דעמערונג. וואָס זאָגט ער, וואָס זאָגט ער? האָט געפרעגט אַנע און איהם ניט פאַרשטאַ־נען. און האַנאַ מיט די ווייסע האָר און די רינגענדיגע אויגען, האָט גענומען זיין קאָפּ אין איהרע הענט און געזאָגט: — איך פאַרשטעהע ניט. — ווען ער האָט געוואָלט רעדען סערביש, און מאַמזעל פלעגט

איהם איבער די פּלייצעס צושרייען: דריק זיך אוים בעסער. און דער הער קריסטאפּולאס האט אויפגעהויבען זיינע אויגען פון בוך: איז דאס אונגאריש, וואס דו רעדסט? רעד ענגליש כדי איך זאל דיך קענען פארשטעהן. און ווי מארינקא פלעגט לאכען פון איהם!... נייז, ווי ער צוקאליעטשעט דאס, דאס רוטעניש, האט זי געזאגט. די רומענער האבען געלאכט, ווען יאאן האט זיי עפּים געוואלט ער־קלעהרען אויף רומעניש. און יאזעף פלעגט לאכען אזוי, אז ער פלעגט זיך האלטען ביי די זייטען: זאל דאס זיין אונגאריש? האט ער געפרעגט. אין די קראמען האבען זיי געלאכט און אלע אין אר־סאווא, ווען ער האט גערעדט סערביש... ווי א קייט האבען זיי גע־לאכט. אלע, אלע, געזיכט נעבען געזיכט, מויל נאך מויל, ציינער נעבען ציינער... ווארים דאס איז ניט געווען זייער שפּראך. אלע פלעגען זיי לאכען. די קוכערס, יאזעף און מארינקא, סערבען און רומענער און רוטענער און דער שופט פון דארף מיט זיין הוט און אנע און די מוטער. — ווייל ער האט ניט גקענט זייער שפּראך. — ער האט ניט געהאט קיין שפּראך.

ער האט אליין ניט געוואוסט אז ער איז נאך געשטאנען. ער האט ניט געהערט, אז דריי מאל האט מען שוין געזאגט: — פּראָ־פעסאר דופיער ווינשט נאך דער לעקציע צו רעדען מיט גראף אוי־האזי. — ווען דאס איז אבער געזאגט געווארען צום פינפטען מאל, איז ער צוגעגאנגען צו דער טיר, און דער לעהרער האט אויסגערו־פען: — ערשט נאך דער לעקציע! זענט איהר טויב געווארען? — און ער האט זיך אומגעקעהרט. און אין איהם איז ניט געווען מעהר באוואוסטזיין ווי אין א פראש, וואס שפּרייזט נאך, נאכדעם ווי מען האט איהם אפּגעהאקט דעם קאפּ. — קיין שפּראך. — ער האט ניט קיין מוטער־שפּראך.

פּלוצים האט ער צונויפגעלעגט זיינע הענט און ער האט עס אליין ניט געוואוסט. ער האט ניט געוואוסט אז ער זוכט א גאט און זוכט... א גאט... דעם גאט, וואס ער האט פארגעסען...

און מיט אמאל האט ער געזעהן פאר זיך די קירך פון דער היים און זיך זעלבסט, דעמאלט, דעמאלט ווען מען האט ביי איהם

צוגענומען זיין פאטערלאנד. ער האט געבעטען און געבעטען און ווידער אמאל געבעטען — יא, אין אלע שפראכען, וואס ער האט געקענט... ווייל ער איז געווען פארשאלטען, פארשאלטען אז ער זאל קיין פאטערלאנד ניט האבען. גאט האט מסתמא אויך צוגע־נומען זיין שפראך, כדי זיינע תפלות זאלען ניט צוקומען צו איהם. ער האט אויך ניט געהאט קיין מוטער־שפראך.

עריך האט איהם שוין צוויי מאל א שטויס געטאן: —דו דארפסט דאך געהן צום אלטען — האט ער געזאגט — וואס זיצסטו נאך דא?

— יא — האט געענטפערט יאאן, און ניט געוואוסט וועגען וואס דא האנדעלט זיך. דאן האט ער זיך ד'ערמאנט און איז גע־גאנגען צו דעם הער דופיער.

דער הער דופיער איז געזעסען אין זיין ארבייטס צימער מיט די גרינע שירמען איבער די עלעקטרישע לעמפלעך. ער האט אנגע־וויזען אויף א שטוהל אויף דער אנדערער זייט פון שרייב־טיש און געזאגט, בעת ער האט באטראכט זיינע הענט, וואס ער האט געהאל־טען אויסגעשפרייט איבער זיין ברוסט: — גראף אויהאזי, איך האב אייך געמוזט לאזען רופען. און זוכענדיג מיט זיין בליק יאאנ'ען האט ער צוגעגעבען: — איהר. — א וויילע איז ער פלוצים געווארען שטיל, — איהר וועט מיך פארשטעהן.

יאאן האט ניט פארשטאנען. דער הער דופיער האט זיך אומ־רוהיג געהאלטען אין איין רוקען אויף זיין שטוהל, און געביטען עטליבע מאל דאס ארט פון זיינע פיס (די געשיכטע איז געווען אונאנגענעם... זעהר... העכסט אונאנגענעם... מען האט דאך אבער געמוזט קומען צו דער זאך... העכסט, אויסערגעוועהנליך פיינליך). ער האט געזאגט: — עס איז געשעהן א זאך... א זעהר אונאנגענעמע זאך... און ער האט ווידער געשוויגען. און יאאן האט ניט געענטפערט. מיט אמאל אבער דערביטערט (ווייל ער האט געוואוסט אז ער איז אריינגעטריבען געווארען אין א ווינקעל), האט ער א זאג געטאן שטארק און זעהר הויך: — איהר וועט באגרייפען אז איך קען ניט דולדען קיין געוואלדטעטיקייטען אין מיין אינ־סטיטוט.

יאַן האָט זיך ניט גערירט און געענטפערט: — איך קען די שול זאָפאָרט פארלאָזען.

דער הער דופיער האָט שיער ניט אַ שפּרונג געטאָן אין דער הויך.

— פון פארלעגענהייט צי פון פרייד — און ער האָט געזאָגט:

— ליעבער יונגערמאַן... איהר מוזט דאָך באַגרייפען, אַז... אָבער אונטער אַ שטאַרקען דרוק פון בארעכענונגען (ווארים די אַפּאַני'ס זענען געווען די זיילען פון דעם אינסטיטוט. צו איהם, אַפּאַני, האָט ער געהאט צו פערדאנקען דעם אונגארישען ארדען) האָט ער געזאָגט: — וואוהין ווילט איהר דען געהן?

יאַן האָט געענטפערט ווי פריהער: — פּראָפעסאָר לעגאַט האָט אויך שילער.

ער האָט זיך אויפגעהויבען. געפיהלט האָט ער זיך, ווי אַ צינערנער סאָלדאט, וואָס וויל זיך באַוועגען: — איך געה נאָך היינט אַוועק.

דער הער דופיער האָט זיך אויך אויפגעהויבען. ער איז געווען אין גאַנצען צומישט: — אָבער מיין ליעבער יונגער פריינד... מען מוז דאָך... אייער פאַטער... און גלייכצייטיג האָט ער געטראַכט ביי זיך, אַז ער וועט גלייך שרייבען צום גראַף אַפּאַני:

„אייער עקסעלענץ וועט באַגרייפען, אַז איך האָב דעם יונגענמאַן זאָפאָרט געהייסען פארלאָזען דעם אינסטיטוט".

יאַן איז געגאַנגען דורכ'ן צימער: — אַדיע! — האָט ער געזאָגט. דער הער דופיער האָט אויסגעשטרעקט זיינע אויסערגעוועהנליך גוט אויפגעפּאַסטע הענט. יאַן האָט זיי אָבער ניט געזעהן. ער איז שוין געווען אין דרויסען.

ער איז אריין אין זיין צימער, און ארויסגענומען פון זיין פּולט אַ לאַנג זיידען בייטעלע. ער האָט איבערגעציהלט דאָס געלד. היינטיגע נאַכט קען ער וואוינען אין גרענד האָטעל, וואו מען קען איהם. און מאָרגען קען ער אריבערגעהן צו פּראָפעסאָר לעגאַט, וועלכער האָט איהם דאָס עטליכע מאָל אָנגעבאָטען. דאַן איז ביי איהם אויך שוין געווען אָפּגעמאַכט, אַז ער וועט זיך אין גאַנצען ווידמען צו דער מוזיק. איין אויגענבליק איז ער געבליבען שטעהן אין מי־

טען צימער מיט די גאָלד שטיק אין זיין האנט. — גוט, איז הייסט עס באשלאָסען, אז ער וועט זיך אויסבילדען אלס מוזיקער. ער האָט איצטער געטראַכט נאָר ריין פּראַקטיש. ער האָט איינגע־פּאַקט עטליכע זאַכען און גענומען זיין האנט־טאַש. טרינק־געלדער קען ער שיקען, צו עריק און האראלד'ן וועט ער שרייבען. ער איז ארויסגעגאַנגען מיט דעם רענצעל אין דער האנט און קיינעם ניט באַגעגענט. אין וועסטיביול איז געשטאַנען דער הינדו. ער האָט זיך א ווענד געטאָן צו איהם: — וואו ווילסטו דאָס געהן? — האָט ער געפרעגט.

— אוועק פון דאַנען — האָט געענטפערט יאַאַן, וועמענס שטים האָט ביי די ווערטער געציטערט.

דער הינדו האָט נאָר געפרעגט: פאַרוואָס האָט איהר אייך דאָס געשלאָגען?

יאַאַן האָט באַטראַכט זיין שען געזיכט: — דו וועסט עס דאָך ניט פאַרשטעהן.

פּלוצים אָבער האָט דער פירשט א זאָג געטאָן: — וואַרט אויף מיר אין גאַס, איך וועל דיך באַלייטען.

ווען כירא איז געקומען, זענען זיי ביים עק גאַס אריין אין א דראָשקע. זיי זענען געפאָהרען איבער דער סעין בריק און דורך דעם הויף פון לוואוור. די גאָלדענע קוגעלן האָבען שטיל געלויכטען אויף זייערע זיילען. זיי האָבען גאָר ניט גערעדט. מיט אמאָל אָבער האָט יאַאַן א פרעג געטאָן: — ווען פאָהרסטו?

— ווען?

— יאָ. אהיים קיין אינדיען?

— עס איז ניט זיכער, אז איך וועל פאָהרען קיין אינדיען.

— וואוהין דען?

— אהין דאָרט, וואו דאָס פאָטערלאַנד וועט מיך שיקען.

ווי עפּיס א זאַך וואָס איז צובראָכען געוואָרען, ווי עפּיס, וואָס איז פון א האַק צושפּאָלטען געוואָרען, אזוי איז יאַאַנ'ס קערפּער נעפאַלען אויף דעם הינדו. און פּלוצים האָט ער זיך צעוויינט גלייך ווי ער וואָלט זיין גאַנץ לעבען ארויסוויינען דורך זיינע טרעהרען.

דער הינדו האט מיט זיינע הענט געגלעט איבער יאאנ׳ס האר — יאאן, פארוואס וויינסטו? — האט ער געפרעגט. — אט דאס אלץ וועט דאך אמאל חרוב ווערען.

יאאן האט איהם ניט געהערט. ארום זיי האבען געגלאנצט די ליכט פון דעם בולעווארד.

יאאן האט געהאט א לעקציע ביי פראפעסאר לעגאט. דער אל־טער מאן איז ביים צוהערען אין גאנצען צוזאמענגעזונקען אין זיך. זיינע שווערע גרויסע האר זענען ווי א שירם געפאלען איבער דעם אויבערשטען טייל פון זיין געזיכט. מיט אמאל האט ער האסטיג א הויב געטאן זיין קאפ, ווי זיין טבע איז געווען: — דו דערצעהלסט היינט אויף דיין פידעל אזוי פיעל, יאאן! — האט ער געזאגט.

— וואס מיינט איהר מיט דעם, מייסטער?

— דו פארטרויסט איהר אזוי פיעל שמערץ... דער הער לעגאט האט איהם פארשעענדיג אנגעקוקט: — אבער... איך פארשטעה ניט אין גאנצען דיין שמערץ. — דער הער לעגאט האט זיך אויפגע־הויבען: — דאס מוז זיין דערפאר, וואס איך בין א פראנצויז, און דו — ער האט געשמייכעלט — דו ביזט אזוי פארצווייפעלט ווי אן אונגאר.

— איך בין ניט קיין אונגאר — האט געזאגט יאאן.

דער הערר לעגאט האט געלאכט: — וואס־זשע דען ביזטו?... נא, שפיעל ווייטער.

יאאן אבער איז געבליבען שטעהן אומבאוועגליך, מיט דעם שטומען בויגען אין זיין האנט.

III.

דער קעלנער האָט געמעלדעט צום צווייטען מאָל, אַז מיטאָג איז פאַרטיג, און יאַאַן האָט זיך אויפגעהויבען פון דער זאָפא פון זיין אָפּטהיילונג און זיך געלאָזט געהן דורך דעם קלאָפּענדיגען וואַגאָן פון דעם אָריענט צוג.

זיין קאָנצערט באַגלייטער, דער אויסטראַליער הענרי קאָליעט, איז געשטאַנען ביי דער טיר פון דעם שפּייז וואַגאָן און געוואַרט אויף איהם. — ווייסט איהר שוין? — האָט ער געפרעגט — יענס לונד געפינט זיך אין צוג. ער איז אויפגעשטאַנען אין מונכען.

יאַאַן האָט איבער זיין הויכען שטעהענדיגען קראַגען געמאַכט אַ שנעלע באַוועגונג מיט זיין קאָפּ — אַזוי! — האָט ער אויסגערופען און אַביסעל לאַנגזאַמער האָט ער צוגעגעבען: — וואו וועט ער שפּיעלען?

— דאָס ווייס איך ניט — האָט געענטפערט דער אויסטראַליער, און ווייט עפענענדיג זיינע קיילעכדיגע און בלויע אויגען האָט ער געזאָגט: — ער זעהט אויס זעהר מאָדנע. זיין געזיכט איז ווי אויסגעשניצט אין דעם האָלץ פון אַ קירכענשטוהל.

יאַאַן האָט געענטפערט: — דאָס איז אמת. פּלוצים אָבער האָט ער זיך אַ בויג געטאָן און געזאָגט: — יאָ. זיין ווילען האָט עס געשניצט.

הענרי קאָליעט האָט געעפענט די טיר פון דעם שפּייז־וואַגאָן.
— אָבער ער איז צופיעל געפּוצט — האָט ער געזאָגט. און נאָכדעם ווי זיינע געדאַנקען האָבען אָנגענומען אַן אַנדערע ריכטונג, און דער טאָן פון יאַאַנס'ס ווערטער נאָך קלינגענדיג אין זיינע אויערען, האָט ער צוגעגעבען: — ווי איהר באַוואונדערט איהם דאָס.

א שמייכעלע און אפשר נאר א ציטער האט זיך א גליטש געטאן אויף יאאנ'ס גזיכט. — יא — האט ער געזאגט. און זיי האבען זיך געזעצט ביי א טיש.

יאאן האט געלאזט שוועבען זיין בליק איבער די ליידיגע טי־שען און ער האט זיך געגריסט צו דעם הער ביזא, וועלכער איז גע־זעסען אין א ווינקעל אויף דער אנדערער זייט נעבען זיין פרוי.

דער קאמפאניסט, וועלכער האט שוין געווארט אויף דעם עסען פאר די לעצטע צעהן מינוט, האט געזאגט מיט א קול, וואס האט געקרעכצט פון א האלז קאטאר, וועלכען ער האט אין זיין לע־בען זיך ערווארבען אין דריי וועלט־טיילען: — אזוי ווייט זענען מיר אלזא דורכגעקומען.

ער האט פארדריסליך געווארפען אהין און אהער מיט זיין צו־גרויסען קאפ איבער דעם בינטעל קליידער, וואס האט פארגעשטעלט זיין קערפער: — און איצטער וועט מען ווידער מוזען זעהן דאס ליעבע פובליקום — האט ער געזאגט.

די פרוי ביזא האט א זאג געטאן מיט א שמייכעלע, וואס האט דערמאנט אן א פאר'דאנה'טע באלעבאסטע, (זייט זיעבען און צוואנ־ציג יאהר איז זי געווען באשעפטיגט מיט צוגרייטען איהר מאנ'ס וועלט־נאמען): — מיין ליעבער, מיר האבען דאך אזוי פיעל פריינד אין וויען.

דער הער ביזא האט געהאלטען זיינע ווייסע הענט, וועלכע זע־נען אלע מאל געווען געפרוירען, אויפ'ן טיש, גלייך ווי ער וואלט זיי אומזיסט וועלען דערווארימען ביים פייער פון זיין אייגענע בא־ריהמטקייט, וועלכע האט געהאלטען ביים אויסגעלאשען ווע־רען: — פריינד, פריינד! — האט ער געזאגט — די פרוי ביזא באהאלט אין איהר אלבום זארגפעלטיג די געזיכטער פון די יעניגע, וואס האבען אונז ליעב, כדי זיי נאכאמאל צו דערקענען, ווען זי דארף זיי האבען אויפס ניי.

— אבער, ליעבסטער פריינד, ווי אזוי רעדסטו דאס! — האט אויסגערופען די מאדאם ביזא, און שפאסענדיג צוגעהאלטען איהר מאנ'ס מויל, בעת זי האט אריבערגעשמייכעלט צו יאאנ'ען.

אויף דעם האָט דער הער ביזאַ געענטפערט ברומענדיג אין דעם טאָן, וועלכער פלעגט אַרויסרופען ענטציקונג ביי דעם אַרויסגעוואַר־פענעם אינטערוויוער: — באַהאַלט בעסער דיין שמייכעלע. מיר זענען נאָך ניט דאָרט. מאַדאַם ביזאַ דאַרף גאָר צום ערשטען אַ קעגענשמייכלען דעם פּאַקענטרעגער.

ווען די טיר האָט זיך געעפענט, האָט דער הער ביזאַ זיך אַליין איבערגעהאַקט און געפרעגט דעם קעלנער, וואָס האָט געוואַרט אין מיטען וואַגאָן, צו וואָס מען האָט געדאַרפט רופען ווען מען קריגט סאַי ווי ניט קיין עסען. יאָאַן, וועלכער איז געזעסען אין דעם אַנדערן ווינקעל אַקעגענאיבער דעם אויסטראַליער, האָט זיך איצטער אויפגעהויבען און זיך פאַרנייגט פאַר אַ זעהר שלאַנקע דאַמע, וואָס איז אַריינגעקומען, און איז געווען אַרומגענומען מיט אַזאַ לאַנגע באַאַ, אַז די עקען זיינע האָבען כמעט אָנגעריהרט דעם דיל.

— אַה, זעה נאָר, גראַף אויהאַזי!... — האָט זי געזאָגט — פאַהרען מיר, הייסט עס, צוזאַמען. איך בין איינגעשטיגען אין מינכען. מיר זענען געווען אין קאַפּ מאַרטין.

— האַהייט פלעגט דאָרט פאַרברענגען יעדען ווינטער — האָט געזאָגט יאָאַן, וואָס האָט אין זיין נאָכמיטאָג אַנצוג זיך געהאַלטען זעהר שטייף (אפשר אַביסעל צו שטייף, ווי זיין שטייגער פלעגט זיין, ווען ער פלעגט באַגעגענען מענשען פון דעם קרייז אין וועל־כען ער איז געבוירען געוואָרען, און פון וועלכע זיין שטעלונג האָט איהם אָבער דערווייטערט): קאַפּ מאַרטין איז אויף דער רוהיגסטער אָרט אויף דעם גאַנצען ים־ברעג.

די פּרינצעסין האָט געענטפערט מיט עטליכע ווערטער, און ווייטער געהענדיג האָט זי געזאָגט: — אָבער איך פרעה מיך שוין מיט אייער קאָנצערט אין דער היים. אַזוי שנעל ווי איך האָב אי־בערגעלייענט דעם „לאַ רומעניע“, האָב איך טעלעגראַפיש באַ־שטעלט בילעטען.

מיט אַ שאָקעל פון קאָפּ, וואָס מען האָט אַזוי ווייניג אָנגעזעהן אַז עס האָט זיך געדאַכט ער האָט בלויז אַ שאָקעל געטאָן מיט די אויגען־דעקלעך, האָט יאָאַן געזאָגט: — האַהייט איז אַזוי ליעבענס־

ווירדיג!... און די פרינצעסין האט זיך געזעצט ביי איינעם פון די טישען מיט איהרעביידע דאמען.

ווען דער קעלנער האט דערלאנגט בוליאן אין שאלען, איז דער זאל שוין געווען פול, און געהערט האבען זיך אלערליי שפראכען, וואס האבען זיך דורכגעמישט איינע אין די אנדערע.

דער הער האאגענמעסטער, וועלכער איז אריינגעקומען אין דער באגלייטונג פון זיין בלוט־יונגען נארד־דייטשען טשעליסט, וועמענס מויל עס איז ניט געווען גרעסער ווי א קארש, האט שוין אין ערגיץ ניט געקענט געפינען קיין פלאץ, און ער האט געפרעגט יאאנ'ען, אויב ער מעג זיך זעצען נעבען זיין טיש. ארויסנעמענדיג זיין זיידען טאשענטיכעל פון ארבעל, האט ער געזאגט: דער שטייג זעהט דאך אוים ווי צו זיין פול מיט געעהרטע קאלעגען. (גערעדט האט ער אין א טאן, ווי די געעהרטע קאלעגען וואלטען געווען נעגענשטאנדען, וואס מען איז געווען אזוי גוט אויסצושטעלען אין שפירוטוס, כדי מען זאל זיי קענען באטראכטען). און ער האט זיך נעגריסט צו דעם דייטשען געזאנדטען פון בוקארעסט, וועמען ער האט געקענט פון דעם קרוינפרינצ'ס הויף אין פאטסדאם. אין דער זעלביגער צייט האט דעם געזאנדטענ'ס פרוי, וועלכע האט געפרעגט איהר מאן, ווער דאס איז, איהם באטראכט דורך איהר לארנעיט, גלייך ווי ער וואלט אויף דעם פאביום שוין אנגעשטעלט די ערשטע טענער פון בראהמ'ס וואריאציאנען איבער הענדעל.

זשאן האי, פון דער פאריזער אפערא האט איבערגעשריגען אלע אנדערע. אין א שלאף־וואגאן שלאפט זיך איהם אויסגעצייכענט, בריליאנט, און ער ווייס איבערהויפט ניט, פארוואס מען זאל אין א וואגאן־ליט ניט קענען שלאפען פונקט אזוי גוט, ווי אין א האטעל. וואס איהם פארדריסט אבער מעהר ווי ער קען דאס ארויסזאגען, איז דאס, (פארענדיגט האט ער זעהר הויך) וואס די וואגאן־ליטס זענען ניט מעהר פראנצויזיש.

מאדאם דע סטיין, זיין קאנצערט־באגלייטערין, וועמענס פנים עס איז געווען אזוי באדעקט פון פודער, אז ער האט אויך געהאנגען

אין איהרע אויגען־ברעמען, האָט געזאָגט: — די געזעלשאַפט וואוינט דאָך אין בריסעל.

דער הער ראַי האָט אָבער געענטפערט: — ניין, ניין, דאָס איז עס טאַקי... גאַנץ שטיל, גאַנץ שטיל האָט זי זיך אריבערגעצויגען קיין בערלין, ווי אַלץ ציהט זיך קיין בערלין. יאַאַן האָט אָנגע־בויגען דעם קאָפּ איבער זיין טעלער, ווען דער דייטשער געזאַנדטער האָט געבעטען דעם קעלנער אין דייטש, אַז ער זאָל ברענגען נאָך צוויי גאָפּלען.

דאָס געשפּרעך האָט זיך פאַרשפּרייט איבער האָטעלען און שלאָפוואַגען. און מאַדאַם דע סטיין האָט געזאָגט: — מיר איז אַלץ איינס וואו איך שלאָף — און זי האָט געקוקט דעם הער ראַי גלייך אין פּנים אריין. — מען קען האָבען אַקוראַט די זעלביגע אַנ־געגנעמליכקייטען אויף דער אייזענבאַהן. ווען הענרי קאָליעט האָט אָבער געפרעגט דעם טשעליסט, וואָס זיין מיינונג איז וועגען די שלאָף־וואַגאַנען, האָט דער יונגערמאַן, וואָס איז פריהער געווען אַ וואונדער־קינד, געענטפערט: — איך בין געוועזן צוויי יאָהר אויף טורנעען.

יאַאַן האָט, אפשר כדי ניט צו דארפען רעדען וועגען בעטען, געשטעלט אַ פראַגע דעם הער האַאַגענעסטער, וועלכער האָט מיט אַ גאָלדענעם בליישטיפט געצייכענט אָרנאַמענטען אויף זיין סער־וועטעל. די אָרנאַמענטען זענען ביסלעכווייז פאַרוואַנדעלט גע־וואָרען אין פאַרבאַרגענע ציפערן, אין ענגעדזשמענטס דאַטען, וועל־כע מען האָט איהם אָנגעבאָטען, און ער האָט זיי שטילערהייט צו־זאַמענגערעכענט.

דער פּיאַניסט האָט אָפּגעלאָזט זיין חשבון און געענטפערט אויף יאַאַנ'ס פראַגע: — ניין, איך שפּיעל קיינמאָל ניט אין יאַגד־סעזאָן. און וועלענדיג דעם געזאַנדטען אריינציהען אין געשפּרעך, האָט ער אָנגעהויבען צו דערצעהלען וועגען זיין לעצטער יאַגד אין גאַליציען, ווען ער איז געווען צו גאַסט ביים ערצהערצאָג פּאול.

דער געזאַנדטער אָבער, וואָס האָט דעם הער האַאַגעמעסטער אויסגעמידען מיט אַ שמייכעלע, האָט זיך געווענדעט צו יאַאַן און

געזאָגט: — גראף אויהאזי, ניט אמת, אז מיר וועלען האָבען דאָס פארגעניגען אייך צו הערען אין בוקארעסט?

באלד נאָכדעם אָבער האָט יאָאַן געהערט ווי דעם געזאַנדטען'ס פרוי האָט געפרעגט איהר מאַן: — איז ער אויך א ווירטאָוז? — גע־זאָגט האָט זי דאָס אין א טאָן, ווי זי וואָלט אין דער שטיל איהם געהאלטען פאר עפּיס א חשוב'ערען מענשען. יאָאַן האָט דערפיהלט ווי זיינע פינגער שפּיצען וואָלטען איהם וועה געטאָן, ווען זי האָט באַריהרט דאָס טישטוך.

די פּרינצעסין, וועמענס טיש עס איז געשטאנען צווישען דעם געזאַנדטען'ס טיש און דעם טיש פון הער און פרוי ביזאָ, און וואו דער שמועס האָט זיך נאָך אלץ געדרעהט ארום האָטעל־בעטען און אייזענבאהן־בעטען, האָט א זאָג געטאָן: — גוט שלאָפען, גנעדיגע פרוי, קען איך אייגענטליך נאָר אין רומעניען.

— אך יאָ — האָט געזאָגט מאדאם ביזאָ, און א פּלוצים'דיג שמייכעלע האָט זיך געגליטשט איבער איהר געזיכט: — מיט דעם האָט איהר רעכט. ווען איך וויל זיך גוט אויסשלאָפען, קען איך דאָס ניט ערגיץ אנדערש נאָר אין לעמבורג.

— מאדאם ביזאָ שלאָפט אומעטום ווי א שטיין אין מיטען פעלד — האָט געזאָגט דער הער ביזאָ.

— יאָ, יאָ, מיין פריינד — האָט די פרוי ביזאָ געזאָגט, און זי האָט פארזיכערט די פּרינצעסין, אז נאָר דערפאר קען זי רוהיג שלאָפען, ווייל זי פיהרט מיט זיך תמיד א קישען פון קרייטיכער, וואָס זי האָט אליין אָפּגעריסען אויף א לאנקע ביי דער סיין נעבען איהר ווילא.

האַאָגעמעסטער, וועלכער האָט זיך אויפגעהויבען און דערמאָנט די פּרינצעסין, אז ער האָט זיך באקענט מיט איהר, ווען זי איז גע־ווען און עהרענדאָמע ביי דער קעניגין עליזאבעט, האָט זיך צוריק־געקעהרט צו זיין פּלאץ און געזאָגט: — די פרוי דארף זיכער ניט קיין אנדער שלאָף־מיטעל ווי איהר מאַנ'ס מוזיק.

און ער האָט גענומען רעדען וועגען דער נייער פראנצויזישער מוזיק, וואָס איז פאר איהם א באווייז פון דער פראנצויזישער דע־

קאַדעניץ. — איהר דענקט דאָך אַזוי ווי איך, ניט אמת? — האָט ער זיך געווענדעט זעהר הויך צו יאַנ'ען.

יאַן האָט געענטפערט: — איך בין אין פראַנקרייך דערצויגען געוואָרען.

און אפשר דערפאַר, וואָס ער האָט זיך געפיהלט געטראָפען פון יאַנ'ס טאָן, האָט ער איהם געזאָגט גלייך אין פנים אריין: — אַ, דאָס הערט מען אין אייער שפּיעלען.

העגרי קאַליעט, וועלכער האָט כסדר געהאַלטען די אויגען אויף דער טיר, האָט אַ זאָג געטאָן צו יאַנ'ען: — דער הער יענס לונד עסט ניט מיט אונז?

זשאַן האַי, וועלכער האָט געהערט האַגעמעסטער'ס ווערטער, און איז געוואָרען רויט ווי פייער, האָט געזאָגט זעהר הויך: — ווענען גאָט וויל שטראָפען, דעם לאָזט ער קומען אויף דער וועלט אַלס האָלענדער.

און מאַמזעל דע סטיין האָט געלאַכט אַזוי, אַז זי האָט מיט איהר סערוועטעל געמוזט פאַרדעקען דאָס גאָלד פון איהרע ציין.

דער האַגעמעסטער, וועמענס שטערן עס האָט זיך אויף איין אויגענבליק צוזאַמענגעצויגען אין אַ פאַלב, האָט געזאָגט צו יאַנ'ען: — און די „אַפּער“ איז די מצבה איבער דער פראַנצויזישער דעקאַדעניץ.

יאַן האָט געענטפערט מיט דער זעלביגער קיהלער העפליכקייט: — און דאָך פאַרמאָגט זי עטליכע פון די גרעסטע קינסטלער פון דער היינטיגער צייט.

די פּרינצעסין, וועלכע האָט ווייזט אויס געוואָלט רעדען, כדי אביסעל שטיל צו מאַכען די צו הויכע שטימען, האָט איהר שטוהל האַלב אויסגעדרעהט צו דעם געזאַנדטען און געזאָגט: — איהר קענט מיך שוין געוויס ניט מעהר, הער פאַן בענקענדאָרף, און פרוי פאַן בענקענדאָרף האָב איך נאָך קיינמאָהל ניט געהאַט דאָס פאַרגעניגען צו באַגעגענען. — דער געזאַנדטער האָט זיך באַלד אויפגעהויבען און געזאָגט, אַז ער האָט איהר האָהייט תכף דערקענט, און ער האָט

פארגעשטעלט זיין פרוי.. זשאן ראי האט זיך אויפגעהויבען פון זיין שטוהל מיט'ן גלאז אין האנט און איז צוגעגאנגען צו די ביזאס:
— אויף פראנקרייך'ס מייסטערשאפט! — האט ער אויסגערופען, און אנגעקלאפט זיין גלאז אין גלאז פון דעם הער ביזא. צוויי יונגע רומענער, וואס זענען געזעסען אין א ווינקעל אקעגענאיבער, האד בען זייערע מיט רינגען באצירטע הענט צוזאמענגעקלאפט, ווי א מין אפלאוז.

דער הער ביזא האט זיך אויפגעהויבען. און נאכדעם ווי ער האט געדאנקט און אין זיין דאנק אויך איינגעשלאסען די צוויי רו־מענער, און גערעדט אזוי, ווי ער וואלט געענטפערט אויף א טאאסט, האט א מאך געטאן מיט דער האנט און געזאגט: — מיר מאכען די לאנגע רייזען, כדי צו באווייזען די וועלט אונזער פיה־רערשאפט.

דער געזאנדטער האט זיך מיט א שמייכעל אנגעבויגען צו דער פרינצעסין און געזאגט: — דא געפינט מען זיך כמעט ווי אויף א רייזע אין א דיפלאמאטישען קארפס.

— כאטש די פארמען זענען אנדערש — האט געזאגט זיין פרוי. און זיי האבען אלע דריי געלאכט און די פרינצעסין האט א זאג גע־טאן: — איך קען מיר גאר ניט פארשטעלען עפּיס שרעקליכערעס ווי דאס, אז מיר וואלטען כסדר געווען אין דעם דיפלאמאטישען דיענסט... ניט אמת? — האט זי צוגעגעבען — די היים בלייבט דאך אלעמאל די היים. און א חוץ דעם, ווען מען האלט אין רייזען פון איין ארט צום אנדערן, און אויף יעדען נייעם ארט באגעגענט מען נייע לעבערליכקייטען, דאן ווערט איינעם צולעצט די גאנצע מענשהייט לעבערליך...

יאאן, וואס האט געהערט דער פרינצעסינ'ס ווערטער, האט זי איין אויגענבליק אנגעקוקט און דער געזאנדטער האט פלוצים א זאג געטאן ערנסט: — דאס איז זעהר וואהר. אונזער לעבען האט אין זיך עפּיס ווי א „קללה", אבער — האט ער צוגעגעבען אין זעל־ביגען טאן — דאס לאנד, וועלכען מען דיענט מיט די בעסטע כוחות, פרעגט ניט ווי גרויס עס איז דער פרייז, וואס דער דיענסט קאסט.

— יאַאַן האָט נאָך אַלץ אריבערגעקוקט צום טיש פון געזאנדטען, און די דינע קנייטשען ארום זיינע אויגען האָבען לייכט געציטערט.

— דאָס איז אמת — האָט געענטערט די פרינצעסין — מיך פרעהט נאָר, וואָס פּאָול קען דיענען רומעניען דורך דעם, וואָס ער פיהרט איין פאַבריקען פון ריבען צוקער.

— אַך, האָהייט! — האָט אַ זאָג געטאָן פרוי פאָן בענקענדאָרף — עס איז ניט אַזוי שלעכט, ווי איהר מיינט. און אויסערדעם ווילען מיר דאָך נאַטירליך שטאַרבען אין דארמשטאַדט. ווען מיין מאַן וועט אַלט זיין זעכציג יאָהר, ווען מיר זיך קויפען אַ הויז אין דער „פרינצעסין אַלעע" און זיך אָפּגעבען מיט קולטיווירען שפּאַרגעל.

— דאָס איז מיין פרוי'ס חלום — האָט געזאָגט דער געזאנדטער.

— גאָט, ווי איך פארשטעה דאָס! — האָט פּלוצים אַ זאָג געטאָן די פרוי ביזאַ הינטער דער פרינצעסין: — פאַר מיר איז אויך ניט פאַראַן קיין גרעסערע פרייד ווי מיין ארטישאָקע אין לע בארג.

די פרוי פון געזאנדטען וועלכע האָט געלאָזט פאַלען איהר לאָרנעט, האָט זיך פּלוצים אַ ווענד געטאָן צו דער פרינצעסין און געזאָגט: — ווייסט איהר, האָהייט, מיר טוט לייד פאַר יענעם יונגענמאַן דאָרטען. — די פרינצעסין האָט נאָכגעפאָלגט איהר בליק און אויך איהרע אויגען האָבען אָפּגעמאָסטען יאַאַנ'ען, בעת פרוי פאָן בענקענדאָרף האָט געזאָגט: — ער מוז זיין ארים.

די פרינצעסין האָט געענטפערט: — אַ, ער איז שוין גאָר ניט אָרים. אָבער איך גלויב, אַז ער טרויערט נאָך זיין פאָטער.

יאַאַן האָט געהערט זיין נאָמען און מיט אַביסעל אַ צו־שנעלער באַוועגונג האָט ער זיך אָנגעבויגען צו הענרי קאַליעט, וואָס האָט גערעדט מיט דעם טשעליסט, און איהם געפרעגט: — וואָס דערצעהלט אייך מר. קאַליעט?

דער טשעליסט, וועמענס אויפפאַלענדע קליינע פּנים'ל האָט געהאַלטען אין אַיין בייטען די פאַרבען, האָט געענטפערט: — מר. קאַליעט זאָגט, אַז ווען ער רייזט, געהט ער באַקוקען אַלץ — מוזעען

און דאס גלייכען. און איך זעה גאר ניט... ווארים מען מוז דאך מאכען איבונגען. ניט אמת?

יאאן האט געשמייכעלט: — איך וויל אייך זאגען, אז הענרי זעהט אויך גאר ניט. ער מאכט איבונגען צעהן שעה נאכאנאנד. און ווען ער געהט ארויס אין גאס, זאגט ער, אז ער בענקט נאך מעלבארן.

הער האאגעמעסטער, וואס האט געגעסען, האט געזאגט איבער דעם טיש אריבער: — נאך וואס קען מען זיך פארבענקען אין מעלבארן?

הענרי האט אויפגעהויבען זיין קאפ: — נאך דער זון — האט ער געזאגט. און ווייט צועפענט זיין מויל: — זי שיינט אין ערגיץ ניט אזוי ווי אין מעלבארן.

— אויב אזוי, וואלט איהר בעסער באדארפט בלייבען אין דער זון — האט געזאגט דער האלענדער, וואס האט צו זיינע יונגע קאר־לעגען גערעדט אין אזא טאן, ווי זיי וואלטען געווען די טרייב־יעגער פון זיינע באקאנטע פירשטען, מיט וועלכע ער געהט אויף יאגד.

— יא — האט געזאגט הענרי קאליעט — דאס וועל איך אויך טאן, ווען איך וועל האבען געזיעגט.

דער האלענדער האט ביי דעם טאן פון זיינע ווערטער אויפ־געהויבען די אויגען: — און וועמען ווילט איהר באזיעגען?

— פארוואס ניט למשל טאקי אייך? — האט געפרעגט יאאן, וואס האט ווידער זיך פארקוקט פאר זיך.

— איך ווינש א גוטען ערפאלג — האט געענטפערט דער פיאניסט און האט אוועקגעלעגט זיין גאלדערנעם בליישטיפט אויף אן אנדער פלאץ.

הענרי קאליעט האט אבער א זאג געטאן באלד (און מען האט געזעהן אז זיינע רונדע אויגען קענען קריגען א מעטאלענע פארב): — אבער די, וואס האבען געזיעגט, פארשטעהען קיינמאל ניט, אז אנדערע ווילען אויך זיעגען.

יאאן האט זיך אפגערופען און זיין קול האט געקלונגען

געדעמפּט: — און די באַזיגטע פאַרשטעהען אויך ניט, העגרי, אַז זיי אַליין האָבען געוואָלט, און אַז די אַנדערע ווילען.

דער טשעליסט האָט האַסטיג אַ קעהר געטאָן זיין יונג געזיכט צו יאַאַנ׳ען און געזאָגט: — זיעג איז דאָך זיעג. — און דערשרע־קענדיג זיך פאַר זיין אייגענעם טאָן, איז ער געוואָרען רויט אין גאַנ־צען ביז אין האַלז אַריין.

—— און געלד — האָט פּלוצים אויסגעשאָסען העגרי, וועמענס האָר עס האָבען זיך צושאָטען.

דאָס האָט ראַי געהערט און ער האָט זיך צולאַכט הויך אויפ׳ן קול: — דער אויסטראַליער איז אַ חכם! — און ניט אויפהערענ־דיג צו לאַכען, האָט ער דורך דעם גאַנצען וואַגאָן גערופען: — פּראַכט, הער ביזאַ! — ער האָט נאָך אַליץ געלאַכט און זיך ווענ־דענדיג צו מאַמזעל דע סטיין האָט ער געזאָגט: — מוטער בי־זאַ׳ס אַרטישאָקען האָבען גאָלדענע בלעטער און פראַנקרייך׳ס באַנק האָט אַ טיעפען קעלער.

מאַמזעל דע סטיין האָט אָבער האַלב אויסגעדרעהט איהר שטוהל און געזאָגט: — גראַף אויהאַזי, איהר אַלס אַן אונגאַר, מוזט דאָך עפּיס וויסען וועגען די דאָזיגע פּאַפּירען. — און זי האָט אָנ־געהויבען צו רעדען פון געוויסע אַקציעס און ווערטה־פּאַפּיערען אין גאַליציען.

מיט איינמאָל האָבען אַלע די געעהרטע קאָלעגען גענומען רע־דען פון געלד, פון באַנדס און פּאַפּירען און פּראָצענטען. אַלע קולות זענען געווען פאַרנומען מיט בערזען און טראַנסאַקציאָנען, נאָר יאַאַן איז געבליבען שטום פאַר דעם לאַרניעט פון דעם גע־זאַנדטענ׳ס פרוי, וואָס האָט ערשטווינט געהאַלטען אין איין קוקען פון איין בערזען־שפּעקולאַנט צום צווייטען — אַלע זיינע קאָלעגען. מאַמזעל דע סטיין האָט איהר שטוהל אין גאַנצען אויסגעדרעהט צו הער האַאַגמעסטער, וועלכער האָט געוואָלט פאַרקויפען מאָנ־טאַנאַ־אַקציען אָדער קויפען ריסילע פּאַפּירען.

זשאַן ראַי האָט אַוועקגעשטופּט זיין טעלער פון זיך, ווייט אויפ׳ן טישטוך אַרויס, און אַריבערגעשריגען צו יאַאַנ׳ען, אַז קיין

זאך איז ניט אזוי גוט און אזוי זיכער ווי צו קויפען באדען אין ניו יארק. — מיין ליעבער — האט ער געזאגט — אמעריקא איז די צוקונפט. מיר וועלען נאך דערלעבען דעם טאג, ווען ניו יארק וועט זיין גרעסער פון לאנדאן. — און ער האט גערעדט פון די גאסען און עוועניוס און בוי פלעצער און וואלקענקראצערס, גלייך ווי ער וואלט פאר זיך אויפ'ן טיש געהאט ליגען אויסגעשפרייט א מאפ פון ניו יארק.

דער הער האאגעמעסטער האט אנגערופען קורסען און האט ארויסגענומען פון זיין האנט-טעשעל א קורס-צעטעל און איהם אויסגעשפרייט אויף א טעלער. מאמזעל דע סטיין האט איהם ניט נעגלויבט, און זי האט זיך אויפגעהויבען פון איהר פלאץ, כדי אליין זיך צו איבערצייגען. ווען זי איז אויפגעשטאנען, האט זי פארשפרייט פון זיך א שטארקען בלאסאם-דופט אין גאנצען וואגאן, און האט שטודירט דעם קורס-צעטעל זייט ביי זייט מיט דעם האלענדער, וואס האט באטראכט איהר בוזים וואס האט שימערירט דורך די שפיצען פון איהר ראזאווע בלוזע. זשאן ראי האט ניט אויפגעהערט צו רעדען פון אמעריקא. עס זענען אויך פאראנען מענשען, וואס לעגען א סך האפענונג אויף ניו ארלעאנס — האט ער געזאגט — אבער מען דארף קיינמאל ניט אריינלעגען קיין געלד אין זאכען, וואס מען קען ניט.

דער הער האאגעמעסטער האט נאך אלץ פארגעלייענט קורסען, און מאמזעל דע סטיין איז געקומען צו לויפען מיט איהר טאשענטוך, וואס איז געווען געבונדען אין גאלד. — ליעבער פריינט, — האט זי געזאגט צום האלענדער — איהר זייט א מאן מיט פארשטאנד. און זי האט זיך גענומען פארשרייבען נעמען פון אקציעס, וואס דער הער האאגעמעסטער האט איהר דיקטירט.

דער גאנצער וואגאן איז געווען אנגעפילט מיט ציפערן, וואס האבען זיך געטראגען איבער די טישען ווי מיקען, און דער הער ביזא האט כסדר געפיהרט אהין און אהער אויפ'ן טיש די צושפרייטע פינגער פון זיינע געפרווירענע הענט, גלייך ווי ער וואלט צונויפגעשארט אונזיכטבארע הויפענס געלד. — אפשר זענען דאס

גזוועזן די דירה־געלדער פון די עפענטליכע הייזער, וואָס דער קאָמ־פאָזיטאָר פון דער צעציליע־לעגענדע האָט פארמאָגט אין די שטעדט פון די דרום־פראַנצויזישע פראָווינצען.

דער הער האַגעמעסטער האָט צוזאַמענגעלעגט זיינע קורס־צעטלען און געזאָגט: — די גאַנצע קונץ פון שפעקולירען, גנע־דיגע פרוי, באַשטעהט דעריין, צו האָבען ווירקליכע פּאָליטישע פארבינדונגען. — דער געזאַנדטער האָט עס געהערט, אַזוי אַז ער האָט פארהערט ווען די פּרינצעסין האָט איהם געזאָגט: — קיין זאַך אין דער וועלט איז מיר ניט אַזוי דערווידער, ווי געלד. איך קען ניט אונטערשיידען צווישען אַ מאַרק און אַ פראַנק.

— גראַף אויהאַזי, אָט איז ער! — דאָס האָט דער אויסטראַליער אַ זאָג געטאָן שטיל, און זיך כמעט גלייכצייטיג אויפגעהויבען.

יאַאן האָט אויסגעדרעהט זיין קאָפּ און געזעהן יענס לונד, וואָס איז געשטאַנען אין דער אָפענער טיר, זיין האַנד האָט זיך אָנגעהאַל־טען ביי דעם ראַהם פון דער טיר. יאַאן האָט ניט אויפגעהערט צו באַטראַכטען די האַנד.

— און דאָך האָט ער ניט קיין אויסערגעוועהנליך געזיכט — האָט געזאָגט הענרי, וואָס האָט זיך אין גאַנצען אריבערגעבויגען איבער דעם טיש. יאַאן, וואָס האָט אויפגעהויבען זיין בליק פון יענס לונדס האַנד צו זיין קאָפּ, האָט באַטראַכט זיין געזיכט, וואָס האָט אויסגעזעהן ווי פארשטאַרט און אומבאַוועגליכקייט פון אָפ־טע און שטאַרק ארבייטענדיגע געדאַנקען.

— זיין געזיכט איז געוועזען צו זיין אינערליכען, הענרי.

— יאַ — האָט געענטפערט דער אויסטראַליער.

און ווען יענס לונד איז זיי פארביי געגאַנגען (ביידע הענט זיי־נע זענען געוועזען צונויפגעדריקט), האָט יאַאן געזאָגט: — ער האָט הענט ווי אַ רודער גאַסט.

— דאָס איז אמת — האָט געזאָגט הענרי. און ווידער געטראָ־פען פון דעם קלאַנג און גראַף אויהאַזי'ס שטים, האָט דער יונגער אויסטראַליער געזאָגט: — ווי איהר באַוואונדערט איהם!...—

און מיט א פלוצים'דיגען איבערגאנג האט ער נאך צוגעגעבען: — מיך פרעהט, וואס עס איז ניטא קיין פיאניסט, וועמען איך זאל אזוי באוואונדערען.

— פארוואס?

— ווייל דאן... — האט געענטפערט דער אויסטראליער און געלאכט און גלייך אויפגעהערט צו לאכען — ווייל דאן וואלט איך אויפגעהערט צו שפּיעלען.

יאאן האט האסטיג א קוק געטאן אויף הענרי קאליעט. דערנאך האט ער ארונטערגעלאזט די אויגען, און געהערט ווי מאמזעל דע סטיין האט איהם געפרעגט: — איהר אינטערעסירט אייך א פּנים גאר ניט מיט קיין קורסען, גראף אויהאזי!

יאאן האט זיך געווענדעט צו איהר און געזאגט: — ניין, גנעדינע פרוי, איך שפּעקוליר קיינמאל ניט. און א חוץ דעם האב איך געקענט ווענינ קינסטלער, וואס זענען געשטארבען רייך.

ביי אלע טישען איז פלוצים געווארען שטיל. מאמזעל דע סטיין האט געמאכט א באוועגונג מיט דער האנט, גלייך ווי זי וואלט וועלען אוועקשארען א האר פון איהר שטערן, וואס עס איז גאר קיין האר ניט געווען. און דער צוג האט פלוצים זיך א טרייסעל געטאן מיט אזא ליארעם איבער אלע אזוי, אז מען האט געהערט אי דעם טרייסלען פון וואגאן און אי דאס קלינגען פון טירען און פענסטער.

דא האט א זאג געטאן זשאן ראי, וועמענס גרויסע, אפענע, הנם אביסעל צו פעטע געזיכט, האט אפגעשפּיגעלט אלע געמיטסבאוועגונגען: — יא, דאס איז אמת... און מאדנע. — און דורך אז אידעען־פארבינדונג האט ער אנגעהויבען דערצעהלען פון א האמעראד, א זיננער, וואס איז ניט לאנג צוריק געשטארבען. — יא — האט ער געזאגט — דאס איז געווען א מערקווירדיגער מענש. נאך פלוצים האט ער זיך צוריקגעצויגען. ווען ער האט געהאלטען אין מיטען א טור אין אמעריקא האט ער אפּגעבראכען — — — און גענומען פיהרען א רוהיג לעבען. מעהר האט ער ניט געוואלט.

— ער איז מסתמא געווען קראַנק — האָט זיך אָפּגערופֿען דער הער האַגעמעסטער.

— הויבט זיך ניט אָן. ער האָט נאָר מעהר ניט געוואָלט. און דערנאָך האָט ער פּלוצעהן יאָהר געוואוינט אין אַ קליינע שטאָדט, פינף שעה רייזע פון ניו יאָרק... האָט גאָר ניט געטאָן. פלעגט נאָך אויפשטעהן יעדען אין דער פריה און געהן שלאָפען יעדען אָוונט צווישען פרעמדע.

אין יאַאַנ'ס שטערן האָבען זיך איינגעגראָבען צוויי קנייטשען, ווי ביי איינעם וואָס זוכט מיט געוואַלד נאָכצופאָלגען אַ געדאַנק.

— נאָך זיין טויט אָבער — האָט ווייטער דערצעהלט זשאַן ראַי — האָט ער געוואָלט אַז מען זאָל איהם ברענגען קיין פראַנק־רייך, וואָרים ווי ווייט מען זאָל ניט האָבען אָוועקגעפאָהרען, אויס־רוהען זיך וויל מען דאָך נאָר אויף דעם „פּער לאַטשעים"...

מאַמזעל דע סטיין האָט אַ זאָג געטאָן (מיט אַ סענטימענטאַ־ליטעט וואָס פּאַסט פאַר גוטע ערטער): — „פּער לאַטשעים" איז דאָך דער שענסטער אָרט אין דער גאַנצער וועלט. אַך, מיין ליעב־לינגס מאָנומענט, איז יענער מיט דעם טרויערענדען געניס... דאָס איז אַ גאַנצע דראַמע... אַ יונגערמאַן... אַ יונגערמאַן פון דער צייט פון דער אימפּעריע, דער איינציגער זוהן... איך האָב גע־הערט אַז זיין פאָטער איז געווען אַ מיניסטער, און אין איין שענעם טאָג האָט ער זיך דערשאָסען — אָהן וועלכען ניט איז גרונד. קיינער האָט ניט געוואוסט די סבה. און ער איז אַלט געווען דריי און צוואַנציג יאָהר.

יאַאַן האָט אַ דרעה געטאָן זיין קאָפּ, וואָס ער האָט געהאַלטען אָנגעשפּאַרט אויף זיין האַנט — ווייסט איהר ווי ער האָט געהיי־סען ? — האָט ער געפרעגט.

— ניין — האָט זי געענטפערט. — אָבער פאַר אונז, פרויען, איז עס דער געהיימסטער פאַרלאַנג צו קענען אַמאָל אַזאַ מאַן.

זשאַן ראַי האָט ניט אויפגעהערט צו לאַכען און געזאָגט: — דאָס קענט איהר דאָך דערגרייכען.

מאמזעל דע סטיין האט געמאכט א באוועגונג מיט די אקסעל און געזאגט: — פפוי, מאכט ניט חוזק. איך זאג אייך, אז איך קען טיילמאל זיך אויפכאפּען ביינאכט פאר שרעק, אז אט־אט קען איך אין דעם זעלביגען אויגענבליק שטארבען, און דאס נאך אין א האָ־טעל.—פרוי פאן בענקענדארף האט זיך באלד אויסגעדרעהט אזוי שנעל, אז איהר ארעם האט ארונטערגעריסען דאס טישטוך פון טיש.

— מאדאם — האט געזאגט זשאן ראי און דאס טישטוך צוריק ארויפגעלעגט אויפ'ן טיש פון געזאנדטען — שענע פריינדין — האט ער געזאגט צו מאמזעל דע סטיין: — איהר וועט שטארבען אלס אכטציג יעהריגע אין פינף און זיבעציג יאהר ארום.

מאמזעל דע סטיין האט זיך ווידער געווענדט צו יאאנ'ען און געפרעגט: — גראף אויהאזי, ווען וואלט איהר אם ליעבסטען וועלען שטארבען.

יאאן האט געקוקט אויף יענם לונד, וועלכער איז געזעסען צווי־שען די צוויי רומענער און האט געגעסען ווי איינער, וואס גיט זיך די מיה שען צו עסען, נאר צייטענווייז פארגעסט ער זיך. — איך? — האט ער געפרעגט — איך וואלט וועלען שטארבען אין א טאג ווען איך וועל זיין ביים פולען פארשטאנד.

מאמזעל דע סטיין האט געמאכט דיזעלביגע באוועגונג מיט די פלייצעס ווי פריהער: — גראף אויהאזי, איך וויים גאר ניט... איהר זאגט עפּים זאכען, ווי איהר וואלט געוועןן דער געשפענסט אין א קאמעדיע.

דער הער האאגעמעסטער האט זיך פלוצים דריי מאל א גלעט געטאן איבער'ן שטערן מיט דער לינקער האנד, בעת זשאן ראי האט איהם געקוקט גלייך אין פנים אריין: — ווייסט איהר? — האט ער געזאגט און אין זיינע אויגען האט זיך באוויזען אן אויס־דרוק פון שרעק, וועלכען ער האט גלייך פאריאגט: — איך ביז דערביי געוועןן אין א לאנדאנער טעאטער, ווען מר. טהאמפּסאן איז משוגע געווארען. ער האט געשפּיעלט, געשפּיעלט זעהר פארניג־פטיג און פלוצים — אין א סצענע... אין מיטען פון א דיאלאג איז ער אויפגעשטאנען פון זיין שטוהל און איז ארוים הינטער די קו־

ליסען — — און איז געווען משוגע. איך וועל דאָס קיינמאָל ניט פארגעסען — האָט ער פאַרענדיגט. יענס לונד האָט אויפגעהערט צו עסען. ער איז געזעסען מיט דעם קאָפּ אויסגעשטרעקט פאָר־אויס און מיט אַן אויסדרוק אין די אויגען ווי מען זעהט דאָס ביי א בייזען ווינדהונט.

די פרינצעסין האָט געזאָגט צו זשאַן ראַי: — יאָ, דאָס האָט געמוזט זיין שרעקליך. מיין קוזינע האָט מיר דערצעהלט דערפון... זי איז אויך דערביי געווען

— האָהייט! — האָט געזאָגט דער זינגער — דאָס איז געווען שרעקליך! — און נאָכדעם ווי ער האָט כמעט ווי מיט געוואַלד גע־ביטען דעם טאָן, האָט ער געזאָגט אַז ער קען איהר האָהייט, פרינצע־סין סטורדזאַ זעהר גוט פון דער אָפּערא, וואו מיר קענען אַלע אונ־זערע אבאָנענטען. די אָפּערא איז ניט דער איינציגער אָרט, וואו זי האָט געזעהן זשאַן ראַי — האָט געענטפערט די פרינצעסין. אור־מעטום וואו עס איז נאָר מעגליך געווען האָט זי געהערט זיין „לאָהענגרין". זשאַן ראַי האָט זיך פאַרנייגט, און מיט אַמאָל האָט ער אָנגעהויבען אַזוי הארציג צו לאַכען, אַז דער נעזאַנדטער האָט אויך געמוזט שמייכלען.

— אין ענגלאַנד האָט מען פון מיין „לאָהענגרין" געצייכענט א קאַריקאַטור. און דאָס איז דאָס ליעבסטע, וואָס איך האָב ווען עס איז געזעהן.

אויך פרוי פאַן בענקענדאָרף האָט געזעהן די קאַריקאַטור, און ניאָ ווילענדיג האָט זי געמוזט לאַכען. און די פרינצעסין האָט זיך אָפּגערופען: — אָבער מיין קוזינע, די גרעפין גרעפּפּילהע, האָט מיר דערצעהלט פון אייערע אייגענע צייכענונגען, הער ראַי.

— אָך, יאָ — האָט געענטפערט זשאַן ראַי. — איך אליין קי־צעל אויך אַביסעל אויפ'ן פּאַפּיר.

מאַדאַם ביזאָ, וואָס האָט געהאַלטען אין איין שמייכלען צו דער פרינצעסין, וועמענס נאָמען זי האָט געהערט, האָט א זאָג געטאָן ווי איינע, וואָס מען פרעגט זי גאָר ניט: — דעם הער ראַי'ס אלבומס זענען באַריהמט אין גאַנץ פּאַריז.

מאמזעל דע סטיין האט געזאגט: — דער הער ראי פיהרט זיי מיט זיך אין זיינע קופערטס.

— און אויב איהר ווילט, קען איך זיי אייך ווייזען — האט א זאג געטאן ראי אהן פארמאליטעטען און איז ארויסגעגאנגען ברענגען די ביכער. דא האט דער הער האאגעמעסטער א זאג געטאן צו יאאנ'ען: — זינגער קענען אלע מאל געפינען צייט פאר א סך זאכען...

און פרוי ביזא, אויף וועמענס געזיכט עס האט נאך אלץ געשפיעלט דאס זעלביגע שמייכעלע פון פארלעגענהייט, האט אנגעהויבען צו דערצעהלען פאר דער פרינצעסין, אז איהר מאן, דער הער אדאלפע ביזא (און דערביי האט זי געמאכט א באוועגונג, גלייך ווי זי וואלט פארשטעלען איהר מאן), איז די גאנצע צייט באשעפטיגט מיט שרייבען זיינע עראינערונגען. — דאס ערגסטע איז אבער — האט זי פארענדיגט — וואס מען לאזט אונז קיינמאל ניט צורוה. ווי איך טענה אפט, אז מיר האבען גאר ניט באדארפט אנהויבען מיט דעם דיריגירען.

די פרינצעסין, וואס האט ניט רעכט געוואוסט, וואס זי זאל ענטפערען, האט געזאגט: — לײדער האט רומעניען נאך קיינמאל ניט געהאט דעם כבוד, אז דער הער ביזא זאל זי באזוכען.

— ניין — האט געענטפערט מאדאם ביזא. און זי האט געמאכט אזא באוועגונג מיט דעם שמעכטיגען אויבערטהייל פון איהר קערפער, ווי זי וואלט א שלעפ טאן צו זיך די ווענדקע, מיט וועלכער זי פלעגט יעדען זונטאג כאפען פיש אין דער סעין. — ניין, דארטען זענען מיר נאך ניט געווען. מיר האבען אבער ביידע אזוי פיעל געהערט פון אייער שענעם לאנד, פון דעם הערליכען רומעניען.

זשאן ראי איז צוריקגעקומען מיט זיינע סקיצען־ביכער און איינס פון זיי האט ער דערלאנגט צו דער פרינצעסין. זי האט עס געעפענט: — א — האט זי אויסגערופען — דאס איז פון רומעניען. — און נאכדעם ווי זי האט איבערגעמישט עטליכע בלעטער, האט זי אנגעהויבען צו לאבען. — הער ראי, דאס איז אויסגעצייכענט. דאס איז בריליאנט. טאקע פונקט אזא אויס־

דרוק האָט איהר מאַיעסטעט, ווען זי לייענט פאַר פאַר איהרע הויפדאַמען די טעקסטען פון איהרע אָפּעראַס.

פרוי פאָן בענקענדאָרף האָט אויך געוואָלט זעהן און זיי האָבען ביידע געלאַכט. אַנגעבויגען איבער דעם בילד, וואָס האָט פאָרגעשטעלט ווי קאַרמען סילוויאַ זיצט אויף אַ דריי פיסיגען שטוהל הינטער אַן אייזערנע פאַרצוימונג אין מיטען דעם שלאָס־הויף, איינגעהיעלט אין אַ טאָגאַ און באַקראַנצט מיט אַ לאָר־בער קראַנץ און זי שפּיעלט עפּיס פאַר אויף אַ האַרמאָניקאַ פאַר דעם רומענישען אדעל, וואָס הויבען ענטציק די פיס און אין זייערע נאַציאָנאַלע קאָסטיומען, אַזוי אַז מען קען אַרויסזעהן די דורכגעלעכערטע זוילען פון זייערע סאַנדאַלען.

— הער ראַי, איהר וועט מוזען מאַכען אַן אויסשטעלונג אין בוקאַרעשט — האָט געזאָגט די פּרינצעסין און געלאַכט נאָך הע־כער. ווען זי האָט אָבער אויפגעהויבען איהרע אויגען און איהר בליק איז געפאַלען אויף איהרע לאַנדסלייט אַנגעטאָן אין די סמאָוקינגס, וועלכע האָבען אָנגעשטעלט די אויגען (איינעם פון זיי האָט זי געקענט. ער איז געוועזן דער זוהן פון אַ בראַנפענהענדלער אין קאָנסטאַנצאַ) האָט זי אַ זאָג געטאָן:

— איהר האָט גאַנץ רעכט, הער ראַי, איהר מאַיעסטעט איז אויסערגעוועהנליך מוזיקאַליש. — און זי און פרוי פון בענקענ־קענהאָרף האָבען אין זעלבינגען אויגענבליק באַקומען דעם זעל־בינגען אויסדרוק אין געזיכט. די סקיצען־ביכער זיינען ביים טיש איבערגעגאַנגען פון האַנד צו האַנד און אַלע האָבען זיי גע־לאַכט איבער די לעכערליכקייטען פון אַלע נאַציאָנען.

— אַ יאַ, אַ יאַ — האָט אויסגערופען קאַליעט, און פאַר לאַכען זיך געקלאַפּט מיט די הענד אויף די ספּאָרטישע פיס: — פון דעם בילד האָב איך געהערט... קוקט עס אַן, איך בעט אייך, גראַף אויהאַזי. קוקט עס אַן...—דאָס בילד האָט פאָרגעשטעלט שירמאַנ׳ס קאַרוסעלע, ביי וועלכע עס האָבען זיך געפונען דער הער שירמאַן יאַ־ניטשאַר און דער הער שטראַקאָף האָט געבלאָזען אויף דעם טראָמ־פּייט און ענגלענדער און יענקים און שפּאַניער און דייטשען האָבען

זיך געלאזט אויף דעם קארוסעל, און צום לעצט זענען געקומען צוויי
האלענדער.

— קוקט נאר אן די קעסעל פויק! — האט אויסגערופען קאַ־
ליעט. — די קעסעל פויק איז דעניש. — אויף דער קעסעל פויק האט
געבראַבאַנעוועט א קליין מענשעלע, ביי וועמען די האר האבען
ארונטערגעהאנגען איבער דעם שטערן און די טראפענס שוויים זענען
געהאנגען אונטער די נאז. ער האט געפויקט מיט זיינע קרומע פיס.
אויף דער פויק איז געשטאנען: „די דענישע פרעס".

אלע האבען געלאכט, יעדער פארטיעפט אין א בוך. די קעלנער,
וועלכע האבען דערלאנגט שפארגעל, זענען געבליבען שטעהן און
האבען פון דער זייט אריבערגעקוקט איבער די פלייצעס פון די
הערען און דאמען אויף די צייכענונגען.

— דאס איז א זינד! — האט אויסגערופען מאמזעל דע סטיין,
— דענעמארק איז רייצענד. דאס איינציגע לאנד וואו די פרעס
וויים ווי אזוי צו שעצען די קונסט.

זשאן ראי האט זיך צולאכט: — איך וואג צו באהויפטען —
האט ער געזאגט — אז דענמארק איז דאס איינציגע לאנד, וואו מען
האט מאמזעל סטיין גענומען ערענסט.

— זשאן...

זשאן ראי האט אבער וייטער געזאגט: — אזוי ווייניג ערענס־
האפטיגעס האט מען דארטען צו דענקען...

הענרי קאליעט האט פלוצים אויפגעהערט צו לאכען און זיך
געווענדט צו מאמזעל דע סטיין: — איז עס אמת, ווי איך האב גע־
הערט, אז מען דארף נעמען קאפענהאגען פאר אמעריקא?

— אט די מוזען מסתמא זיין פרייסען, ניט אמת?—האט דער גע־
זאנדטער זיך געווענדט צו זשאן ראי, און אנגעוויזען אויף א ציי־
כענונג, אויף וועלכער עס האבען מארשירט א רייה מאנספארשוינען
אלע אין דעם גלייכען טראט, אין גלייכע אנצוגען, מיט גלייכע רו־
קענס און גלייכע בערד, ווי זיי וואלטען אלע מארשירט ווי אויף
באפעהל. דער טשעליסט פון צפון דייטשלאנד האט געלאכט איבער
א צייכענונג, וואס האט געהייסען „באך־באגייסטערונג" און וועל־

כע האָט פאַרגעשטעלט, ווי גענעצדיגע דזשענטעלמענען זיצען ביים ראַנד פון אַ לאָזשע און אַפּלאַדירען דעם הער באַרוויק, וואָס שפּיעלט אַזוי אויסגעהענדיג, אַז זיינע פינגער ריהרען קוים אָן די קלאַווישען.

זשאַן ראַי האָט אַ זאָג געטאָן: — אין דער אמת'ן באַוואונדער איך די דייטשען.

— דאָך ניט בלינדערהייט — האָט געזאָגט דער געזאַנדטער און געשמייכעלט.

— עס איז לייכט צו זיין זעהענדיג — האָט געענטפערט זשאַן ראַי — ביז צו אַ געוויסען גראַד זעהענדיג, ווען מען באַטראַכט אַלץ פון אַ האָטעל־פענסטער. — — ניט אמת, אויהאַזי? — און ער האָט צוגעווענדט זיין געזיכט צו יאַאַ'ען. — מיר, וואָס מיר האַלטען אין איין אַרומפאָהרען, מיר זעהען שטענדיג דאָס לעבערליכע, ווייל מיר קענען קיינמאָל ניט אין גאַנצען פאַרשטעהן די געפיהלען פון אַנדערע.

יאַאַן האָט אַ שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ און פרוי פאָן בענקענדאָרף האָט געזאָגט צו זשאַן ראַי: — מיר דאַכט, אַז איהר זענט גערעכט...

— הער פאָן בענקענדאָרף — האָט געזאָגט זשאַן ראַי, און זיין שטאַרק און פרעהליך פּנים האָט פּלוצים באַקומען אַ מיעד אויסזעהן, ווען ער האָט אָנגעוויזען אויף די סקיצען־ביכער: — דאָס וואָס מען ק ע נ ז ע ה ן ד אָ ס אַ ל ע ס, דאָס מאַכט איינעם היימאַטסלאָזען אויף דער ערד.

— יעדער האָט דאָך זיין פאָטערלאַנד, צו וועלכען ער קעהרט זיך אום צוריק — האָט געענטפערט דער געזאַנדטער.

יאַאַן האָט צוגעמאַכט דעם סקיצען־בוך, וואָס איז געלעגען פאַר איהם, ניט וויסענדיג, אַז ער טוט עס. און אַרום איז פּלוצים שטיל געוואָרען ווען זשאַן ראַי האָט אַ זאָג געטאָן: — יאָ, מאַמזעל דע סטיין איז געבוירען געוואָרען אין רו דע ר'אַבע דע ל'עפּע, און זי זאָגט אַז אויף יענער גאַס וועט זי זיך קויפען אַ דאַך, כדי אונטער איהם צו שטאַרבען.

— ליעבער פריינד — האט געזאגט מאמזעל דע סטיין — דאס איז גאר ניט אזוי לעכערליך. — רו דע ל'אבע דע ל'עפע ליגט גלייך נעבען דעם גארטען פון לוקסעמבורג, וואו איך פלעג זיך שפּיעלען, ווען איך בין געווען א קליין מיידעלע. — יאאן האט אנגעשפארט זיין קאפּ אן דער וואנט און צוגעמאכט די אויגען. זיינע לאנגע וויהעם זענען געלעגען ווי א ברייטער שווארצער באנד אונטער די ווייסע אויגען דעקלאך.

— נו יא, נו יא, מאמזעל דע סטיין — האט געזאגט זשאן ראי — וועט איהר דאך קומען אמאל אויף א וויזיט צו מיר אין מארסעל. ווארים דארטען וועל א י ך מיר קויפען א הויז ווינטער, ביים האפען, אויפ'ן רוקען פון א בערגיל, איך וויים גענוי דעם פּלאץ... — ער האט פלוצים געענדערט דעם טאן. — איך קום, הייסט דאס, פון מארסעל, האהייט— און ער האט זיך לייכט פארנייגט. — און גלויבט מיר, ווען איך זינג צום בעסטען, דאן דאכט זיך מיר אלץ, ווי איך וואלט געהערט א דרום פראנצויזישע מעלאדיע... וואס סופלירט מיר ערגיץ דארטען טיעף אין מיין ברוסט...

— אויך אין לאהענגרין? — האט געפרעגט די פרינצעסין מיט א שמייכעל.

— אויף מיין ווארט ווי יא — האט געענטפערט זשאן ראי. — און דערפאר טאקע איז דאן זשאסע מיין ליעבסטע ראלע.

דער געזאנדטער און זיין פרוי האבען זיך אויפגעהויבען און הער פאן בענקענדארף האט דערלאנגט זיין האנד צו זשאן ראי.

— צום ווידערזעהן! — האט ער געזאגט און געשמייכעלט צו יאאנ'ען, וואס האט זיך א כאפּ געטאן, ווי מען וואלט איהר אויפגעוועקט פון שלאף. און הער און פרוי פאן בענקענדארף זענען ארויסגעגאנגען.

— ער מאכט אייגענטליך זעהר א גוטען איינדרוק,—האט פרוי פאן בענקענדארף געזאגט וועגען זשאן ראי, ווען זיי זענען געגאנגען דורך דעם קארידאר. — אבער אויף גראף אויהאזי האב איך עפּים רחמנות — האט זי צוגעגעבען — מיט דער צייט מוז מען דאך פּשוט משוגע ווערען אין אזא געזעלשאפט.

די פּרינצעסין האָט זיך אויפגעהויבען און אזוי ווי דער מאָהל־צייט אין דעם אייזענבאהן־וואגאָן איז האָך שוין געוועזען געענדיגט, האָט זי זיך גאַנץ פרעמד געגריסט פון ביידע זייטען, גלייך ווי זי וואָלט מיט אַט די אלע הערען און דאמען קיין פינף ווערטער ניט גערעדט. פּלוצלונג אָבער, ווען זי איז שוין געוועזען ביי דער טיר, האָט זי זיך געווענדעט צו איינע פון איהרע דאמען און געזאָגט: — אַך, עס וואָלט געוועזען פיין ארונטערצונעמען אַ בילד. און אין דעמזעלביגען מונטערן און פריימוטיגען טאָן ווי ביים עסען, האָט זי אַ זאָג געטאָן: — מיינע דאמען און הערען, מעג איך שיקען נאָך מיין אַפּאַראַט? — יאָאָן האָט אַ ציטער געטאָן. די פּרינצעסין האָט צוגעגעבען: — עס קומט פאָר אזוי זעלטען, אז מען זאָל זיין צוזאַמען מיט אזוי פיעל איירָאָפּעאישע באריהמטהייטען!...

אלע האבען געענטפערט מיט איינמאָל. ווען איינע פון די דאמען האָט געבראכט דעם אַפּאַראַט, און די פּרינצעסין האָט געזאָגט צו דעם זוהן פון בראַנפענהענדלער, מיט וועמען זי האָט גערעדט אזוי העפליך, ווי מען רעדט צו אַ געפּעק־טרעגער אויף אַ באַהן־סטאַנציע: — הער בראַצי, ווען איהר זאָלט שטעהן זעהר פעסט, וואָלט איך קענען האלטען מיין אַפּאַראַט אויף אייער פּלייצע. — מען האָט געבראכט דעם אַפּאַראַט און אלעמענס בליקען האָבען זיך געווענדט צו דעם רומענער, וועמען די פּרינצעסין האָט אוועקגעשטעלט אזוי, ווי ער וואָלט געוועזען אַ געשטעל פון אייזען. דער הער און פרוי ביזאַ האָבען געמוזט בייטען זייערע פּלעצער און זעצען זיך ביים טיש, וואו די פּרינצעסין איז פריהער געזעסען. דאָרט האָט זיך פרוי ביזאַ געזעצט ענג לעבען איהר מאַן און ארויפגעלעגט איהרע ביידע הענד אויף זיין פּלייצע. „עס ווערט אויסגעצייכענט, אויסגעצייכנט... העכסט אינטערעסאַנט“ האָט געזאָגט די פּרינצעסין, וואָס האָט ארייגעקוקט אין שפּיעגעלע פון אַפּאַראַט און זיך געווענדט צום צווייטען אין סמאָוקינג: „איהר וועט אלזאָ באַזאָרגען דאָס ליכט“ האָט זי געזאָגט. „איהר האָט דאָך דאָס שוין מסתמא פריהער אמאָל געטאָן“. דער יונגערמאַן האָט געזאָלט אַנצינדען דאָס מאגנעזיום־ליכט און זיינע פינגער האָבען געציטערט. אויסגעציי־

כייַנט, אויסגעצייכענט!" האָט די פּרינצעסין ווידער אויסגערופען. די דאַמען און די הערען זענען געווען אויסגעשטעלט. ביים אויבערשטען טיש האָט דער יונגער טשעליסט ארונטערגעלאָזט זיין קאָפּ (וואָס איז געווען פארקעמט מיט א שרינט אין מיטען), ווי א מאַנדאָלענע, און מאַמזעל דע סטיין האָט געעפענט דאָס מויל. פון איהר רונדען געזיכט, וואָס איז געווען געווענד ארויף צו, ווי דאָס מויל איז דער טראַגישער מאַסקע, און מיט דער לינקער אויפגעהויבענער האַנד, האָט זי אויסגעזעהן ווי זי וואָלט זיך וועלען וועהרען געגען אן אומזיכטבאַרען שלייער. יענס לונד אָבער, וועלכער איז נאָך ניט פארטיג געווען מיט זיין מאָהלצייט, האָט פּלוצים אויפגעהערט צו עסען, און אריינגעשטעקט ביידע הענד אין די קעשענעס.

„אויסגעצייכענט, אויסגעצייכענט!" האָט אויסגערופען די פּרינצעסין און זיך ווידער אָנגעבויגען כדי אריינצוקוקען אין שפּיגעל. דער אויסטראַליער, וועלכער האָט מיט ליעבע געוואָלט לאָזען פאָטאָגראַפירען זיינע ספּאָרטישע פיס, ווייל איינמאָל האָט מען איהם אין א רעקלאַמע פאָרגעשטעלט אלס א ספּאָרט־מענש, האָט זיך געזעצט אַזוי, אז זיינע פיס האָבען אריבערגעהאַנגען איבער דעם רוקען פון א שטוהל. „און איהר, גראַף אויהאַזי, איהר", האָט געזאָגט די פּרינצעסין און זיך פּלוצים אָפּגעשטעלט. יאַאַנ'ען האָט מען ניט ארויסגעזעהן. אפשר האָט ער ניט געוואוסט, אז דער אויסטראַליער, דער ספּאָרטסמענש, פאַרדעקט איהם.

„איצט!" האָט אויסגערופען די פּרינצעסין, און ווען דאָס ליכט האָט א בליץ געטאָן האָבען אלע צוזאַמענגעציטערט, און מאַמזעל דע סטיין האָט א קוויטש געטאָן. א געדיכטער רויך האָט זיך פערשפּרייט איבער דעם וואַגאָן, און די פּרינצעסין איז ארויסגעלאָפען מיט „א שענעם דאַנק, מיינע הערען" און צוגעקלאַפּט הינטער זיך די טיר, גלייך ווי זי וואָלט גאָר ניט געהאַט קיין אהנונג, וואָס פאַר א שטערונג זי האָט ארויסגערופען.

— הם — האָט א זאָג געטאָן זשאַן ראַי און באַשיצט זיין טענאָר מיט א באַטיסטען טאַשענטיכעל. „דאָס אלץ מוז מען פארליעבנעמען, ווען מען וויל זיך האַלטען אָפען אין בוקאַרעסט". און פלר־

צים מיט אַ כעס (געריצט פון דעם רויך און פון דעם צוג) מיט אַ כעס איבער דער ערנידערונג, וואָס זיי האָבען אומבאַשטימט דערפיהלט און צו דעם וואָס זיי זענען אויסגעזעצט אַלס פּראָפּעסיאָנאַלען, האָבען זיי אַלע מיט אַן אנדער טאָן אָנגעהויבען צו רעדען, אין דער צייט וואָס דער רומענער האָט געמאַכט אַ פּאַרזוך צו רייניגען זיינע פאַרשוואַרצטע פינגער.

מאַמזעל דע סטיין האָט אַ זאָג געטאָן אַזוי הויך, אַז די הויפדאַמען, וואָס האָבען דער פּרינצעסין נאָכגעטראָגען דעם קאַסטען האָבען עס געקענט הערען: — גאָט, הלואי וואָלט איך געקענט זיך אויסלערנען צו זיין האַלב אַזוי אומפאַרשעמט, ווי דער סאָרט מענשען.

ווען זשאַן ראָי איז אָבער פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי דעם הערהאָגעמעסטער, האָט ער אַ זאָג געטאָן צום האָלענדער: — איהר, מיין הער, זענט מסתמא שוין געוועהנט דערצו, אַז מען זאָל אין די הויפען אייך פאָטאָגראַפירען.

ווען יאַאָן און דער אויסטראַליער האָבען זיך צוריקגעקעהרט דורך דעם קאָרידאָר, איז דער אימפּרעסאַריאָ לעדאָק געקומען צו לויפען זיי אַקעגען. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ פּעלץ און אַ וואָלענעם העמד. קיין צייט צום עסען האָט ער קיינמאָל ניט געהאָט. אויף רייזען פלעגט ער ערלעדיגען זיינע צייטונגס אויסשניטען און זיין קאָרעספּאָנדענץ: — קען מען אין דעם פאַרשאָלטענעם צוג קריגען אַ שניצעל? — האָט ער אויסגערופען און איז ווייטער געלאָפען.

הער און פרוי בּיזאַ האָבען זיך געקריגט הינטער אַ האַלב צוגעמאַכטער טיר, אין דער צייט וואָס זיי האָבען געבּרענגט אין אָרדנונג זייער געפּעק, וואָס איז הויפּטזעכליך באַשטאַנען פון אַהן אַ שיעור געשטרייפטע וואָלענע טיכער.

— עס איז אָבער ווי איך זאָג אַלע מאָל, — האָט געשריען דער הער בּיזאַ — האָב איך מיך אפשר אַרויפגעדרענגט? אָדער מען אַכט זיך אַליין אָבער מען טוט עס ניט. אַט דער סאָרט מענשען

באהאנדלען איינעם אזוי, גלייך ווי מען וואלט געווען א קראקאדיל אין זשארדען דע פלאנטע.

— ליעבער ביזא... רייזען מיר אפשר ארום פאר אונזער פאר־געניגען ווענען?... איהר אנקעל איז פרעזידענט אין דער „גע־זעלשאפט פאר מוזיק.

— אומזין. פון וואנען ווייסטו דאס?

— אדאלפע, דו ווייסט דאך, אז איך האב א גוטען זכרון. איך האב געהערט איהר נאמען און מיר האבען דאך פאר א יאהרען מיט זיי קארעספאנדירט.

דער אויסטראליער האט אנגעהויבען צו לאכען, און יאאן איז נעגאנגען ווייטער. די פרינצעסין איז געזעסען ביי אן אפענע טיר אין א ים פון זיידענע קישענס פון לילא קאליר. דאס גאנצע קופע האט געשמעקט פון ווערווין, מיט וועלכען זי האט זיך געוואשען, כדי עס זאל זיך פון איהר ניט שפירען דער גערוך פון רויך. זי האט אויפגעהויבען איהר געזיכט פון בוך, און ווען זי האט דערזעהן יאאנ'ען, האט זי א זאג געטאן: — עס איז ניט געווען ישען פון אייך, גראף אויהאזי, וואס איהר האט ניט געוואלט שטעהן מיט אלע אויף מיין בילד.

יאאן האט געענטפערט: — האהייט, איך געהער ניט צו די אייראפעאישע באריממטהייטען.

די פרינצעסין האט געשמייכעלט און געזאגט (און דאס האט געזאלט זיין א קאמפלימענט): — וואו געהערט איהר יא?

איבער יאאנ'ס געזיכט איז פלוצים דורכגעלאפען א ציטער, און ער האט געזאגט: — דאס איז אמת, האהייט, אין ערגיץ ניט.

פרינצעסין סטורדזא האט איהם געוואלט אויפהאלטען, און גע־ריהרט פון עפיס אין זיין שטים האט זי איהם גערופען. יאאן איז שוין אבער געהאט אוועק ווייטער.

ער איז געזעסען מיט א בוך אין דער האנד, ווען הענרי קאליעט איז אריינגעקומען. דער אויסטראליער האט זיך געזעצט, באזועגט אומרוהיג מיט זיינע ספארטישע פיס אהין און אהער און זיי

פאַרוואָרפּעוּ איינעם איבער דעם אַנדערן. — איהר לייענט? — האָט ער געפרעגט, און נאָך אַלץ באַוועגט מיט זיינע פּיס.

— ניין.

— וואָס פאַר אַ מאַסע נאַריִשקייטען מען האָט האָס צורעדט.

— יאָ.

— אָבער ראַי איז אַ גרויסאַרטיגער צייכנער.

— יאָ.

— ער וואָלט פון דעם געקענט לעבען.

— זיכער.

דער אויסטראַליער האָט נאָך אַלץ געשאַרט מיט זיינע פּיס:

— ווייסט איהר, וואָס איך האָב געטראַכט ווען מיר האָבען געגעסען?

— ניין.

— אַז איהר האָט אויגענטליך באַדאַרפט זיצען ביים טיש פון די אַנדערע.

— פאַרוואָס?

— ווייל איהר זענט דאָך אַ גראַף... כאָטש איהר שפּיעלט.

יאָאַן האָט נאָר געקוקט פאַר זיך. דערנאָך האָט ער אַ זאָג געטאָן: — דאָרט איז זיכער אויך ניט געווען קיין פּלאַץ פאַר מיר.

אַלץ וועגען וואָס מען האָט גערעדט ביים עסען האָט ווי אַ מיש־מאַש זיך געטראָגען אין הענרי קאָליעט׳ס שנעל אַרבייטענדיגען מוח. און ווען ער איז אין זיינע געדאַנקען ווידער צוריקגעקומען צו זשאַן ראַי, און צו דעם, וואָס ער האָט געזאָגט וועגען די דרום־פראַנצויזישע מעלאָדיען, וואָס זינגען אין איהם, האָט ער אַ זאָג געטאָן: — אויסטראַליען וועט אויך אַמאָל קריגען אַן אייגענע מוזיק... מוזיק וואַקסט אַרויס פון דער ערד, פון דער ערד אין די מענשען אַריין. ניט אַזוי? עס וועט אָבער נאָך לאַנג דויערען, וואָרים מענשען מוזען פריהער האָבען געוואוינט אַ לאַנגע צייט אויף איין אָרט.

הענרי קאָליעט האָט באַטראַכט זיינע אייגענע שטיוועל: — אָבער — האָט ער געזאָגט — אַזוי לאַנג ווי די אויסטראַלישע טע־נער וועלען ניט קומען פון דער ערד, אַזוי לאַנג וועלען די אויסטראַ־

ליער אויך ניט זיין קיין אמת'ע מוזיקער. ניט? אדער פאר־שטעהט איהר ניט, וואס איך מיין?

יאאן האט זיך פארקוקט אין דער פוסטקייט. — דאך, הענרי — האט ער געזאגט, און זיך ניט א ריהר געטאן.

דער אויסטראליער האט צונויפגעקלאפט זיינע קנאפעל און גע־זאגט: — אבער דערפאר קען מען דאך גאנץ גוט ווערען א באַ־ריהמטער קלאוויר שפּיעלער.

ער האט געשוויגען א ווײַלע, און נאך אלץ טראכטענדיג ווע־גען די שמועסען ביים מיטאג, האט ער א זאג געטאן: — מען מוז אפשר טאקי טראכטען צו געווינען קאפּענהאגען.

— איך האב נאך קיינמאל ניט געשפּיעלט אין דענעמארק — האט געזאגט יאאן און נאך אלץ געקוקט ווי א פארגאפטער פאר זיך.

— ווי מערקווירדיג, איהר זענט דאך א האלבער דענער.

עס איז אוועק א ווײַלע. דערנאך האט יאאן א זאג געטאן:

— דארט וויל איך... שפּיעלען צום לעצטען.

הענרי קאליעט האט ווידער געשארט מיט זיינע ספּארטישע פיס. זיינע געדאנקען האבען ווידער געיאגט איינער דעם אנדערן, און ווען ער האט געהאלטען ביים פאטאגראפירען, האט ער א זאג געטאן:

— מיר אלע צוזאמען זענען א באנדע לעבערליכע קאמעדיאנטען.

יאאן האט זיך פלוצים צושמייכעלט. — יא, קאליעט — האט ער געזאגט און איז אויפגעשטאנען.

— די אנדערע זענען עס אבער אויך — האט געזאגט הענרי אביסעל העפטיג.

— מעגליך, — האט געענטפערט יאאן. זיי שפּיעלען אבער זייערע ראלען בעסער און מאכען וועניגער ליארעם...

דער אויסטראליער האט זיך פארטראכט אן אויגענבליק און דערנאך האט ער געזאגט: — יא, דאס קען זיין. אבער סוף כל סוף בלייבט מען דאך דאס, וואס מען איז געבוירען געווארען.

יאאן האט אויף אן אויגענבליק אנגעשפּארט זיין עלענבויגען אויף קאליעט'ס אקסעל: — איהר רעדט היינט אזוי קלוג, קאליעט...

אַבער זעהט איהר, הענרי, עס זענען פאַראַן מענשען, וואָס זענען אויף דער וועלט געקומען אלס קאַליקעס. און די וואַלטען ליע־בערשט גאָר נישט באַדאַרפט געבוירען ווערען.

א שטאַרק און ווייס ליכט איז געפאַלען אויף זייערע פּנים'ר. דאָס איז געקומען פון דעם בויגען־לאָמפּ אויף דעם באַהנהויף אין וויען. די קאָנדוקטאָרען זענען געלאָפען אריין און ארויס, און האָ־בען ארונטערגעלאָזען די פענסטער פון די וואַגאָנען. און די גע־פעק־טרעגער האָבען אריינגעוואָרפען דורך די פענסטער פלעידס האַנט־טאַשען און פעלצען. די פּאַסאַזשירען זענען אויסגעשטיגען, כדי צו פּיהלען פעסטען באָדען אונטער זייערע פיס, און אַפגעריסע־נע שטיקער פון אַלערליי לשונות האָבען זיך געטראָגען דורך די אָפענע טירען אין אַ מישמאַש. זשאַן ראַי איז געשטאַנען מיט אַ טאַשענטוך ארום זיין האַלז און מיט אַ פלאַטערדיגען מאַנטעל־קראַגען אין מיטען דעם שווייבעלדיגען עולם, געשיילט אַן אַפּעלסין, און גערעדט הויך צו דער ליידיגער לופט, ווי אַ לאַסט־טרעגער אין דעם האַפען פון זיין מאַרסעל. מאַמזעל דע סטיין (וועלכע האָט אַ שאָקעל געטאָן דעם קאָפּ צו יאַאַנ'ען און געזאָגט: „אַ, מאַסיע, מען געהט זיך אביסעל דורך!", האָט מיט איהרע פּאַריזער שטיוועלעך מיט די מעשענע קנאָפּעל געמאַכט קאָקעטישע טריטלעך אויף דעם אספאַלט און געלאָזט איהרע אין זייד געקליידעטע פיס פאַרשווינדען הויך אויבען אין דעם מישמאַש פון איהרע קליידער.

פרוי ביזאַ, וואָס האָט געטראָגען גומענע שיך, האָט מיט די אויגען ארומגעזוכט די הערען פון פאַרשטאַנד און געהאַלטען אין איין שמייכלען. זיי וועלען דאָך אונז זיכער קומער מקבל פּנים זיין" האָט זי געזאָגט. „זיי זענען דאָ, אַדאָלפע מיינער, זיי זיכער אַז זיי זענען דאָ". און דער הער ביזאַ, וועמענס פעלץ עס איז געווען צו־זאַמענגעבונדען מיט אַ גרויען וואָלענעם טוך, האָט געזאָגט אַזוי צאָרנדיג, אַז זיינע אויגען זענען געשטאַנען ווי אויף שטיעלען. — דאָס איז מיר אַלץ איינס. לאָמיר אוועק פון דאַנען... ווי הייסט אונזער שענק?

— דאס גאלדענע לאס, אדאלפע, דאס גאלדענע לאס. אבער זיי זענען דא, מיין פריינד, זיי זענען זיכער דא.

דער אימפּרעסאריא איז זיי פארבייגעגאנגען מיט זיעבצעהן דע־פּעשען אין דער האנד: — אלטער הער! — האט ער געזאגט צו הער ביזא — דא זענען פאראן עטליכע פערזאנען, וואס זוכען אייך. — און ער איז ווייטער געלאפען, און פארלוירען פון זיינע פול אנ־געשטאפּטע קעשענעס רעקלאמען און צייטונגען, ווי אן אקס דאס מיסט פון זיין וואגען.

— מאכט צו אייער מאנטעל — האט אויסגערופען זשאן ראי, ווען דער הער ביזא איז געבליבען שטעהן מיט די הענד צונויפגע־דריקט ביים וואלענעם טוך, קריגעריש און אהן א צאהן אין מויל, ווי א ליליפּוטען־אבערשט פון א פאנאפּטיקום.

— אדאלפע, אדאלפע! — פרוי ביזא האט דאס כמעט ווי אויסגעזונגען. ווארים זי האט דערקענט די „ביידע פארשווינען", וואס זענען געשטאנען ביים הער האאגעמעסטער, וועלכער איז געווען אנגעטאן אין זיין יאגד־פעלץ מיט שנורען. עס איז אויך צוגעגאנגען א מיטגליעד פון דער באיערישער געזעלשאפט, וועלכער האט איהם געדריקט די האנד און געזאגט: — יא, זיין קעניגליכע האהייט האט גלייך צו דער ערצהערצאגין...

דער אימפּרעסאריא איז געקומען צוריק צו לויפען מיט ליי־דיגע הענד, און אין טומעל, גראד דארט וואו עס איז געשטאנען א פאמיליע אין טרויער קליידער, זיעבען פרויען אין שווארצע שליי־ערען, וואס האבען איינגעשלאסען אין זיך א בלאנדען בחור'ל, וואס איז פארשוואונדען אונטער זייערע קיש, גלייך ווי ער וואלט ארומ־געווארפען געווארען אין א מיהל, — גראד דארט האט דער אימפּרע־סאריא באמערקט, אז זיינע נעגעל דארפען גערייניגט ווערען און ער האט זיי אנגעהויבען אויסצוקראצען מיט א שטאלען מעסעריל, אלעמען נעגריסט, אלעמען געקענט און געהאלטען אין איין שרייען, גלייך ווי ער וואלט געווען דער שעף פון א סטאנציע. די ביידע רוד־מענער האבען באלאנסירט אויף אן אמעריקאנישען קופערט, און מאמזעל דע סטיין איז אריינגעפאלען אין זשאן ראי'ס ארעמס.

וואו זי האָט געוויגט איהרע בריסט, ווי אַ ווענוס פיגור פון דער דעקאַדענץ־צייט.

— אַ, ניין, מיינע הערען, דער הער ביזאַ איז גאָר נישט מיעד. ווען מען קומט קיין וויען איז מען נאָר גליקליך, — האָט אויסגעזונגען די מאַדאַם ביזאַ. און מען האָט געהערט ווי דער יונגער באַיער פון דער געזאַנדשאַפט האָט געזאָגט: — קיין זאַך איז ניט אַזוי אַנגענעם ווי דאָס, וואָס מען קען פאַר אַ פריינד עפּיס טאָן. ערצ־הערצאָגין וואַלעריע וועט אייך גלייך אויפנעמען.

יאָאַן האָט ניט גערעדט און זיך ניט גערירט. מיט דעם קאָפּ אַנגעשפּאַרט אָן דעם ראַם פון דער וואַגאָן־טיר, איז ער געשטאַנען אומבאַוועגליך און אַרויסגעקוקט אויפ'ן באַהנהויף. און פּלוצים האָט ער ווידער געהערט דאָס קול פון אימפּרעסאַריא וואָס האָט אַלעמען איבערגעשריען: — ליעבע הערען, מיינע הערען! איך האָב די עהרע, איך געה קיין בודאַפּעסט מיט דעם הער זשאַן ראַי. אָבער מען מוז נאָך אַלץ מאַכען געשעפטען. מיינע הערען, קונסט הייסט באַצווינגען פאַר זיך די צוקונפט. איך האָב איהם געפאַנגען אין דער אייזענבאַהן, מיינע הערען, אין צוג. דאָס נייע פענאָמען, מיין הער. איך זאָג פענאָמען, ווייל קינסטלער האָבען מיר גענוג... מיט אַלע הערשאַפטען וואָס ווייזען זיך אויף די טריבונען, קען מען פאַסען חזרים. אָבער יענס לונד, מיינע הערען, ווילט איהר איהם זעהן? ווען איך וועל האָבען אַפּגעשיקט זשאַן ראַי, וועל איך מיך פאַר די נעקסטע דריי יאָהר אין גאַנצען ווידמען צו דעם הער לונד. אָבער מיינע הערען, ער איז טייער. ער איז זעהר טייער. מיר לעבען אין אַ צייט, אין וועלכער די זשעניען זענען געוואָרען געשעפטסלייט. די בערזען־קורסען, מיינע הערען, הענגען זיי אַרויס פון די העלזער... דאָרט איז ער, מיינע הערען... ד אָ ר ט אין קופּע... ער זעהט אייך ניט. (הער יענס לונד איז געזעסען ביי זיין פענסטער און שטודירט זיין „קוריער אוניווערזאַל", דאָס איינציגע וואָס ער פלעגט לייענען). ער איז אַ גייסט, וואָס האַלט אין איין לייענען, מיינע הערען, אַ גייסט פאַר זיך; אין יעדער

הויפּטשטאָדט פון אייראָפּא ווארטען ישוין אויף איהם פּעק מיט ביכער, גאַנצע הויפענס מיט ביכער.

צוויי דזשענטעל־לייט, וואָס האָבען געהערט צו דער פּרעס, האָבען פּלוצים דערזעהן יאַאַנ׳ען און איהם געגריסט. „יאַ״, האָט אויסגערופען דער אימפּרעסאַריאָ, פּונקט אזוי הויך ווי פריהער — האָס איז ע ר. און ער איז אוועק ווייטער, ניט שענקענדיג יאַאַנ׳ען אפילו אַ האַלבען בליק. ביי דעם טאָן פון זיין „ע ר״ איז יאַאַן געוואָרען אזוי טונקעל רויט, ווי מען וואָלט איהם דערלאַנגט מיט אַ פויסט אין דער באַק אריין.

ער האָט ניט באַמערקט אַז דער צוג האָט זיך אָנגעהויבען צו ריהרען.

— ווילען מיר ניט צומאַכען דאָס פענסטער? — האָט געפרעגט דער אויסטראַליער הינטער איהם.

און הענרי קאַליעט האָט ארויפגעצויגען דאָס פענסטער אין דער צייט, וואָס יאַאַן האָט זיך אַנידערגעזעצט.

— איהר זענט היינט אַזאַ שוויינענדיגער — האָט געזאָגט דער אויסטראַליער, וועלכער האָט אַלעמאָל געמוזט עפּיס זאָגען.

— איך האָב אין לויף פון דער לעצטער שעה זיך אזוי פיעל צוגעהערט און אזוי פיעל געטראַכט, — האָט געענטפערט יאַאַן.

— וואָס האָט איהר געטראַכט? — האָט געפרעגט דער אויסט־ראַליער און געשאַרט מיט די פיס.

— אזוי, פאַרשיעדענע זאַכען — האָט געענטפערט יאַאַן און צוגעמאַכט די אויגען.

די טיר פון זייער אָפּטיילונג האָט זיך אויפגעפראַלט, און עס איז אריין יענס לונד. יאַאַן האָט צוזאַמענגעציטערט. און ווען יע־נער איז נאָך געשטאַנען אין דער טיר האָט ער געטראַכט: — ווי קליין איז ער אייגענטליך.

— איהר זענט אויהאַזי — האָט אַ פרעג געטאָן יענס לונד און זיך פאַרנייגט. — מעג איך זיך זעצען? — די האַנד האָט ער ניט דערלאַנגט.

יאַאַן האָט געזאָגט: — דאָס איז הענרי קאַליעט.

יענס לונד האט זיך ווידער פארנייגט. — א קלאוויר — האט ער געזאגט — איז דאס ערגסטער אינסטרומענט, וואס עס איז פאראן. מיר דאכט, אז אפילו א זשעניע קען אויף א קלאוויר ניט ארויסווייזען זיין טאלאנט. מיך פרעהט, וואס איך בין געבוירען געווארען אויף א שיף, און דארט איז ניט געווען קיין פלאץ פאר אזא זאך... איהר לייענט? — האט ער געפרעגט און געווארפען זיין בליק אויף יאאנ'ס ביכער, וואס זענען אומעטום ארומגעלעגען.

— יא. מען מוז דאך דעם גייסט מיט עפּיס באשעפטיגען — האט געענטפערט יאאן.

יענס לונד האט א מאך געטאן מיט זיינע הענד: — עס זענען נאר פאראן ווייניגע, וואס האבען גייסט — האט ער געזאגט. און ער האט געוואלט אדער זיין אומפארשעמט, אדער ער האט ניט גע-וואוסט, אז ער איז עס. — איך לייען קיינמאל ניט. ווען מענשען לייענען, איז עס נאר דערפאר, ווייל זיי פיהלען זיך פוסט. איך דארף ניט קיין ביכער, איך האב מיך אליין. איבעריגענס רעד איך מיט קיינעם ניט.

דער הער יענס לונד האט גערעדט מיט א מאדנעם סטאקאטא, וואס האט אפּגעהאקט און איזאלירט יעדען זאץ. — עהרליך גע-זאגט, ווייס איך ניט, מיט וועמען מען קען רעדען. די מייסטע מענשען, וואס לעבען, האבען אייגענטליך שוין לאנג אויפגעהערט צו לעבען. וואוהין פאהרט איהר? — האט ער פּלוצים א פרעג געטאן.

— איך פאהר קיין בוקארעסט — האט געענטפערט יאאן.

— יא.

יענס לונד האט א זאג געטאן: — איך האב אייך נאך קיינמאל ניט געהערט שפּיעלען. דערפאר קען איך אייך אויך ניט מאכען קיין קאמפּלימענטען.

— דאס איז אויך ניט נויטיג, — האט געזאגט יאאן, וואס האט געוואוסט, אז ער לייגט. און ווען ער האט ווייטער באטראכט יענס לונד'ס געזיכט. האט ער אויפס ניי דערפיהלט (און דאס אזוי

שטאַרק, אז עס האַט איהם געמאכט צו שווינדלען), יענעם נאַרישען שרעק, וואָס ער האַט דערפיהלט יענעם אָווענט אין לאָנדאָן, ווען זיין אימפּרעסאַריאָ האַט איהם געזאָגט: „ווייסט איהר ווער עס איז דאָ? יענס לונד האַט זיך באַהאַלטען אין אַ לאָזשע". און יאַאַנ'ען האַט זיך געדאכט, ווי זיינע פינגער וואָלטען געווען צו־זאַמענגעקלעפּט מיט ליים און זיין נשמה וואָלט זיך צונויפגעדרעהט אין זיין האלז...

ניט הערענדיג גאַר נישט, האָט ער ניט אויפגעהערט צו באַ־טראַכטען יענס לונד'ס געזיכט, אין וועלכען די ציין האָבען גע־לויכטען, ווי זיי וואָלטען אריינגעביסען אין די ווערטער, וועלכע ער האָט געזאָגט. יאַאַן האָט געטראַכט פון אַ צווייטען אָווענט, פון יענעם אָווענט אין בריוסעל, ווען ער האָט זיך געביסען די פינגער אהיים פאַהרענדיג פון יענס לונד'ס אַ קאָנצערט. אויף די קניה איז ער געלעגען אין זיין דראָזשקע און געוואוסט, אַז ער איז געווען באַזיגט. ער האָט געוויינט און מיט די פויסט זיך געשלאָגען אין זיין אייגענעם נאַקען. און אויסער זיך פאַר מאַכטלאָזיקייט האָט ער געזאָגט צו זיך: „איך וועל מעהר ניט שפּיעלען". און דריי טעג און דריי נעכט נאָכאַנאַנד איז ער געווען ווי שכור. שכור פון אראָפּגעפאַלענקייט... שכור פון דער געוויסהייט, אַז ער איז ניט דער גרעסטער, אַז ער וועט קיינמאָל ניט זיין דער גרעסטער. און ווי מאָדנע איז עס געווען, אַז די קונסט, וואָס האָט איהם געבראַכט אַזוי פיעל פרייד, זאָל איהם אויך קענען ברענגען אַזוי פיעל צער — — —

און דאָך האָט ער נאָכדעם ווייטער געשפּיעלט—יאַאַן האָט געהערט ווי יענס לונד האָט גערעדט מיט קאָליעט'ען און יענס לונד האָט געזאָגט: — מעלבאָרן, מעלבאָרן, פאַטערלאַנד! — פאַטערלאַנד. איך ווער ווילד, ווען איך הער כסדר פּלאַפּלען פון דעם אייביגען פאַטערלאַנד. פאַרוואָס בין איך דער גרעסטער? ווייל איך האָב ניט קיין פאַטערלאַנד. ענטשולדיגט מיר, הער קלאַוויר שפּיעלער, וואָס איך רעד פון זיך אליין. אָבער איך בין אַזוי אויפריכטיג זיך מודה צו זיין, אַז דאָס איז דאָס איינציגע, וואָס מיך פאַראינ־טערעסירט. מיט וואָס אינטערעסירט איהר אייך? מיט פרויען?

זיי זענען גוט, ביינאַכט. אָבער פון וואָס שפּיעלט מען? פון זיך אַליין.

און צוריקקומענדיג צו זיינע געדאַנקען, האָט ער געזאָגט און אַ לאַך געטאָן: — פאַטערלאַנד? מיינע עלטערען זענען געוועזן קליי־נער. זיי האָבען מיר ניט געגעבען קיין פאַטערלאַנד. דער פאַטער־לאַנדסלאָזער איז דער פרייער מענש. און איך בין געבוירען גע־וואָרען אויף דעם אָקעאַן, וואָס פאַרבינדעט אַלע וועלטען. פאַטער־לאַנד — וואָס איז דאָס? דאָס איז כסדר ארומלויפען, ארומלויפען ארום דעם טיש, און מיר האַלטען אין איין שטופּען דעם גראָבען־פינגער אין יענעם קאַרב, וואָס דער פינגער פון אונזערע עלטער־זיידעס האָט אויסגעגראָבען. איך האָב אַ פאַטערלאַנד, מיינע הע־רען, און דאָס בין איך. און דאָרט בין איך אי דער קעניג און אי דאָס פאָלק און די ראַטגעבענדיגע פאַרזאַמלונג און דער געזעץ־גע־בער. איך בין מיין פאַטערלאַנד, וואו איך רעגיר אַליין. — יענס לונד האָט פּלוצים אויסגעדרעהט זיין קאָפּ צו יאַאַנ׳ען: — מיט אייך געהט עס ווי מיט מיר... איהר הערט אייך קיינמאָל ניט צו...

— אַ יאָ — האָט געענטפערט יאַאַן: — איך הער.

— מיר דאַכט, אַז ניט — האָט געזאָגט יענס לונד און ווידער געלאַכט. — איך האָב ניט ליעב אייראָפּאַ. אין וויפיעל קירכען שפּיעלען איז עס איינגעטיילט? מען מוז אַלע זאַכען צוזאַמענ־שיטען. איך שפּיעל עפּיס פאַר די ווייסע. דאָס נעם איך אויף מיר. אין כינאַ האָב איך אפשר צו די דאָרטיגע איינגעבוירענע, עפּיס פאַרגעשפּיעלט פאַר די געלע, און זיי צוגערופען: „הערט אייך צו, צום טייוועל, דאָ שפּיעל איך, מיין אייגענער קעניג און מיין אייי־גענער גאָט. מיין אייגענע מלוכה און מיין אייגען לעבען... איך״. נאָ, צו אַלדי גוטע יאָהר, איהר רעד גאָר ניט.

— ניין, איך הער — און ער האָט נאָר געטראַכט דאָס זעלביגע:

— איצטער וועל איך מעהר ניט שפּיעלען — — און ער האָט דאָך ווייטער געשפּיעלט.

יענס לונד האָט געשוויגען אַן אויגענבליק. דערנאָך האָט ער אַ זאָג געטאָן: — איבעריגענס האָב איך פריהער ביים מיטאָגעסען

געהאט אן איבערראשונג, איך האב ניט געוואוסט, אז מיינע קאלעגען זענען אזוי קלוג, אז זיי האבען מורא, אז זיי זאלען ניט משוגע ווערען.

יאאן האט ניט געענטפערט. ער האט נאכאמאל געזעהן פאר זיך דעם עס־זאל מיט זיינע מיטברידער, וואס זענען פון פרינצעסין סטורדזא פאטאגראפירט געווארען. און די פלאטפארם, וואו די דאמען מיט די הערען האבען זיך געוויזען פאר צוויי זשורנאליסטען.
— איצטער וועל איך מעהר ניט שפיעלען...

יענם לונד אבער, וואס האט כסדר געהאלטען אין איין איבער׳חזר׳ן דאס זעלביגע, האט געזאגט צו הענרי קאליעט: — פאטערלאנד, הער, ווי הייסט איהר דאס? פאטערלאנד — מיין איך איז מיין פאהן און מיין ציעל... און ווען די מענשען זענען לעכערליך, בין איך גלייכגילטיג דערצו... און דעם ערשטען מאל האט ער געלאכט לאנג און הארציג: — ווארים אפשר זענען זיי ניט לעכערליכער ווי איך אליין. אבער פאטערלאנד? מיין מוטער האט מיך געבוירען אונטערן אקוואטאר, און מיין פאטער איז געווען די העבאם, וואס האט איהר געהאלפען. א פאטערלאנד? — און יענם לונד האט זיך אויפגעהויבען, און פלוצים האט זיך געדאכט, ווי פון זיין געזיכט וואלט ארונטערגעפאלען א מאסקע, די אדערן זענען ארויסגעשפרונגען פון זיין לעבענספולען שטערען און זיינע ליפען האבען זיך געקרימט און ברייט צועפענט אונטער זיין שפאט: — א פאטערלאנד? דאס איז א צעהנפאכיגע קייט, וואס אונזערע עלטער־עלטערן האבען אונז אנגעהאנגען אויף אונזער האלז און פיס. א פאטערלאנד — דאס זענען געזעצען, וואס רייסען אונזערע קניה ביז בלוט, און שלאגען אונזערע אויגען מיט בלינדקייט. פאטערלאנד—פאטערלאנד איז א געפענגעניש אין א ברונעם. פאטערלאנד, יא, דאס איז די מאנעזשע, וואו מיר לויפען ארום מיט רויטע פאסען אויף אונזער געשוואלענעם רוקען פון די ריטען, וואס מיר קריגען. פאטערלאנד איז אן ארט וואו מיר אלע ווערען קרעציג און הויקערדיג. פאטערלאנד, פפוי, טייוועל! אויהאזי, קלעטערט ארויף אויפ׳ן בארג! קלעטער ארויף הויך אויבען און די

גרעניצען וועלען זיך מעהר ניט זעהן, און די שטאַאטען וועלען פאַרשווינדען. און די געזעץ־ביכער עקזיסטירען מעהר ניט, און דאָס פאַרברעכען איז מעהר קיין פאַרברעכען ניט. און די שאַנד איז קיין שאַנד ניט, און די שמאַך איז ניט קיין שמאַך. עס איז ניט פאַראַן קיין שטראַפביכער און קיין פאַראַגראַפען. אָבער א י ך בין... און קיין אַנדער אַ חוץ מיר...

יענס לונד האַט געשוויגען אַן אויגענבליק, — איך און די שטע־רען. שפּיעלט עפּיס פאַר פאַר די שטערען, הער. ווי הייסט איהר דאָך דאַרטען... זיי קענען פּונקט אַזוי הערען, ווי די מענשען. איבער אונז זענען די שטערען און דער טויט. דערווייל אָבער ל ע ב איך נאָך, און שפּיעל די שטערען און דעם טויט גלייך אין פּנים אַריין. איהר אָבער, גראַף אויהאַזי, — און ער האַט זיך אומוגעדרעהט אויפ׳ן קנאַפּעל — איהר זענט נאָך פון פאַריגען יאָהרהונדערט.

— יאָ — האָט געזאָגט יאָאַן אין וועמענס שלייפען עס האָט גע־קלאַפּט דאָס בלוט.

יענס לונד האָט ווידער געלאַכט: — און וואָס איך זאָג איז נאַרישקייטען, אָבער וואָס איך טראַכט איז אמת.

— יאָ — האָט געזאָגט יאָאַן — אמת פאַר דעם, וואָס ק ע ן אַזוי טראַכטען.

יענס לונד איז אַ ווײַלע געשטאַנען פאַרטראַכט. דערנאָך האָט ער פּלוצים אַ זאָג געטאָן צו יאָאַנ׳ען: — ווייסט איהר, וואָס איהר טראַכט וועגען זיך אַליין? אַז איהר זענט אַן עדעלמאַן פון צער. אָבער, מיין גוטער הער, צער אַרומטראַגען, דאָס אַדעלט קיינעם ניט. דאָס וואָגען אַדעלט... אונזער יאָהרהונדערט... און ווען וועט איהר שפּיעלען אין בוקאַרעשט? — האָט ער געפרעגט אָהן אַן איבערגאַנג.

— מאָנטאָג — האָט געענטפערט יאָאַן און ניט אויפגעהויבען די אויגען צו איהם.

— הער, און איך וועל מיין נשמה אַוועקגעבען אין פּעסט.

— די נייע נשמה — האָט געזאָגט יאָאַן.

— ניין. — און יענס לונד האָט געפּאַטשט מיט זיינע אויפגעהויבענע הענד. — מיין אייביגע נשמה וועל איך דאָס דארפען סערווירען די פּרויען פון די באנקירען אין פּעסט.

אַ ווײלע איז געווען שטיל. דערנאָך האָט יאָאַן אַ זאָג געטאָן: — איהר האָט דאָך אָבער געהאט אַ מוטער, וואָס האָט אייך אונטערן אקוואַטאָר געבראַכט אויף דער וועלט.

— און אַ פאָטער, וואָס האָט זי באַפרוכטעט ביי ארכאַנגעלסק. מיין ליעבער אויהאַזי, איז דאָס ניט גאַנץ גלייכגילטיג? דאַרף איך פרעגען, ווי עס דערמאָנט זיך אָן באַנאַפּאַרטעס פאָטער? די געשיכטע הויבט זיך אָן מיט דעם הער נאַפּאָלעאָן. מיין פאָטער האָט געשטאַמט פון לעגסטער און זיך פאַרהייראַט מיט אַ באַרקע פון רודקעבינג. צו דער מאַנשאַפט האָט אויך געהערט יענסינע יענסען, וועלכע האָט מיך אויפגענומען ביים ים הקרח און מיך געבראַכט אויף דער וועלט ביים אקוואַטאָר.

— רודקעבינג? — האָט געפרעגט יאָאַן.

— יאָ. איהר ווייסט ניט וואו דאָס איז.

— דאָך, — האָט געענטפערט יאָאַן און גערעדט אזוי שטיל ווי פריהער: — דאָס ליגט אין דענעמארק.

— אויף דענעמארק? — האָט אויסגערופען דער אויסטראַליער און געקוקט פון איינעם אויפ'ן צווייטען, פונקט ווי ער וואָלט זיי וועלען מעסטען

— יאָ, מען רופט עס דענעמארק — האָט געזאָגט יענס לונד: — רודקעבינג ליגט אויף לאַנגעלאַנד און לאַנגעלאַנד אין אַ פאַס אויפ'ן ים. פון לאַנגעלאַנד איז געקומען די עלעקטריציטעט און איך. אויהאַזי, דער מענש האָט ניט קיין אורשפּרונג. איך בין געוואָרען און איך בין. ווער קען האָבען אַ רעכט אונז צו רופען? איך געהאָרך קיינעם ניט. איך בין דער, ווער איך בין. און איך בין אין איין פאַרמיטאָג געבוירען געוואָרען אונטער אַ גליקליכען שטערען...

— איהר גלויבט אין די שטערען? — האָט געשמייכעלט יאָאַן.

— ווער ווייס אליין אין וואס מען גלויבט? פאר דעם, וואס לעבט, איז ניטא קיין טויט. אבער וואס איז דא פאר דעם, וואס איז טויט? ווייסט איהר עס, הער אויהאזי, ענטשולדיגט, גראף אויהאזי? איך האב געלייענט, אז די ערד איז די קלענסטע פון אלע וועלטען, און אז איעדער שטערען איז א וועלט. ד א ר ט וואלט געווען פלאץ פאר א סך טויטע פון דער קליינער ערד...

— און ווען איהר וועט אמאל טויט זיין? — האט געפרעגט יאאן, און גערעדט אין א האלב זינגענדיגען טאן: — וואלט איהר וועלען, אז א שיף זאל אויפזוכען דעם עקוואטאר און צושפרייטען אייערע אש ווי שטויב אויפ'ן ים?

— ניין — האט געענטפערט יענס לונד.

— נישט?

— ניין. — ער איז רויט געווארען געגען זיין ווילען איבער דעם ווידערשפרוך, וואס ער האט אונבאוואוסט דערפיהלט אינערליך: — ניין, איך וויל ליגען ביי מיין מוטער, און זי איז באגראבען אויף לאנגעלאנד.

א שמייכעלע האט א שוועב געטאן אויף יאאנ'ס געזיכט: — אין דענעמארק — האט ער געזאגט. און אפשר כדי אוועקצוגעהן פון זיינע אייגענע געדאנקען, האט ער באלד דארויף א זאג געטאן: — די פרויען אין בודאפעסט זענען שען, הער יענס לונד.

— ווייבער — האט געענטפערט יענס לונד — קען איך ניט, — און ער האט געשארט מיט די פיס ווי דער אויסטראליער. — און ווען איך וועל זיך באקענען מיט זיי, וועל איך ליעב האבען א סך כדי איינע זאל פון מיר קיין תל ניט מאכען.

יאאן האט זיך צולאכט: — דאס זעלביגע האט מיר אמאל געזאגט א הינדו!

— הייסט עס, אז עס איז טאקי אמת, אז די הינדוסען זענען חכמים.

— יענער איז געווען א חכם. ער האט גערעדט פון דעם טאג, ווען די געלע וועלען קומען ווי א כוואליע און זיך לעגען איבער אונז ווי זאמד.

יענס לונד איז אויפגעשטאנען: — אך וואס, אזעלכענע מעשיות שרייבט מען אין די צייטונגען, איבעריגענס לייען איך קיינמאל נים די צייטונגען. די געלט? זיי וועלען קומען איבער די מענשען, וואס וועלען דעמאלט לעבען. און מיר לעבען איצטער, א גוטע נאכט, הער גראף אויהאזי. א גוטע נאכט הער, וועמענס נאמען איך קען נים געדענקען.

— קאליעט — האט געזאגט הענרי.

— קאליעט. יא. טוט איהר ביינאכט אן הענטשקעס?

— הענטשקעס?

— יא. איך טו עס. איך רייב איין מיינע הענד מיט קרים און טו אן הענטשקעס. איהר דארפט עס אויך טאן פאר די פינגער וועגען. א גוטע נאכט, אויהאזי! ווייסט איהר וואס איך טראכט? איהר געהערט צו די, וואס האבען א צו גוטען זכרון. מען דארף געהן ווייטער. איך געה איצט קיין בודאפעסט. א גוטע נאכט! — יענס לונד האט זיך פארנייגט און איז ארויסגעגאנגען.

די צוויי אנדערע זענען א ווײלע געזעסען שווייגענדיג צוזאמען. מיט אמאל האט הענרי קאליעט א זאג געטאן: — ער איז געווען מאדנע.

— יא.

זיי האבען ווידער געשוויגען, ביז דער אויסטראליער האט גע־זאגט: — ער האט אזוי פיעל געזאגט, אבער איך קען מיך מעהר נים דערמאנען וואס.

עס איז ווידער געווען שטיל: — אבער אפשר — האט געזאגט הענרי — וועל איך זיך וועגען דעם דערמאנען וועלכען טאג אין א יאהר ארום.

— אפשר.

דער אויסטראליער האט פאררויכערט א ציגארעט: — אבער ווי אזוי אויגענטליך שפיעלט ער? — האט ער געפרעגט און געקוקט אויף יאאנ'ען.

יאאן, וועלכער איז געזעסען מיט צוגעמאכטע אויגען, האט נים גלייך געענטפערט. — שפיעלט? — האט ער דאן געפרעגט.

ער שפּיעלט פון דעם בארג אראָפּ, אויף וועלכען ער שטעהט. מיט דעם בליק אויף דער גאַנצער וועלט — גלייך דארויף האָט ער זיך אויפגעהויבען: — איך וועל הייסען צורעכט מאכען אויף איבער נאכט.

ווען דער קאָנדוקטאָר איז אריינגעקומען, זענען זיי געשטאַנען אין קאָרידאָר און ארויסגעקוקט אין דער פינסטערניש: — איצט זענען מיר געווים אין אונגארן — האָט געזאָגט הענרי.

— יאָ, איצט זענען מיר אין אונגארן.

די רינגען רויך פון זייערע ציגארעטען האָבען זיך צונויפגעגאָסען און זיך ווידער צושיידט.

— ווי מאָדנע זיי פארשלינגען זיך — האָט געזאָגט דער אויסטראַליער און פארפאָלגט מיט זיינע אויגען די רינגען.

— יאָ.

— איך האָב שוין פיעל מאָל געפּרואווט זיי צו פאָרמירען לויט מיין ווילען — האָט געזאָגט הענרי — מען קען דאָס אָבער ניט.

יאַנ'ס אויגען האָבען נאָכגעפאָלגט דעם רויך: — דאָס קען אפשר דער הער יענם לונד — האָט ער געזאָגט.

הענרי קאָליעט האָט זיך צולאכט און געזאָגט: — אָבער אַליין קען ער דאָך ניט, צום טייוועל!

זיי האָבען זיך צושיידט, און יאַאַן איז אריין אין זיין אָפּטיילונג. ער האָט אָנגעצונדען ביידע וואקסענע ליכט, וואָס ער פלעגט תמיד מיט זיך מיטנעמען אויף רייזען, און האָט זיי אריינגעשטעלט אין די צוויי קליינע לייכטערליך אויפ'ן טיש. דאַן האָט ער אויסגעלאָשען די עלעקטרישע ליכט און געלעגט זיך שלאָפען.

א לאַנגע צייט איז ער געלעגען וואך, לענגער פון צוויי שעה, ווען מען האָט פּלוצים אָנגעקלאַפּט אַן זיין טיר. געווען איז עס דער אויסטראַליער.

— איהר שלאָפט? — האָט ער געפרעגט. — איך ווייס ניט, אָבער איך קען ניט שלאָפען. מעג איך דאָ א ווייליע זיצען ביי אייך?

— מיט פאַרגעניגען — האָט געענטפערט יאַאַן.

זיי האבען ניט געהערט מעהר ווי דעם ליארעם פון צוג. באלד איבער א בריק, באלד איבער פעלדער, און באלד פארבייפאהרענדיג אומבעקאנטע שטעדט. יאאן האט זיך ניט גערירט. דער שיין פון די געלע ליכט זענען געפאלען אויף זיין שטיל געזיכט.

— איך גלויב — האט געזאגט דער אויסטראליער שטיל, ווען ער האט ארויסגעקוקט צו דער רויטער דעק — אז עס איז געווען א זעלטזאמער טאג. און דאך איז אויגענטליך גאר נישט געשעהן.

ניט עפענענדיג די אויגען האט יאאן געזאגט: — וואס פארשטעהט איהר אונטער דעם ווארט געשעהן, הענרי? ווען מיר וואלטען מיט דעם צוג אין א טייך דערטרונקען געווארען, צי ווען רויבער וואלטען ביי אונז צוגע'גנב'עט די טשעקס? — ער איז ווידער געלעגען שטיל. מיט אמאל האט ער געעפענט זיינע אויגען און געזאגט: — איצטער וועל איך פאהרען קיין דענעמארק.

— קיין דענעמארק? — האט געפרעגט הענרי און האט א ציטער געטאן.

— יא. אהין דארטען, וואו איך... וועל שפיעלען צום לעצטען מאל.

— יאאן! — האט אויסגערופען הענרי. קיינמאל פריהער האט ער איהם נאך ניט גערופען ביים ערשטען נאמען.

יאאן אבער האט מעהר ניט גערעדט. און אויך דער אויסטראליער האט געשוויגען. גלייך און אומבאוועגליך איז ער געבליבען זיצען ביי די ליכט — ווי א וועכטער.

יאאן אויהאזי האט ווידער אויסגעדרעהט זיין קאפ אויף דעם רויטען קושען פון דער דענישער שטאאטס באהן. דער קאנצערט באגלייטער האט עפים געזאגט צו איהם.

— וואס זאגט איהר? — האט ער געפרעגט. דער קאפ איז איהם געווען שווער. איהם האט זיך געדאכט, אז ביים אנבליק

פון די פלאכע און פון רעגען נאסע פעלדער, האט ער נאך איינ־מאל איבערגעלעבט זיין גאנץ לעבען.

— מיר זענען באלד אויפ'ן פלאץ, האט געזאגט דער קליינער פיאניסט, וואס איז פינקטליך ווי א זייגער געווען באשעפטיגט אלץ צו ברענגען אין ארדענונג, היינט ווי אלע טאג.

— שוין? — האט געפרעגט יאאן און דערזעהן די ערשטע היי־זער פון שטאדט. — וואו וועלען מיר דא דען שפיעלען?

— אין פרויען פאראיין.

— אהא.

יאאן האט זיך אויפגעהויבען. — און עס רעגענט נאך אלץ — האט ער געזאגט, און באטראכט די הייזער, וואס זענען געווארען וואס אמאל מעהר.

דערנאך איז דער צוג געבליבען שטעהן. יאאן האט געעפענט די טיר פון זיין קופע. — איז דאס די גרעניץ? — האט ער גע־פרעגט דעם קאנדוקטאר, וואס האט איהם ניט געהערט.

א קליינער מאן איז געשטאנען גראד פאר דעם וואגאן, מיט א פוטערען היטעל אויפ'ן קאפ.

— יא, דאס איז די גרעניץ — האט ער געזאגט, און ארונטער־גענומען דאס היטעל. — און זענט איהר אפשר הער אויהאזי?

— יא, דאס בין איך.

— איך בין די פארזיצענדע פון פרויען־פאראיין — האט פלו־צים א זאג געטאן א יונג מיידעל, וואס איז פריהער געשטאנען הינטער דעם קליינעם מאן און איז איצטער אפער געקומען, און א שטראם בלוט האט זיך צוגאסען איבער איהר ווייסען געזיכט:

— און דאס איז מיין פאטער!

סוף פון ערשטען טייל.

צווייטער טייל

יאַן איז געבליבן שטעהן אביסעל צומישט אויף די טרעפּ פון וואגאָן. און פּלוצים האָט ער אַ זאָג געטאָן: — איהר זענט יונג, גנעדיג פרייליין, און קוקענדיג אויף דעם קליינעם פּנים'ל, וואָס איז געווען רויט און איז געוואָרען אַלץ רויטער און רויטער, האָט ער געמוזט לאַכען.

דער פאָטער האָט אויף דעם געענטפערט: — יאָ, עמיצער האָט זיך דאָך געמוזט אָננעמען מיט מוט, איז עס געווען מיין טאָכטער.

זיי זענען געגאַנגען איבער דעם באַנהויף. דאָס יונגע מיידעל איז געגאַנגען ביי דער זייט פון איהר פאָטער. אַלע האָבען זיי באַגריסט, אָבער דער קליינער און ברייטער מאַן האָט נאָר געענטפערט מיט אַ פאַרנייגונג. — אָבער די פאַרהעלטענישען ביי אונז זענען דאָך נאָר קליינע — האָט ער געזאָגט. און יאַן, וואָס איז נאָך אַלץ געווען אַביסעל צומישט, אַליין ניט וויסענדיג פאַרוואָס, האָט אַ זאָג געטאָן, און געטראַכט וועגען דעם פאַראיין, וואָס האָט איהם אַנגאַזשירט: — איך האָף, אַז מענשען וועלען קומען.

דאָס יונגע מיידעל האָט אויסגעדרעהט דעם קאָפּ און אָנגעקוקט איהר פאָטער. ער אָבער האָט געזאָגט, ווי איינער וואָס שענקט די גאַנצע זאַך ניט מעהר קיין געדאַנק: — איך וויים ניט. נאָר מסתמא וועלען קומען.

— אויב ניט, וועט דאָך דער פאַראיין האָבען אַ פערלוסט, — האָט געזאָגט יאַן און זיך געווענדט צו דעם יונגען מיידעל.

פרייליין גערדאַ יאָהאַנסען האָט ניט געענטפערט. זי האָט נאָר געהאַלטען אין איין קוקען אויף דער ערד און אויף איהרע פיס (וואָס פאַר רייצענדע פיס זי האָט! — האָט ביי זיך געטראַכט יאַן). און דער פאָטער האָט באַלד דאַרויף ווידערהאָלט קורץ די

זעלביגע ווערטער: — אָבער די פאַרהעלטענישען ביי אונז זענען נאָר קליינע — און דערביי האָט ער אויסגעזעהן, ווי ער וואָלט ווע־לען אָפּמעסטען די טעלעפאָן־שטאַנגען.

אַלע דריי האָבען זיי געשוויגען. ווען זיי זענען ווייטער געגאַנ־גען, און יאָאָן, וואָס האָט ניט געוואוסט, וואָס ער וויל זאָגען, האָט זיך געווענדעט צו האַנס האַאַקע, וואָס איז נאָכגעגאַנגען פון הינ־טען, מיט אַ רייזענטעשעל און אַ רעגענשירם אין דער האַנד, צוויי זאַכען, וואָס ער האָט קיינמאָל ניט פאַרלאָזען, ווייל דאָס זענען געווען מתנות פון זיין כלה. — דאָס איז דער הער פּיאַניסט האַאַקע! — האָט געזאָגט יאָאָן. און נאָכדעם ווי מען האָט זיך באַגריסט, איז מען ווייטער געגאַנגען, און קיינער האָט אַ וואָרט ניט ארויס־גערעדט. דער דיענער אָבער, וואָס איז נאָכגעגאַנגען דער לעצטער און וועלכער האָט זיך קיינמאָל ניט זשערנירט, איהם האָט מען גע־קענט הערען פייפען.

פּלוצים אָבער האָט אַ זאָג געטאָן דאָס מיידעל, גלייך ווי די ווערטער וואָלטען איהר ארויסגעפלויגען פון מויל, און ווי זי וואָלט מיט זיי וועלען עמיצען אַ געהיימען שטאָך טאָן: — דאָס גאַסט־הויז אָבער איז צום ערגסטען.

דער ברייטפּלייציגער פּאַטער האָט אַ קליין ביסעל צוגעווענדט זיין פּנים צו יאָאָנ׳ען און געזאָגט: — דאַריבער האָבען מיר ביי אונז געבראַכט אין אָרדענונג אַ פּאָר צימערן... ווען איהר און הער האַאַקע...

יאָאָן האָט אָבער געענטפערט, און עס איז ארויסגעקומען אַבי־סעל צו שאַרף: — דעם בעסטען דאַנק. אָבער איך מוז זיך אַלע־מאָל אויסרוהען, איידער איך שפּיעל.

— דאָס איז צום באַגרייפען — האָט געענטפערט דער פּאַטער אין זעלבינען טאָן ווי פריהער: — איך האָב אייך נאָר געוואָלט זאָגען.

איצטער זענען זיי צוגעקומען צו דער הויפּט גאַס, וואָס איז געווען לאַנג און אויפגעווייכט.

— דאָ איז ליידער ניט ברוקירט, — האָט געזאָגט דער הער

יאהאנסען, וועלכער האט ארונטערגעקוקט צו יאאן'ס פראמענאדע־שטיוועל. — אבער עלעקטרישע ליכט האבען מיר — האט ער צו־געגעבען.

— און דאס איז אונזער שטאלץ — האט א זאג געטאן דאס יונגע מיידעל און זיך פלוצים צולאכט, ווייל אדער עס איז זעהר גע־ווארען לייכטער דערפון, וואס יאאן האט ניט געוואלט זיין איהר גאסט, אדער ווייל זי האט דערמיט געוואלט פארבארגען איהר ענ־טוישונג.

— אין דענעמארק איז אלעס זעהר פארטגעשריטען — האט געזאגט יאאן.

— מען זאגט אזוי — האט געענטפערט דער סוחר יאהאנסען.

— איז דא טאקי די גרעניץ? — האט געפרעגט יאאן.

— יא — האט דער פאטער געענטפערט. דאס איין ווארט האט אבער געהאט א גאנץ אנדערן קלאנג.

— דארט — האט געזאגט פרייליין יאהאנסען און אנגעוויזען מיט איהר אויסגעשטרעקטען ארעם — דארט איז די גרעניץ.

— אט איז דאס גאסטהויז — האט געזאגט דער הער יאהאנ־סען און איז געבליבען שטעהן פאר א לאנגע, רויטע געביידע, וועמענס טויער האט אויסגעזעהן ווי א לאך, וואס א דונער האט אויס־געשלאגען.

— דעם בעסטען דאנק — האט געזאגט יאאן — צום ווידערזעהן.

— מיר וועלען עסען ארום האלב זיעבען — האט געזאגט דער סוחר, און מיר וואלטען אייך וועלען בעטען ביי אונז פארליב צו נע־מען. — ער האט דערלאנגט יאאנ'ען די האנד און אויך פרייליין גערדא האט איהם דערלאנגט די איהריגע — א קליינע האנד, ווי יאאן האט דערפיהלט. און זייט ביי זייט, אבער מיט פעסטע טריט, זענען דער פאטער און די טאכטער צוזאמען געגאנגען ווייטער.

דאס איינציגע פענסטער פון דעם אונטערשטען גארען איז גע־ווען איינגעדריקט פון ווינט. און ווען יאאן איז אריין אין דעם פאדערשטען צימער, איז אין מיטען א פוסטען רוים געשטאנען א צופליקטער ביליארד. האנס האאקע האט זיך געזעצט אויף א

שטוהל און געהאלטען דאָס רייזע טעשעל און דעם רעגענשירם צווי־שען די פיס, ווי איינעם, וועמען די גאנצע זאך געהט גאָר נישט אָן.
און דער דיענער, וועמענס בערלינער אויגען האבען געפונקעלט פון שאַדענפרייד, האָט מיט אַ דיענסט־פארטיגען טאָן געזאָגט פון דער טיר: — זאָל איך קלינגען, הער גראף?

דער בערלינער האָט אָנגעקלונגען. — עמיצער איז געקומען — האָט ער אויסגערופען. און אויפס ניי געקלונגען. אין זעלביגען אויגענבליק האָט זיך די טיר אויפגעפּראַלט און עס איז אריינגע־פאלען אַ מאַן, וועלכער דערזעהענדיג יאַאַנ׳ען, האָט ער אין גרויס צומישעניש גענומען גלעטען זיינע צושויבערטע האָר מיט צושפריי־טע פינגער.

— מיר האָבען באַשטעלט צימערן — האָט געזאָגט יאַאַן.

— געוויס, זיכער — און פּלוצים זענען די פינגער פון דעם אומ־גליקליכען מענש אַריבער פון די האָר צו אַ טאַשענטוך, וואָס ער האָט געטראָגען אויפ׳ן האלז אַנשטאַט אַ קראַגען: — מיר האָבען גע־מיינט, אז די הערען וועלען איינשטעהן ביי די יאָהאַנסענס.

יאַאַן האָט געענטפערט: — איך האָב פארגעצויגען דאָ איינ־צושטעהן.

מען האָט אויפגעריסען אַ טיר דערנעבען. — גאָט, ווי עס זעהט דאָ אויס! — האָט אויסגערופען האַנס האַקע, וואָס האָט אַלעמאָל מורא געהאַט אז ער זאָל ניט קריגען קיין רומאַטיזם אין זיינע פינגער. און אַן איילענדיגע און קוויטשענדיגע פרויען שטים האָט אָפּגעקלונגען איבער אַלע צימערן: — יענסען, פיהר אריין די הערען אינ׳ם געזעלשאַפטס צימער.

דער קעלנער, וואָס האָט אויסגעזעהן ווי ער וואָלט זיך כסדר גע־האַלטען אין איין הויבען ביי די היפּטען, האָט געזאָגט: — איך בעט די הערען מיר נאָך צו געהן. — און ער האָט זיי געפיהרט איבער אַ יאַנג דורך דריי צימערן, וואָס האָבען זיך אָנגעשטויסען איינע אין אנדערן, אַלע מיט ברייטע און וויים־לאַקירטע טירען צום אויסרוד־קען, וואָס האָבען געהאַט שפּאַלטען.—איהר וועט זיין אזוי גוט און דאָ וואַרטען—האָט געזאָגט דער קעלנער און אוועקגעשטעלט פאַר זיי

צוויי שטוהלען, וואס זענען אויך אזוי ווי די טירען געווען ווייס לאקירט און מיט שפאלטען.

— איהר באזארגט דעם קופערט — האט געזאגט יאאן צום בער־לינער, וואס איז ארויסגעגאנגען מיט דעם קעלנער.

ווען דיביידע זענען געווען דרויסען אין קארידאר, האט דער קעלנער צוריק געווארפען דעם קאפ און געזאגט: — פון וואנען זענט איהר, ווען איך מעג פרעגען?

— איך בין פון בערלין.

— אך, אזוי, פון בערלין האבען מיר שוין גאר א סך געהערט— האט געזאגט דער קעלנער און ער האט אהן א שום פארוואס אנ־געהויבען צו לאכען.

א שטוב מיידעל איז זיי אקעגען געקומען, דער ארעם פול מיט פייכטע ליילעכער. זי האט געטראגען א האלב פריי קלייד און קאראלען. די לאקען אויפ'ן שטערען האט זי אין דער איילִיקייט געקרויזט מיט א היים אייזען. דער הינטערשטער טייל פון קאפ איז אבער געווען אין א שרעקליכער אומארדענונג. — דא וועלען די הערען וואוינען! — האט זי אויסגערופען, און מיט א שטויס געעפענט א טיר פון א צימער אויפ'ן ערשטען שטאק. דער קעל־נער אבער איז ארויפגעלאפען א שטאק העכער און הינטער זיך צוגעקלאפט א טיר. דער בערלינער איז געשטאנען אין מיטען צי־מער, ווען דאס מיידעל האט אנגעהויבען צו רעכט צו מאכען א בלוי בעט מיט געלע אראבעסקען.

— דא מוז מען איינהייצען — האט געזאגט דער בערלינער, וואס האט פון הינטען געווארפען א בליק איבער דער ווייבליכער באדיענונג.

— — נו, געוויס — האט געזאגט דאס מיידעל און געקלאפט מיט איהרע רויטע הענד אויף דער דעק פון בעט. — אבער דער אויווען איז ארונטערגעריסען און די הייצונג (זי האט אנגעטייט אויף אייזערנע פרענטעם אונטער דעם פענסטער) איז קיינמאל ניט פארטיג געווארען. מיר וועלען אבער קענען צו די הערען אריינ־טראגען דאס נאפט אויווען.

אין דעם געזעלשאַפטס צימער איז האַנס האַאַקע נאָך אַלץ גע־זעסען מיט דעם רייזע טעשעל צווישען זיינע קיילעכדיגע קניע. — ווען וועט זיך עס אַנהויבען? — האָט ער געפרעגט און געקוקט פאַר זיך.

— איך דענק ארום אכט אַ זייגער — האָט געענטפערט יאַאַן, וועלכער האָט באַטראַכט עטליכע בלויע פּאַיאַנס קרוגען, וואָס זענען געשטאַנען אויף די ווייסע געזימסען ארום די ווענט.

— וואו? — האָט האַנס האַאַקע ווידער געפרעגט, און נאָך אַלץ געקוקט פאַר זיך.

— דאַ — האָט געענטפערט יאַאַן און געזעהן אַז די פּאַיאַנס קרוגען זענען גאַר געוועזן פון האָלץ.

האַנס האַאַקע האָט געשוויגען אַ ווײַלע ביז ער האָט ווידער געפרעגט: — האָבען די מענשען אייך ניט איינגעלאַדען?

— אודאי — האָט געענטפערט יאַאַן און פאַר זיך ווידער גע־זעהן שטעהן די קליינע פאַרשטאַנדס דאַמע, ווי זי איז פּלוצים ארויסגעשוואומען ביים באַתנהויף. — זי איז געוועזן שען.

— איך האָב זי ניט אַנגעקוקט.

יאַאַן האָט געמוזט לאַכען און אליין ניט געוואוסט, צי איז דאָס, ווייל ער האָט זיך דערמאַנט ווי דאָס מיידעל איז רויט געוואָרען, צי פון האַנס האַאַקע. — איהר זעהט קיינמאָל גאָר נישט, האַאַקע — האָט ער געזאָגט.

— עס איז נישטאָ גאָר ניט וואָס צו זעהן — האָט געזאָגט האַאַקע און ווידער געקוקט אַ פאַרגאַפטער פאַר זיך.

די טיר האָט זיך געעפענט און דער בערלינער איז אריינגעקומען כדי צו מעלדען, אַז די צימערן זענען פאַרטיג. „אזוי צו זאָגען פאַר־טיג", האָט ער צוגעגעבען. יאַאַן און האַאַקע זענען ארויסגעגאַנגען און אויף די טרעפּ האָבען זיי באַגעגענט דעם קעלנער, וועלכער האָט מיט דער הילף פון אַ סך וואַסער און פּאָמאַדע, אזוי פאַרקעמט זיי־נע האָר מיט אַ שרונט אין מיטען, אַז עס האָט אויסגעזעהן ווי ער וואָלט געהאַט צוויי קישעלעך אין די האָר.

דאָס מיידעל האָט גערופען פון אַ צימער ארויס: — יענסען,

דא זאל דער אנדערער אריין! — און דאס מיידעל האט זיך באַוויזען אין דער טיר פון א צימער, אין וועלכען דאס מעבעל איז באשטאנען פון א ברוין געפארבטען בעט מיט צוויי גרויסע פערינעס

— דא אריין! — האט געזאגט יענסען, וואס האט אריינגעטראַגען דאס פעטראליום אויוועלע אין יאאנ'ס צימער. — איהר קוקט אויף די פענסטער, הער גראף? — האט ער געפרעגט — געוועהנליך פלעג איך זיי אויסשטאפען מיט פאפיער... יא, עס איז שרעקליך, ווי דאס הויז איז אפגעלאזען. אבער עס איז דאך, אזוי צו זאַגען, אויפגעבויט געווארען אויף דעם אפענעם פעלד, ווען מען האט אנגעהויבען בויען די שטאדט. און דאן האט טאמסען די גאנצע זאך געמוזט איבערלאזען, נאך איידער דאס הויז איז געווען אין גאנצען איינגעשטעלט. און אלע מעבעל זענען געצייכענט געווארען אין קאפענהאגען. און אלעסען, דעם איצטיגען ווירט, געהט עס אויך ניט פיעל בעסער. דערפאר ווערט דאס פון דעם הויז אזא תל, ווען מען מעג דאס זאגען.

— לאזט מיך — דער קעלנער יענסען איז צוגעלאפען צום פענסטער, וואס יאאן האט געוואלט פעסטער צוציהען.

— א דאנק — האט געזאגט יאאן.

יענסען האט אבער ווייטער גענומען פלאפלען, און כסדר געהאלטען אין איין באגאפען זיין ווייך העמד, וואס איז געווען אזוי צויטיג, אז מען האט געקענט דורכזעהן זיין נאקעטע ברוסט.

— אבער דער זאל וואו ער וועט דארפען שפיעלען איז וואונדערשען — האט ער געזאגט — ווארים ער איז פארטיג געווארען נאך איידער טאמסען האט געקראכט. און דער זאל טראגט אויף דאס גאנצע געשעפט.

— ווי אזוי? — האט געפרעגט יאאן, וואס האט איינגעריבען זיינע נעגעל מיט קריעם.

— גאט, מיר האבען דאך אזוי פיעל פארשיעדענע פארזאמלונגען אין דעם געגענד און פארטראגען. — ווען ער האט גערעדט, האט ער געהאלטען אין איין וויגען אהין און אהער מיט זיינע האַרינגע קיישעלעך ווי א פארצערטעלטע ציעג. — מיר זענען אין אן

אויפגעקלעהרטער געגענד, וואו מען מעג אַזוי זאָגען, און די וואָס וואוינען אויפ'ן לאַנד, לויפען אויך מיט... און כּאַטש פּאַר עמי־צען, וואָס איז געוועהנט צו עפּיס אַנדערש... ווארים איך קום נעמליך פון קאָפּענהאַגען. איז דאָ אַביסעל איינזאַם... אין יעדער באַציהונג.

— יאָ, יאָ — האָט געזאָגט יאָאַן.

— און איך האָב אויך געחלום'ט פון אַן אַנדער לעבען — האָט געזאָגט יענסען: — איך זינג טענאָר און האָב געוואָלט אָנ־קומען אין טעאַטער.

— דאָס טעאַטער ליגט דאָ אַ סך אין די קעפּ — האָט געזאָגט יאָאַן.

יענסען האָט געשמייכעלט: — יאָ, און דאָס לאַנד איז נאָר אַ קליינס, אַזוי אַז ניט יעדער קען אָנקומען. אָבער עס ליגט שוין אַ פּנים אין דער נאַטור, און די באַפעלקערונג איז דאָך אויפגע־קלעהרט, אויב מען מעג אַזוי זאָגען.

יאָאַן האָט אַרויסגעקוקט דורך דעם פענסטער. טעלעפאָן־שטאַנ־גען האָבען זיך געצויגען אין אַ רייה אין דער לאַנגער גאַס.

— מיר האָבען אָבער געמיינט, אַז די הערען וועלען איינשטעהן ביי יאָהאַנסען — האָט יענסען פאַרענדיגט: — יאָהאַנסענס הויז איז וואונדערפול... דער הער יאָהאַנסען איז אָבער אויך אַ סאָרט וואָרט־פיהרער פאַר דער גאַנצער געגענד. אָבער דער הער גראַף וועט דאָך מסתמא דאַרט מאַכען אַ באַזוך, — האָט געזאָגט דער קעלנער, וואָס האָט ענדליך געפונען עס פּאַר באַקוועם צו פאַרנעמען זיך צו דער טיר.

יאָאַן האָט זיך אומגעדרעהט. דאָס פּעטראָלעאום איוווּעלע האָט אַזוי געקאָפּטשעט, אַז עס האָט געשמעקט אין גאַנצען צימער. — יאָ — האָט ער געזאָגט געדאַנקענלאָז, — ווילט איהר אַזוי גוט זיין און רופען מיין דיענער?

דער הער יענסען איז פאַרשוואונדען. יאָאַן האָט זיך געלעגט אויפ'ן זאָפאַ. דאָס שטיק מעבעל, וואָס איז געצייכענט געוואָרען אין קאָפּענהאַגען, האָט זיך גאָר ניט צוגעפּאַסט צו לעגען דערויף.

און דער אויווען האט נאך אלץ געקאפטשעט. ווען ער זאל איהם אבער אויסלעשען, וועט דאך מסתמא אזוי קאלט ווערען, אז זיינע פינגער וועלען פארשטארט ווערען. יאאן איז געלעגען און זיך אומ־געקוקט אין צימער. די גלעזערנע שויב אין דער טיר איז געווען צו־בראכען און צוזאמענגעקלעפט מיט צייטונגס פאפיר, וועלכעס האט געטראגען די אויפשריפט: „פאלקס־צייטונג". דא אין הויז האט מען, ווי עס ווייזט אויס, פון יעדען שאדען זיך געוואלט ארויס־העלפען מיט צייטונגס פאפיער.

ווען דער בערלינער איז אריינגעקומען, איז יאאן מיט איין רוק ארונטערגעשפרונגען פון זאפא. ביי דעם שפרונג איז זיין שעוויאט ראק געבליבען הענגען אויף א נאגעל, מיט וועלכען דאס איבערציינג וועט געווען צוגענאגעלט. — ניין! — האט ער געזאגט — דא ווערט מיר צו קאלט. געהט אריבער צו די יאהאנסענס און פרעגט זיי, צי איך וועל דארט קענען זיין א שעה. וואו איז האאקע?

— דער הער האאקע האט זיך געלעגט שלאפען.

— אזוי. יא, דא אין דעם הויז קען מען זיך ניט העלפען אויף קיין אנדער אופן. ווען מען וויל זיך האלטען ווארעם, מוז מ'ש ארונטערקריכען אונטער דער דעק פון בעט. — איך וועל אלזא געהן צו די יאהאנסענס.

ווען יאאן איז באלד נאכדעם ארויס דורך דעם טויער פון האָ־טעל, איז פאר איהם פארביינגעפאהרען א לאנדא. א יונגער, ברייט פלייציגער הער איז געזעסען אויף דעם פאדערשטען זיץ. יאאן האט אויסגעדרעהט דעם קאפ און דעם הער נאכגעקוקט. דאס גע־זיכט איז איהם פארגעקומען באקאנט. דאן האט ער זיך געלאזט געהן איבער דער גאס צו יאהאנסענס רויטע הויז. דארויף איז ניט געווען ניט קיין נאמען און ניט קיין שילד. די לאנגע פאסאדע איז געלעגען ברייט און שווער אויף דער ערד. יאאן איז אריין אין קראם, וואו א געהילף איז געשטאנען הינטער א לאנגען קאסע טיש און איהם געפרעגט, צי קען מען דורך דאנען אריין אין יאהאנסענס וואוינונג. דער געהילף האט שוין געעפענט א טירעל און געזאגט:
— א, געוויס. איהר קענט געהן דורך דאנען. געדאכט האט זיך

יאַאַנ׳ען ווי דער מענש וואָלט אין גאַנצען זיך געבאָדען אין שוויים. אין זעלביגען אויגענבליק איז אריין דורך דער טיר אַ הער מיט אַ בלאָנדער באָרד. — אים גאָטעס ווילען — האָט ער געזאָגט — ניין, געהט מיר נאָך, ביטע. און ער האָט יאַאַנ׳ען ווידער ארויסגעפיהרט אויפ׳ן גאַס און דאַן אין הויז אריין דורך דעם טויער. די טרעפּען זענען געווען פול מיט בלומען. — ביטע, — האָט געזאָגט דער בלאָנדער הער — דאָרט אויבען איז עס.

ווען יאַאַן איז ארויף די טרעפּ, האָט פריילין יאָהאַנסען אַליין געעפענט די טיר, וואָס האָט געפיהרט גלייך אין צימער אריין.

— ווילקאָמען — האָט זי געזאָגט — און דערלאַנגט יאַאַנ׳ען אַ פעסטען דרוק אין האַנד. — מיר האָבען טאַקי אַזוי געדענקט, אַז דאָרטען וועט אייך זיין ניט געמיטליך. הו, עס איז אַזוי העסליך דאָרט!... אָבער דאָ וועט איהר פון קיינעם ניט געשטערט ווערען, איצער ווען מיר דאָ צושליסען די טירען (און זי האָט אָנגעהויבען צו צושליסען די טירען פון די אַנדערע צימערן, גלייך ווי דאָס וואָלט געווען אַ באַשטימטע זאַך פון פריהער). — און דאָרט איז אַ שלאָפצימער. — זי האָט געוואָרפען אַ קורצען פרופענדיג בליק איי־בער דעם צימער און איז ארויסגעגאַנגען. יאַאַן האָט געוואָלט עפּיס זאָגען, זיך ענטשולדיגען, אָבער זי איז שוין געהאַט פאַרשוואונדען דורך דער פליגעלטיר, וואָס זי האָט הינטער זיך צוגעמאַכט.

יאַאַן האָט געמוזט שמייכלען. דאָ וועט ער געווים קענען האָבען רוה. ווי אַנגענעם! ער האָט נאָך אַלץ געשמייכעלט. ווי רייצענ־דיג זיכער דאָס קליינע פאַרשטאַנדס־מיידעל איז געווען! ווען ער איז ארומגעגאַנגען דעם טיש אונטער דעם הענגעלאָמפּ, האָט ער באַטראַכט די בילדער אויף די ווענט. די מייסטע פון זיי זענען גע־ווען פאַרגרעסערטע פאָטאָגראַפירט אויף גרויען קאַרטאָן אין שוואַר־צע ראַמען. צווישען זיי האָבען זיך געפונען עטליכע ענערגישע גע־זיכטער, מענער מיט האַלזטיכער ביז צום קין. אַט דאָס פרויען־געזיכט האָט געהאַט אַן אייגענאַרטיג אויסזעהן. אַן וואָס האָט עס איהם דערמאָנט? די אויגען און די פאָרט פון שטערען. אַן וואָס און אַן ווען? יאָ, ריכטיג. אַן דער ווירטין פון „גאָלדענעם

הארן" אין מאנטרעיל... ווען זי פלעגט אין אווענט זיצען אין קיך פאר'ן פענסטער. דאס זענען געווען דיזעלביגע אויגען.

— דערצעהלט עפּים נאך — פלעגט זי תמיד צו זאגען. דער־צעהלט עפּים נאך.

און יאאן פלעגט מוזען ווייטער דערצעהלען, און די אלטע מיט די זעלטזאמע אויגען (יא, דאס זענען געווען די זעלביגע אויגען) פלעגט קוקען אין פייער אריין.

— פארוואס זשע פאהרט איהר ניט אליין קיין פאריז, מאדאם שאבא? — האט ער געפרעגט.

דארויף האט די אלטע געענטפערט: — דא פאהרט מען ניט אין ערגיץ. דא בלייבט מען זיצען אויפ'ן ארט. אבער ד ע נ ק ע ן דארף מען.

און ביז שפּעט אין דער נאכט אריין האט ער געמוזט זיצען פאר מוטער שאבא און איהר דערצעהלען פון די גרויסע שטעדט און די ווייטע לענדער.

— יא, הער — האט געזאגט די אלטע — די וועלט איז גרויס.

— גרויס און קליין — מאדאם שאבא.

זי אבער האט איהם אנגעקוקט מיט איהרע גרויסע אויגען און געזאגט: — גרויס פאר דעם, וואס קען זי ניט.

...יאאן איז געבליבען שטעהן פאר דעם בילד. ווען ער האט געוואלט ווייטער געהן, האט ער שיער אומגעווארפען א פלאש א־דע־קאלאן, וואס איז געשטאנען אויף א נידעריג טישעל. די פלאש האט זיך געוואקעלט. ער האט זי אבער נאך אבגעראטעוועט. דער שטוהל איז געווען באקוועם. די מעבעל זענען אויגענטליך געווען ניי. זיי האבען אבער אויסגעזעהן, ווי זיי וואלטען שוין לאנג גע־שטאנען אין צימער. און אט זענען דארט אונטער דעם טיש געווען דריי פאליאנטען — א, דאס זענען געווען אלבומען.

יאאן האט גענומען איינעם און איהם געעפענט.

דא האט ער ווידער געפונען די „פויערטע" פון דער וואנד. דאס בילד איז אבער געווען בעסער. ווי די אויגען האבען באהערשט דאס געזיכט! דאס מויל האט אויסגעזעהן ווי א קרעפטיגער

שטריך איבער דעם קין. יאַאַן האָט ווייטער געמישט די בלעטער. דאָס זענען אַלץ געווען דיזעלביגע בילדער, וואָס אויף דער וואַנט. און אַלע אויגען האָבען אויסגעזעהן ווי די אויגען פון דער אַלטער. די געזיכטער אָבער זענען געוואָרען שמעלער. אַט דער קין, למשל, איז שוין אפילו ניט געווען האַלב אַזוי ענערגיש, און געדאַכט האָט זיך ווי די אויגען וואָלטען ביי יעדען בילד געוואָרען גרעסער. ביי אַט דעם יונגען מיידעל האָט זיך געדאַכט, ווי זי וואָלט גאָר נישט פאַרמאָגט נאָר אויגען. און דאָס מויל איז געוואָרען פולער מיט געבויגענע ליפען. יאַאַן האָט ניט ווילענדיג צוריק אויפגעמישט דאָס ערשטע בלאַט. די אַלטע האָט איהרע אויגען איבערגעגעבען דער גאַנצען געשלעכט...

און יאָ, יאָ. דאָס פאַרשטאַנס־מיידעל האָט פריהער, ווען איהרע אויגען האָבען אַרומגעשוועבט איבער דעם צימער, אויך געהאַט דעם זעלביגען בליק.

די אַלטע איז הייסט עס געווען די עלטער־עלטער באָבע. יאַאַן האָט ווייטער געבלעטערט אין אַלבום. און אַט דאָס איז געווען די באָבע אין דעם דאַמאַסטזיידענעם קלייד מיט דער גאָלדענער בראָש. די אָבער מיט דעם קליינעם אויסשניט ביים האַלז און מיט דעם מעדאַליאָן האָט געמוזט זיין די מוטער.

יאָ, די אויגען זענען געבליבען דיזעלביגע. דער אויסדרוק האָט זיך אָבער געביטען. ביי דעם יונגען מיידעל (אַט האָט ער זי ווידער געזעהן מיט אַ סטודענטענהיטעל). ביי איהר איז מעהר ניט געבליבען ווי אַ פיבער אין בליק...

הם. אַלע איבעריגע בילדער מוזען מסתמא זיין פון פאַטער׳ס פאַמיליע. פיינע, בלאָנדע און סימפּאַטישע פערזאָנען... אַט דער דאָ זעהט אויס עהנליך צו יענעם האַלענדער, וואָס זיין פאַטער האָט מיט צעהן יאָהרען צוריק געבראַכט אויפ׳ן אינזעל, כדי אויסצובויען אַ פּולווארג. ער האָט געהאַלטען אין איין באַקלאָגען זיך, וואָס ער קען ניט קריגען קיין גוט גלאָז ביער, און געשריבען געדיכטען אין אַ פּאָעזיע־אַלבום.

אין הויז האט ערגיץ א קלאפ געטאן א טיר, און יאאן האט ניט ווילענדיג צוגעמאכט דאס בוך.

ער איז אויפגעשטאנען און איז צוגעגאנגען צום קלאוויר.

— וואס איז דאס? איז דאס ווירקליך א פאטאגראוויור נאך קארא? וועהמיטוגס און טונקעלע קארא'שע ביימער?

און דארט אין דער פינסטערניש זענען געהאנגען נאך פאטאגראווירען נאך קארא. ווי אזוי קומען זיי אהער? אט דאס דארט אויבען (און יאאן האט זיך אויסגעבויגען, כדי בעסער צו זעהן). יא, דאס איז ווירקליך געווען „בין השמשות".

יאאן איז געבליבען שטעהן פאר דעם בילד, און אליין ניט ווי־סענדיג, האט ער מיט די הענד געריבען זיינע אויגען. ווי מאדנע, אז ער האט געקענט פארגעסען, אז היינט איז געווען דער געבורטס־טאג פון זיין מוטער. דאס איז געווען צום ערשטען מאל זינט פיעל יאהרען...

ער האט זיך איצטער דערמאנט, אז נאך זיין מוטער'ס טויט, האט דער פאטער ארונטערגענומען „בין השמשות" פון זיין גע־וועהנליכען פלאץ איבער דעם אויווען און עס אויפגעהאנגען איבער זיין שרייבטיש...

אפשר האט דאס פראנצויזישע בילד אין זיך עפיס „דעני־שעס"... די שטימונג פון בין השמשות...

ווי אפט פלעגט זיין מוטער זיצען פאר דעם בילד און עס אנקו־קען! קוקען אויף דער בין־השמשות שטימונג, וואס האט זיך ארונטערגעלאזט אויף אלעם.

יאאן האט זיך געוועגדט מיט זיין בליק צום פענסטער. ער האט געקענט דורך דעם לעצטען פענסטער פון דער אכסניא געגען איבער ארייגקוקען אין א קליינעם צימער. דער קעלנער יענסען איז דארט געזעסען אין מיטען צימער און געדרעהט און געבויגען זיין קערפער — אך, דאס איז ער געשטאנען פאר א שפיגעל. יאאן האט געלאזט פאלען זיין בליק אויף דעם שפיציגען דאך, אויף וועלכען עס איז געשטאנען אנגעשריבען „האטעל דענעמארק". ביי דער עפענונג, וואס האט געזאלט דיענען אלס טויער, זענען געווען

אנגעשלאָגענע פיער זאַוויאַסעס... פיער גרויסע, ליידיגע זאַוויאַ־סעס...

ווען יאָאַן וועט אַהיים קומען, וואָלט ער וועלען באַוואוינען זיין פאָטער'ס צימערן, וואו עס שטעהט איצטער דעם פאָטער'ס אר־בייטס טיש. דאָרט וועט אַוועקגעשטעלט ווערען זיין קלאַוויר. ווי ווייניג ער האָט אויגענטליך געקענט זיין פאָטער און ווי ווײ־ניג האָט ער געוואוסט פון איהם. אָבער ער פלעגט דאָך תמיד אַזוי ווייניג רעדען. עס זענען געווען יאָהרען, וואָס ער פלעגט נאָר לייענען. טאָג און נאַכט נאָר לייענען. און פאַרשיעדענערליי בי־כער: מעדיצינישע ווערק און פילאָזאָפישע און „זכרונות“. נאָר ער פלעגט לייענען און לייענען.

יאָאַן האָט זיך דערמאָנט, ווי איינמאָל אין די פעריען, איז ער אין אַ טאָג אריינגעגאַנגען צום פאָטער אין צימער.

— דו זיצסט דאָ דעם גאַנצען טאָג, פּאַפּאַ, — האָט ער געזאָגט — וואָלסט ניט וועלען, אַז מיר זאָלען צוזאַמען ערגיץ פאָהרען? מיר קענען פאָהרען קיין קאָנסטאַנצאַ...

— דו קענסט פאָהרען — האָט דער פאָטער געזאָגט.

— און דו? דו זיצט דעם גאַנצען טאָג און לעזט, און לעזט...

— יאָ — האָט געענטפערט דער פאָטער און זיך ווידער פאַר־קוקט אויפ'ן בוך: — מען מוז דאָך די צייט מיט עפּיס פאַרברענ־גען, און אויסער דעם קען מען אפשר געפינען אַן ערקלעהרונג.

— אַן ערקלעהרונג? — האָט יאָאַן געפרעגט.

— יאָ... אַן ערקלעהרונג פאַר דער זינלאָזיגקייט — און דער פאָטער האָט זיך ווייטער גענומען צום לעזען.

אין די לעצטע יאָהרען אָבער האָט ער שוין אפילו געלייענט אויך ניט מעהר, נאָר ער האָט געהאַלטען אין איין רייטען. אין דער פריה, און נאָכמיטאָג, און ווען די זון איז שוין געווען אונ־טערגעגאַנגען. געריטען האָט ער אַליין ארום און ארום דעם אינ־זעל, ווי ער וואָלט דאָס געריטען אין אַן אייביגען קרייז. און אַזוי איז ער איינזאַם געשטאָרבען.

יאַן האָט ניט געוואוסט, אז ער האָט אויסגעדרעהט זיין קאָפּ און ווידער געקוקט אויף קאַראָ׳ס דעמערונג.

ווי שטאַרק זיין פאַטער האָט געמוזט ליעב האָבען די מוטער. די מוטער אָבער, זי איז אַלעמאָל געווען ווי איינע, ביי וועמען דאָס בלוט רינט אויס פּאַמעליך, זעהר פּאַמעליך, ביז זי איז געשטאָרבען. ווי דייטליך ער האָט זיך דערמאָנט אָן דעם טאָג, ווען זי איז געשטאָרבען. און ער איז דאָך נאָך דעמאָלט אַזוי קליין געווען. ער איז ארומגעלאָפען איבער דעם גאַנצען הויז און איז צוגעלאָפען צו אַלעמען און געפרעגט און געפרעגט: „פאַרוואָס, פאַרוואָס איז די מאַמע טויט?“

יאַן איז ווידער צוגעגאַנגען צום פענסטער און איז פאַרביי־געגאַנגען די מעבעל, אינסטינקטיוו, אליין ניט וויסענדיג, גלייך ווי ער וואָלט די סביבה שוין געקענט אַ לאַנגע צייט.

און אָט איז געלעגען אַ וועכענטליכע צייטונג. דאָס איז געווען די „אילוסטרירטע צייטונג“ פון לעצטען זונטאָג. יאַן האָט געעפענט דאָס העפט.

אַך, דאָרט איז געווען זיין בילד, — דאָס בילד, וואָס די צייטונגען פלעגען אַלעמאָל ברענגען.

מען האָט אָנגעקלאַפּט. „אריין!“ האָט יאַן אויסגערופען און איז נאָך אַלץ געשטאַנען מיט דעם בלאַט אין דער האנד. ארייננגעקומען איז דאָס יונגע מיידעל, און זי האָט געטראָגען אַ טעע ברעט.

— איך האָב אייך גאָר געוואָלט ברענגען אַביסעלע טעע — האָט זי געזאָגט מיט איהר רוהיגען קול, און ווען זי האָט אוועקגעשטעלט דאָס ברעט, האָט זי געזאָגט מיט אַ זעהר לייכטען שמייכעלע:

— יאָ, דאָס איז אייער בילד.

יאַן האָט האַסטיג ארונטערגעלאָזט דאָס בילד און געזאָגט:

— איך האָב באַטראַכט אייערע אַלבומען, גנעדיג פרייליין.

דאָס יונגע מיידעל האָט אויסגעשפּרייט אַ ווייס טישטוך איבער די בונטע דעק פון טיש. איהרע האָר זענען געווען פאַרפלאָכטען אין אַ קראַנץ און דורכגעשטאָכען מיט אַ זילבערנער האָר נאָדעל.

— דאָס האָט אייך מסתמא ווייניג אינטערעסירט, ווייל עס איז דאָך נאָר מיין פאַמיליע.

— אדרבא, די אַלטע (יאַאַן האָט געזוכט אַ פּאַסיג וואָרט און גע־זאָגט דערנאָך) די אַלטע דאַמע האָט אַ פּראַכטפול געזיכט.

דאָס יונגע מיידעל האָט האַסטיג אויפגעהויבען די אויגען.

— דענקט איהר אַזוי?

— אָבער דאָס בילד דאָרט אויף דער וואַנט — האָט יאַאַן גע־ענטפערט און גענומען דעם אַלבום — דאָס איז ניט אַזוי גוט.

— ניין — האָט זי געזאָגט און איז ווייטער אַנגעגאַנגען מיט איהרע רוהיגע באַוועגונגען, ביים גרייטען דעם טיש — דאָס איז דאָך אויך נאָר פאַרגרעסערט.

יאַאַן האָט אריינגעקוקט אין אַלבום: — אָבער דאָ איז דאָס געזיכט וואונדערפול, — האָט ער געזאָגט.

דאָס יונגע מיידעל, וואָס איז נאָך אַלץ געווען באַשעפטיגט מיט צורעכט מאַכען דעם טיש, האָט אַ פרעג געטאַן מיט איהר רוהיגען און זיכערען טאָן:

— זאָל די טעע זיין שטאַרק?

— יאָ, אַ דאַנק, — האָט ער געזאָגט און געמוזט שמייכלען — איך טרינק שטאַרקע טעע.

— איך האָב אַליין אַזוי געטראַכט — האָט געזאָגט דאָס יונגע מיידעל און אויך זי האָט געשמייכעלט אַן אויגענבליק. — די טעע זאָל נאָר זיין גוט גענוג. דאָ אויף דער פּראָווינץ איז שווער צו קריגען גוטען טעע, כאָטש מיר האָבען איהם אַליין אין געשעפט.

יאַאַן האָט געקוקט דאָ אויף דעם געזיכט פון דער אַלטער און דאָ אויף דער יונגער דאַמע. זי איז געווען כמעט אומבאַוועגליך מיט איהר רוהיגען ליעבליכען רייץ.

— מיר, פּויערים, פאַרשטעהען זיך איבעריגענס ניט זעהר פיעל אויף טעע — האָט זי געזאָגט.

איצטער אָבער, ווען זי האָט אָנגעגאָסען די טעע, האָט יאַאַן געזעהן (און ער האָט אַליין ניט געוואוסט פאַרוואָס ער האָט פּלוצים

דערפיהלט א פרייד), אז איהר האנד האט געציטערט, אזוי שטארק געציטערט, אז זי איז כמעט ניט געווען בכח אנצוגיסען.

און אביסעל האסטיג האט ער א זאג געטאן:

— ווילט איהר אליין ניט מיטטרינקען, גנעדיג פריילין?

— איך וויל ניט שטערען — האט זי געזאגט.

— א, אדרבא... דאן וועל איך ניט האבען קיין צייט זיך צו שרעקען.

— שרעקען?

— יא.

— שרעקט איהר אייך אונז עפיס פארצושפיעלען, אונז, וואס דריי וואכען פרעהען מיר זיך שוין דערמיט?

יאאן האט זיך אויפגעהויבען, אנגעגריפען פון דער אומרוהיקייט, וואס פלעגט איהם באפאלען אלעמאל פאר א קאנצערט.

— גראד דערפאר, גנעדיג פריילין — האט ער געזאגט, און ווען זיין בליק האט א שוועב געטאן איבער דעם צימער, האט ער צו־געגעבען:

— דא וואלט איך וועלען גוט שפיעלען.

— אויב אזוי, וועל איך מיר געהן ברענגען א שאל — האט זי געזאגט און איז ארויסגעגאנגען. ווען זי איז ארויס, האט יאאן גע־טראכט און אליין ניט געוואוסט פארוואס: — די לייט דא מוזען זיין זעהר רייך.

ווען דאס יונגע מיידעל איז צוריק אריינגעקומען, האט זי אנ־געוויזען אויף דעם אלבום און געזאגט:

— דאס איז מיין עלטער־באבע — און געדאכט האט זיך ווי איהר קול וואלט באקומען אן אנדערען און העלערן קלאנג.

— און דאס — האט געזאגט יאאן און נאכגעפאלגט די בילדער — איז אייער באבע?

— יא — האט זי געזאגט און געלאכט.

— און דאס איז אייער מוטער, און דאס איז אייער שוועסטער.

— יא.

— אייער שוועסטער שטודירט?

— יאַ — און זי האָט געצעגערט אַ ווײַלע און איהר קול האָט ווידער געקראָגען אַ אַנדערן קלאַנג — מײַן שוועסטער שטודירט.

— און דאָס איז מײַן ברודער — האָט זי געזאָגט, און גע־ראַכט האָט זיך, ווי זי וואָלט אָפּכאַפּען דעם אָטעם: — און מעהר קײַן שוועסטער אָדער ברידער האָבען מיר ניט.

— וואו איז אײַער ברודער? — האָט געפרעגט יאַאָן.

זי האָט געזופּט איהר טעע:

— מײַן ברודער זאָל איבערנעמען דאָס געשעפט... ער איז אין ווײַלע.

— אין ווײַלע — האָט ווידערהאָלט יאַאָן.

דורך זײַן טאָן מאָדנע געריהרט, האָט זי אַ זאָג געטאָן:

— ניט אמת, אז ס'איז הערליך אין ווײַלע? מיר דאַכט, אַז דאָס איז דער שענסטער אָרט... אַזוי בלוי און גרין ווי אַלץ איז דאָרטען!...

— איך בין קיינמאָל דאָרט ניט געוועזן זומער, — האָט יאַאָן געזאָגט.

— אָ, אָבער דאָס מוזט איהר אַמאָל... איך קום אָפּט קײַן ווײַלע. די ביימער בײַ ווײַלע האַלטען זיך אַזוי לאַנג גרין. און דאָרט בלאַנקט אַלץ אַזוי.

יאַאָן האָט אַ זאָג געטאָן:

— מײַן מאַמע איז געוועזן פון ווײַלע.

עס איז פאַרגאַנגען אַ סעקונדע.

— פון ווײַלע? — האָט זי אַ פרעג געטאָן שטילער.

— יאַ, פון ווײַלע — האָט ווידערהאָלט יאַאָן — און זײַן קול האָט געקלונגען זעהר זאַנפט.

און געריהרט פון עפּיס אין זײַן קול, האָט זי אַ זאָג געטאָן כמעט אין זעלביגען טאָן:

— און זי האָט געמוזט אַזוי ווײַט אוועקפאָהרען?

יאַאָן האָט זי פּלוצים אָנגעקוקט:

— יאָ, אַזוי ווײַט — האָט ער געענטפערט.

אפשר כדי צו ענדערען די שטימונג, האט זי געזאגט, און דער־
ביי האט זי גערעדט אביסעל געבראכען אבער מונטער:

— איבעריגענס איז דארטען שען אפילו אין ווינטער. מיר
דאכט, אז אלץ איז אזוי פול מיט לעבען אין ווילע... די מענשען
טרעטען דארט אזוי פעסט און רעדען דארט אזוי הויך אין די גאַ־
סען... איך האב איינענטליך ליעבער ווילע ווי קאפענהאגען.

— ווי קאפענהאגען?

— יא. קען זיין אז קאפענהאגען איז פאר איינעם פון דער
פראווינץ צו גרויס... אדער, אפשר ניט גרויס גענוג.

— ניט גרויס גענוג?

יאאן האט באטראכט איהר קליין געזיכט וואס איז ווי פריהער
אויפ'ן באהנהויף געווארען רויט און וואס אמאל אלץ רויטער.

— איך האב טאקי קיינמאל ניט געזעהן קיין גרעסערע... אבער
מען שטעלט זיך דאך פאר אזוי פיעל, ווען מען זאגט א גרויס
שטאדט.

זיי האבען געשוויגען, און איהר געזיכט איז ווידער בלאס גע־
ווארען.

— איהר האט מסתמא געזעהן אלע שטעדט? — האט זי גע־
פרעגט.

— א סך — האט יאאן געענטפערט — און אלע שטעדט זענען
אלץ איינס.

זי האט אויסגעדרעהט דעם קאפ:

— ווירקליך?

און האט דעם קאפ ווידער געלאזט ארונטער זינקען.

— אבער איהר האט זיי דאך געזעהן! — האט זי געזאגט,
און מיט א שמייכעלע, וואס האט גאנץ לייכט געציטערט ארום די
ווינקלען פון איהר מויל, האט זי צוגעגעבען: — די מעהרסטע
מענשען קענען זיי קיינמאל ניט זעהן.

און ווידער בייטענדיג דעם טאן, האט זי געזאגט:

— אבער מיין ברודער האט א סך געזעהן. ער איז דריי לאנגע
יאהר געווען אויפ'ן ים.

— אויפ'ן ים געווען?

— יאָ, דריי יאָהר. אָבער דערנאָך האָט ער געזאָלט איבערנעה־מען דאָס געשעפט, און אפשר האָט ער דערצו ניט געהאַט דעם גע־הערינגען מוט, איך ווייס ניט...

עס איז געווען אַ ווײַלע שטיל, ביז יאַאן האָט געפרעגט, נאָר כדי עפּיס צו זאָגען:

— וואו איז ער דען געווען?

— ער איז געווען אין קאַליפאָרניען.

זי האָט דעם נאָמען ארויסגערעדט אזוי ברייט, אז ער האָט געווירקט ווי עפּיס וואָס איז זעהר ווייט — און אין שאַנגהאַי

— אין סעטעלמענט אין שאַנגהאַי מוז זיין זעהר שען — האָט יאַאן געזאָגט, און פּלוצים האָט ער אַ פרעג געטאָן:

— ווי הייסט איהר אייגענטליך, גנעדיג פריילײן?

— ווי איך הייס? — און זי האָט געלאַכט און דערביי געמאַכט עטליכע קליינע באַוועגונגען מיט די הענד: — איך הייס גערדאַ.

— גערדאַ — האָט נאָכגעזאָגט יאַאן און איבערגע'חזר'ט דעם נאָמען. דאָס איז לייכט ארויסצוזאָגען.

— יאָ — און גערדאַ האָט ווייטער געלאַכט — אָבער אייער נאָ־מען קען קיינער פון אונז ניט אַרויסרעדען. מיר האָבען איהם גע־לערנט און געלערנט, אָבער מיר האָבען דאָך אייגענטליך ניט גע־וואוסט ווי אזוי ער ווערט ארויסגערעדט.

„יאַאן" — האָט ער געזאָגט. — יאַאן" פּרואווט ער זאָגען.

— יאַאן — האָט זי איבערגע'חזר'ט.

ער האָט אָבער אָנגעהויבען צו לאַכען:

— איהר רעדט אַרויס מיין נאָמען אזוי ווי אַנע.

פריילײן גערדאַ האָט מיטגעלאַכט:

— ווער איז אַנע?

— דאָס איז מיין אַלטע אַם... אַנע איז אויך פון ווײַלע.

— אַלע זענען פון ווײַלע — האָט געזאָגט גערדאַ און געשמייכעלט.

— יא. — און פּלוצים האט יאַן אויסגעשטרעקט די האנד און אויסגעקלאפּט אויף דעם קלאוויר:

„ווײלע, ווײלע איז מײן היים
דארט בין איך געבוירען...“

— אַ, ווי שען, וואס איהר קענט אונזערע ליעדער!

יאַנ׳ס הענד זענען ארונטערגעפאלען פון די קלאווירען:

— מײן מאמע פלעגט דאס זינגען.

גערדא האט זיך אויפגעהויבען.

— אַנע האט נאכגעפאלגט מײן מאמען — האט יאַן געזאגט שטיל.

— אונגארן איז אייער פאטערלאנד, ניט אמת? — האט א פרעג געטאן גערדא, און גערעדט האט זי אזוי שטיל ווי ער. — אונגארן דארף זײן אזוי שען! איך האב א פעטער, וואס איז געווען אין אונגארן.

יאַן האט זיך געזעצט אויף דעם קלאוויר באנק:

— וואס וואלט איהר געוואלט אם ליעבסטען זעהן פון דער וועלט? — האט ער געפרעגט.

— אם ליעבסטען? — זי האט איבערגע׳חזר׳ט דאס ווארט זעהר פאמעליך, און דורך דער דעמערונג וואס האט אנגעהויבען זיך צו פארשפרייטען אין צימער, האט ער געזעהן איהרע גרויסע אויגען, ווי זיי האבען ארומגעשוועבט איבער׳ן צימער:

— אם ליעבסטען בערג.

— אין מײן היים זענען פאראן בערג.

— אזוי? — מען האט עס קוים געהערט.

יאַן האט זיך א דרעה געטאן אויף דער קלאוויר באנק:

— און ווען איהר זענט ניט אין ווײלע אדער אין קאפּענהאגען, ראן וואוינט איהר דא?

גערדא האט זיך אביסעל דערווייטערט פון איהם און זיך גע־זעצט בײם פענסטער:

— יא, איך מוז איצטער זײן בײם טאטען... פון זינט דעמאלט, וואס ער האט נאר מיך.

— אָבער אייער שוועסטער קומט דאָך געוויס אַהיים אין די פעריען?

איין אויגענבליק איז געווען שטיל ביז גערדאַ האָט געזאָגט:

— מיין שוועסטער איז טויט.

— טויט? — יאַאַן האָט ניט ווילענדיג אַ ציטער געטאָן.

— יאָ, זינט פאַר־אַ־יאָהרען.

זי האָט זיך אויפגעהויבען.

— איך מוז די טעע ארויסטראָגען.

— פאַרוואָס?

זי האָט ניט געענטפערט, און האָט נאָר צונויפגעזאַמעלט די טעע געשיר.

— זאָל איך אָנצינדען דעם לאָמפּ?

— אַ ניין, איך האָב ליעב צו זיצען אין דער האַלב פינסטער־ניש. דער בגן השמשות דויערט לאַנג אין דענעמאַרק.

— יאָ, דאָס איז מיין ליעבסטע שטונדע, און זי האָט ווידער געלאַכט:

— ווייל דאַמאָלט דאַרף מען גאָר ניט טאָן.

— און אַזוי וואָס טוט איהר דען, פריילין גערדאַ?

— איך, גראָף אויהאַזי... און זי האָט געלאַכט ביים אויס־שפּרעכען דעם נאָמען, וואָס זי האָט ניט געקענט ריכטיג ארויס־רעדען.

— „אויהאַזי!" — האָט פאַרבעסערט יאַאַן.

— אויהאַזי! — האָט זי ווידער געפּרואווט.

יאַאַן האָט געלאַכט.

— דאָס איז געווען כמעט ריכטיג.

— יאָ, כמעט, — האָט געזאָגט גערדאַ, וואָס איז איצטער אַזוי געשטאַנען מיט דעם טעע־ברעט אין דער האַנד.

— אָבער וואָס טוט איהר דעם גאַנצען טאָג, פריילין גערדאַ?

— אָ, איך טו אַ סך זאַכען, איך פיהר די באַלעבאַטישקייט און — דאַ האָט זי איהר מויל אַביסעל אויסגעצויגען — איך באַשעפ־טיג זיך אויך אַביסעל מיט דער בוכפיהרונג. אונזער געשעפטס־

פיהרער זאגט אלע מאל, אז פאר דעם טאטענס וועגען מוז איך זיך אינטערעסירען מיט'ן געשעפט...

— דער געשעפטס־פיהרער... ווער איז דאס?

— דאס איז דער הער, וואס האט אייך דא ארויפגעפיהרט.

פלוצים האט יאאן א זאג געטאן אין א סארט אייפערזיכטיגער אינקוויזיציע:

— ער האט אויסגעזעהן זעהר נעט.

— ער איז ביי אונז זינט די לעצטע צוויי יאהר. דער טאטע קען זיך ניט אפגעבען מיט דער קראם, ווייל ער האט א חוץ דעם נאך צו טאן מיט דעם האלץ און ווייץ האנדעל.

זי האט געעפענט די טיר. אין דעם דערבייאיגען צימער איז געווען אנגעצונדען ליכט אזוי, אז דער שיין איז געפאלען אויף יאאנ'ען. און ווען דאס יונגע מיידעל האט איהם אנגעקוקט, האט זי געזאגט:

— איך קען מיר נאך אלץ גאר ניט פארשטעלען, אז איהר זענט ווירקליך דא...

— דאך — האט געענטפערט יאאן — אט שטעה איך א לעבע־דיגער פאר אייך.

פלוצים האט פרייליין גערדא געמאכט א קניקס: — יא — האט זי האסטיג א זאג געטאן און איז ווידער רויט געווארען: — א שענעם דאנק אייך פאר דער אנגענעמער שטונדע ביים טעע.

און זי האט צוגעמאכט די טיר.

יאאן איז געבליבען שטעהן אנגעשפארט אן דעם ביישטידעל פון טיר: ווי ווייך דער טאן פון דער דענישער שפראך האט גע־קלונגען! איהם האט זיך איצטער געדאכט, אז זי איז איהם געלעגען אין אויער א סך יאהרען ווי א מעלאדיע, ווי א ליעדער־מעלאדיע, וואס ער האט האלב פארגעסען.

ער האט זיך אבער געהאלטען אמת נאריש, פון זינט ער איז דא אין דענעמארק. ער האט גלייך פון ערשטען טאג אן געדארפט זיין צוזאמען מיט ריכטיגע מענשען, אנשטאט מיט קינסטלער, וואס זע־

נען געווען פונקט אַזוי ווי אַלע אַנדערע קינסטלער פון דער וועלט. נאָר אָרימע און אָפּגעריבענע זענען זיי געווען, און די פרויען זענען אַלע געגאַנגען אין קליידער, וואָס זענען פון פאַרענט געווען צו קורץ. יאַאַן האָט ניט ווילענדיג געמוזט שמייכלען (זיינע געדאַנקען זע־נען געשפּרונגען פון איינעם צום אַנדערן, ווי זיי פלעגען דאָס אַלע־מאָל טאָן, ווען ער איז געווען אַביסעל פריילעך). און ער האָט זיך דערמאָנט אָן דעם פּעסט אין קאָפּענהאַגען, וואָס עס איז פאַראַנ־שטאַלט געוואָרען פאַר זיין כבוד ווענען. די הערען זענען געזעסען אין זייערע אָפּגעטראָגענע פאַדערהעמדער, ווי מענשען, וואָס קו־מען זעלטען צו אַ פּעסט, נאָר קוים זענען זיי שוין געקומען, ווילען זיי פאַר דעם געלד אָפּעסען צו דער זאַט. די פרויען אָבער זענען געזעסען ווי זיי וואָלטען דאָ גאָר ניט געווען, מיט הוילע אויגען און מיט גראַנאַט־קייטען אויף די העלזער און האָבען צוזאַמענגעפּרעסט זייערע געוואַשענע גליים הענדשקעס איינע צו די אַנדערע. — אַך, יאָ, הער גראַף — האָט זיין טיש־דאַמע געזאָגט צו איהם (זי האָט אויסגעזעהן ווי אַ מכשפה, אַזוי צושויבערט האָבען איהרע האָר אַראָפּגעהאַנגען איבער דעם שטערען) — מען ווערט אין גאַנ־צען מטושטש אין קאָפּ, ווען מען דאַרף צוערשט די פינף קינדער לעגען אין בעט אַריין און דאַן זיך אַליין אָנטאָן. די קינסטלער־פרויען האָבען אויסגעזעהן ווי די גאַרניזאָנס־דאַמען אין אָרסאָוואָ. ווען די רעגירונג האָט זיי אַ צייט לאַנג ניט אויסגעצאָהלט זייערע געהאַלטען. זיין טיש־דאַמע האָט אָבער ניט אויפגעהערט איהם צו אונטערהאַלטען: — ענטשולדיגט, איך וויים גוט, אַז מיין דייטש איז ניט זעהר קאָרעקט, הגם איך האָב שטודירט מוזיק אין לייפּציג. מען פאַרגעסט אָבער אַזוי שנעל, און ווער רעדט נאָך אַז מען איז באַגאַנגען די נאַרישקייט און מען האָט חתונה געהאַט, דעמאָלט מוז מען די קונסט אויפהענגען אויפ'ן נאַגעל. די באַלעבאַטישקייט פאַרשלינגט איינעם און קיינער דאַנקט גאָר ניט...

און פלוצים, נאָכדעם ווי זי האָט מיט דער האַנד אַ פיהר געטאָן איבער איהרע אַרויסשטאַרטשענדיגע באַקען ביינער, האָט זי אַ פרעג געטאָן:

— וואס האלט איהר אייגענטליך פון לעבען, אזא באריהמטהייט ווי איהר?

יאאן האט נאך אלץ געשמייכעלט, און ער איז געגאנגען איבער דעם צימער.

ניין, קיין באזונדערן שפראך טאלענט פארמאגען די דענער ניט. מען רייזט ניט פיעל, נאר מען בלייבט אין דער היים. זיין מוטער האט אויך קיינמאל ניט געקענט אויסלערנען זיך ווי עס געהער צו זיין די אונגארישע שפראך. דער פאטער פלעגט מיט איהר אלע־מאל רעדען דעניש. ווי דייטליך ער דערמאנט זיך איהר שטים! זי איז אויך געווען אזוי שטיל און פונקט אזוי שרעקיג.

יאאן האט זיך געזעצט ביים קלאוויר. א מעלאדיע איז לאנג־זאם ארויסגעוואקסען פון אונטער זיינע הענד... ווי אזוי געהען דאס די ווערטער? זיין מוטער פלעגט זיי דאך איהם אזוי אפט זא־גען, ווען זי פלעגט זינגע[ן] פאר איהם ביים שווארצען אויווען, און צוקלאפען מיט די פיס צום טאקט:

„און ס'איז געווען א חודש שפעטער...
א חודש...

יאאנ'ס הענד האבען זיך ארונטערגעגליטשט פון די קלאווישען.

דרויסען אויף דער גאס זענען די לאמטערנס אנגעצונדען גע־ווארען. זייער שיין איז געפאלען דורך די בלומען אויף די שוועלען פון די פענסטער און אויף די בילדער אויף דער וואנט. ווי שטיל עס איז דא געווען. ער האט געקענט הערען די פאמעליכע טריט פון די, וואס זענען געגאנגען אין גאס. דאס מוזען זיי איצטער זיך אומ־קעהרען אהיים פון דער ארבייט אויף די פעלדער.

יאאן האט זיך נאך אלץ געוואלט דערמאנען די ווערטער:

„און ס'איז געווען א חודש שפעטער,
איז ער געווען שוין קאלט און טויט".

זיין מוטער פלעגט אפט זיצען ביים פענסטער מיט די הענד אונטערן קין, און ארויסקוקען אין דרויסען.

— נאך וואס קוקסטו אלץ אזוי ארויס, מאריא? — האט אמאל זיין פאטער געפרעגט.

— איך קוק אריבער צו מיין היים.

ניין, ניין. עס קען זיך נאָך אַלץ ניט דערמאָנען דעם טעקסט...

ווי איז ער פאַרט געווען:

„עס איז געווען אַ ריטער אַאַגע,
עס איז געווען אַ ריטער אַאַגע..."

אָבער דאָס יונגע מיידעל מוז דאָס מסתמא זיכער וויסען. געוויס, זי וועט עס וויסען.

יאַאַן איז אויפגעשטאַנען און אָנגעקלאַפּט אַן דער טיר, איי־דער ער האָט זי געעפענט. אַ דאַמע איז געשטאַנען אין צימער, אונטער דעם לאָמפּ. זי האָט זיך אומגעדרעהט און איהם געוויזען אַ ביינערדיג פּנים.

— ענטשולדיגט — האָט געזאָגט יאַאַן — איז דאָס גנעדיגע פרייליין ניטאָ?

— איך וועל זי רופען — האָט געזאָגט די דאַמע און איז ארויס.

— אַה, פרייליין גערדא — האָט אויסגערופען יאַאַן, ווען זי איז אריינגעקומען. — די טיר האָט זי געלאָזט אָפען שטעהן, אזוי אַז דאָס ליכט פון דעם לאָמפּ איז געפאַלען אויפ'ן קלאַוויר: — איך האָב זיך דערמאָנט אַן אַ מעלאָדיע און איך קען זיך ניט דערמאָנען די ווערטער...

און ער האָט ווידער אָנגעהויבען: „דאָס איז ריטער אַאַגע".

„עס איז געווען אַ ריטער אַאַגע" — האָט זי געזאָגט.

— יאָ.

— אַאַגע — האָט זי פאַרבעסערט און געלאַכט.

— אַאַגע — האָט נאָכגעזאָגט יאַאַן און אויך געלאַכט. — דאָס האָב איך מיך קיינמאָל ניט געקענט אויסלערנען.

— אַאַגע — האָט זי איבערגע'חזר'ט און ברייט צוועפענט איהר מויל:

„עס איז געווען אַ ריטער אַאַגע,
און ער פלעגט אין אַ פאַנצער רייטען".

— יאָ — האָט געזאָגט יאַאַן, וואָס האָט איהר לאַנגזאַמע שטים נאָכגעפאָלגט אויף דעם קלאַוויר.

„האט ער גע׳שדכנ׳ט זיך צו עלזע,
די שענסטע פרוי פון אלע צייטען“.

יאאן האט ווייטער געשפּיעלט אין דער צייט, וואס פּריילייןגערדא האט מיט א האלבע שטים ווייטער געזונגען:

„ער האט גע׳שדכנ׳ט זיך צו עלזען
און ס׳איז איהר גאלד געוועזען רויט.
און ס׳איז געווען א חודש שפּעטער
איז ער געווען שוין קאלט און טויט“.

איין אויגענבליק איז געווען שטיל. דערנאך האט פריילייןגערדא א זאג געטאן:

— דאס איז א טרויעריג ליעד.

— יא — האט געזאגט יאאן, וועמענס הענד עס זענען נאך אלץגעלעגען אויף די קלאווישען. די טריט פון די וואס זענען געגאנ־גען אין דרויסען האבען ארייגעקלונגען אין צימער.

— ווי שטיל דא איז — האט געזאגט יאאן און ווייטער גע־שפּיעלט. — מיין מאמע פלעגט דאס ליעד אפט זינגען.

גערדא האט ניט געענטפערט און קיינער פון זיי האט ניט גע־רעדט.

מיט אמאל האט גערדא א זאג געטאן און איהר קול האט גע־קלונגען העלער:

— איך וועל איצט דעם לאמפּ אנצינדען.

יאאן איז אויפגעשטאנען און האט באטראכט איהרע הענד, ווען זי האט אנגעצונדען דעם לאמפּ, דאן האט ער זיך פארקוקט אין לאמפּ אריין און א זאג געטאן מיט דעם זעלביגען טאן וויפריהער:

— היינט איז דער געבורטסטאג פון מיין מאמע. — עס איזמאדנע, אז גראד היינט בין איך געקומען אהער דא.

זי האט געהאלטען דאס גלעזעל אין דער האנד.

— יא — האט זי געזאגט און איהר שטים האט געקלונגען ווייזינע — דאס איז מאדנע.

זי האָט דאָס גלעזעל אַנגעטאָן אויפ'ן לאַמפּ. — און אפשר דורך אַן אידעענפאַרבינדונג און אפשר אויך נאָר כדי איהם צו צושטרייען האָט זי מונטער אַ זאָג געטאָן:

— איך וויל אייך ווייזען דאָס הויז, וואו איך בין געבוירען געוואָרען... גרויס איז עס ניט. — און זי האָט געלאַכט, ווען זי האָט פון וואַנד אַרונטערגענומען אַ פאָטאָגראַפיע: אַ זעהר קליין הויז, מיט פיער פענסטער און איין טיר.

— און צוויי פון די פענסטער האָבען געהערט צו דער קראָם

— האָט זי געזאָגט בעת זי האָט איהם געוויזען דאָס בילד. — דאָס איז מיין מאַמע, און מיך האַלט זי אויפ'ן שויס.

— און דאָס איז אייער שוועסטער? — האָט געפרעגט יאָאַן.

אביסעל האַסטיג האָט זי געענטפערט: — יאָ, דאָס איז מיין שוועסטער. — און זי האָט פאָרטגעזעצט:

— מיין מאַמע איז נאָך געווען אַזוי יונג ווען זי איז געשטאָר־בען... גראַד דעמאָלט ווען מיר האָבען זיך אַריבערגעקליבען אין דעם נייעם הויז. זי האָט זיך אַזוי געפרעהט דערמיט, דערצעהלט דער טאַטע. און דאַן איז זי געשטאָרבען... בלויז פיער חדשים שפּעטער.

און די באָבע איז אויך יונג געשטאָרבען. אָבער די עלטער־באָבע האָט זיי אַלעמען אַריבערגעלעבט. זי האָט געלעבט, ביז איך בין אַלט געוואָרען ניין יאָהר.

— אויב אַזוי האָט זי געמוזט זיין אַ זקנה—האָט געזאָגט יאָאַן און געשמייכעלט, אַליין ניט וויסענדיג פאַרוואָס.

— יאָ. זי איז אַלט געווען דריי און ניינציג יאָהר, — האָט זי געזאָגט, — און ביז צום לעצטען טאָג איז זי געווען טעטיג אין געשעפט.

זי האָט דאָס בילד צוריק אויפגעהאַנגען אויף דער וואַנט.

— און דעמאָלט איז מיין מוהמע געקומען צו אונז אין הויז אַריין.

— איז דאָס אייער מוהמע? — האָט געפרעגט יאָאַן און גע־מאַכט אַ באַוועגונג צו דעם דערבייאיגען צימער.

— יא, זי איז מיין טאטענס שוועסטער.

יאאן האט געלאכט:

— זי זעהט אוים עהנליך צו אנע, — האט ער געזאגט.

— ווירקליך? די מוהמע איז אזא גוטע.

יאאן האט ווייטער געלאכט, כמעט אזוי ווי ער װאלט זיך רייצען מיט איהר:

— אבער זי זעהט האך אוים עהנליך ווי אנע, — און גלייך דארויף האט ער געזאגט:

— א. איך וועל צו אנע טעלעגראפירען און דערמיט וועל איך איהר פארשאפען א פרייד. וואו געפינט זיך דא דאס טעלעגראפען־אמט?

— דאס איז ביים באהנהויף, דער דיענער קען אייער טעלעגראמע אהינטראגען.

— ניין, איך וועל אליין געהן.

— עס איז גלייך ביים באהנהויף — האט געזאגט פריילין גערדא — אבער איך קען אייך באלייטען.

— וועט איהר דאס ווירקליך טאן?

— יא, מיט פארגעניגען.

— אבער פריהער וויל איך באשפריצען — און זי האט גענומען א פלעשעל אדע־קאלאן און געשפריצט איבער'ן צימער. יאאן האט געלאכט:

— פארוואס טהוט איהר דאס?

— ווייל די לופט איז שלעכט. אין א הויז, וואו עס געפינט זיך א קראם, ווערט זי זעהר לייכט שלעכט.

— מוהמע — האט זי אריינגעשריגען אין דערבייאיגען צימער — מיר געהען צום באהנהויף.

און א הוט האט זי אנגעטאן און א מאנטעל האט זי אויף זיך ארויפגעצויגען, אזוי אז יאאן האט איהר ניט געקענט העלפען. זיי זענען ארונטער די שטיגען און זי האט געעפענט א טיר און אריינגעשריגען: — איך געה נאר צום באהנהויף.

— דאָס איז פאַר'ן טאַטענסוועגען. ער וויל אַלעמאָל וויסען וואו איך בין. פון זינט פאַר־אַ־יאָהרען איז ער געוואָרען אַזוי שרעקענדיג...

זיי זענען אַרויסגעקומען אויפ'ן גאַס. יאַאן האָט זיך אייך איין אויגענבליק אויסגעדרעהט און געזעהן דעם געשעפטס־פיהרער שטעהן אין דער טיר פון קראַם.

— אַט שטעהט דער געשעפטס פיהרער — האָט ער געזאָגט.

— אַזוי? — האָט געפרעגט פריילייך גערדאַ, און איז רוהיג ווייטער געגאַנגען.

— דאָס איז דער זעלביגער וועג מיט וועלכען איהר זענט פריהער געקומען — האָט זי געזאָגט.

— אָבער איצטער איז ער פיעל שענער, — האָט יאַאן געענטפערט.

— יאָ — האָט זי געזאָגט און אַרויפגעקוקט צו די לאַמפּען, וואָס האָבען געהאַנגען איבער דער גאַס; איצט איז זי עלעקטריש באַלויכטען. דאָס עלעקטרישע ליכט איז אונזער שטאָלץ.

איהר בליק האָט געשוועבט איבער די רויטע הייזער פון גאַס און זי האָט ווידער געלאַכט:

— אָבער מען באַנוצט עס כמעט גאָר נישט. ווארים עס געפינט זיך דאָ ניט קיינער, וואָס זאָל עס קענען פיהרען. און מיר באַנוצען עס אויך ניט. ווארים ווען מיר זאָלען עס האָבען אין הויז, וואָלטען מיר עס אויך געמוזט האָבען אין דער קראָם, און דאָס וויל ניט דער טאַטע.

— פאַרוואָס ניט? — האָט געפרעגט יאַאן.

— ער זאָגט — און זי האָט נאָך אַלץ געלאַכט — אַזאַ ביליגע סחורה ווי מיר פאַרקויפען דאָ, דאַרפען די קונים ניט אַזוי גענוי זעהן.

— אייער פאָטער איז קלוג — האָט געזאָגט יאַאן און געלאַכט.

— יאָ — האָט פּלוצים דאָס יונגע מיידעל אַ שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ זעהר ערנסט.

אויפ'ן וועג איז געווארען טונקעלער, און עטליכע וועגען זענען זיי פארבייגעפאהרען.

— זיי קומען דאס צום קאנצערט — האט א זאג געטאן פרייליין גערדא און ניט ווילענדיג האט זי דאס געפליסטערט.

די פארבייפאהרענדיגע האבען אין דער האלב פינסטערניש אויסגעזעהן ווי גרויסע און שווארצע שאטענס.

— זיי זענען פון יענער זייט — האט געזאגט גערדא.

— פון יענער זייט?

— יא, פון דער אנדערער זייט גרעניץ, — האט זי געפליסטערט.

זיי זענען צוגעקומען צום וועג, וואס האט געפיהרט צום באהנ־הויף, און זיי זענען געגאנגען איבער א קליינער בריק, וואס איז גע־לעגען איבער א ברייטען גראבען.

— זי שאקעלט זיך — האט געזאגט גערדא און איז געבליבען שטעהן אין מיטען בריק.

— יא — האט געזאגט יאאן און געטופעט אויף די ברעטער.

ווען זיי זענען צוגעגאנגען צום קאנטאר האט דאס יונגע מיי־דעל געזאגט:

— גראף אויהאזי וויל טעלעגראפירען, דעם נאמען האט זי ארויסגעזאגט שנעל.

— ביטע שען — האט געזאגט דער בעאמטער און דערלאנגט יאאנ'ען א פארמולאר.

יאאן איז צוגעגאנגען צו א קליינעם פולט און געשריבען. דער אפאראט האט געפלוידערט מיט זיינע קורצע און שנעלע טיקען. פרייליין גערדא האט געזאגט:

— פון דרינען דא קען מען רעדען מיט דער גאנצער וועלט.

— יא — האט געזאגט יאאן — און פון דאנען האט איהר צום ערשטען מאל גערעדט מיט מיר.

— יא — — ווי איך האב דאס געקראגען דעם מוט דערצו.

יאאן האט איהר געוויזען דעם פארמולאר, וואס ער האט בא־שריבען.

— איז דאס אזוי ריכטיג?

גערדאַ האָט גענומען דעם פאָרמולאַר און געלייענט:

„אַנע יענסען. שאַטאָ אויהאַזי, אַרסאַווא, אונגאַרן. יעג זענער דיג, גאַמלע אַנע, ען היאַרטעליג הילזען פראַ דענעמאַרק". (איך שיק דיר, אַלטע אַנע, אַ האַרציגען גרוס פון דענעמאַרק).

— יאַ — האָט געזאָגט גערדאַ. אַבער ז ע נ ד ע ר ווערט געשריבען מיט אַ „צ".

— אַה, ווי דאָס פאַרדריסט, איך קען אפילו ניט ריכטיג דעניש שרייבען — האָט געזאָגט יאַאַן. ער האָט צוריסען דאָס טעלעגראַם אין צווייען, און אויפ'ס ניי געשריבען — פּאַמעליך, ווי איינער, וואָס שרייבט יעדעס וואָרט אות נאָך אות.

— איז עס איצטער ריכטיג? — האָט ער געפרעגט און איהר ווידער דערלאַנגט דאָס פּאַפּיר, וואָס גערדאַ האָט געלייענט: — „יעג זענדער דיג, גאַמלע אַנע, ען היאַרטעליג הילזען פראַ דענעמאַרק. דין יאַסע".

— יאַ — האָט זי געזאָגט און געלאַכט. — אַזוי איז עס ריכטיג.

— יאַסע — האָט געזאָגט יאַאַן — דאָס וועט זי דערפרעהען.

יאַאַן האָט באַצאָהלט און זיי זענען אַרויסגעגאַנגען.

פריילין גערדאַ איז איין אויגענבליק געבליבען שטעהן אויף דער בריק. — דאָס איז געווען טייער — האָט זי געזאָגט — אַבער עס איז דאָך אויך ווייט — — — און זי האָט זיך פאַרקוקט אין דער טונקעלהייט.

דערנאָך האָט זי געזאָגט:

— איך אַבער וואָלט ניט וועלען קריגען קיין טעלעגראַם.

— פאַרוואָס ניט?

— איך האָב אַמאָל באַקומען איינעם, איז דאָס געווען אַזוי טרויעריג.

זיי זענען פאַרבייגעגאַנגען דעם באַהנהויף און יאַאַן האָט גע־פרעגט: — איז מיין געפּעק שוין אָנגעקומען אין האָטעל? (ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז יאַ).

— מיר קענען דאָך פרעגען — האָט געענטפערט גערדאַ.

זיי זענען דורכגעגאנגען דעם פאדערשטען זאל און זענען ארויס אויפ'ן פלאטפארם. קיינער איז דארט ניט געווען. אלעס איז גע־ווען שטיל. נאר דער טעלעגראף דראט האט געזונגען איבער זיי. זיי זענען געשטאנען ביים ברעג פון פלאטפארם. דער שטאהל פון די רעלסען האט זיך פון וויטענס פארלוירען אין דער פינסטער־ניש.

פרייליין גערדא האט שטיל א זאג געטאן: — איך געה גאנץ אפט אהער ביינאכט — זי האט געוואלט לאכען.

— יא, ווען דער שנעלצוג פאהרט פארביי... איך טאר דאס ניט... אבער געוועהנליך בין איך אין יענער צייט נאך קיינמאל ניט אין בעט. און עס איז אזוי שען!... אלע באלויכטענע וואגאנען און די אלע מענשען וואס זיצען אין זיי, און מיט וועלכע מען וועט זיך קיינמאל ניט באקענען... איהר מוזט מסתמא קענען הונדערט טויזענד מענשען, — האט זי פלוצים געזאגט און ווי זי וואלט ווע־לען זיך אליין אונטערברעכען, אט זי פלוצים אנגעוויזען אין דער טונקעל און געזאגט: — דאס איז אונזער בארג.

— בארג?

— יא, אט דאס בערגעל רופען מיר א בארג — און זי האט גע־לאכט.

— קענען מיר ארויפקלעטערן דעם בארג? — האט יאאן גע־פרעגט און אויך געלאכט.

— יא, מען קען... — און זי האט אנגעהויבען צו געהן — אבער האלב זיעבען דעם זייגער דארפען מיר דאך עסען.

זי איז כמעט געלאפען. זיי זענען געגאנגען פאר די רעלסען און זי האט איינגעהאלטען איהרע טריט. — איך קען שיער דעם אטעם ניט כאפען.

יאאן אבער האט געענטפערט און גערעדט זעהר ווייך: — ווען איהר וועט ערשט ארויסקומען אין דער וועלט און זיך באקע־נען מיט הונדערט טויזענד מענשען...

— דאס וויל איך קיינמאל ניט — האט זי געזאגט און געשאָ־קעלט מיט'ן קאפ. דער טאטע זאגט, אז טעאדאר (טעאדאר איז מיין

ברודער), ער האט שוין געררייזט פאר דער גאנצער פאמיליע. — דא איז דאס — האט זי געזאגט און זיך פארנומען מיט א וועג אין פעלד אריין. — ווען מיר זענען געווען קינדער — זי האט אויס־געדרעהט דעם קאפ און יאאן האט געזעהן איהר שמייכעלע אין דער פינסטער — פלעגען מיר אלע מאל שפיעלען „די לענדער פון די וועלט" אין הויף (ווייל ער איז אזוי גרוים) און די פעסער זע־נען געווען שטעדט, און די אויבערשטע טיילען פון די וועגען זע נעז געווען רוים. די לאנקע אבער איז געווען אזיען. — זענט איהר אמאל געווען אין אזיען?

— ניין — האט געענטפערט יאאן.

זיי האבען אנגעהויבען ארויפצוקלעטערען אויפ'ן בערגיל און זיי זיינען צוגעקומען צום שפיץ. פאר זיי האט זיך אויסגעשפרייט די פינסטערניש פון די פעלדער. נאר די איינצעלנע ביימער האבען פון דעם שאטען ארויסגעקוקט ווי וועכטער. זיי זענען שווייגענדיג געשטאנען פאר דער שטילער פינסטערניש ניט נעבענאיינאנדער.

— אבער — האט געזאגט יאאן — און ער האט גערעדט פא־מעליך און נאר מיט א האלבער שטים: — וואס טוט איהר דען, פרליין גערדא, ווען איהר זענט אזוי שפעט נאך וואך?

זי האט גערעדט ווי ער: — איך זיץ ביים לאמפ. עס איז אזוי שען, ווען אלע שלאפען און אין קיין איינציגען הויז איז מעהר קיין ליכט ניטא. דעמאלט איז מען אין גאנצען אליין און מע קען טראכ־טען...

— וועגען וואס טראכט איהר דעמאלט?

— אך, איך וויים ניט, וועגען דעם, וואס עס וועט אמאל גע־שעהן...

יאאן האט געשמייכעלט: — איז דען שוין אמאל עפיס געשעהן?

זי האט איהם אנגעקוקט: — ניין, נאך קיינמאל ניט — האט זי געענטפערט און געשאקעלט מיט'ן קאפ.

זיי האבען א ווײלע געשוויגען שטעהענדיג פאר דער שטומער פינסטערניש. דערנאך האט יאאן א פרעג געטאן: — ווי אזוי איז דאס בילד „בין השמשות" געקומען אויף אייער וואנד?

— איך האב עס געקויפט — האט זי האסטיג געענטפערט.

— דאס זעלביגע בילד פלעגט אויך מיין מאמע האבן.

— אך? — האט גערדא אויסגערופען שטיל.

— יא... עס פלעגט הענגען ביים אויוועו, און געקומען איז עס פון דענעמארק. — יאאן האט ווידער געשוויגען. און דערנאך, ווי ער וואלט זיך פארנומען מיט א וועג דורך אומבאקאנטע געדאנקען, האט ער געפרעגט: — אבער מוזיק הערט איהר דאך ווען ניט ווען.

און גלייך ווי זי וואלט געטראכט צוזאמען מיט איהם, האט גערדא געענטפערט מיט גענוי דעם זעלביגען טאן: — יא, פון צייט צו צייט. — פלוצים אבער האט זי געענדערט דעם טאן: — אין מוזיק פאראיין, אבער דארטען פיהרט פרוי ראאבעל די גרענדע.

— פרוי ראאבעל?

— יא, דעם דאקטאר'ס פרוי... און פאר א יאהרען האט דא געשפיעלט דער הער גרין. דאס איז געווען וואונדערליך.

— ווער איז דער הער גרין?

— דאס איז אונזער ערשטער פידעל־שפיעלער. אך, ער האט געשפיעלט מענדעלזאהן. דאס איז געווען דאס שענסטע, וואס איך האב אמאל געהערט.

יאאן האט פלוצים א קנאק געטאן מיט זיינע פינגער אין דער פינסטערניש.

— איז דאס ווירקליך געווען אזוי שען? — האט ער געפרעגט און זי האט ניט געזעהן, אז ער האט געשמייכעלט.

זיי האבען ווידער געשוויגען, ביז פרייליין גערדא האט פלוצים א פרעג געטאן:

— וואס איז יאסע?

יאאן האט זי אנגעקוקט און געענטפערט: — אזוי האט מען מיך גערופען, ווען איך בין געווען קליין. אנע איז דאך תמיד ביי אונז געווען.

— אזוי — האט געזאגט גערדא.

פון די שווייגענדיגע פעלדער איז צו זיי ניט צוגעקומען קיין

קלאנג. הינטער זיי האבען שימערירט די ליכט פון די הייזער. דאס פאהרען פון א וואגען האט זיך פארלוירען אין דער ווייט.

יאאן האט זיך פארקוקט אויף די שווייגענדיגע שאטענס פון די ביימער. — דא איז דענעמארק — האט ער געזאגט.

פריילין גערדא האט אויפגעהויבען איהר האנד (זי האט ניט געוואוסט פארוואס איהר שטים האט געציטערט): — און דאס איז שלעזוויג, — האט זי געזאגט — דאס זענען די שלעזווינגשע פעלדער.

— אזוי נאהענט? — האט יאאן געפרעגט.

זיי האבען ווידער געשוויגען, ביז יאאן האט א פרעג געטאן:

— דענקט איהר, אז עס איז אזוי טרויעריג?

— וואס דען?

— דאס מיט שלעזוויג.

— יא — (און זי האט א שאקעל געטאן מיט'ן קאפ) — ווארים זיי זענען אזוי טריי... טראץ אלעמען.

— טראץ אלעמען?

זי האט אויף דעם ניט געענטפערט, זי האט אבער געזאגט:

— דער טאטע זאגט, מיר זענען אזוי ווייניג... אבער — דא האט זי גערעדט אביסעל שנעלער — דאס פארשטעהט מען ניט, ווען מען האט אזא גרויס פאטערלאנד ווי איהר.

יאאן האט געענטפערט: — מיין פאטערלאנד איז קלענער פון דענעמארק.

— אונגארן? — האט געפרעגט גערדא.

יאאן האט זיך ניט גערירט: — אונגארן איז ניט מיין פאטער־לאנד. מיין פאטערלאנד איז בלויז אן אינזעל.

— אן אינזעל?

גערדא האט צוגעווענדט צו איהם איהר ווייס פנים.

— יא, מען רופט איהם דער „אינזעל פון די פארשטויסענע“.

יאאן אבער האט א פיהר געטאן מיט דער האנד איבער די אויגען: — דערפון וועל איך אייך אן אנדערש מאל דערצעהלען.

— אן אנדערש מאל? — האט זי געפרעגט.

יאַאַן האָט געוואָלט וואָס זאָגען און האָט געשוויגען... פאַרגנו־מען פון דעם זעלביגען געדאַנק.

— איצטער מוזען מיר אַהיים גײן — האָט זי געזאָגט און אָנ־געהויבען צו געהן שנעל פאַר איהם. ווען זיי זענען געווען אונטען, האָט ער זי דעריאָגט. זיי זענען געגאַנגען מיט אַן אַנדער וועג, וואָס איז געווען אַ קורצערער. זיי זענען געגאַנגען פאַרביי אַ צוים פאַרשטעלט מיט ביימער: — דאָס איז דער בית עלמין — האָט גע־זאָגט פריילין גערדאַ.

— וואָס איז „האָלד" — האָט יאַאַן פּלוצים אַ פרעג געטאָן.

— האָלד? — האָט גערדאַ געזאָגט מיט אַ האַסטיגע באַוועג־גונג, און שמייכלענדיג האָט זי געזאָגט: — האָלד איז געווים שען.

— פּלוצים אָבער צומישט, אַליין ניט וויסענדיג פאַרוואָס, האָט זי געזאָגט:

— מיר האָבען זיך לאַנג געזאַמט.

— אַ האַלבע שעה — האָט געזאָגט יאַאַן.

זי האָט געקוקט פאַר זיך: — ניט לענגער? — און זיי האָבען ווידער געשוויגען.

זיי זענען אריין אין דער גאַס וואו עס זענען געהאַנגען די עלעק־טרישע לאַמפּען: — האַלב זיבען וועט מען עסען? — האָט יאַאַן געפרעגט מיט אַ מונטער קול.

— יאָ.

— וועלען אַ סך קומען?

— עטליכע. — זי האָט געלאַכט: — דאָס איז גוט פאַר אייך, ווייל איהר וועט דאַן ניט האָבען קיין צייט זיך צו שרעקען.

— איך וועל זיך איצטער איבערטאָן — זיי זענען צוגעקומען צום „האָטעל דענעמאַרק".

— צום ווידערזעהן — האָט אויסגערופען יאַאַן און איהר דער־לאַנגט די האַנד — און אַ שענעם דאַנק אייך פאַר דעם שפּאַציר גאַנג.

— אויף אונזערע בערג — האָט זי געזאָגט און געלאַכט ווי ער: — אַדיע, גראַף אויהאַזי! — און זי איז אַוועקגעגאַנגען.

יאאן אבער האט נאכגעשריען הינטער איהר: — דאס איז געווען כ מ ע ט ריכטיג, פריילייז יאהאנסען.

— און דאס איז געווען פארקעהרט — האט זי צוריקגעשריגען.

— אדיע!

יאאן איז געבליבען שטעהן אין טויער פון גאסטהויז, ווען דער קעלנער יענסען האט פלוצים הינטער איהם א זאג געטאן: — יא, פריילייז יאהאנסען איז רייצענד. — יאאן האט זיך אויסגעדרעהט און געוואלט איהם ענטפערען מיט א שארף ווארט. אנשטאט דעם אבער איז ער איהם נאר פארבייגעגאנגען און איז ארויף אויף די טרעפ.

— וואו ביזטו דאס געווען? — האט געפרעגט די מוהמע, ווען פריילייז גערדא איז אריין אין צימער.

— א, מיר זענען געווען ווייט, — האט גערדא געענטפערט, און פלוצים האט זי אויפגעהויבען די הענד און געגלעט דער מוהמעס ביידע באקען. דער געשעפטס־פיהרער האט זיך באוויזען אין דער טיר. ער איז אריין אין עס־צימער, כדי דארט צו עפענען פלאשען.

יאאן איז געגאנגען דורך דעם פאדערצימער, וואו אין מיטען צוג־ווינד איז געשטאנען א דיקער מאן, וואס האט מיט א בלויען טוך זיך געווישט דעם שוויים פון שטערן.

— איך בין אלעסען — האט ער געזאגט.

יאאן האט זיך פארנייגט.

— דער ווירט — האט געזאגט דער מאן, וואס האט ווייטער ניט אויפגעהערט צו ווישען דעם שוויים.

יאאן האט זיך ווידער א נייג געטאן.

— ס'וועט היינט אבענד זיין פול — האט געזאגט אלעסען.

— דאס איז דאך שען — האט געענטפערט יאאן.

— אזוי? — האט געפרעגט אלעסען — וואס האט מען דערפון?

און קוקענדיג אויף יאאנ'ען פון דער זייט, האט ער באהאלטען זיין טאשענטוך און געפרעגט:

— וועלען זיין פאוזען?

— יא, צוויי — האט געענטפערט יאאן, וואס האט שוין גע־וואלט ארויפגעהן די טרעפּ.

— צוויי? — האט איבערגעפרעגט אלעסען, וועלכער איז אין זיין גאנצען לעבען געוועהנט געווען צו שטעלען פראגען — אבער דער זאאל איז ווארים און וואונדערשען פארציערט. פריילייז יאָהאנסען האט דאך איהם פארציערט.

יאאן האט ארויפגעקוקט צו די טרעפּ און געזאגט: — פריילייז יאָהאנסען האט זיך געגעבען פיעל מיה.

— דאס האט זי געטאָן — האט געענטפערט דער הער אלעסען און זיך ווידער געווישט — אבער די לייט האבען דאך אויך דאס געלד דערצו.

פלוצים אבער איז ער צוגעגאנגען צום פענסטער, און דורך אן אויסגעהאקטער שויב האט ער געשריגען נאך דעם הויז קנעכט און נאך דריי פאס ביער.

— אין זאל זאל מען זיי אריינברייננגען! — האט ער געשריגען.

ביי יאהאנסענ'ס „געלד" האט דער ווירט פארגעסען אי אן די פאוזען און אי אן זיין אייגענעם פארדיענסט.

יאאן איז אריין אין זיין צימער, וואו דאס פעטראלעאום אוי־וועלע האט נאך אלץ געקאפּטשעט, און די קופערטס זענען גע־שטאנען ביי דער וואנט ניט געעפענט.

הינטער איהם איז אריינגעקומען יענסען. יעדעס מאל ווען ער האט זיך געגריסט. האט זיך געדאכט אז ער בוקט זיך.

— וואו איז מיין דיענער?

— אייער הער דיענער איז ערגיץ אוועקגעגאנגען.

יאאן האט געזעהן די שליסעל פון זיינע קופערטס ליגען אויפ'ן טיש און ער האט געזאגט:

— עפענט, זייט אזוי גוט, מיין קופערט.

אין דער צייט וואס יענסען האט זיך ארומגעפּארעט מיט די שלעסער, וואס סוף כל סוף האט יאאן געמוזט זיי אליין עפענען, האט ער געפלוידערט אהן אן אויפהער.

יאַן איז געשטאַנען ביים פענסטער. איצטער איז דאָרטען ביי די יאַהאַנסענס געווען פאַרהאַנגען יעדעס פענסטער. וויפיעל בלומען עס זענען געשטאַנען אויף די שוועלען פון די פענסטער! זיי ווערען מסתמא אויפגעפּאַסט פון פריילין גערדאַ און איהר מוהמע.

היינט וועט אַנע שוין דעם טעלעגראַם ניט מעהר באַקומען. דער־פאַר אַבער מאָרגען אין דער פריה. ווי פול מיט שרעק עס האָט געקלונגען פריילין גערדאַ'ס קול, ווען זי האָט געזאָגט: — איך האָב אַמאָל באַקומען אַ טעלעגראַם, און דאָס איז געווען אַזוי טרוי־עריג...

יאַן האָט געהערט דעם הער יענסענ'ס קול הינטער זיך:

— ווען איך מעג זאָגען מיין מיינונג: — דאָס איז אַ זעהר נעטע פאַמיליע. נאָר זייער פעקעל האָבען זיי אויך, ווארים מען ווייס דאָך, וואָס אין דער פּראָווינץ און אין אַ קליינעם אָרט ווערט גערעדט...

יאַן האָט זיך געוואָלט אויסדרעהען צו איהם אפשר כדי עפּיס צו פרעגען, ווען דער הער יענסען האָט פּלוצים אַ זאָג געטאָן:

— גאָט מיינער, איך בעט טויזענד מאָל ענטשולדיגונג. דער הער האָפּיעגערמייסטער איז דאָ געווען און זיך נעפרעגט אויף דעם הער גראַף — און ער האָט אַרויסגעשלעפּט אַ וויזיט קאַרט, וואָס ער האָט געטראָגען אויף זיין ברוסט אונטער זיין העמד.

— דער גראַף האַלשטיין וועט צוריקקומען — האָט ער געזאָגט.

— האַלשטיין! — דאָס האָט זיך פון יאַנ'ען אַרויסגעריסען במעט ווי אַ געשריי. און אויף דער קאַרט, וואָס ער האָט צוגע־נומען, האָט ער געליינט:

„עריך"... יאַ, יאַ, עריך האַלשטיין. דאָס איז געווען עריך.

— וואוינט דער גראַף האַלשטיין דאָ? — האָט ער געפרעגט און איז צוגעגאַנגען נעהענטער צו יענסענ'ען.

— יאַ, צו דעם גראַף געהערט דאָך האַהענוואַלדע... אַ האַל־בע מייל פון דאַנען. גאָט, אַזאַ שען און פּריציש גוט...

— ווירקליך, ניין, ווירקליך? — האט געפרעגט יאַאַן און עס אליין ניט געוואוסט.

עראינערונגען און געדאנקען האבען זיך דורכגעטראָגען אין זיין קאָפּ: — וועט ער, הייסט עס, אויך עריכ'ן דאָ טרעפען. אויך עריך'ן וועט ער היינט דאָ ווידער זעהן...

פאר פרייד האט ער אַן עפען געטאָן דאָס דעקעל פון זיין קוּפערט און געמישט צווישען זיינע פרעק און זיידענע וועסטען: ער, וואָס אזוי פלעגט ער זיך קיינמאָל ניט צוריהרען צו זיינע זאַכען. נו, איצטער איז צייט, אז ער זאָל זיך איבערטאָן.

— איז ער פארהייראַט? — האט ער פּלוצים געפרעגט.

— גאָט, יאָ. — און יענסען האט זיך געדרעהט און געבויגען.

— אָבער די פרוי גרעפין איז זעלטען ווען אין דער היים, נאר אין אויסלאַנד, אָדער אזוי, אַך, אין אַ קליינעם אָרט ווערט דאך אזוי פיעל גערעדט, ווען איך מעג זיך אזוי אויסדריקען...

דאָס פּלוידערן האט זיך אזוי געגאָסען פון יענסען'ס ליפּען, ווי שמוציג וואסער פון אַ דאך־רינע.

יאַאַן האט איהם מעהר ניט געהערט.

— איך מוז זיך איבערטאָן — האט ער געזאָגט — זוכט מיר אויף, איך בעט אייך, מיין דיענער.

דער הער יענסען האט פּלוצים איבערגעריסען דעם מבול פון זיינע ווערטער, ווייל ער איז געפאלען אויף אַ המצאה. היינט אין אָוועגט, ווען קיינער וועט ניט זיין אין הויז, וועט ער אָנמעסטען אָט די אַלע אנצוגען!

— געוויס, מיט פארגעניגען, — האט ער געענטפערט, און ביי דער טיר האט ער זיך אזא בייג געטאָן, אז ער איז אריינגעפאָהרען אין דעם בערלינער'ס בויך, וואס איז גראד אריינגעקומען און מיט פארדרוס געקוקט אויף דעם קופערט.

— פארוואָס האט דער הער גראף אויסגעפאקט?

— ווייל איך וויל זיך איבערטאָן.

— איצטער?

— יאָ, איך וויל מיין לאָנדאָנער פראַק.

דער בערלינער האָט פאַרצויגען זיין פלײשיגע נאָז:

— האָ? — האָט ער געפרעגט.

— יאָ.

— זעהר גוט — האָט געזאָגט דער בערלינער, ווי איינער, פאַר וועמען עס איז איינמאָל פאַר אַלעמאָל קלאָר געוואָרען, אַז ער מוז פאַלגען אַ מאָדנעם מענשען, וואָס איז נאַריש גענוג איהם צו צאָה־לען הונדערט און פופציג פראַנק אַ חודש.

יאָאַן האָט זיך ארומגעדרעהט אהין און צוריק, ווען ער האָט זיך אויסגעטאָן. ער האָט אַריינגעגאָסען אַ־דע־לובען אין זיין וואַש־וואַסער און דערמיט איינגעריבען דעם אויבערשטען טייל פון זיין קערפּער. ווי קאָמיש זי האָט אויסגעזעהן ווען זי האָט געשפּריצט מיט דעם פלעשעלע פּאַרפיום. אָבער גערעכט איז זי געווען, וואָ־רים אין צימער איז ווירקליך די לופט געווען שווער... עס האָט זיך געפיהלט אַ גערוך ווי פון אַלטע ווײן פעסער. און יאָאַן האָט געלאַכט שטעהענדיג אַנגעבויגען איבער דעם וואַש פאַס: עס האָט זיך איהם געדאַכט, ווי עס וואָלט געווען ערשט נעכטען, ווען ער האָט געהערט עריך'ן זאָגען: „איך וואָלט וועלען וויסען, ווער עס וועט אַמאָל זיין מיין פרוי?"

יאָאַן האָט זיך אויסגעדרעהט.

— וואו איז האָאַקע? — האָט ער געפרעגט און געפּאַטשט אין וואַש־פאַס, אַז דאָס וואַסער האָט געשפּריצט. זיינע באַוועגונגען זענען דערנאָך געווען אַזוי ראַש און אַזוי פריש — פון איי'ן פאַר הויזען אַרוים און אין די צווייטע אַריין.

— ער שלאָפט — האָט געענטפערט דער בערלינער.

— וועקט איהם אויף — האָט יאָאַן געזאָגט — איך וויל ניט די וועסט. נעמט אַרוים די בראָקאַד זיידענע.

— זעהר גוט — האָט געענטפערט דער בערלינער ווי פריהער.

ווי עריך פלעגט דאָס ליעב האָבען מוזיק! ער פלעגט דערביי ענען אויסזעהן אין גאַנצען ענטציקט. אין דער היים פלעגט דער

בלינדער האנס אנשטעלען אזא פנים, ווען יאאן פלעגט איהם באַ־שרייבען ווי עס זעהען אוים די פארבען און די זון.

ער האט געוואלט ענדערען דאס פראגראם... וואו איז זיין שניפס? מענדעלזאהן וועט ער שפיעלען (און יאאן האט ווידער געלאכט) דאס שטיק, וואס דער הערר גריז פון קאפענהאגען האט אזוי וואונדערליך געשפיעלט.

— וועקט אויף האאקע'ן.

דער בערלינער איז ארויסגעגאנגען.

— זעהר גוט.

צי געדענקט ער נאך פון אויסוועניג די פאלקס ליעדער, וואס ער פלעגט אזוי אפט שפיעלען צוזאמען מיט עריך'ן? ער האט האסטיג געעפענט דעם וויאלין קאסטען און ארויסגענומען די פידעל. דער בויגען האט זיך געגליטשט איבער די סטרונעס... דאס זענען געווען זיין מוטערס ליעדער.

די טיר האט זיך געעפענט און ער האט עס ניט געהערט.

דער גרויסער פליישיגער מאן, וואס איז פלוצים געשטאנען אין מיטען צימער, איז געווען עריך...

— יאאן!

— פאר דיין כבוד ווענען — האט אויסגערופען יאאן און א פיהר געטאן מיט דעם בויגען. „פליה, פויגעל, פליה“, האט יובעל־דיג אפגעקלונגען מיט פולע סטרונעס אין דער צייט, וואס האל־שטיין איז געבליבען שטעהן מיט אויסגעשטרעקטע ארעמס.

— דו ביזט נאך אין גאנצען דער אמאליגער — האט ער גע־זאגט און ווידער געשוויגען.

יאאן האט געשפיעלט נאך אן אייגענבליק, דערנאך אבער האט ער די פידעל אוועקגעלעגט אין א זייט און פארווארפען זיינע ארעמס ארום האלשטיינ'ס האלז.

— און דו ביזט דיק געווארען — האט ער געזאגט און גע־קושט האלשטיינ'ען אויף ביידע באקען. — ווי הערליך, הערליך דאס איז, וואס איך זעה דיך ווידער!

— יאָ, ניט? — האָט געפרעגט האַלשטיין, און פּלוצים זענען זיי געשטאַנען איינער אקעגען צווייטען שווייגענדיג און אין אַ פאַרלעגענהייט גלייך ווי זיי וואָלטען זיך געהאַט צו זאָגען אַדער צו פיעל אָדער גאַר נישט.

— אַבער זעע דיך דאָך — האָט אויסגערופען יאָאַן.

— איז שוין ווירקליך דרייצעהן יאָהר פון זינט מיר האָבען זיך געזעהן? — האָט געפרעגט יאָאַן, ווען ער האָט אָנגעטאָן זיין פּראַק. און האַסטיג האָבען זיי געהאַלטען אין איין פרעגען זיך איינער דעם צווייטען און אין איין ענטפערען: „געדענקסטו נאָך“ און „געדענקסטו נאָך“, גלייך ווי זיי וואָלטען מורא געהאַט צו פאַר־באַרגען עפּיס אַ בשותפות׳דיגע פאַרלעגענהייט, ביז זיי האָבען ווי־דער געשוויגען. ענדליך האָט יאָאַן אַ פרעג געטאָן

— און דו האָסט טאַקי חתונה געהאַט?

— יאָ — האָט געענטפערט האַלשטיין און באַטראַכט זיין קניע.

— און ווער איז געוואָרען דיין פרוי? — האָט יאָאַן געפרעגט און געלאַכט.

— מיין קוזינע — האָט געענטפערט האַלשטיין.

— וועל איך זי ניט קענען זעהן? — האָט געפרעגט יאָאַן, און גענומען די פּידעל אין דער האַנד אריין און לאַנגזאַם געגלעט איבער די סטרונעס.

— מיין פרוי איז ערגיץ אַוועקגעפאָהרען.

יאָאַן האָט געשפּיעלט און כמעט זיך ניט צוגעהערט.

— ווייסטו, עריך, — האָט ער אַ זאָג געטאָן, בעת ער האָט געשפּיעלט — היינט איז דער געבורטסטאָג פון מיין מאַמע. און איך גלויב, אַז עס איז דערפאַר, וואָס מיר באַגעגענט היינט אַזוי פיעל שענעס.

— ווער ווייס? — האָט געענטפערט האַלשטיין און געלאַכט ווי אין די אַמאָליגע צייטען.

— וואָרים דאָ איז הערליך — האָט געזאָגט יאָאַן.

האלשטיין האט אנגעשפארט זיין קאפ אן דער וואנד און שטיל צוגעזונגען צו די טענער פון דער פידעל:

„ער האט גע׳שדכנ׳ט זיך צו עלזע
זי איז געווען א שענע מויד!“

יאאן האט ווייטער געשפיעלט און עריך האט געזשומט אבי־סעל העכער:

„און ס׳איז געווען א חודש שפעטער,
איז ער געווען שוין קאלט און טויט“.

— מיר מוזען געהן — האט א זאג געטאן יאאן און האסטיג אריינגעלעגט די פידעל אין קאסטען.

אין עריך׳ס שטערען האבען זיך איינגעגראבען עטליכע פאל־בען, ווי שאטענס.

— נא, א סוף מיט דעם! — האט ער פלוצים אויסגערופען און פארווארפען זיינע קרעפטיגע פיס איינעם איבערן צווייטען.

— געהן? וואוהין?

— צוערשט מוז איך אריין אין זאל, און דערנאך צו די יאה־האנסענס, — האט געענטפערט יאאן, איבערגערוקט די רינגען איבער זיינע פינגער, צוגעמאכט דעם וויאלין־קאסטען און אין נעקסטען אייגענבליק איז ער ווידער געשטאנען נעבען האלשטיינ׳ען.

— איך וועל מיט דיר מיטגעהן צו די יאהאנסענס — האט עריך געזאגט.

— פאר מיינעט וועגען — האט געזאגט יאאן און מיט אן אי־בערטריבענער פרעהליכקייט א נעם געטאן האלשטיינ׳ען ביים נא־קען אזוי, אז ער האט זיך פאר זיך אליין פארנייגט אין שפיגעל, פאר וועלכען זיי זענען געשטאנען.

זיי זענען געבליבען שטעהן איינער ביים אנדערן און ביידע האבען אריינגעקוקט אין שפיגעל.

— הם — האט געזאגט האלשטיין און געלאכט — דו ביזט גע־ווארען א נייער מענש.

יאַאַנ'ען איז אַליין אויפגעפּאַלען ווי פיין און יונג זיין געזיכט האָט אויסגעזעהן לעבען עריך'ס, וועמענס צוגען עס זענען גע־וואָרען ברייט.

— טאַקי — האָט ער געזאָגט און ווידער געלאַכט, פול מיט פרעהליכקייט.

— און איך בין געוואָרען אַן אַלטער פּראָווינציעלער פריץ — האָט געזאָגט עריך.

זיי זיינען צוזאַמען אַרונטער די שטיגען און עריק האָט לאַנג־זאַם געזאָגט:

— עס איז דאָך אָבער אַ שאַד, וואָרים מען האָט דאָך נאָך אַזוי פיעל צו דערצעהלען, וואָס אויף דעם ערשטען מאָמענט וויל עס גאָר נישט קומען איבער די ליפּען.

— יאַ — האָט געזאָגט יאַאַן און איז ווייטער געגאַנגען. פּלוצים אָבער האָט ער זיך אומגעקוקט און געפרעגט:

— וואָס פאַר אַן ערגערניש האָבען זיי דאָס אייגענטליך גע־האַט ?

— ווער ?

יאַאַן האָט געצעגערט אַ ווײַלע און דאַן האָט ער געזאָגט:

— אַט די יאָהאַנסאָנס.

אין זעלביגען אויגענבליק אָבער זענען זיי געשטאַנען אויף דער שוועל פון זאַל און האָבען געזעהן פריילײן גערדאַ אין מיטען אויף דער ביהנע.

— איהר זענט דאַ, פריילײן גערדאַ ? — האָט אויסגערופען יאַאַן מיט אַ קול, וואָס האָט אָפּגעקלונגען איבער דעם גאַנצען רוים.

— נאָר אויף איין רגע — האָט גערדאַ געענטפערט — אַט געה איך שוין.

יאַאַן איז שנעל דורכגעגאַנגען דעם זאַל און געעפענט די קליי־נע טיר, וואָס האָט געפיהרט צו דער ביהנע.

— ניין, ווי שען דאַ איז! — האָט ער אויסגערופען.

הער רוים הינטער די קוליסען איז אין גאנצען געווען איינ־געריכטעט ווי א צימער מיט גרויסע לעהנשטוהלען מיט א בראנ־זענעם לאמפ און בלומען.

— עס, דאס זענען נאר עטליכע שטיקלעך מעבעל פון מיין צימער — האט געזאגט פרייליין גערדא — אביסעל געמיטליך האב איך עס דאך געמוזט מאכען פאר איך.

— און די „דעמערונג" האט איהר אויך אהער געבראכט — האט געזאגט יאאן, וואס האט פלוצים דערזעהן פאר זיך הענגען אויף דער וואנד קאראס בילד.

— יא, איך האב מיר געטראכט... האט געמורמעלט גערדא און איז אנשוויגען געווארען. און צומישט אדער באוועגט האבען זיי איין אויגענבליקביידע געשוויגען, ווען זיי האבען געזעהן אז עריך האלשטיין איז געשטאנען אין דער טיר.

— א גוטען אווענט, גנעדיג פרייליין, — איך האב יאאנ'ען שוין געזאגט, אז איך וועל מיר ערלויבען זיך פשוט אליין צו פאר־בעטען צו זיין אייער גאסט.

— איהר זענט הארציג ווילקאמען, הער גראף — האט געענט־פערט פרייליין גערדא און געלאכט. הגם זי האט אין דער זעל־ביגער רגע א טראכט געטאן, אז עס וועטביים טיש זיין צו ענג.

— אבער איך וועל קומען ערשט נאכ'ן עסען — האט האלשטיין געזאגט.

— ווי איהר ווילט, הער גראף, — האט געענטפערט פרייליין גערדא און ווידער געשמייכעלט, כאטש זי האט עס ניט געוואלט.

— אדיע! — און זי איז ארויפגעלאפען אויף דער ביהנע. פון דארט אויבען אבער האט זי ארונטערגעשריען צו יאאנ'ען:

— ביי אונז וועט מען באלד געהן עסען — און זי איז שוין גע־ווען אויף יענער זייט טיר.

עריך האלשטיין האט באוועגט מיט זיין קאפ אהין און אהער ווי אין די אלטע צייטען:

— איך האב קיינמאל ניט געזעהן, אז זי איז אזוי רייצענד.

פּלוצים אָבער האָט יאַאַן זיך דערמאָנט, אַז ער האָט מיט האאַקע'ן ניט גערעדט, און מיט אַ „ענטשולדיג", איז ער געלאָפען דורך דעם זאַל און מיט זעקס שפּרינג איז ער געווען אויבען פאַר האאַקע'ס צימער. ער האָט אויפגעריסען די טיר און אריינגע־שריען:

— איך וועל שפּיעלען מענדעלזאהן.

— וואָס?

— מיר וועלען שפּיעלען מענדעלזאהן היינט אָוועגט. דאָס קאָנצערט.

און ער האָט צוגעקלאַפּט האאַקע'ס טיר פאַר זיין נאָז.

ווען יאַאַן איז צוריקגעקומען, איז גראַף עריך געזעסען און געהאַלטען אין האנד קאַראַ'ס „דעמערונג".

— געדענקסטו נאָך, ווי דו פלעגסט אַלע מאָל אין פּאַריז דיך אָפּשטעלען פאַר די שוי־פענסטער פון די קונסט הענדלער און באַ־טראַכטען דאָס בילד?

— יאָ — האָט עריך געזאָגט.

עריך האָט נאָך אַלץ באַטראַכט דאָס בילד.

— איצטער פאַרשטעה איך אַ סך בעסער — האָט ער געזאָגט מיט זיין לאַנגזאַמער שטים, און אויף זיין שטערן האָבען זיך באַ־וויזען די זעלביגע שאָטענס, ווי פריהער:

— פרייליין גערדאַ האָט עס געבראַכט אהער, — האָט ער געזאָגט.

— ווי אַזוי צו אַלדי גוטע יאָהר קומען די מענשען צו אַזאַ בילד? — האָט געפרעגט עריך — דער גיפט־מישער פאַרשטעהט זיך דאָך גאָר נישט אויף אַזוינס.

— דער גיפט־מישער?

— יאָ, אַזוי רופט מען איהם.

— פאַרוואָס?

— ווייס איך? דאָ אויף דער פּראָווינץ זענען פאַראַן אַ סך צונעמען, און ער איז דאָך פאַרהעלטניסמעסיג אַ רייכער מאַן.

גראף עריך האט די „דעמערונג“ צוריק אויפגעהאנגען אויף דער וואנט.

— געוויס איז די קליינע רייצענד — האט ער געזאגט מיט איי־בערצייגונג.

— איצט מוז איך געהן — האט געזאגט יאאן — צום ווידער־זעהן, און א דאנק, וואס דו ביזט געקומען.

ער האט ארויפגעלעגט ביידע ארעמס אויף עריך'ס פלייצעס איידער ער איז אוועקגעגאנגען.

עריך איז געשטאנען אין דער קליינער טיר און איהם נאכגע־שריען:

— איך האב דיך נאך קיינמאל ניט געזעהן אזוי פרעהליך.

— איך בין אזוי פרעהליך, ווייל איך בין אין דענעמארק — האט יאאן געענטפערט פון זאל — אבער ווילסטו דען דא בלייבען זיצען?

— יא — האט עריך געענטפערט — דא קען מען רוהיג אויס־טרינקען א וויסקי.

יאאן איז אוועק. עריך איז צוגעגאנגען צום זייל נעבען דער ביהנע און א דריק געטאן אויף דעם קנאפ וואס איז געמאכט גע־ווארען אריינצורופען דאס פובליקום. — דורך דעם גאנצען הויז האט אפגעקלונגען.

— א וויסקי — האט ער אקעגענגעשריען דעם טאנצענדיג אריינלויפענדיגען יענסען.

עריך האלשטיין איז געזעסען אליין אין דער טריבער באלייכ־טונג, געטרונקען זיין וויסקי און געקוקט אויף זיינע פיס.

דארטען ביי די יאהאנסענס האט דער געשעפטס־פיהרער גע־ווארט ביי דעם ארויפגאנג צו די טרעפ.

— זייט אזוי גוט און קומט מיט מיר ארויף אויבען — האט ער געזאגט און איז ארויף די טרעפ הינטער יאאנ'ען.

— זענען דא א סך מענשען? — האט געפרעגט יאאן.

— יא, עס זענען א סך פאר[illegible]ען געווארען — האט געענט־פערט דער געשעפטס־פיהרער

דער סוחר יאָהאַנסען איז יאַאַנ׳ען אַקעגענגעקומען ביי דער שוועל.

מיר דאַנקען אייך, וואָס איהר זענט געקומען — האָט ער געזאָגט, ווען ער האָט געהאַלטען יאַאַנ׳ס האַנד אין די זייניגע. — בלויז עטליכע פריינד זענען זיך צונויפגעקומען (דאָס גאַנצע ציממער איז געווען פול). עס איז אָבער מסתמא ניט נויטיג פאַר אייך אָנצורופען די נעמען.

אַלע האָבען זיך אַ ווענד געטאָן צו דער טיר. אָבער בלויז אויף אַ ווײַלע. דערנאָך האָט מען ווידער גערעדט, און דער העד יאָהאַנסען האָט פאַרגעשטעלט די וואָס זענען געשטאַנען אָם נאָהענטסטען. צום לעצט האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער לינקער האַנד, וועלכע איז גלייך צוריק אַריין אין דער הויזען קעשענע און געזאָגט:

— און דאָס איז מיין געשעפטס־פיהרער.

עס זענען אַריין עטליכע געסט, וועמען יאַאַן האָט געדריקט די הענד און אַ הער מיט ברייטע פלייצעס און מיט אַ פולע באָרד און מיט אַ גאָלדענער קייט האָט אַ זאָג געטאָן צו יאַאַנ׳ען:

— יאָ, יאָ, איהר קומט דאָס אין די ווייטע מקומות — מיין נאָמען איז לאָרענצען און צו מיר געהערט די שפינערײַ. אָבער פאַר אונז איז נאַטירליך אַ גרויס ערײַגעניש צו באַקענען זיך מיט אַזאַ מאַן ווי איהר.

— דאָס איז מיין פרוי — האָט ער צוגעגעבען אָהן אָן איבערגאַנג און אָנגעוויזען אויף אַ דאַמע נעבען זיך, וואָס האָט געהאַט אַ קײַלעכדיג פּנים ווי אַ קוגעל, און וועמענס גלאַטע צוריקגעקעמטע האָר זענען געווען אויפגעשטעקט אין אַ שפּיציגע פריזור.

— היינט אָווענט וועט זיין אַ גרויס געדרענג — האָט געזאָגט פרוי לאָרענצען.

דאָרט איז געווען פרייליין גערדאַ — דאָרט אין ווינקעל נעבען אַ דאַמע אין בלוי. יאַאַן האָט שוין צוויי מאָל געגריסט זיך אָהין

און זי האט עס ניט געזעהן. איצטער האט ער אויסגערופען גאנץ הויך:

— א גוטען אווענט, פריילין יאהאנסען!

און פריילין גערדא האט געמאכט אזא באוועגונג מיט'ן קאפ, אז עס האט אויסגעזעהן רייצענד שפאטיש, ווייל זי איז געווען אין א פארלעגענהייט און זי האט געענטפערט:

— א גוטען אווענט!

יאאן האט געוואלט צוגעהן צו איהר, אבער אין זעלביגען אוי־גענבליק איז ער פארהאלטען געווארען פון א קליין געוואקסענעם מאן אין אסמאוקינג, וואס האט געהאט רויטע ברעגען ארום די אויגען און געטראגען א צוויקער אויף דער נאז. דער קליינער האט געזאגט:

— איך בין דער דאקטאר... האפענטליך וועט איהר מיך ניט דארפען... — און זעהר שנעל האט ער צוגעגעבען: — יא, די געגענד דא איז שוידערהאפט. אבער איבעריגענס, וואו איז דען ערגיץ דא אין לאנד ניט שוידערהאפט? ווען מען קען ניט זיין אין קאפענהאגען? נא, אונזער טייערע געגענד וועט אייך גליקליכערוויז ניט אויסקומען צו זעהן.

— איך בין שוין געווען אויפ'ן בארג — האט יאאן געענט־פערט.

— ניין, ווירקליך? — איז אריינגעפאלען אין מיטען א קליינע, מאגערע דאמע מיט א בלומענשטרוים איבער'ן אויער. דער דאק־טאר האט זיך לייכט פארנייגט פאר איהר.

— דאס איז מיין גנעדיגע — האט ער געזאגט צו יאאנ'ען.

— דער בארג איז דער בעסטער וויץ פון דער געגענד — האט געזאגט דעם דאקטאר'ס ווייב, אין דער צייט, וואס פרוי לא־רענצען האט אויסגעזעהן ווי זי וואלט איהר אייגען, אביסעל לוי־זען מויל ווינקעל, איינגעזויגען און פריילין גערדא איז צוגעקומען.

— א גוטען אווענט, פריילין יאהאנסען — האט יאאן געזאגט נאך אמאל און זיי האבען זיך דערלאנגט די הענד פארביי דעם דאקטאר.

— מיר האָבען אויך אַ שענע אויסזיכט אויף דער שפּינערײַ — האָט זיך אָפּגערופען פרוי לאָרענצען — מיר קענען זעהן אַזוי ווייט ווי ביז צו דער קירך פון ריבע.

— דאָרט — האָט אַ זאַג געטאָן דער דאָקטאָר און געלאַכט — האָט דער קעניג וואַלדעמאַר אויפגענומען די קעניגין דאַגעמאַר.

פריילײַן גערדאַ האָט זיך אָפּגערופען און זי האָט גערעדט לאַנגזאַמער ווי די אַנדערע:

— פון דעם קירך־טורעם אין ריבע קען מען זעהן זעהר ווייט.

אין איינעם פון די זייטיגע צימער האָט געקלונגען דער טעלע־פאָן, און געקלונגען אָהן אַן אויפהער.

— דאָס איז וועגען בילעטען — האָט געזאָגט דער געשעפטס־פיהרער, וועלכער איז געוועזען ביים הערער.

— עס איז שוין אָבער מעהר ניטאָ קיין בילעטען — האָט גערדאַ געזאָגט.

— ניין, מיר האָבען ניט מעהר — האָט אויסגערופען די דאַ־מע אין בלויען, וואָס איז איצט געשטאַנען נעבען גערדאַ'ן.

און אַלע האָבען געלאַכט פון הנאה, וואָס מען וויל אַזוי קומען צום קאָנצערט, גלייך ווי דאָס וואָלט געווען אַ זיעג פאַר אַלע.

אין דער צייט, וואָס פריילײַן גערדאַ איז געגאַנגען צום טעלע־פאָן, האָבען אַלע מיט אַן אַנדער גערעדט מיט העלע שטימען: — די לייט האָבען געקענט אַזוי גוט זיין און באַצייטענס זיך מטריח זיין וועגען בילעטען... אַלע מאָל ערשט אין דער לעצטער רגע.

— וואָלטען מיר געוועזען וויסען, אַז די געגענד וועט ענדליך אויפ־וואַכען — האָט דעם דאָקטאָר'ס פרוי געזאָגט צו יאָאַנ'ען — וואָל־טען מיר דאָס געוואוסט, דאַן וואָלטען מיר ניט דערלאָזט, אַז דער פרויען פאַראיין זאָל אייך איינלאַדען — אָבער אונזער קאַסע איז מאַגער. מיין מאַן איז אין דער עקזעקוטיווע און איך בין די קאַסירערין.

גערדאַ אָבער איז אַ בליץ אַ מיידעל — האָט אויסגערופען אַ דיקער מאַן איבער אַלעמענס קעפּ. און דעם דאָקטאָר'ס פרוי האָט ווייטער גערעדט:

— איהר וועט דאך בלייבען ביי דעם פּראָגראַם, וואָס איהר האָט אַנאָנסירט.

יאָאַן האָט געלאַכט, ווען פריילייז גערדאַ האָט זיך ווידער באַוויזען אין דער טיר:

— ניין, גנעדיגע פרוי, — האָט ער געזאָגט — איך האָב דאָס גאַנצע פּראָגראַם געענדערט.

— דאָס קענט איהר דאָך ניט מיינען ערנסט? מיר, מוזיק מענשען, האָבען מיר זיך דאָך אַזוי געפרעהט, וואָס איהר וועט שפּיעלען באַך.

פאַן.

— איהר זעהט דאָך — האָט יאָאַן געלאַכט, און די דאַמע אין בלויען האָט אַ זאָג געטאָן צו דעם דיקען הער:

— מיין מיינונג איז, אַז ער איז גרויסאַרטיג.

— טאַטע, טאַטע, — האָט גערדאַ אויסגערופען אין דעם ליאַרעם אריין, — דאָס זענען די פאָלקס פון פישטייך. אָבער זיי קענען דאָך מעהר ניט צוגעלאָזען ווערען.

— ניין, ניין! דאָס קענען זיי ניט — האָט אויסגערופען די בלויע דאַמע.

— ניין, ניין, עס איז שוין אַביסעל צו שפּעט — האָט אויסגערופען דער דיקער הער.

און מען האָט ווידער געלאַכט, ביז יאָאַן, אַנגעשטעקט פון דעם לאַכען און דער פרייד, האָט אַ זאָג געטאָן צו גערדאַ:

— דאָך, דאָך פריילייז יאָהאַנסען, לאָזט מיך צו צום טעלע־

— וואָס ווילט איהר?

— צום טעלעפאָן. פאַר די מענשען מוז פלאַץ געמאַכט ווערען.

אַלע האָבען אויפגעהערט צו לאַכען, און מען האָט זיך שמייכעלדיג אַנגעקוקט איינס דאָס אַנדערע, ווען יאָאַן איז אריין אין דעם אַנדערען צימער. און מען האָט ווידער אַנגעהויבען צו רעדען פון יאָאַנ'ען. גערעדט האָבען אַלע מיט אַמאָל.

— ער איז אויסערגעוועהנליך פיין — האָט געזאָגט די דאַמע אין בלויען און אַנגעשפּאַרטביידע הענד אַן די זייטען. און

דעם דאָקטאָר'ס ווייב איז צוגעלאָפען צו קאנדידאט אוסינג און אריינגעשריגען אין זיין בארדלאָזען געזיכט:

— איך בין פריהער געווען דערפאר, אז דער מוזיק פאראיין זאל איהם אויסשרייבען. דענקט איהר ניט אויך, אז אויף זיין פנים איז צו דערקענען, אז ער איז פול מיט מוזיק?

דער דירעקטאָר פון דער הויכשוהלע, וואס איז געשטאנען צווי־שען צוויי גרויסע מענער, וועלכע האבען געטראגען שווארצע רעק, האט א זאג געטאן:

— ווי שען פליסט זיין מוטער־שפראך איהם פון די ליפען.

דער דיקער הער אבער, וואס איז א פארשוויצטער געלאפען פון איינעם צום אנדערן, האט א זאג געטאן צום געשעפטספיהרער:

— א פאמאזער מענש. ניט, פעטערסען?

דער געשעפטס־פיהרער האט ניט געענטפערט. ער איז גע־שטאנען אזוי, אז דורך דער טיר האט ער געקענט זעהן יאאנ'ען און גערדא'ן, ווי זיי זענען געגאנגען דורך דעם צימער. א קליינע דאמע, וואס איז געשטאנען נעבען איהם, האט צוגעלעגט איהרע צונויפגעפלאכטענע הענד צו א באק און געזאגט:

— אך, ווי הימליש דא איז היינט... פונקט אזוי ווי אין דער לופט וואלט געהאנגען א יום טוב — און ווען דער קויפמאן יאהאנ־סען איז פארבייגעגאנגען, האט זי איהם אנגעכאפט ביים ארעם און מיט א שטיל קול שנעל א זאג געטאן:

— א שעהנעם דאנק אייך, וואס איהר האט געדענקט אן מיר.

יאאן איז געבליבען שטעהן פאר דעם טיש אין עס צימער.

— דא וועלען זיצען א סך מענשען.

— דו, יא, — האט געענטפערט גערדא און א ציה געטאן די אקסעל אין דער הויך, און זיי אזוי צוזאמענגעצויגען, ווי איינע, וואס דארף אריינגעהן אין קאלטען וואסער: — איך וואלט וועלען אז איהר זאלט אייך פריהער זעצען.

— האט איהר מורא? — האט געפרעגט יאאן.

— אַ, ניין, — האָט געענטפערט גערדאַ און זיי זענען צוגע־קומען צום טעלעפאָן.

זיי האָבען צוגעמאַכט די טיר, אזוי אז די שטימען פון די אנ־דערע צימערן האָבען זיך נאָר געהערט טעמפּ.

— וואָס פאַר אַ נומער? — האָט יאָאַן געפרעגט.

— מיר מוזען פריהער דורך דעם געשעפט פארבונדען ווערען מיט דעם טעלעפאָן־אַמט — האָט גערדאַ געזאָגט, און יאָאַן האָט געקלונגען.

— איך טעלעפאָניר זעהר שלעכט — האָט געזאָגט יאָאַן.

— טאַקי?

און זיי האָבעןביידע געלאַכט.

— דאָס אמט! — האָט יאָאַן אויסגערופען אין טעלעפאָן אריין, און דאָס טעלעפאָן אמט האָט געענטפערט.

— ווי הייסען די לייט? — האָט געפרעגט יאָאַן, וואָס איז געשטאַנען מיט דעם „הערער“ אין דער לאַנד.

— האַלקם פון פישטייך — האָט אַ זאָג געטאָן גערדאַ, ווי זי וואָלט סופלירט.

פישטייך האָט אָבער יאָאַן ניט געקענט ארויסרעדען.

— פישטייך! — האָט ווידערהאָלט גערדאַ און אָנגעהויבען שטאַרק צו לאַכען.

— פיושטייך! — האָט יאָאַן אריינגעשריען אין טעלעפאָן. פישטייך האָט זיך געמעלדעט.

— ווער רעד? — האָט גערדאַ געפרעגט און אויסגעשטרעקט איהר קליינעם קאָפּ.

— אַ דאַמען־שטים — האָט יאָאַן שעפטשענדיג געענטפערט.

— וואָס זאָגט זי?

— מיט וועמען זי רעדט וויל זי וויסען — האָט געשעפּטשעט יאָאַן און זייערע געזיכטער זענען געווען זעהר נאָהענט.

— מיט יאָאַן אויהאַזי! — האָט יאָאַן אריינגעשריען אין טעלעפאָן.

— וואָס זאָגט זי? — האָט גערדאַ געפּליסטערט מיט שטראַה־לענדע אויגען.

— יאָ, מיט יאַאָן אויהאזי — האָט איבערגע׳חזר׳ט יאַאָן אין טעלעפאָן אריין.

— וואָס זאָגט זי? — האָט גערדאַ ווידער געפרעגט און זיך געטרייסעלט פון פארגעניגען ווי אַ קינד.

— איהר וועט קענען זיצען גלייך ביים פּאָדיום, — האָט יאַאָן ארויסגעשריען.

— אַדיע! — האָט יאַאָן אַ זאָג געטאָן און אויפגעהאנגען דעם הערער.

— וועלען זיי דאָס זיין ענטוישט אביסעל! — האָט אויס־געררופען גערדאַ.

— יאָ, דאָס זענען זיי געווען — האָט געענטפערט יאַאָן, ווע־מענס הענד עס זענען נאָך געלעגען אויפ׳ן טעלעפאָן.

פריילײן גערדאַ האָט געקוקט פאַר זיך און געזאָגט:

— איהר מוזט זיין זעהר אַ גוטער.

— פאַרוואָס?

— יאָ, אזוי גלויב איך, — און זיך זעהר לייכט און ערענסט פאַרנייגט.

— ה י י נ ט בין איך גוט, — האָט געענטפערט יאַאָן און גערעדט האָט ער פּונקט אזוי שטיל ווי זי.

אַ ווײלע איז געווען שטיל.

— דאָס איז אייער פּאָטער׳ס צימער — האָט אַ זאָג געטאָן יאַאָן און געקוקט דאָ אויף דער אַלטער זאָפאַ און דאָ אויף דעם גרויסען קאסטען.

— יאָ, דאָס איז דעם טאַטענ׳ס צימער — האָט גערדאַ גע־ענטפערט.

— אָבער מיר מוזען אריינגעהן צום טיש — האָט זי איבער־געהאַקט אין מיטען און איז שנעל אריין אין עס־צימער.

— קענען מיר שוין געהן צום טיש? — האָט זי געפרעגט איהר מוהמע, וואָס איז געווען באַשעפטיגט אין עס־צימער.

— גלייך!

און גערדא איז אריין צו די אנדערע און איז גלייך צוגעגאנ־גען צו דער בלויער דאמע.

— גאט, ווען זיי זאלען שוין אמאל אלע זיצען! — האט זי אויסגערופען און אונטערגערוקט איהר ארעם אונטער דער צווייטערס ארעם.

— אי וואס — האט זיך אפגערופען די בלויע דאמע, — זיי וועלען אפילו גאר נישט באמערקען, ווען זיי וועלען זיך אנשטויסען מיט די קניה אן א פאר פיס פון טיש — און ווען יאאן איז אין דער זעלביגער רגע פארבייגעגאנגען, האט זי זיך געווענדעט צו איהם:

— איהר ווייסט גאר נישט, ווי מיר ביידע האבען זיך גע־פרעהט — און מיט א זיפץ האט זי צוגעגעבען:

— ווען זיי זאלען נאר קענען שטיל זיצען ביים קאנצערט!

— אבער אידא! — האט אויסגערופען גערדא.

— נו, יא, מען איז דאך דא ביי אונז אזוי ווייניג געוואוהנט צו מוזיק.

דער דירעקטאר פון דער הויכשוהלע, וואס איז געשטאנען עט־ליכע שריט ווייט פון זיי, האט זיך אפגערופען:

— מען איז דאך געוואהנט צו געזאנג.

און די בלויע דאמע האט פארגעשטעלט העם דאקטאר, ווען א מונטערע און אביסעלע הייזעריגע שטים האט זיך דערהערט פון דער טיר:

— נעע, ווייסטו, יאהאנסען, מען קען דאך דא דערשטיקט ווע־רען.

אריינגעקומען איז דאס דער צווילינגס ברודער פון דעם דיקען הער. באלייבט איז ער געווען פונקט אזוי ווי זיין ברודער, און זיין קיילעכדיגער קאפ איז געווען אפגעשארען מיט א מאשין.

— אזוי, ער איז דא — האט ער אויסגערופען, ווען ער האט דערזעהן זיין ברודער — אויב אזוי איז שוין טאקי ניט קיין וואונ־דער, וואס דא איז אזוי ענג.

אַלע האָבען געלאַכט און דער דיקער האָט זיך גענומען שטופּען צווישען די גרופּען.

— אַה, אָט האָבען מיר דאָך אונזער קאָנצערט געבער — האָט ער אַ זאָג געטאָן צו יאַאַנ'ען — איהר זייט אונז האַרציג וויל־קאָמען. געזעהן האָב איך אייך שוין. וואָרים לאָמיר אייך זאָגען, אַז אין אַזאַ קליינעם נעסט איז די באַפעלקערונג שטענדיג ביים פענסטער, ווען עס איז נאָר פאַראַן וואָס צו זעהן... מיין נאָמען איז זייגערמאַכער לאַרסען, פאָרשטעהער פון'ם האַנדווערקער פאַר־איין. מיר האָבען מורא געהאַט צו ריזיקירען אייך צו ענגאַזשירען, און איצטער האָבען מיר חרטה... וואָס, גערדאַ, ניט ?... וואָרים איהר וועט דאָך נאַטירליך געבען אַ קאָנצערט, הער קאָנצערט גע־בער.

דער זייגערמאַכער האָט זיך אָפּגעווישט זיין קאָפּ, פּונקט אַזוי ווי זיין צווילינגס ברודער, דער טאַבאַק־הענדלער.

— און איצטער בלייבט נאָך, אַז מיר זאָלען פון אייער מוזיצי־רען כאָטש עפּיס פאַרשטעהן — האָט ער געזאָגט און געלאַכט — וואָרים מיר אַלע צוזאַמען זענען דאָך ניט מעהר ווי פּויערים, הגם דער מוזיק־פאַראיין זאָרגט פאַר אונזער ערציהונג — אַזוי פיעל וויפיעל די מיטלען קענען נאָר הערווייזען.

עטליכע הערען האָבען אָנגעהויבען צו לאַכען. דער הער יאָ־האַנסען האָט אָבער אַ זאָג געטאָן מיט אַביסעל אַן אויפגעהויבען קול:

— איך בעט צום טיש !

— האַרציג גערן — האָט געענטפערט דער טאַבאַק־הענדלער, און ווען אַלע האָבען זיך אַביסעל שווייגענדיג אָנגעהויבען ריהרען, האָט יאַאַן אָנגעבאָטען צו גערדאַ זיין אָרעם.

— ניין — האָט גערדאַ געזאָגט — ביי אונז ווערט ניט גע־פיהרט צום טיש.

— פּאַפּערלאַפּאַפּ ! — האָט אויסגערופען דער זייגערמאַכער — דער פאָרזיצענדער מוז זיצען נעבען דעם קאָנצערט־געבער. גראָד דאָס פעהלט...

און ווי ער האט אזוי געלאכט אין קורצע זאצען, אזוי אז עס האט געקלונגען ווי ער וואלט קרעכצען, האט ער אונטערגע־רוקט גערדא׳ס ארעם אונטער יאאנ׳ס:

— איך בין געווען איהר קוואטער, און איך וויל אייך זאגען, אז זי איז א מיידעל מיט פארשטאנד.

מען איז אריינגעקומען אין עס־צימער, וואו מען האט זיך גע־מוזט שארען ביי די ווענט און שטויסען מיט די שטוהלען. דא אין צימער איז געווען אן אמת׳ער גערדרענג.

— נאר רוהיג! — האט אויסגערופען דער סוחר מיט זיין געלאסען קול — מיר וועלען שוין אלע געפינען פלאץ.

עטליכע זענען שוין געזעסען.

— ניין, ניין, פרוי לארענצען — האט איינער פון צווילינג אויס־גערופען — אריבער דא אהער. מיר מוזען זיך פארטיילען אזוי ווי אין א וואגען, דאס גלייכע געוויכט אויףביידע זייטען.

אלע האבען געלאכט און די שטוהלען זענען גערוקט געווארען.

דער דירעקטאר, וואס האט זיך געהאלטען נאהענט ביי יאאנ׳ען האט געזאגט:

— מאנגעל אין פלאץ, צו דעם זענען מיר שוין געוועהנט פון דער הויכשוהלע. דארטען ווילען מיר אויך אלע מאל זעהן אזוי פיעל פריינד מיט אמאל, ווי עס איז נאר מעגליך.

— ענדליך אנגעקומען! — האט אויסגערופען דער טאבאק־הענדלער, וואס האט זיינע דיקע פיס גליקליך אוועקגעשטעלט נע־בען פרוי ראאבע׳ס דינעם אונטערגעשטעל, און א האלבער טיש האט דערביי א ציטער געטאן.

— איהר שרעקט זיך דאך! — האט שטיל א זאג געטאן יאאן, וואס האט פלוצים דערפיהלט ווי גערדא׳ס ארעם ציטערט אין זיי־נעם.

— יא — האט זי געענטפערט כמעט אהן אן אטעם, און ארויפ־געקוקט צו איהם. איהרע אויגען זענען פאר שרעק גאנץ ליידיג געווען.

— ווען זיי זאלען שוין אמאל זיצען — האט זי געזאגט.

— אַבער זיי זיצען דאָך שוין — האָט יאַאַן אַ זאָג געטאָן פּונקט אַזוי שטיל ווי פריהער (ווי אַ פייגעלע זעהט זי אויס).

— און איהר — האָט זי געזאָגט און אָפּגעקעהרט איהרע אויגען — און איהר זענט אויך ניט אַזוי — — געוועהנט צו אונזערע זיטען אויף דער פּראָווינץ.

יאַאַן האָט כמעט אַליין ניט געוואוסט, אַז ער האָט אַנגענומען איהר האַנד.

— ווּעלען מיר זיך ניט זעצען? — האָט ער געפרעגט.

— נע, נע, פּעטערסען — האָט אויסגערופען דער זייגערמאַכער פון צווייטען עק טיש.

— דער קאָנצערט־געבער מוז זיצען צווישען די דאַמען פון פאַרשטאַנד.

און דער געשעפטס־פיהרער האָט פאַרלאָזט דעם ליידיגען שטוהל נעבען גערדאַ און די בלויע דאַמע האָט זיך געזעצט אויף איהם.

— איצטער זיצען מיר גרויסאַרטיג — האָט זי געזאָגט און אויסגעטאָן איהרע הענדשקעס.

גערדאַ האָט איין סעקונדע נאָכגעקוקט דעם געשעפטס־פיהרער.

— יאַ, פרוי גרויסאַרטיג — האָט זי דערנאָך זיך אָפּגערופען און זיך פּלוצים צולאַכט נאָך דעם גאַנצען שרעק, וואָס זי האָט געהאַט.

— זי רופט מיך אַלעמאָל אַזוי — האָט געזאָגט די בלויע דאַמע.

— יאַ — האָט געזאָגט גערדאַ — ווייל זי זאָגט אַלעמאָל „גרויסאַרטיג“.

די דאַמען האָבען אַזוי געלאַכט, אַז מען האָט ארויסגעזעהן זייערע ווייסע ציין.

— נו. יאַ, איז עס דען ניט גרויסאַרטיג אין דענעמאַרק.

— יאַ, דאָס איז אמת — האָט געענטפערט יאַאַן.

— אַבער מיר מוזען עסען — האָט אויסגערופען גערדאַ.

ארום און ארום האָט מען געגעסען, און גערעדט האָט מען ווייניג. די גאָפּלען האָבען פלייסיג געקלונגען.

— גיסט אייך אן די גלעזער! — האט געזאגט דער הער יאַ־האנסען, וועלכער האט געהאט זיין אויג נאר אויף זיינע שכנים און זיין טעלער (ווי א ווירט, וואס ווייס, אז איינמאל איז א זאך אריין אין זיין גאנג, וועט עס שוין געהן פון זיך אליין).

צוויי מיידלעך מיט צוויי שווארצע הויבען אויף די קעפּ האבען דערלאנגט די שיסלען, און די מוהמע, ביינעריג און דיק, איז ארומגעגאנגען פון איין ארט צום צווייטען.

— זעץ דיך דאך, מוהמע — האט גערדא געשעפּטשעט.

— איבעריגענס איז מיין נאמען פרוי יעספּערסען — האט א זאג געטאן די בלויע דאמע. — פאסטארין יעספּערסען... דאס הייסט, מיין מאן איז דער גלח פון דער לוטעראנישער קירך.

— און דער הער פאסטאר איז ניטא?

— ניין — האט געענטפערט די פרוי יעספּערסען — גראד ווען מיר האבען זיך געקליבען צו געהן אהער, האט מען איהם גערופען צו א שטארבענדיגע.

— א יאַ, שטעלט אייך פאר — האט געזאגט גערדא צו דעם אלטער פריילין ליקאוו. זי איז געווען די ערשטע, וואס האט זיך אנגעגרייט א בילעט צום קאנצערט. ד ע ם קאנצערט האט די אלטע אויך געוואלט הערען, האט זי געזאגט, כאטש אזוי פלעגט זי לעבען באשיידען.

פריילין גערדא האט צועפענט די אויגען, אזוי אז זיי האבען אויסגעזעהן נאך גרעסער:

— און גראד היינט מוז זי שטארבען.

יאַאן האט באטראכט איהר געזיכט: ווי לייכט איהר פארב בייט זיך. זי האט געקענט אין גאנצען ווייס ווערען ביז אריבער דעם שטערען.

— ווי מאדנע! — האט יאַאן א זאג געטאן.

דאס געשפּרעך האט ארום און ארום אנגעהויבען צו ווערען לעבעדיגער. און פרוי יעספּערסען האט געזאגט:

— און איצט וועט אפשר מיין מאן אייך אויך ניט קענען

הערען, ווארים ער איז זיך געוועהנליך נוהג, אז ער פאַרבלייבט ביז עס איז פאַרביי.

— יאָ — האָט געזאָגט גערדאַ און יאַאַן האָט עס געהערט אין דער צייט, ווען די פרוי יעספערסען האָט אין אַנדערען טאָן און גלייכצייטיג זיפצענדיג צוגעגעבען:

— און קיין סך מאָל שיקט מען גאָר ניט נאָך איהם — אַ ווײַלע האָט זי געשוויגען און דערנאָך האָט זי ווידער אָנגעהויבען:

— דאָ אין דער, געגענד שטאַרבען איבעריגענס די מענשען זעהר רוהיג.

— יאָ — האָט זיך אָפּגערופען דער דירעקטאָר, וואָס איז געזעסען אין דער קרים קעגענאיבער איהר: — אַלס אַ כלל ווערען דאָ די מענשען אַלט. און ווען זיי שטאַרבען, איז עס, ווי מען וואָלט דאָרט אויבען גערופען אין דער ריכטיגער צייט.

ווען זיי האָבען איין אויגענבליק געשוויגען, האָבען זיי געהערט ווי די פרוי ראאַבעל רעדט מיט דעם קאַנדידאַט אוסינג (וואָס איז געזעסען נאָהענט פון איהר) וועגען מענדעלזאָהנ׳ען.

— יאָ, הער גראַף — האָט אַ זאָג געטאָן דער דאָקטאָר צו יאַאַנ׳ען, אויסנוצענדיג די געלעגענהייט: — מיר שפּיעלען גאַנץ אָפט מענדעלזאָהנ׳ען אין מוזיק פאַראיין. מיר מוזען זיך דאָ אין דער געגענד ליידער האַלטען ביי מוזיק, וואָס מען פאַרשטעהט לייכט.

— ווארים אונזער געשמאַק איז מעהר צעזאָר פראַנק — האָט זיך אריינגעמישט די פרוי ראאַבעל, וועלכע האָט זיך כסדר געקיהלט מיט אַ געמאָלטען פאָכער — דאָס מוז אָבער בלייבען אונזער פריי־וואָט פאַרגעניגען.

— מיר קענען דאָך ניט אַלע זיין אויסגעבילדעט אין דער מוזיק, פרוי ראאַבעל, — האָט זיך אָפּגערופען די פרוי לאַרענצען איבער דעם טיש אריבער.

דיביידע דאַמען האָבען געשמייכעלט איינע צו דער אַנדערער, ביז פרוי ראאַבעל איז אביסעל האַסטיג ווידער איבערגעגאַנגען צו מענדעלזאָהן, און זי האָט גערעדט פון דעם קאַפּעלע מוזיקער

גרין און פון דעם פינאל פון קאנצערט, וואס ער האט פאר־א־יאה־רען געשפיעלט אין מוזיק־פאראיין.

— דאס איז געווען א גרויסער גענוס — האט זי געזאגט.

יאאן האט אביסעל אנגעבויגען זיין קאפ פון פארענט און געזאגט:

— דאס קאנצערט פון מענדעלזאהן וועל איך שפיעלען היינט אווענט, גנעדיגע פרוי.

גערדא האט אנגעבויגען דעם קאפ:

— וועט איהר זיווירקליך שפיעלען?

— יא — האט געענטפערט יאאן, און גערדא האט ניט גע־וואוסט, פארוואס ער לאכט.

— אלס אן עקסטרא?

— יא, פריילין גערדא, עקסטרא.

דעם דאקטאר'ס פרוי האט זיך אפגערופען:

— דאס איז די מוזיק פון פרייד.

— אדער פון ערווארטונג — האט זיך אריינגעמישט די פרוי יעספערסען.

יאאן האט אבער דאסווארט ניט פארשטאנען און גערדא האט עס איהם געמוזט ערקלעהרען.

— איך רעד זעהר שלעכט דעניש — האט ער געזאגט.

— איהר רעדט אויסגעצייכענט — האט געענטפערט די פרוי יעספערסען, און דער דאקטאר, וואס האט אויסגעצויגען אלע זא־צען אין דער ברייט, כאטש עס איז ניט נויטיג געווען, האט זיך אפ־גערופען:

מיר דאכט זיך, פארקעהרט, אז מיר דארפען באוואונדערן, ווי שען איהר האט געקענט אפהיטען אייער מוטער־שפראך.

יאאן האט געקוקט פאר זיך און געזאגט:

— מיין מאמע האט די דענישע שפראך מסתמא געמוזט רעדען זעהר שען. דאס האב איך מיר שוין היינט עטליכע מאל געטראכט. אבער איך קען נאר זאגען אויסערליכע זאכען...

— אויסערליכע זאכען? — האָט געפרעגט די פרוי יעספערסען און געלאַכט.

— יאָ — האָט יאַן גענומען ווייטער רעדען אין אַן אַנדערן טאָן: — איך קען ניט זאָגען, וואָס איך טראַכט.

גערדאַ האָט זיך אָפּגערופען (און דאָס איז ביי איהר אַרויסגעקומען זעהר שנעל):

— איך פאַרשטעה אָבער זעהר גוט וואָס... איהר זאָגט... — און זי האָט פּלוצים אָנגעבויגען איהר קאָפּ טיעף איבערן טעלער.

די פרוי יעספערסען האָט אויפגעהערט צו עסען און געזאָגט:

— אַך, קען מען רען בכלל אַרויסזאָגען, וואָס מען טראַכט? מיר איז דאָך נאָך קיינמאָל ניט געלונגען צו זאָגען מיין מאַן ווי ליעב איך האָב איהם.

— טיא, גערדאַלע — האָט אויסגערופען דער טאַבאַק־הענדלער לאַרסען: — מיר, ניט פאַרהייראַטע, פאַרשטעהען זיך גאַר ניט אויף דער ליעבע.

דעם דאָקטאָר'ס ווייב אָבער, וועלכע האָט איבערגעלאָזען אין מיטען דאָס טעמא פון מוזיק און דעם קאַנדידאַט, האָט אַ שמייכעלדיגע אַ זאָג געטאָן:

— און טראָצדעם רעדט איהר קיינמאָל ניט פון עפּיס אַנדערש, הער לאַרסען.

— נאָר ביים פּונש, קליינע פרוי... פון וואָס דען זאָלען מיר, מאַנסבילען, רעדען?... ניט אַזוי, לאַרענצען? — און די ווייבער האָרכען זיך מיט חשק צו, דורך אַ שפּאַלט פון דער טיר.

גערדאַ'ס אויגען האָבען געזוכט איהר פאָטער, יאָהאַנסען אָבער האָט ביים צווייטען עק פון טיש פּלייסיג און זיכער דערפּיהלט זיינע פּליכטען אַלס באַלעבאָס, ווי ער וואָלט געטאָן אַן אַרבייט אין דער קאָנטאָר ביי זיין שרייב־טיש.

דער דירעקטאָר האָט גערעדט מיט די צוויי הערען אין די לאַנגע שוואַרצע שפּאַציר רעק וועגען עמיצען, וואָס מען האָט אַרויסגעשיקט פון שלעזוויג. דער זייגערמאַכער אָבער, אַרום וועמען מען

האט כסדר נאר גערעדט פון מוזיק, פון וואס ער האט גאר נישט פארשטאנען, האט אויפגעהויבען זיין גלאז און געזאגט:

— נא, איך באגרים אייך, הער קאנצערט געבער!...

— לארסען! — האט איהם איבערגעהאקט יאהאנסען און אויפגעהויבען דעם קאפ.

— דו דארפסט דיך ניט שרעקען, יאהאנסען, האט דער זייגערמאכער געזאגט — קיין רעדע וויל איך גאר נישט האלטען. דאס האט גערדא דאך פארבאטען.

די פרוי יעספערסען האט אנגעהויבען צו לאכען. גערדא איז אבער געווארען רויט ווי בלוט און איהר קעהל האט זיך באוועגט ארויף און אראפ.

— יא, אודאי האט זי פארבאטען — האט נאך שטארקער געמאכט דער זייגערמאכער זיין פריהערדיגע באהויפטונג — איך האב אבער נאר געוואלט זאגען: — ווילקאמען, הער קאנצערט־געבער! איהר זענט געקומען אין א באשיידענע, אבער געמיטליך לאנד אריין, וואו דאס הארץ איז גוט, און קיין פארשטאנד פעהלט אויך ניט. און מיר זענען צופריעדען מיט אונז אליין און מיר פרעהען זיך מיט אנדערע. — זאל זיין מיט גליק, הער קאנצערט־געבער!

אלע האבען אויפגעהויבען זייערע גלעזער, ווען יאאן האט פלוצים אויף דער אנדערער זייט טיש דערזעהן א שווארצען קאפ און דערהערט ווי א שארפע שטים האט אויסגערופען:

— ווילקאמען פון אייראפא, גראף אויהאזי.

— ווער איז דאס דען? — האט יאאן האסטיג א פרעג געטאן. די שטים האט ארויסגערעדט „אויהאזי" מערקווירדיג ריכטיג.

— דאס איז מעפיסטא — האט געענטפערט פרוי יעספערסען.

יאאן אבער האט א פרעג געטאן אין דער שטיל, און זיינע אויגען האבען געלאכט:

— פרייליין גערדא, פארוואס האט מען דעם הער לארסען ניט געלאזט רעדען?

פריילײן גערדאַ האָט צוגעדריקט די הענט צום קאַנט פון טיש:

— אַך, דאָס איז גאָר נישט אמת. לאַרסען איז זעהר אַ פײ־נער... אָבער היינט...

זי האָט ניט פאַרענדיגט. יאַאַן אָבער האָט זיך אָפּגערופען:

— איך געפין עס דאָ גראַד אַזוי וואונדערשען. — און ער האָט געוואוסט, אַז ער האָט געטראָפען איהרע געדאַנקען.

— דענקט איהר אַזוי? — אַ שמייכעלע האָט אַ שוועב געטאָן איבער איהר געזיכט אַזוי, אַז יאַאַנ׳ען האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט זי דעם גאַנצען טאָג נאָך ניט געזעהן שמייכלען.

און גלייך דאַרויף האָט ער געזאָגט:

— דאָ איז דאָך דענעמאַרק.

פּלוצים האָבען זיינע אויגען באַגעגענט די אויגען פון גע־שעפטספיהרער.

— ווי הייסט אייער געשעפטס־פיהרער? — האָט ער אַ פרעג געטאָן.

— ער הייסט פעטערסען — האָט זי געענטפערט ווי איינע, וועמענס געדאַנקען עס זענען ערגיץ ווייט אַוועק.

— ער האָט אַ פּאָר ענטשלאָסענע אויגען — האָט יאַאַן גע־זאָגט, און פרוי יעספּערסען האָט צוגעגעבען:

— און אַ שטילען ווילען.

פריילײן גערדאַ האָט גאָר נישט געזאָגט... איז נאָר געזע־סען מיט אַן אַנגעבויגענעם קאָפּ. פּלוצים אָבער, ווי ער וואָלט איבערגעגאַנגען צו אַ פריהערדיגען געדאַנקענגאַנג, האָט יאַאַן אַ פרעג געטאָן:

— וואָס מיינט „האַלד“?

געווענדעט האָט ער זיך צו דער פרוי יעספּערסען, און זי האָט איהם לאַכענדיג געענטפערט:

— האַלד? ווי קומט איהר אויף דעם?

— האַלד? — האָט זי ווייטער געפּרואווט ערקלעהרען —

האלד... איז דאס ניט שען? אבער וואס איז עס אייגענטליך, גערדא?

אויך יאאן האט אנגעשטעלט זיינע אויגען אויף גערדא, אדער האט ער זי אפשר די גאנצע צייט אנגעקוקט? גערדא אבער האט נאר געענטפערט: — איך וויים ניט. — און זי איז א מינוט אנט־שוויגען געווארען, און געדאכט האט זיך, ווי איהרע אויגען וואלטען פלוצים נאר געהאט בליקען פאר א גרויסע שיסעל מיט גרינע אר־בעס, וואס האט זיך מאדנע געוואקעלט אין דעם זייגערמאכער'ס האנד. — יא, דאס מיינט אודאי שען.

— ניין, ניט שען — האט א זאג געטאן יאאן, און האט זיין בליק כסדר געהאלטען אויף גערדא'ן — עס איז מעהר ווי שען.

— דער דירעקטאר וועט עס וויסען — האט זיך אפגערופען די פרוי יעספערסען, און זי האט איהם געפרעגט. דער דירעקטאר האט דארויף געענטפערט, אז עס איז שווער צו דערקלעהרען...

— ווי קומט איהר אויף דעם ווארט? — האט געפרעגט די פרוי יעספערסען.

— האלד — האט דער דירעקטאר געפרואווט ערקלעהרען — איז א ווארט, וואס שטאמט פון צפון און באציהט זיך צו א פרוי. און ער האט ציטירט פיעל פערזען מיט דעם ווארט „האלד".

— אבער ווי קומט איהר דארויף? — האט די פרוי יעספערסען איבערגעפרעגט לאכענדיג.

— איך קען עס פון אן אלטען ליעד — האט יאאן געענט־פערט און זיינע אויגען האבען אלץ נאך גערוהט אויף גערדא'ן. — איך קען א סך אלטע ליעדער, וואס מיין מאמע פלעגט זינגען — און אנע.

פלוצים האט זיך גערדא צולאכט.

— יאסע! — האט זי אויסגערופען, געוואלט אויפהויבען די אויגען און עס ניט געטאן. — ווי שען דאס קלינגט.

דער דירעקטאר האט געהאט א גאנצען פאק מיט „האלד", אזוי אז עס האט זיך געדאכט אז זיינע פערזען נעמען ארום די גאנצע געזעלשאפט מיט א רינג פון פערזען. פלוצים אבער האט דער

מאַן, ווען די פרוי יעספערסען האָט אָנגערופען „מעפיסטאָ“, אַ ציה געטאָן זיין קאָפּ פון פּאַרענט און אַ זאָג געטאָן:

— אויף פראַנצויזיש, גראַף אויהאַזי, איז פאַראַן אַ ענליך וואָרט: „סע שאַרמאַן.“

גערעכט האָט זיך ווי דאָס פראַנצויזישע וואָרט וואָלט יאַאַנ׳ען אויפגעוועקט.

— יאָ, מאַסיע — האָט ער געזאָגט און אויפס ניי געשמייכעלט: „לאַ שאַרמאַנט — שאַרמאַנט סע סאַ“.

דער זייגערמאַכער אָבער, וועלכער האָט זיך ניט פיעל פאַרשטאַנען אויף שפּראַכען, האָט אויפגעהויבען זיין גלאָז און אויסגערופען:

— וואָס דענקסט דו וועגען די טרויבען, לאָרענצען, העיִ און דו, דאָקטאָר?... טיאָ! — האָט ער זיך געווענדט צו יאַאַנ׳ען — דאָ היע דוצען מיר זיך אַלע, העַר קאָנצערט־געבער, ווי אין אַ גרויסער משפחה. וואָרים די מייסטע פון אונז האָבען געקענט דעם פּלאַץ, וואו עס איז נאָר געווען אַ פּוסט פעלד... פאַר נײַנצעהן יאָהרען איז דאָ ניט געשטאַנען מעהר ווי אַ באַראַקע, וואָס יאָהאַנסען האָט אויפגעבויט. און אויך די איז געווען אַ קליינע.

— אָבער מיר האָבען ניט געזשאַלעוועט קיין מיה, — צום גליק, פרוי לאָרענצען!

— ווי לאַנג אייגענטליך שטעהט די שפּינעריי?

— איך דענק אַ יאָהר פופצעהן, — האָט געענטפערט זיין פרוי.

— שטימט! — האָט זיך אָפּגערופען דער טאַבאַק הענדלער. פופצעהן יאָהר. וואָרים זי איז אויפגעבויט געוואָרען אין יענעם יאָהר, ווען זיין פרוי איז געשטאָרבען, יאָהאַנסען... דעמאָלט זענען דאָ נאָר געשטאַנען ניין הייזער, אַ חוץ דעם האָטעל און דעם פאָלוואַרק.

— אזוי פריה איז אייך די מוטער געשטאָרבען? — האָט יאַאַן געפרעגט.

— יא.

— ווען איהר זענט אלט געווען זיבען יאהר?

— יא, זיבען יאהר.

— דאן אבער האט זיך אנגעהויבען צו רודערן. — הייזער זענען ווי פון דער ערד ארויסגעפלויגען. — נעע, דאס געדענקט איהר גאר נישט, פעטערסען, ווארים איהר זענט דאך דא היע ווי א ניי־גע־בוירען קינד...

דער דאקטאר האט זיך אפגערופען, אז ער וואוינט שוין דא ניין יאהר. דעמאלט איז שוין אבער געווען א גאס...

— אבער די הויכשול איז דאך שוין לענגער דא, ניט אמת?

— האט א פרעג געטאן דעם דאקטאר'ס ווייב, און ארונטערגע־לאזט איהר געמאלטען פאכער פאר דעם דירעקטאר.

— יא. די הויכשול איז דא אלעמאל געשטאנען ביי דער שלעזוויגשער גרעניץ.

— ווי לאנג איז דער געשעפטס־פיהרער דא? — האט גע־פרעגט יאאן.

— איך גלויב... צוויי יאהר — האט געענטפערט גערדא.

— א גאס איז דא געווען — האט געלאכט דער זייגערמא־כער — אבער געדענקסטו נאך ווי זי האט אויסגעזעהן, לארענצען?

אלע האבען געלאכט, ווען זיי האבען זיך דערמאנט אן דער גאס.

— יא, זי האט געטויגט צו גאר נישט.

— זי טויג נאך היינט צו גאר נישט, — האט א זאג געטאן יאהאנסען, ביי זיין עק פון טיש.

— אויף דעם שרייב איך זיך אונטער — האט זיך אפגערופען דער טאבאק־הענדלער — און דו ביזט דאך דער פארזיצענדער אין געמיינדע ראט.

אלע האבען איצטער גערעדט פון הייזער, וואס מען האט גע־בויט, פון נחלאות, וואס מען האט איינגעקויפט און פון מענשען, וואס האבען זיך באזעצט.

— יא — האט א זאג געטאן די פרוי לארענצען צו יאאנ'ען — מיר האבען אנגעהויבען מיט זיבען ארבייטער.

— און איצט באַשעפטיגען מיר אַ האַלבען הונדערט — האָט צוגעגעבען איהר מאַן.

מען האָט אַזוי ווייטער גערעדט — פון דער אַפטייק, פון דער טעלעפאָן געביידע און פון דער טעכנישער שול.

— איצטער געהט די אונטערהאַלטונג ווי געשמירט — האָט אַ זאָג געטאָן דער טאַבאַק־הענדלער און געלאַכט.

— דאָס שענסטע אָבער איז דער קירכהויף (בית עלמין) — האָט אַ זאָג געטאָן דער זייגערמאַכער — אָבער ווען מען האָט איהם אויפגעשטעלט, האָב איך דאָך אויך געהאַט עפּיס אַ דעה צו זאָגען אין געמיינדע ראַט.

— יאָ — האָט זיך אָפּגערופען יאָהאַנסען און אויפגעהויבען זיין בליק — דאָס איז אמת.

— לחיים, פּעטערסען! — האָט אויסגערופען דער טאַבאַק־הענדלער — האָט איהר אייער מויל פאַרלוירען?

די געשפּרעכען זענען געפלאָסען לעבעדיג. פרוי יעספּערסען האָט צוגעווענד איהר פּנים צו יאַאַנ'ען:

— אַך, יאָ, שען איז עס געווען, ווען מיר זענען אַלס יונגע פאַרהייראַטע געקומען דאָ אַהער און געלעבט אין מיטען דעם אַלעמען, ווען מען האָט געהאַמערט און געקלאַפּט און געגראָבען. עס איז געווען אַ גענוס זיך אויפצוכאַפּען אין דער פריה און צו זעהן, ווי ציגעל זענען געלייגט געוואָרען אויף ציגעל אין רויטע רייהען... צו עפענען יעדען פריהמאָרגען דאָס פענסטער און צו הערען ווי עס קלינגען די מויערער קעלנעס. ווייסט איהר וואָס מיר דאַכט, אַז עס איז ניט פאַראַן אין דער גאַנצער וועלט קיין שע־נערער קלאַנג ווי דער קליינער שנעלער קלאַנג פון דער קעלנע... דענקט איהר ניט אויך, אַז עס איז ווי עס וואָלט אַרויסגעקלונגען אַליין, וואָס דאַרף ענטשטעהן?...

זי האָט געשוויגען אַן אויגענבליק און דאַן האָט זי פאָרטגע־זעצט אין אַ פאַרענדערטען טאָן:

— מיין מאַן און איך פלעגען ניט איין פריהמאָרגען שטעהן ביים פענסטער (וואָרים מיר האָבען געהאַט אַזאַ הערליך פענסטער

אין אויבערשטיבעל, הגם עס ליגט אויף דער צפון זייט) און מיר פלעגען צוקוקען, ווי מען האט געשלאגען טשוועקעס, און געקלעפט מיט ליים און געהאמערט אין מיטען דער זון. און ווייסט איהר נאך וואס, דאס שענסטע זענען געווען די גרינע פלעקען אין דער ווייטענס, וואס האבען געגרינט אין מיטען צווישען די טרוקענע גראזען פון סטעפ. — אך, יא — האט זי פארענדיגט — דאס איז דאך געווען א געבענשטע צייט.

— דאך? — האט געפרעגט יאאן.

פרוי יעספערסען׳ס געזיכט אויסדרוק האט זיך געביטען.

— יא, דאך — האט זי איבערגע׳חזר׳ט.

פלוצים אבער האט דער גלח׳ס ווייב ווידער געלאכט:

— אבער דאס אליץ קענט איהר נאטירליך ניט פיהלען איצ־טער — האט זי געזאגט.

— פארוואס? — האט יאאן געפרעגט שטיל — דאס איז דאך דאס פאטערלאנד פון מיין מוטער.

— און איהר קענט דעם גראף פון העיערופ? — האט די פרוי יעספערסען געפרעגט.

— פון וואנען ווייסט איהר דאס? — האט געענטפערט יאאן און געלאכט.

— ער האט איך באזוכט. צו וואס דען האט מען א טעלע־פאן...?

איצטער האט מען גערעדט אליץ העבער פון געמיינדעראט, און פון באנקען און שפאר קאסען. דריי אזעלכענע זענען איצטער פאראן אין דעם ארט.

יאאן אבער האט זיך אנגעבויגען צו פריילין גערדא און שטיל געפרעגט:

— און איהר האט אין דעם אלעמען געלעבט?

— יא.

— אייער לעבען געלעבט — האט יאאן געזאגט.

אבער פרוי יעספערסען, וואס האט דאס געהערט, האט זיך אפגערופען:

— אַך, גערדאַ האָט יאַ געלעבט דעריִן און ניט געלעבט. איך געפין, אַז דאָס, וואָס מען זעהט איז קיינמאָל ניט אַזוי מערקווירדיג געווען דערביי. עס איז אַלעמאָל געווען ווי עפּיס וואָלט פון דיר געלעבט ערגיץ אין אַ זייט...

— איך וויים ניט — האָט געענטפערט גערדאַ — אָבער איך געפין, אַז דאָס, וואָס מען זעהט איז קיינמאָל ניט אַזוי מעקווירדיג ווי...

— ווי וואָס? — האָט געלאַכט די פרוי יעספּערסען.

— ווי דאָס, וואָס מען טראַכט זיך — האָט געענטפערט גערדאַ.

— דאָס איז אמת — האָט אַ זאָג געטאָן יאָאַן.

— יאַ, קינדער, דאָס קען זיין, ווארים עס איז נאָר פאַראַן א י י ן מערקווירדיגע זאַך אויף דער וועלט — האָט געזאָגט די פרוי יעספּערסען.

— און וואָס איז דאָס? — האָט געפרעגט יאָאַן און געשמייכעלט.

— ווען צוויי האָבען זיך ליעב — האָט געענטפערט די פרוי יעספּערסען און פּלוצים אויסגעלעדיגט איהר גלאָז רויטען וויין, ווי זי וואָלט דאָס געטרונקען אויף עמיצענס געזונד.

— איהר וואָלט זיך באַדאַרפט זעצען, פרייליין יאָהאַנסען — האָט זי זיך געווענדט צו דער מוהמע, וואָס האָט נאָך אַלץ גע־האַלטען אין איין געהן הין און צוריק (ווי אַ גע'ירשה'טע אומרוהע פון דער צייט, ווען די פרויען פלעגען ניט זיצען ביים טיש).

— איהר זענט אַ לעבענס־פילאָזאָפין, פרוי פאַסטאָרין — האָט יאָאַן אַ זאָג געטאָן.

די פרוי יעספּערסען האָט געענטפערט:

— יאַ, דאָס איז אמת. ווער עס זיצט אויף אַן אָרט, דער האָט צייט צום לעבען.

— יאַ — האָט געזאָגט יאָאַן.

— הענריק זאָגט שטענדיג — האָט זי ווייטער גערעדט און ווידער אָנגעהויבען צו עסען — ווען מען האָלט כסדר אין אַרומ־

לויפען, לויפט מען אוועק פון גליק... און פון זיך אליין אויך, — האט זי צוגעגעבען מיט פולע באקען.

— וואס דענקט איהר וועגען דעם, פרייליין גערדא? — האט יאאן געפרעגט.

די פרוי יעספערסען האט אבער געלאכט:

— אך, גערדא, זי לויפט ניט... זי האט נאר חשק צום לויפען... ווען זי האט, למשל, אין אונזער פאראיין געזאלט שפיעלען טעאטער. זי האט דריי ראלען געהאט...

— ניין, רעד דאך ניט פון דעם — האט זיך געבעטען גערדא.

— ראלען, וואס זי האט אליין געבעטען מען זאל איהר געבען — האט די פרוי יעספערסען ווייטער דערצעהלט — און זי האט קיין איינע פון זיי ניט געשפיעלט.

— אבער פארוואס דען ניט? — האט יאאן געפרעגט.

— ווען עס זענען געקומען די פראבען — — האב איך ניט געהאט קיין מוט — האט געזאגט גערדא.

— יא — האט געזאגט די פרוי יעספערסען — אזוי איז איהר כאראקטער... און דערפאר וועט זי אויך קיינמאל ניט חתונה האבען.

— ניין? — דאס ווארט האט זיך שטיל ארויסגעכאפט פון יאאנ'ס ליפען.

מען האט נאך גערעדט וועגען דער נייער טורנער געביידע, וואו עס איז פארגעקומען א טורנשפיעל, און פון פראבע סטאנציעס פון דער לאנדווירטשאפטליכער שול, און ווידער אמאל פון דער שפינערייע — ווען פרוי לארענצען האט פלוצים א זאג געטאן:

— מיר, פריינד אבער, קענען די שפראצונג און קענען די יאדרע. ווארים סוף כל סוף האט זיך אונזער שטאדט אויסגעבויט נאר ארום דער הויכשול.

און פלוצים האבען אלע גערעדט פון דער הויכשול, און דאס גאנצע געשפרעך האט זיך איצטער קאנצענטרירט ארום דעם דירעקטאר, וועלכער האט אפשר אין דער שטיל געווארט אויף

ז י י ן צייט. איצטער אָבער האָט ער נאָר מיט אַ שאָקעל איבער זיין ווייסער ברוסט אַ זאָג געטאָן:

— דער הער גראַף קען מסתמא גאָר נישט אונזער שול.

דארויף האָט אָבער יאָאַן געענטפערט, אַז די הויכשול איז באַקאַנט אין גאַנץ איירָאָפּאַ.

— מען קען אפשר זאָגען, אין דער גאַנצער וועלט — האָט גע־זאָגט דער דירעקטאָר. יאָ, אַ דאַנק גאָט, מיר האָבען אַ סך פריינד, און אונזער גרעסטע פרייד איז צו זעהן ווי זיי זעצען פאָרט אונ־זער ארבייט.

און ער האָט גערעדט פון דעם באַרויבטען פינלאַנד, וואָס האָט צו זיי געשיקט אַ סך סטודענטען.

ער האָט גערעדט זעהר איינפאַך (און דאָך האָבען אַלע גע־שוויגען) און ער האָט דערציילט יאָאַנ׳ען (און אפשר מיט אַ קליין שמייכעלע, גלייך ווי ער וואָלט געגעבען אַ לעקציע צו זעהר אַן אונוויסענדען) אַז באַזונדערס אין זומער, ווען עס פאַרבייטען זיך די קורסען פאַר אינגלעך און מיידלעך, קומען שילער אַזש פון האָלאַנד און ענגלאַנד.

— פאַר צעהן יאָהרען איז זאָגאַר געקומען אַ הינדו.

— יאָ — האָט אַ זאָג געטאָן דער דירעקטאָר מיט דעם זעל־ביגען שמייכעלע: — ער האָט ביז קיין אינדיען געהערט פון אונ־זער שול.

— די הינדוסען — האָט זיך אָפּגערופען יאָאַן — הערען מעהר, ווי מיר מיינען. איך האָב אַ הינדו געהאַט פאַר אַ פריינד.

— ווירקליך? — האָט געפרעגט גערדאַ וואָס האָט אויסגע־דרעהט דעם קאָפּ.

— יאָ, ווען איך האָב באַזוכט אַ שול אין פּאַריז.

גערדאַ איז אין אויגענבליק געזעסען פאַרטראַכט.

— אין וויפיעל פאַרשיעדענע ערטער איהר האָט אַלץ געלעבט!

— האָט זי געזאָגט.

— עס איז געווען מערקווירדיג, — האָט דער דירעקטאָר וויי־טער דערציילט, און אַלע האָבען געשוויגען, הגם מען האָט דאָס

זעלביגע שוין פיעל מאל געהערט: — עס איז געווען מערקווירדיג, ווי ער האט אלץ געוואלט וויסען, און ווי לייכט ער האט פארשטאַנען... פרעמדע שפראכען געהערען דאך ניט צו אונזער פאך... אבער ער איז דאך געגאנגען גאנץ גוט, און אונז פארשאפט פיעל פרייד... און אפילו אונזער סליעד האט איהם אינטערעסירט.

— סליעד? — האט געפרעגט יאאן — וואס איז דאס?

געפרעגט האט ער אייגענטליך גערדא'ן, געענטפערט האט אבער די פרוי יעספערסען.

— סליעד, דאס זענען האלצשניץ־ארבייטען.

— וויפיעל די מענשען לערנען דא! — האט אויסגערופען יאאן.

— יא — האט געזאגט דער דירעקטאר — מיר וואלטען וועלען קומען אזוי וויים, ווי מיר קענען נאר — מען קען דאך דעם פאַטערלאנד דיענען אויף אלערליי אופנים.

— דאס וויכטיגסטע אבער איז די הערצער צו עפענען.

די פרוי פון דאקטאר ראאבע האט געפרעגט דעם דירעקטאר וועגען דער וועבשול און דער דירעקטאר האט געענטפערט ברייט מיט ישוב הדעת:

— די וועבשול איז ביז איצטער בלויז א פרואוו, א קליינער פרואוו. די יונגע מיידלעך האבען אזוי א סך נוצען פון וועבען. זיי וועבען זיך אוים זייער אויסשטייער, זיי וועבען זיך אוים זייערע חתונה קליידער — זיי וועבען זיך אוים זייער היים. דער וועב שטוהל איז אפשר דערצו באשאפען געווארען, כדי די היימישקייט פון הויז אויפס ניי אויפצוריכטען...

יאאן האט א פארטראכטער אנגעשפארט זיין קאפ אויף דער האנד, ווען פלוצים האט ער א ציטער געטאן: דער געשעפטספיהרער האט שעפטשענדיג אבער שארף א זאג געטאן איבער דעם טיש:

— פריילין, אייער פאטער.

— יא — האט גערדא האסטיג א זאג געטאן, און אריבערגע־

קוקט צום פאטער, וואס האט איהר א וואונק געגעבען מיט די אויגען.

— אך, יא, איך פארגעס גאר אין גאנצען אן מיינע געסט — האט זי געפליסטערט.

— יא. דאס איז אמת — האט געזאגט די פרוי יעספערסען

— און דאס איז דאך גאר נישט דיין טבע.

— ניין — האט געזאגט גערדא אין גאנצען צומישט.

און ווען דער דירעקטאר האט ווידער גערעדט, האט יאאן געזאגט:

— דער געשעפטס־פיהרער גיט אויף איך אכטונג, פריילײן גערדא.

— א... ניין...

— א, יא.

— איז ער לעבענסווירדיג? — האט יאאן געפרעגט.

— ער איז פעהיג — האט גערדא געענטפערט און געקוקט אויף איהר טעלער. און פלוצים האט זי צוגעגעבען:

— אך, איך וואלט אזוי וועלען, אז ער זאל ווערען דעם טאטענס שותף.

— פארוואס?

— ווייל דאמאלט וועט פון דעם טאטען ארונטערגענומען ווערען א סך ארבייט — — און דעמאלט וועלען מיר קענען אביסעל אוועק און רייזען...

— און זעהן בערג — האט יאאן געזאגט.

— יא — און גערדא האט געשמייכעלט — און אונגארן.

— און די טרעפ פון דער פאריזער אפער — האט יאאן געלאכט.

גערדא האט איהם אנגעקוקט און פארשטאנען:

— אט די בילדער שטעלט מיר צו דער בוכהענדלער, ווען איך קום קיין ווײלע.

די אנדערע האבען נאך אלץ גערעדט פון דער וועב שול. דער

דירעקטאר האט געמאכט א באוועגונג מיט דער האנד צו הער און פרוי לארענצען און געזאגט:

— אבער מיר געהען דאך האנד אין האנד מיט די פריינד פון דער שפינעריי.

און ער האט גערעדט פון די צייכענשטובען אין דער שפינעריי און פון די קינסטלער, וואס דער פאבריקאנט לארענצען האט ענגאזשירט פאר די מייסטער צייכענונגען. — דער דאקטאר ראאבעל האט שמייכעלדיג זיך נאכגעפרעגט ווי עס געהט עטליכע ארבייטערינס און לארענצען האט געענטפערט, און גלייכצייטיג האט ער אויך שוין גערעדט וועגען עטליכע נייע ארבייטער וואוינונגען.

— און איהר באטראכט אפט די בילדער פון ווילע? — האט יאאן געפרעגט.

— יא, אפט, איידער עס ווערט פינסטער.

— דאס האב איך אויך געטאן — האט יאאן געזאגט — איז דער היים.

זיי האבען ביידע געשוויגען און דאך האבען זיי קוים געהערט. וואס די אנדערע האבען גערעדט.

— איז אייער הויז גרויס? — האט גערדא געפרעגט און גע־הוסט פאר זיך.

— יא, זעהר גרויס.

— מיט טורעמס?

— ניין, אהן טורעמס, אבער פיער זיילען שטעהען פאר דער טיר. פיער ווייסע זיילען.

גערדא האט א מאך געטאן מיט׳ן קאפ:

— א, זיילען זענען שען.

— און ווען איך קום איצט אהיים בין איך אין גאנצען אליין אין דעם גרויסען הויז.

גערדא האט געשמייכעלט מיט א שמייכעלע וואס האט זיך אויסגעלאשען און אויסגעזעהן אויף איהר געזיכט נאר ווי א שאטען:

— אַליין מיט אַנע׳ן?

— יאַ, מיט אַנע׳ן.

די פרוי יעספּערסען, וועלכע האָט שוין געהאַלטען ביים עסען די איינגעמאַכטע פרוכטען, וואָס זי האָט געגעסען מיט גרוים הנאה, האָט אַ זאָג געטאָן:

— גערדאַ, דאָס איז דאָס איינציגע הויז אין דער גאַנצער געמיינדע, וואו מען קריגט צו עסען עפּיס אָרענטליכעס. אויף אַנדערע ערטער מוז מען זיך מעהר׳ צופריעדענשטעלען מיט גייסטיגע גענוסען.

און צוריקקעהרענדיג זיך צום געשפּרעך וועגען ארומרייזען, ווייל דאָס שפּעטערדיגע האָט זי ניט געהערט, האָט זי נאָך צוגעגעבען:

— יאַ, גערדאַ וואָלט זעהר וועלען ארומרייזען. ווען מיר זענען אָבער דאָ ניט לאַנג צוריק געפאָהרען מיט׳ן נאַכט־צוג קיין ווייל, און מיר זענען צוגעקומען צו דער סטאַנציע, וואו מען דאַרף בייטען דעם צוג, איז זי אונז אין געדרענג פאַרלוירען געוואָרען. און ווען מיר האָבען זי צוריק געפונען, האָט זי געציטערט פאַר אויפרעגונג.

— זאָל זיין צום געזונד, מיין קינד! — האָט פרוי יעספּערסען אויסגערופען און אויסגעטרונקען דעם סאָק פון דעם איינגעמאַכטס.

די אַנדערע האָבען נאָך אַלץ גערעדט פון דער שפּינערריי, און דער זייגערמאַכער האָט געזאָגט:

— עס איז אַן אמת׳ע פרייד פאַר׳ן האַרצען אַנצוקוקען דיינע געזונטע אַרבייטער, לאַרענצען. הע, דאָקטאָר, דאָס וואָלט געוועזען אַ באַקוועמע קראַנקען קאַסע פאַר אייך... צום געזונד. דאָקטאָר! דאַנער וועטער! וואָס פאַר קנעפּ האָט איהר דאָס אין אייער העמד?...

— יאַ, ניט אמת? — האָט געזאָגט דער דאָקטאָר און אויסגעשטעלט זיין ברוסט, וואָס איז געוועזען באַצירט מיט צוויי פאַרצעלאַיענע קנעפּ. אויף וועלכע עס האָבען געגלאַנצט געמאָלטע „פאַרגעס מיך ניט״ בלומלעך:

— דאס איז די ארבייט פון דער גנעדיגער — —.

— טיא, אויף מאהלעריי פארשטעהט איהר אייך אויך, פרוי דאקטאר? — האט א זאג געטאן דער טאבאק-הענדלער. וואס פאר בילדער וועלעז מיר קריגען צו זעהן פון אייך אין פריהלינג אין קונסט-פאראיין?

די פרוי ראאבעל האט דאס נאך אליין ניט געוואוסט. זי האפט אבער, אז זי וועט קענען שאפען עפּיס „מאדערנעס".

די פרוי יעספערסען האט זיך געווענדט צו יאאנ'ען:

— וועגען וואס טראכט איהר? — האט זי געפרעגט. און איהם איז געווען, ווי זי וואלט איהם דערמיט געגעבען א שטירך אין פלייצע.

— טראכט? — האט געענטפערט יאאן — איך הער זיך צו און טראכט פון מיין היים.

— אך — האט א זאג געטאן די פרוי יעספערסען — פון אונגארן קען איך נאך מאורוס יאקאי און א טשארדאש...

— אונגארן איז ניט מיין פאטערלאנד — האט געזאגט יאאן — מיין פאטערלאנד איז בלויז אן אינזעל.

— אן אינזעל? — האט געפרעגט די פריו יעספערסען — וואס פאר אן אינזעל? דאס קלינגט ווי אין א מעשה'לע.

— יא — האט געזאגט יאאן און גערעדט שטילער — דאס מעשה'לע פון די פארשאלטענע.

— גערדא האט איבערגע'חזר'ט:

— פון די פארשאלטענע?

— עס איז א סערבישע לעגענדע — האט יאאן געזאגט און געקוקט פאר זיך מיט האלב-צוגעמאכטע אויגען. — עס איז א פאר'כשופ'טען אינזעל, אויף וועלכען עס לעבען ניט קיין פרויען, הגם אלע מענער געהען אוים פון בענקשאפט.

— פארוואס זשע נעמען זיי ניט קיין פרויען? — האט געפרעגט די פרוי יעספערסען און געלאכט.

— דאס קענען זיי ניט, גנעדיגע פרוי. די פרוי דארף קומען צו זיי. זיי זענען אבער באוואכט פון די זיעבען טויט זינד.

— סוף כל סוף אָבער קומט דאָך אַ פרוי? — האָט געפרעגט די פרוי יעספּערסען.

— יאָ — האָט געענטפערט יאַאַן — נאָר דעמאָלט ווען אַ פרוי וועט קענען ליעב האָבען אַ מאַן, וואָס איז שטום און בלינד און האָט ניט קיין אויערען — דעמאָלט וועט דער כשוף זיך אָפּטאָן.

— דאָס קען אַ פרוי — האָט דעם גלח'ס ווייב געזאָגט פּלוצים ערענסט.

זיי האָבען געשוויגען אַ ווײַלע.

— וואו ליגט אייער אינזעל ? — האָט גערדאַ געפרעגט.

— אין דער דאַנוי, — האָט געענטפערט יאַאַן און מיט אַ פאַרענדערט קול האָט ער צוגעגעבען: — אָבער אויף דער לאַנדקאַרט קען מען איהם ניט געפינען.

און ער האָט דערצעהלט אין לאַנגזאַמע זאַצען, אַז דער אינזעל ליגט אויף דער גרעניץ פון פיעלע פאַרשיעדענע לענדער. און ער האָט דערצעהלט פון שלאָס און פון ווײַנשטאָק, וואו די פּיאַלקעס בליהען אין פריהלינג, פון דער מיהל ביים סאַמע שפּיץ, און פון די אומגליקליכע, וועמען די געזעצען פון זייערע לענדער האָבען פאַרטריבען און וועלכע האָבען דאָרטען געזוכט אַ מקום מקלט פאַר זיך.

יאַאַן האָט דערצעהלט ווייטער, ווי ער וואָלט דאָס גערעדט מיט זיך אַליין, אָדער ווי ער וואָלט ניט געוואוסט אַז אַנדערע הערען זיך צו.

— און דער אינזעל געהערט צו אייער פאַמיליע ? — האָט געפרעגט די פרוי יעספּערסען.

— יאָ — האָט געענטפערט יאַאַן — פאַר די לעצטע זעקס הונדערט יאָהר געהערט דער אינזעל צו אונז.

— און דאָרטען אַהין איז אייער מוטער נאָכגעגאַנגען אייער פאָטער פון ווײַלע?

— יאָ.

די פרוי יעספּערסען איז אַ ווײַלע געזעסען פאַרטראַכט, דערנאָך האָט זי געזאָגט:

— ווי צוויי מענשען קענען דאס ווערען גליקליך אויף אייער אינזעל.

ערשטוינט ווי ביי א נייעם געדאנק, האט יאאן צועפענט די אויגען.

— גליקליך?

און גלייך דערויף האט ער צוגעגעבען:

— יא, דאס איז אמת.

גערדא האט גאר נישט געזאגט. די וויהעס פון איהרע אויגענדעקלעך האבען אבער געציטערט, ווי ביי איינע וואס קוקט אין א ליכט אריין, אדער איינע, וואס איז גרייט אט־אט אויסצוברעכען אין טרעהרען.

פון בייטענדיגע שטימונגען געווארפען אהין און אהער העפטיגער ווי ער האט עס ווען עס איז אין זיין לעבען געפיהלט (און אליין ניט רעכט וויסענדיג ווי אזוי און פארוואס), האט יאאן אויפס נייע דערצעהלט פון זיין היים שארפער און קירצער:

— פון די פארשיעדענע שפראכען, וואס מישען זיך אויס איינע מיט די אנדערע; און פון די שנאה וואס פלעגט אויסברעכען פון צייט צו צייט און געפיהרט צו געשלעגען צווישען די פארטריבענע. און ווי מען פלעגט אויספלינדערן דעם באדען. וואס איז קיינעמס היים ניט געווען. און וועלכען אלע האבען פארשאלטען.

— הו, — האט אויסגערופען די פרוי יעספערסען — איהר שרעקט דאך אונז מיט אייער אינזעל.

יאאן אבער, וואס האט א ווייל געשוויגען, האט געזאגט:

— קענט איהר ניט פארשטעהן מיינע געפיהלען?... זינט איך האב זיך באקאנט מיט מיין מוטער'ס פריינדליכען פאטערלאנד...

— דאך, דאך — האט געזאגט דעם גלח'ס ווייב.

און יאאן, וואס האט ווידער גערעדט אין אן אנדער שפראך, האט געזאגט מיט א שמייכעלע:

— דא וואלטען מענשען געקענט גליקליך ווערען, פרוי פאסטארין.

— דאָס איז וואָהר — האָט זיך אָפּגערופען דער דירעקטאָר, וואָס האָט נאָר האַלב געהערט. — אין דעם לאַנד דאָ, וואָלטען אַלע געקענט גליקליך זיין.

— אָבער — האָט ער צוגעגעבען —ד י פון דער שלעזוויגשער גרעניץ זענען די וועכטער פון אונזער קראַפט.

ער האָט זיך צוגעבויגען צו די צוויי הערען אין די לאַנגע שוואַרצע רעק, און צו די פרויען ביים עק פון טיש, וואָס האָבען קיין מיענע ניט געמאַכט.

אַלע זענען אויף אַן אויגענבליק שטיל געוואָרען, ווען דער פאַבריקאַנט לאַרענצען האָט אָנגעהויבען צו דערצעהלען וועגען מענ־שען, וואָס מען האָט ארויסגעשיקט פון שלעזוויג. און דיביידע מענער האָבען געענטפערט לאַנגזאַם מיט מאָדנע איינטאָניגע שטי־מען, גליידך ווי זיי וואָלטען די ווערטער ארויסגעלייענט פון אַ בוך.

יאַאַן האָט אויסגעבויגען דעם קאָפּ און באַטראַכט די פאַר־ענדערטע געזיכטער ביי דער גאַנצער לענג פון טיש:

— ווער זענען זיי? — האָט ער געפרעגט, און פריילין גערדאַ האָט געענטפערט און איהר קול האָט געהאַט אַן אַנדערן קלאַנג:

— זיי זענען די שלעזוויגער.

די פרוי יעספּערסען האָט אין אַ גאַנץ פאַרשלייערטע שטים צו־געגעבען:

— פיעלע פון זיי זענען געקומען. און איצטער ווערען זיי געוויס פאַרשריבען ווערען פון די זשאַנדאַרען ביי דער גרעניץ.

יאַאַן האָט זיך אָפּגערופען:

— מיין מאַמע און אַנע פלעגען אָפט רעדען פון קריעג. — זיי זענען נאָך דעמאָלט געוועזען קינדער. אָבער זיי האָבען נאָך גענוי אַלץ געדענקט. — (און ער האָט אַליין ניט געוואוסט, אַז זיין קול האָט געקלונגען פונקט אַזוי ווי ביי די אַנדערע).

— ווי זיי מוזען בענקען! — האָט ער געזאָגט.

— פאַרוואָס? — האָט געפרעגט די פרוי יעספּערסען.

— ווייל — האָט יאַאַן געענטפערט — ווייל זיי האָבען אַ פאַ־טערלאַנד און זענען אויף אייביג צושיידט דערפון.

און פרוי יעספערסען האט איהם ניט פארשטאנען.

פונקט ווי זי וואלט נאר געהערט דאס איינציגע ווארט „בענקען“, האט גערדא א פרעג געטאן און געקוקט אויף יאאנ׳ען:

— האט אייער מוטער זעהר שטארק געבענקט?

— יא — האט געענטפערט יאאן — זי האט זעהר געבענקט.

און ביידע זענען פארזונקען געווארען אין מחשבות, אזוי אז דער דירעקטאר האט געמוזט ווידערהאלען זיין פראגע:

— אונזער סביבה ארום וועט איהר ניט קענען זעהן, הער גראף?

צום צווייטען מאל האט יאאן געהערט די פראגע און געענטפערט מיט א זעהר העלע שטים:

— דאך, הער דירעקטאר, ווען איך וועל קומען אהער נאכאמאל.

גערדא האט פלוצים א הויב געטאן איהרע הענט כמעט ווי ביז איהר פנים און די פרוי יעספערסען האט אויסגערופען:

— א, יא, קומט צו אונז נאכאמאל אין זומער, דעמאלט איז דא הערליך.

און דער דירעקטאר האט געזאגט:

— יא, איהר מוזט זעהן דאס לאנד פון אייער מוטער אין זומער.

אלע האבען זיך אנגעכאפט אן דעם געדאנק און יאאנ׳ען צוגערעדט און איהם איינגעלאדען. נאר דער סוחר יאהאנסען האט ניט אויפגעהערט צו רעדען מיט די ביידע פרויען ביי זיין עק טיש פון די אויסווייזונגען. זיי זענען געזעסען אין זייערע שווארצע זיידענע טאליען אזוי פלאכבורסטיג, גלייך ווי זיי וואלטען אויך איינגעטרוקענט געווארען. און פון זיי וואלטען מענער געווארען.

— אודאי, אודאי מוזט איהר קומען נאכאמאל — האט אויסגערופען דער זייגערמאכער, — מיר וועלען אייך גוט אויפנעהמען.

— און אין דער פאבריק זענען פאראן גאסט־צימערן — האט זיך אפגערופען די פרוי ראאבעל און מיט א חניפה׳לע זיך אריבערגעבויגען צו פרוי לארענצען.

— יא, מיר האבען אן אפען הויז און אן אפען הארץ — האט א

זאַג געטאַן די פרוי לאַרענצען און אַ שאָקעל געטאַן דעם קאָפּ צו איהר.

אַלע האָבען איצטער גערעדט פון זומער און פון אויספלוגען.

— דאָס שענסטע אָבער איז צו שטעהן אויפ'ן באַרג, ווען די זון געהט אונטער — האָט אַ זאָג געטאַן די פרוי יעספּערסען.

יאַן האָט געשמייכעלט:

— און וואו געפינט איהר איז אַם שענסטען זומער? — האָט ער געפרעגט גערדאַ'ן.

— איך — האָט געענטפערט גערדאַ — (און אפשר האָט זי ניט פיעל געהערט פון דעם, וואָס אַרום איז גערעדט געוואָרען...) איך... מיר געפעלט אַם שענסטען, ווען די נעבלען הויבען זיך אויף.

און גלייך דאַרויף האָט זי צוגעגעבען:

— דעבריי קען מען פון אַזוי פיעל זאַכען טראַכטען... אָדער מען טראַכט גאָר נישט.

די געשפרעכען האָבען אויך איין מאָמענט אויסגעזעהן ווי אָפּגעהאַקט, ווען דער זייגערמאַכער האָט אויפגעהויבען זיין גלאָז:

— קינדער — האָט ער אַ זאָג געטאָן און זיין גאַנצער קוגעל־רונדער קאָפּ האָט געשוויצט — איין טאָאַסט וויל איך נאָך טרינ־קען. מיר וועלען טרינקען אַן עראינערונגס בעכער לכבוד קאַרען פּאָסט. געהערט זאָל זיין איהר אַנדענק!

— יאָ — האָט אַ זאָג געטאַן זיין צווילינגס ברודער — גע־עהרט זאָל זיין איהר אַנדענק!

די ביידע ברידער האָבען אויסגעלעדיגט זייערע גלעזער און די איבעריגע האָבען נאָכגעטאָן זייער ביישפּיעל, און אויף איין אוי־גענבליק איז אין צימער געוואָרען זעהר שטיל.

— זי איז געוועזן אַ שטאַרקער כאַראַקטער און טריי, — האָט געזאָגט דער טאַבאַק־הענדלער.

— צו איהר פלעגט מען געהן, ווען איינע האָט עפּיס געהאַט אויפ'ן האַרצען. — האָט געזאָגט דער זייגערמאַכער און אַ שאָ־קעל געטאָן מיט'ן קאָפּ צו גערדאַ.

— יאָ — האָט גערדאַ געזאָגט שטיל.

— ווער איז קארען פאסט? — האט יאאן געפרעגט און זי אנגעקוקט.

— דאס איז געווען מיין עלטערבאבע.

— איך קען זיך נאך גענוי דערמאנען דעם לעצטען אווענט פון איהר לעבען, — האט געזאגט דער זייגערמאכער — איך בין אריינגעקומען אין קראם, ווען זי האט גראד איבערגעצעהלט דעם פדיון, און אנגעצונדען דאס חלב ליכט. ווארים זי האט אלע מאל געמוזט אנצינדען א חלב ליכט צום שלאפען געהן.

— נא. „קארען פאסט", — האב איך געזאגט — „איהר האלט אוים ביז צום סוף". — יא, דזשערגען לארסען — האט זי געזאגט — מען מוז שטעהן אויף די פיס ביז מען פאלט אום. — און דער־נאך איז זי מיט איהר פעניגליכטעל אריין אין איהר צימער... און אויף צו מארגענס אין דער פריה איז זי געווען טויט. יעדער מעג מקנא זיין אזא סוף — האט געזאגט דער זייגערמאכער, און פאר־ענדיגט האט ער:

— זי איז דאס געווען די, וואס האט געגרינדעט דאס געשעפט.

עס איז נאך אלץ געווען שטיל, נאר דער דאקטאר האט עפּים געזאגט א פאר ווערטער, און דער קויפמאן יאהאנסען האט זיך אויפגעהויבען:

— איך ווינש א געבענשטע מאלצייט — האט ער א זאג גע־טאן.

ווען גערדא האט זיך אויפגעשטעלט, האט זי ארויפגעקוקט צו יאאנ'ען און געזאגט:

— ווי שען מוז עס זיין צו באזיצען אייער אינזעל.

און געקלונגען האט עס, ווי זי וואלט די גאנצע צייט געטראכט נאר פון דעם.

— באזיצען, פארוואס?

גערדא האט געשמייכעלט:

— הארטען קען מען געווים אלע מענשען גליקליך מאכען.

— גליקליך מאכען?

יאַאַן האָט אויסגעשטרעקט זיין קאָפּ פאָראויס און געדאַכט האָט זיך ווי אַלע ליכט פון טיש וואָלטען באשטראַהלט זיין פּנים.

— געבענשטע מאַהלצייט! — האָט די פרוי יעספּערסען געזאָגט צו יאַאַנ׳ען ביי דער טיר, און איהם דערלאַנגט איהר האַנד.

— געבענשטע מאַהלצייט! — האָט יאַאַן געענטפערט און ניט געזעהן איהר האַנד. אַלע האָבען זיי זיך געגעזעגענט, געווינשען א געבענשטע מאַהלצייט און גערדיקט די הענד.

— געבענשטע מאַהלצייט, הער גראַף! — האָט אויסגערופען דער זייגערמאַכער.

— געבענשטע מאַהלצייט! האָט געענטפערט יאַאַן, און עס אַליין ניט געהערט.

— אזוי איז דאָ דער מנהג — האָט געזאָגט די פרוי ראַאַבעל, וועלכע איז אויך צוגעקומען צו יאַאַנ׳ען.

— געבענשטע מאַהלצייט! — האָט יאַאַן געענטפערט נאָך אַלץ מיט דעם זעלביגען גלאַנץ אין די אויגען.

די פרוי ראַאַבעל האָט שוין אָנגעהויבען צו רעדען, ווי איינע וואָס איז ענדליך געקומען צום וואָרט: פון דעם כבוד, וואָס איינער קריגט אין אזא קליינעם אָרט דורך זיין קאָנצערט און פון איהר פרייד, וואָס ער וויל שפּיעלען מענדעלזאָהן. „די מוזיק פון גליק" — וואָלט דער קאַפּעלע מוזיקער גרין געזאָגט.

יאַאַן האָט אָנגעהויבען צו לאַכען, איבערמוטיג, כמעט אומפאַרשעמט, ווי א צוואַנציגיאָהריגער:

— ווייס ער דען, וואָס גליק איז? — האָט ער געפרעגט, מיטביידע גראָבע פינגער אין די וועסטענטאַשען.

די פרוי ראַאַבעל האָט אביסעל צומישט אויך אָנגעהויבען צו לאַכען מיט איהם און דער זייגערמאַכער, וואָס האָט געהערט יאַאַנ׳ס לאַכען, איז צוגעקומען:

— געבענשטע מאַהלצייט, הער קאָנצערט-געבער! — האָט ער אויסגערופען און מיט ביידע פויסטען אָנגענומען יאַאַנ׳ס הענד:
— איהר זענט א פּרעכטיגער מענש.

— איהר אויך! — האָט געענטפערט יאַאן און געהאלטען דעם זייגערמאכער'ס שוויצענדיג הענד אין די זייניגע.

— צוליעב דעם זאלען מיר אויסטרינקען א גלעזעל.

— אָבער איך דארף דאָך שפּיעלען, הער לארסען, — האָט גע־ענטפערט יאַאן, וואס האָט געדענקט די אלע פרעמדע נעמען, ווי איינער וועמענס געהירן קען פלוצים ארבייטען אויסערגעוועהנליך.

— נאָר איין גלעזעלע — האָט געזאָגט לארסען און אָנגעגאָסען צוויי קליינע גלעזער — דאָס איז יאהאנסען'ס בעסטער וויין. דאָ איז מען ביי דער קוואַל, וויל איך אייך זאָגען... צום געזונד, הער קאָנצערטגעבער, האלאה געשעפטס־פיהרער, איהר קענט אויך מיט־טרינקען... נאַ, ער הערט ניט. אַלזאָ, צום געזונד, הער קאָנצערט־געבער!

דער הער לארסען האָט אויסגעטרונקען זיין גלאָז. ארום און ארום האָט מען געטרונקען, גערעדט און געלאכט. דער דאָקטאָר וואס האָט געקענט מאכען אלערליי קונצען, האָט זשאָנגלירט מיט צוויי ליקער פלאשען.

— פאַרלירט זיי ניט. פאַרלירט זיי ניט! — האָט אויסגערופען נערדאָ, וועמענס געזיכט עס האָט געשטראַהלט.

מען האָט פאַררויכערט די ציגארען און דער רויך איז שוין געלעגען איבער דעם צימער, ווי א לייכטער נעפעל.

— פאַרלירט זיי ניט, פאַרלירט זיי ניט!

דער אנדערער צווילינג האָט א קלאַפּ געטאָן יאַאנ'ען איבער דער פּלייצע:

— יאָ, יאָ, הער קאָנצערט־געבער. דאָ קען מען זיך אויסלער־נען פרעהליך צו זיין.

— יאָ, — האָט געזאָגט יאַאן און ווידער געלאכט, גלייך ווי ער וואָלט געמוזט כסדר לאכען.

— מיט דעם זענט איהר גערעכט, לארסען — האָט אויסגערופען דער דאָקטאָר, וואס האָט איין פלאַש געוואָרפען אהינטער דורך דעם ארעם און זי צוריק אויפגעכאַפּט מיט דער פּלייצע. — און פארוואס? ווייל מיר האָבען ריינע הערצער.

יאאן האט א קוק געטאן אויף גערדא.

— פארלירט זיי ניט! — האט ער אויך אויסגערופען און דאס ניט ווילענדיג.

ווען ער און פרייליין גערדא האבען מיט אמאלביידע געמוזט לאכען איבער די ליקער־פלאשען, וואס זענען נאך אלץ געפלויגען, און מיט אמאל האט א האנד באריהרט יאאנ׳ס ארעם און פרוי יעספערסען האט א זאג געטאן, פארשטעלענדיג א שלאנקען מאן מיט א בארדלאזען געזיכט:

— דאס איז מיין מאן.

— אזוי, זענט איהר, הייסט עס, דאך געקומען, הער פאסטאר.

— יא, איך האב עס נאך דערוויזען. איך האב זעהר געוואלט מיין פרוי באלייטען, — האט געזאגט דער פאסטאר.

און צו זיין פרוי האט ער א זאג געטאן:

— דו, זי איז גאנץ שטיל און פרידליך איינגעשלאפען.

— איהר מוזט עפּים עסען, הער פאסטאר.

— זי איז טויט — האט א זאג געטאן די פרוי יעספערסען.

— אזוי? — האט אויסגערופען גערדא — אבער דאס זעלביגע שטראהלענדיגע שמייכעלע איז נאך אלץ געלעגען אויף איהר געזיכט: — אך, זי איז געווען אזוי גוט, און אזוי נעט. זי האט אלע מאל נאר געטראכט וועגען אנדערע.

— יא, זי האט זעהר פיעל געהאלטען פון אייך — האט געזאגט דער פאסטאר.

— אך, גאט, יא — האט אויסגערופען די פרוי יעספערסען. ווען מען פלעגט זיין ביי איהר צום קאווע טרינקען און זי פלעגט ענדליך זיך רוהיג אוועקזעצען אויף איהר פלאץ ביים פענסטער, פלעגט זי אלע מאל אנהויבען: גערדא איז א מלאכ׳ל. ניט, פרוי פאסטארין?... אבער מיר מוזען זארגען דערפאר, אז זי זאל באלד קריגען א מאן.

— פונקט אזוי ווי אנע — האט א זאג געטאן יאאן.

— אנע? — האט געפרעגט דער פאסטאר יעספערסען.

— דאס איז געווען דאס מיידעל, וואס האט מיך אויפגעהאדע־וועט.

ארום און ארום האט מען גערעדט און געלאכט. דער זייגער־מאכער איז ארומגעגאנגען פון גרופע צו גרופע, און מיט אלעמען געטרונקען לחיים.

— א פרעכטיגער מענש, ניט? — האט ער יעחען איינעם גע־פרעגט.

— צום געזונט, לארענצען!

און ער איז ווייטער געגאנגען.

דער ליארעם האט זיי אלעמען איינגעהילט, ווען די פרוי יעס־פערסען האט א פרעג געטאן יאאנ׳ען:

— וויל אנע אייך אויך פארהייראטען?

גערדא איז געהאט אפגעגאנגען עטליכע טריט. ווען דער פאס־טאר איז אבער געבליבען שטעהן, איז זי אויך שטעהן געבליבען.

יאאן האט געענטפערט (און געדאכט האט זיך ווי אין שוין פון דעם ליארעם האט זיין קול באקומען אן אייגענעם קלאנג): — יעדעס מאל ווען איך קום אהיים, און זיווארט מיך אפ אין אר־סאווא, קוקט זי מיך אן, און שטעלט מיר אקעגען איהר גרויס, טויב אויער, און איך שריי אריין דעריין, ווארים איך וויים, אז זי וויל עס וויסען: — ניין, גוטע אנע... „אך, גאט!“ — זיפצט אנע דאן אפ — „אך, גאט!“...

— ארימע אנע! — האט א זאג געטאן די פרוי יעכספערסען.

— יא, ארימע אנע!... און יאאן האט זיך פלוצים שטיל צולאכט.

דער פאסטאר האט אויך געלאכט, ניט וויסענדיג פארוואס.

גערדא אבער האט אנגענומען זיין האנד און א זאג געטאן:

— הער פאסטאר, צווערשט מוזט איהר עפים עסען.

— יא, הונגעריג בין איך, — האט געענטפערט דער פאסטאר, — וואס פאר א קאלטע הענד איהר האט!

— אך, ניין. ס׳איז גאר נישט.

די פרוי יעספערסען, וועלכע איז זיי נאָכגעגאַנגען צוזאַמען מיט יאַאַנ׳ען, האָט זיך אָפּגערופען:

— גערדאַ ווערט אַלעמאָל אין גאַנצען קאַלט, ווען זי פרעהט זיך.

דער זייגערמאַכער האָט אַלץ נאָך געהאַלטען אין איין ארומגעהן פון איינעם צום אַנדערן. איצטער איז ער געבליבען שטעהן פאַר דעם געשעפטס־פיהרער און מיט איבערצייגונג האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— צום געזונט, געשעפטס־פיהרער! איהר ווייסט, ער איז אַ פּרעכטיגער מענש.

די פרוי יעספערסען און יאַאַן זענען געבליבען שטעהן ביי דער טיר פון עס־צימער. ביי אַן עק פון טיש האָט מען געגרייט עסען פאַר דעם פּאַסטאָרס ווענען. דאָס האָט געמוזט געטהאָן ווערען שנעל, און גערדאַ, וואָס איז געשטאַנען נעבען איהם, האָט באַשמירט ברויט מיט פּוטער,אין דער צייט וואָס דער פּאַסטאָר האָט געגעסען.

די מוהמע האָט שווייגענדיג און ביינערדיג דערלאַנגט אַלע שיסלען מיט אַמאָל.

יאַאַן איז געשטאַנען אַנגעשפּאַרט אַן ביישטידעל פון דער טיר, און באַטראַכט דעם עסענדיגען פּאַסטאָר. גערדאַ׳ס הענד האָבען אַזוי האַרציג איילענדיג געאַרבייט איבער דעם ווייסען טישטוך. די פרוי יעספּערסען האָט געפרעגט איהר מאַן ווענען דער באַער־דיגונג:

— ווען וועט זי זיין?

— איך דענק, אַן מאָנטאָג, — האָט דער פּאַסטאָר געזאָגט.

— ניין, דו, זיכער זונטאָג. ווארים איהר משפּחה פון קאַלדינג קען דאָך צום בעסטען קומען אין אַ זונטאָג.

— אַ דאַנק, פרייליין, אַ דאַנק! — האָט אויסגערופען דער פּאַסטאָר צו דער מוהמע, וואָס האָט איהם ווידער באַלאַנגערט מיט שיסלען.

— ווי לעבען און טויט זענען זיך דאָ גוטע פריינד! — האָט יאַאַן אַ זאָג געטאָן צו דער פּאַסטאָרין, און אין דער זעלביגער

צייט האט ער ניט ארונטערגענומען קיין אויג פון דער גרופעביים טיש.

פרוי יעספערסענס געזיכט איז מיט איינמאל געווארען ערענסט.

— איז דאס ניט אויך דער צייל?

— געוויס! — האט געענטפערט יאאן און זיי האבען גע־שוויגען.

— ניין, ניין, הער פאסטאר, פון דעם לענדערבראטען מוזט איהר פארזוכען — ער קומט פון קאלדינג.

— יא, הענדריק, — און די פרוי יעספערסען האט ווידער געלאכט: — די מאכלים קומען פון אלע עקען וועלט...

— אך, ניין... האט אויסגערופען גערדא.

— דאך, מיין מלאכ'ל. גאט, וואס האסטו זיך אזוי דער־שראקען? איך האב איהר אבער גלייך געזאגט (און זי האט זיך געווענדעט צו יאאנ'ען) — ווען ער וויל ניט עסען, דאן מוז ער אי־בערלאזען.

— האט איהר געהאט שרעק פאר מיר?

— יא — האט געענטפערט גערדא, און שטיל און שנעל האט זי צוגעגעבען: — און איהר האט אויך כמעט גאר נישט געגעסען.

— איצטער בין איך אבער הונגעריג — האט יאאן געזאגט און זיך געזעצט אין א שטוהל ביים טיש.

— ווירקליך? — און גערדא'ס געזיכט האט געשטראהלט — זאל איך אייך באשמירען ברויט מיט פוטער?

— יא, א דאנק.

— דאס איז שען... מיט וואס זאל איך עס באלעגען?

— מיט וואס איהר ווילט.

זיי האבעןביידע געלאכט, און גערדא האט באשמירט ברויט דא פאר'ן פאסטאר און דא פאר יאאנ'ען.

— איצטער אמוזירט זיך, גערדא — האט אויסגערופען די פרוי יעספערסען.

— יא — האט געזאגט גערדא און דערלאנגט יאאנ'ען א שטיק אויפ'ן מעסער.

— דאָס איז כמעט אַזוי שען, ווי צו עסען אין דער קיך — האָט געלאַכט די פרוי יעספּערסען.

— יאָ — האָט געזאָגט גערדאַ — און אַלס אַן ערקלעהרונג האָט זי צוגעגעבען: — וואָרים איך האָב שרעקליך ליעב צו עסען אין דער קיך.

— איך אויך — האָט זיך אָפּגערופען יאַאַן. — וואָרים אַלס קינד האָב איך דאָס קיינמאָל ניט געטאָרט. אָבער פון דעסטוועגען פלעג איך אַלעמאָל דאָך אַריינלויפען אהין צו די צוויי קוכערס.

— קוכערס? — האָט גערדאַ איבערגעפרעגט, גלייך ווי דאָס וואָלט געווען עפּיס זאָנדערבאַרעס.

— יאָ, מיר פלעגען האָבען צוויי — האָט ער געענטפערט עסענ־דיג — צוויי רומענער.

— רומענער דארפען זיין שענע — האָט אַ זאָג געטאָן די פרוי יעספּערסען.

— ליעב קינד — האָט זי צוגעגעבען — איך קריג אויך אַפּעטיט, ווען איך זעה ווי אַנדערע עסען.

און די פרוי יעספּערסען האָט מיט חשק אָנגעהויבען באַשמירען ברויט פאַר זיך אַליין.

— זייער שפּראַך דאַרף זיין עהנליך צו לאַטייניש — האָט אַ זאָג געטאָן דער פּאַסטאָר. געמיינט האָט ער דערמיט די רומענער.

— יאָ, זעהר עהנליך.

— וויפיעל שפּראַכען איהר קענט דאָס! — האָט אויסגערופען גערדאַ, און איהר שפּראַך האָט געקלונגען פּונקט אַזוי ערשטוינט, ווי פריהער.

— איך קען פיעל און קיין איינציגע ניט.

די פרוי יעספּערסען, וואָס האָט אַרויפגעלעגט לענדענבראַטען אויף איהר ברויט, און טאַמאַטען אויף דעם פלייש, האָט אַ זאָג געטאָן:

— איהר האָט שוין געמאַכט פאָרטשריט אין דער דענישער שפּראַך.

— דענקט איהר אזוי? — האט געפרעגט יאאן און מיט א שמייכעל געקוקט אריבער דעם טיש.

— איצטער מוזען מיר אויסלעשען די ליכט און בלייבען זי־צען נאר אין שיין פון לאמפ.

— יא — האט געזאגט גערדא — דאס וועלען מיר טאן.

און זי און יאאן זענען ארומגעלאפען ארום טיש און האבען אויסגעבלאזען די ליכט.

— פוה, פוה, פוה! — מיט טיפע אטעמס אין יעדען פלאם אריין.

— וואס וועט דער טאטע זאגען וועגען דעם? — האט פלוצים א פרעג געטאן גערדא און איז געבליבען שטעהן פאר דעם לעצטען ליכט.

— און דער געשעפטס־פיהרער? — האט געפרעגט די פרוי יעספערסען.

— זיי וועלען זיך טראכטען, אז מיר האבען הנאה פון דעם — האט געענטפערט יאאן, וואס איז שוין ווידער געזעסען ביים טיש.

— יא — האט געזאגט גערדא, און זי האט געמאכט אזא באוועגונג מיט די ליפען, גלייך ווי זי וואלט ארויסגעבלאזען א זייפענבלאז.

דורך דער טיר האבען אריינגעדרונגען די שטימען פון דער געזעלשאפט. די שטימען פון דעם צווילינג האבען זיך געהערט צום העכסטען.

יאאן האט געלאזט זיינע אויגען שוועבען איבער דעם טיש, וואו דער ווייסער ליכט קרייז פון לאמפ האט געלויכטען מיט ווייסע דאמאסט שטערען.

— אזוי וואלט אונז אנע געדארפט זעהן!

א שטוהל האט זיך א רוק געטאן נעבען יאאנ׳ען — און גראף האלשטיין, וועמען קיינער האט ניט געהערט אריינקומען, האט זיך אויף איהם אנידערגעזעצט מיט א טרעבעניץ.

— דא איז דאך טאקי געמיטליך, דו!

— עריך!

— אַ גוטען אָוונט, פרייליין יאָהאַנסען! אַ גוטען אָוונט, הער פּאַסטאָר! — און פאַרנייגענדיג זיך פאַר דער פרוי יעספּערסען, האָט ער געזאָגט: — יאָ, איך בין געקומען מיט דעם וועג. איז צימער איז מיר דאָס געדרענג געוועזן צו גרויס.

— איהר זענט ווילקאָמען, הער גראַף — האָט אַ זאָג געטאָן גערדאַ און גענייגט דעם קאָפּ.

דער גראַף האָלשטיין האָט געלאַכט און געוואָרפען אַ בליק אויף די שיסלען.

— דאָס הייסט ביי מיר אַ רייך געדעקטער טיש.

— ווילסטו אפשר אויך עפּיס עסען? — און יאָאַן האָט געלאַכט.

— יאָ, אַ דאַנק — האָט געענטפערט האָלשטיין — ווען דו פאַרבעטסט מיך אַזוי פריינדליך.

— דאָס טוען מיר — האָט געזאָגט יאָאַן, און ער האָט אויס־געדרעהט זיין שטוהל, געעפענט דאָס בופעט און פון דאָרט ארויס־גענומען אַ גלאָז און אַ טעלער — און אַלע האָבען געלאַכט.

— אויך אַ גאָפּעל! — האָט אויסגערופען פרייליין גערדאַ.

— און אַ מעסער — האָט עריך געזאָגט.

— אַט זענען ביידע — האָט געזאָגט יאָאַן, וואָס האָט זיי געפונען אין אַ שיפלאָד.

עריך האָט געגעסען און די פרוי יעספּערסען האָט געפלוי־דערט. יאָאַן האָט באַטראַכט עריך'ן: — ער האָט נאָך אין גאַנ־צען די זעלביגע טבע ביים עסען, און ער שיבט נאָך די ביסענס מיט איין רוק אין מויל אַריין. זיינע פינגער זענען אָבער פיעל פעטער געוואָרען.

— ווייסטו, יאָאַן, דאָס דערמאָנט מיר אַן מישעל... ווען מיר פלעגען זיך ארויסכאַפּען פון דער שול און געהן אַ לעב טאָן.

— הערט, הערט! — האָט אויסגערופען די פרוי יעספּערסען.

— דאָס פלעגט זיין דאָס שענסטע וואָס מיר האָבען דאָרט געהאַט, — האָט דער גראַף האָלשטיין געזאָגט. און ער האָט דער־צעהלט פון דעם הינטערשטען צימער, נאָהענט ביים לוקסעמבורג, וואו זיי פלעגען זיך באַהאַלטען, מען זאָל זיי ניט געפינען, און

עסען געריכטערטע נארמאנען הערינג, ווייל זיי האבען מיט זייער ריח דערמאנט אן דענעמארק.

— אבער ער פלעגט איבעריגענס זיך מעהרסטענטיילס האלטען פאר זיך. און צומאכען די אויגען — האט האלשטיין דערצעהלט פון יאאנ'ען מיט זיין אלטען, אומצופריעדענעם שאקעל פון קאפ.

פריילײן גערדא האט אנגעשפארט איהר קין אויף איהר האנד, אזוי אז דאס קליינע ארויפצו קוקענדיגע געזיכט איז געלעגען אין שיין פון לאמפ.

— דו פלעגסט אלעמאל לעבען אזוי אפגעזונדערט פון די אנ־דערע.

די לאנגע אויגען וויהעס האבען זיך לאנגזאם ארויפגעגליטשט אויף פריילײן גערדא'ס באקען.

— אבער טראָץ דעם אלעמען האב איך דיך שרעקליך ליעב געהאט. צום געזונד, יאאן!

גראף האלשטיין האט געטרונקען, און ווען ער האט אוועק־געשטעלט דאס גלאז, האט ער געזאגט:

— אך, פריילײן יאהאנסען, האב איך כאטש באקומען דעם באשטעלטען רהיין ווין?

אויף יאאנ'ס געזיכט האט זיך פלוצים באוויזען א האסטיגע רויטקייט. פריילײן גערדא אבער האט נאר א זאג געטאן מיט א אומבאמערקטען דרעה מיט'ן קאפ:

— ווענען דעם קען איך אונזער געשעפטס־פיהרער געבען באַ־שייד, העד גראף.

יאאן האט פאר פרייד זיך צולאכט ווי א אינגעל, אליין ניט וויסענדיג פארוואס.

— איבער וואס לאכסטו? — האט געפרעגט האלשטיין, וואס איז אין גאנצען צומישט געווארען.

— איבער דיר.

— נא, יא, — האט א זאג געטאן האלשטיין (און ער האט גע־

האט אַן אויסדרוק פון אַ גרויסען גוטמוטיגען הונד). אורזאכען דערצו מוזען זיין געגוג.

און נאָך אַלץ צומישט איבער דעם, וואָס ער איז אריינגעפאַלען האט ער געזאָגט:

— אָבער דאָס שענסטע איז דאָך געווען ווען דו פלעגסט שפּיע־לען.

— יאָ — האט יאַן געזאָגט — דו האָסט מיר אייביג געקענט נאַכפאַלגען. דו האָסט אַ סך געפיהל פאַר מוזיק.

— דו האָסט עס מיך גוט געלערענט — האָט עריך געזאָגט און זיינע פינגער האָבען אָנגעהויבען צו שפּיעלען אויפ'ן טישטוך, ווי אויף אַ קלאַוויר.

— ווי אַזוי איז געגאַנגען האַנאַ'ס ליעד?

יאַן האט עס געזאָגט פאַר זיך און עריך האָט מיטגעזונגען און זיינע פינגער זענען נאָך אַלץ געלאָפען איבער דעם טישטוך. און ער האָט אָנגעהויבען צו זשומען אַן אַנדער מעלאָדיע, און יאַן האט מיטגעהאָלפען און אויך די פרוי יעספערסען האט לאַכענדיג מיטגעזונגען:

„דו לאַנד, מיין היים וואו איך בין געבוירען,
די היים פון מיין וויעג אין עלטערנס הויז.
וואו הארציג די שפּראַך האט אין אויער געקלונגען,
ווי זיסע טענער פון מיין מאַמע'ס שטים".

זיי האָבען געזונגען הויך, מיט פרעהליכע שטימען, ווען דער זייגערמאַכער האָט זיך באַוויזען אין דער טיר: — אויף אַן אמת, די ביידע גראַפען זינגען! — האָט ער אויסגערופען צו די אַנדערע אריין.

און פּלוצים האָבען אַלע געזונגען און זיך געדרענגט אין ביידע צימערען — הויך און וואָס אַמאָל אַלץ העכער. האַלשטיין איז שטיל געוואָרען און יאַן האַט זיך אויפגעהויבען:

„דו פרישער, דענישער ברעג,
וואו ווילדע שוואנען בויען זייערע נעסטען.
איהר גרינע אינזלען, איהר מיין הארצענס היים,
דיך ליעב איך—דו מיין טייער פאטערלאנד“.

דאס געזאנג איז אפגעשטארבען, אבער קיינער האט ניט גע־רעדט.

דער סוחר יאהאנסען איז געשטאנען אין דער טיר, און געדאכט האט זיך ווי ער וואלט גרעסער געווארען, ווייל ער איז געשטאנען אויף דער שוועל.

פלוצים אבער האט זיך יאאן א ווענד געטאן צו גערדא און געזאגט:

— איצטער אבער מוז איך דאך אריבערגעהן און שפיעלען.

— יא — האט געזאגט גערדא, וועלכע האט אין גאנצען גע־האט פארגעסען איבער וואס זי האט זיך אזוי לאנג געפרעהט. — עס איז צייט.

— יא — העכסטע צייט — האט א זאג געטאן גראף האלשטיין, און איז אויפגעשטאנען.

— צום ווידערזעהען! — האט אויסגערופען יאאן און האסטיג אנגענומען גערדא'ס הענד.

— אדיע! — האט געענטפערט גערדא און גאנץ שנעל האט זי צוגעגעבען:

— און א גרויסען דאנק!

— די ווערטער האט זי געזאגט מיט א גאנץ נידעריג קול, און יאאן האט זי אנגעקוקט, ווי ער וואלט זי ניט פארשטאנען.

און פלוצים האט ער א זאג געטאן, און אויך אזוי האסטיג:

— ניין, איצטער וויל א י ך דאנקען.

און ווי אין איילעניש האט ער אנגעהויבען צו זאגען אדיע און צו געבען די האנד אלעמען. און מען האט געקענט גלויבען, אז ער פיהלט זיך דערלייכטערט, וואס ער קען שוין אוועקגעהן. און דאך האט דאס ניט געקענט זיין דער פאל, ווייל ער האט אלעמען די

הענד געדריקט. פאר דעם סוחר יאהאנסען איז ער געבליבען שטעהן און איהם געקוקט אין פנים אריין, גלייך ווי ער וואלט דעריין געוואלט עפּיס לייענען:

— איצטער מוז איך אריבערגעהן שפּיעלען, — האט ער נאך אמאל א זאג געטאן.

— און א גרויסען דאנק! — האט ער צוגעגעבען.

און ווידער אמאל האט ער אלעמען געגעבען די האנד.

— אדיע, הער געשעפטס־פיהרער! — האט ער געזאגט, און ווידער: — אדיע! אדיע!... ביז ער איז צוזאמען מיט האל־שטיינ'ען ארויס דורך דער טיר.

אלע שטימען האבען געזשומעט הינטער זיי.

יאאן און עריך זענען ארונטערגעקומען אונטען אויפ'ן גאס, וואו עס האט געשווינדעלט מיט מענער און פרויען ביים ליכט פון די עלעקטרישע לאמפּען.

— האלא, האלא!

א יאגד־וואגען איז ביים אריינפאהר צום האטעל אזוי ענג פארביי געפאהרען, אז די רעדער האבען שיער ניט איבערגע־פאהרען גראף האלשטיינ'ס פיס. פון וואגען ארונטער האבען צו יי פרויען שטימען גערופען:

— זענט איהר עס, הער גראף? א גוטען אווענט!

— א גוטען אווענט, פריילין האלק — האט האלשטיין צו־ריק גערופען: — ווילט איהר מיך איבערפאהרען?

נאך א וואגען איז פארבייגעפאהרען און איז געבליבען שטעהן.

דרינען פון דעם האטעל ארויס האט מען געהערט אלעזענס הייזעריגע שטים. און א הער, וואס האט מיט יראת הכבוד ארונטער־גענומען דעם הוט, האט געזאגט:

— דא געהט עס צו לעבעדיג, הער גראף!

— א גוטען אווענט, הער לאנד־אינספּעקטאר! — יא, איהר זענט גערעכט, דאס קארוסעל איז אין גאנג.

עריך האט זיך אומגעדרעהט און געקוקט ארונטער צו דער גאס, וואו די מענשען זענען געגאנגען גרופּענווייז אונטער דעם עלעק־

טרישען ליכט. — דאס זענען געווען פויערים און פויערטעס אין שאלען און מיט גומענע שיך.

— יא, האט ער געזאגט — עס איז א זעלטזאם לאנד אין דעם, וואס מיר לעבען.

— א הערליך לאנד — האט געזאגט יאאן און אויפגעהויבען די הענד — אבער קום שנעל.

זיי זענען אריין אין דעם טויער, וואס איז געווען פארשטעלט פון א וואגען.

אניבען ביי די יאהאנסענס האט מען אנגעהויבען צו שפּיעלען. די טענער פון קלאוויר האבען זיך געטראגען דורך די געעפענטע פענסטער אויף דער גאס ארויס.

יאאן איז שטעהן געבליבען. די שאטענס האבען זיך באוועגט איבער די אראפגעלאזטע גארדינען.

— דאס איז דער פרוי ראאעבל׳ס שפּיעלען — האט געזאגט עריך — איך קען איהר „זומערנאכטס־חלום“.

— איצטער קענען מיר אריין — האט געזאגט יאאן און ער איז געלאפען פאר דעם נעקסטען וואגען אין טויער אריין.

— איך געה נעמען מיין פידעל, דו געה שוין אין זאל אריין.

ער האט גערעדט שנעל און מיט צוויי שפּרונג איז ער ארויף די טרעפּ.

אונטער איהם האט אלעסען געברומט מיט זיין באס:

— יענסען! — צום דאנער וועטער! — יענסען!

און דער הער יענסען איז איהם אקעגען געקומען פון אויבען.

— ענטשולדיגט! — גאט, ווי פול עס ווערט!

יאאן האט געעפענט די טיר צו זיין צימער.

דער הער גראף קומט שפּעט! — האט געזאגט דער בערלינער, וואס האט הינטער זיין רוקען באהאלטען א רויכערדיגען ציגארעט.

יאאן איז צוגעגאנגען צום פענסטער: דארטען ביי די יאַ־האנסענס האט מען נאך אלץ געשפּיעלט. די שאטענס האבען זיך באוועגט אויף די ווייסע גארדינען אהין און צוריק. יאאן האט

געעפּענט דאָס פענסטער. אָבער די טענער זענען דערטרונקען גע־וואָרען אין די טריט פון די אָנקומענדיגע.

עטליכע שטערען האָבען מאַט געגלאַנצט אין דעם גאַנץ בלויען הימעל. נאָר איין איינציגער האָט געפינקעלט העל.

און יאַאַן האָט ארויסגעשטעקט זיין קאָפּ, גלייך ווי ער וואָלט וועלען איינזויגען דעם הימעל מיט זיינע שטערען, און ווי ער וואָלט וועלען אריינקוקען גלייך אין גאָט'ס שוים אריין. אין דער זיעבּיגער צייט האָט ער מיט פרייד געטראַכט פון איין געדאַנק און נאָר פון דעם איינעם געדאַנק. דער איינציגער געדאַנק, וועל־כער האָט זייט שטונדען געקלונגען אין זיינע נערוועז, זיין הארץ און זיינע געהירן (און געמיינט האָט ער, אז דאָס האָט דער געדאַנק געגעבען פליגעל צו זיינע פיס):

„דאָרטען קען מען געווים אַלע מענשען גליקליך מאַכען".

„אַלע גליקליך מאַכען".

„גליק שאַפען אין אַ פאָטערלאַנד".

עס איז ניט געווען קיין וועג און קיין ציעל. עס זענען ניט געווען קיין געדאַנקען און ניט קיין פּלענער... נאָר ווי אַ מעלאָדיע האָט עס געקלונגען אין זיין הארצען: גליק שאַפען אין אַ פאָטער־לאַנד.

— דער הער גראַף וועט זיך צוקיהלען — האָט דער בערלינער געזאָגט הינטער איהם.

— יאָ — האָט געזאָגט יאַאַן, און ער האָט אַ נעם געטאַן דעם וויאָלין־קאַסטען און מיט איהם אַ פּאַך געטאַן.

— האָט איהר געזעהן עס זאָל זיין שאַמפּאַניער.

— יאָ, — האָט דער בערלינער געענטפערט און ער האָט צוגע־געבען:

— אַ גרויס וויין־געשעפט דאָ... האָבען אַלע מאַרקען. מאָדנע.

יאַאַן איז געגאַנגען איבערן הויף און דורך דעם זאַל און קיי־נעם ניט געזעהן.

עריך איז געזעסען הינטער די קוליסען מיט זיינע פיס אויס־געשטרעקט פאַראויס.

— דו ביזט שוין דא? — האט יאאן געפרעגט. וואו איז האאקע? און אין זעלביגען אויגענבליק האט ער זיין פראגע שוין פארגעסען.

— אט דארטען! — האט געזאגט עריך.

און יאאן האט געזעהן שטעהן האאקע'ן אויף דער אנדערער זייט ביהנע פאר א שטענדער מיט אויפגעמישטע נאטען, און גע־האלטען אין איין קרימען די צושפרייטע פינגער גלייך ווי ער וואלט וועלען מאגנעטיזירען דעם גייסט פון מענדעלזאהן.

— צום קוקוק! וואס טוט ער דארטען? — האט געפרעגט עריך און באטראכט דעם הער האנס האאקע, ווי ער וואלט געווען א טשערעפאכע אהן אן עק.

יאאן האט ניט געענטפערט. מיט דער פידעל אין האנד איז ער געשטאנען פאר דער „דעמערונג" און געשמייכעלט.

— שען, וואס דא שטעהען שטוהלען — האט עריך געזאגט און אויסגעליידיגט זיין גלאז.

האלשטיין האט באטראכט יאאנ'ען פון זיין שטוהל. ער איז געשטאנען שלאנק און הויך אויסגעגלייכט. דערנאך האט ער טרינ־קענדיג א פרעג געטאן:

— וואו קריגסטו דיינע אנצוגען?

— דער איז פון לאנדאן — האט געענטפערט יאאן, און מיט דער פידעל אין דער האנד איז ער ארומגעגאנגען פון איין שטיק מעביל צום אנדערן, פון איין שטוהל צום אנדערן.

— יא, די מעביל זענען שען — האט עריך געזאגט, און גלייך ווי זייערע געדאנקען וואלטען פעהיג געווען אויפ'ן האלבען וועג זיך צו באגעגנען, האט ער צוגעגעבען:

— זיי פארשטעהען איבערהויפט, ווי אזוי זיך צו באוועגען אין זייערע צימערן.

— ווער? — האט געפרעגט יאאן און גאנץ גוט געוואוסט וועמען עריך מיינט.

— אט די יאהאנסענס.

יאַאַן האָט ניט געענטפערט. ליארעם און קולות האָבען זיך געטראָגען פון זאַל ארויף.

— זי האָט אַ שענעם שטערען — האָט געזאָגט האַלשטיין, וואָס האָט ווייטער גערעדט אין קליינע פאַוזען, אין גאַנצען אַזוי ווי אין די אַלטע צייטען, ווען זיי פלעגען ליגען אויף זייערע בעטען אין שלאָף־זאַל.

— די אויגען פון איהר שוועסטער זענען אָבער געווען שענער — האָט ער געזאָגט.

יאַאַן האָט לייכט באַריהרט די סטרונעס פון זיין פידעל.

—און זי איז געווען זעהר אַ גרויסע עקשנ׳טע.

יאַאַנ׳ס בויגען האָט זיך געגליטשט איבער די סטרונעס, ווי ער וואָלט זוכען טענער, וואָס ווילען זיך צוזאַמענבינדען:

„איהר גרינע לאָקענס, היים פון מיין נשמה,

דיך ליעב איך—דענעמארק, מיין פאַטערלאַנד“.

— איך וואָלט ווילען וויסען, צי זיי זענען שוין געקומען — האָט יאַאַן פלוצים אַ זאָג געטאָן, און איז אויפגעשפרונגען פון זיין שטוהל.

— דער זאַל האַלט זיך אין אָנפילען — האָט געזאָגט עריך.

יאַאַן איז געשטאַנען ביים לאָך אין טיר, פון וואַנען מען האָט געקענט ארויסקוקען. זיין בליק האָט געשוועבט איבער די העל געקליידטע דאַמען פון די ערשטע רייהען.

— זיי זענען נאָך ניטאָ — האָט ער געזאָגט.

— ווער? — האָט עריך געפרעגט.

— די דאַמען — האָט יאַאַן געענטפערט און ווייטער ארויסגע־קוקט.

ווייטער הינטען זענען געווען רייהען, וואו מענער און דאַמען זענען געזעסען באַזונדער, און אַלע זענען זיי געווען שוואַרץ אָנ־געטאָן. גאַנץ הינטען אָבער זענען געזעסען לויטער יונגע מענשען, ענג צונויפגעדרענגט, מיידלעך און יונגע בחורים׳לאַך, מיט אויס־געשטרעקטע העלזער, אין הארכענדיגע פאַזען, גלייך ווי זיי וואָל־טען זיך שוין געאיבט אין צוהערען.

כמעט קיינער האט ניט גערעדט.

— ווי שטיל זיי זענען! — האט יאאן געזאגט.

— יא, ווען זיי וועלען אריינקומען, וועלען זיי ווערען פאר־זיכטיג — האט געזאגט עריך.

איצטער אבער זענען זיי אנגעקומען — אט איז געווען דער זייגערמאכער: וואס פאר א גוט פנים ער האט געהאט! און דער טאבאק־הענדלער. וואס האט געשטופט דעם בויך צווישען דעם גערדענג; און דער דאקטאר מיט א שטוהל, און זיין פרוי...

— אט האבען מיר זיי! — האט אויסגערופען עריך, וואס איז געשטאנען ביי א צווייטען קוק־לאך — פאר דער טיר.

— יא — האט געזאגט יאאן, וואס האט גאר נישט געהערט, וואס דער צווייטער האט געזאגט, נאר האט כסדר שפיאנירט אין זאלאריין.

די פרוי יעספערסען איז געשטאנען אליין אונטען ביי דער טיר פון זאל — און אין דער צווייטער רייה איז דאך שוין גע־זעסען דער הער יאהאנסען!

איין הער אין א זעהר אויסלענדישער וועסט און מיט א רויטען שניפס איז צוגעגאנגען ביז צו דער ביהנע:

— זאל מען ליכטיג מאכען? — האט ער געפרעגט אויף דייטש. דאס איז געווען דער עלעקטראטעכניקער פון איטצעהאע.

— אבער גערדא — האט די פרוי יעספערסען אונטען ביי דער טיר א פרעג געטאן: — זעה נאר ווי שפעט דו קומסט.

— יא.

— פארוואס האסטו דיך דען געמוזט איבערטאן? — האט גע־פרעגט די פרוי יעספערסען, וועמענס געדאנקען עס זענען ווייטער געלאפען: — קינד, עס איז צוגעגאנגען גרויסארטיג.

— דענקסטו אזוי? — האט גערדא געפרעגט און זי האט צוגעגעבען:

— ער איז אזוי האסטיג אוועקגעגאנגען... (און דערמיט האט זי אויסגעדריקט דאס, וועגען וועלכען זי האט אין דער לעצטער האלבער שעה געמוזט כסדר טראכטען).

— ליעבע גערדא — האט געענטפערט די פרוי יעספערסען.
וועלכע האט איצטער זיך געלאזט געהן דורך דעם מיטעלען גאנג:
— דאס איז אלע מאל אזוי, ווען דער קינסטלער איז זיי וואכט אויף.

און ווען זיי האבען זיך געזעצט (פריילייו גערדא ביי דער זייט פון איהר פאטער), האט די פרוי יעספערסען, וועלכע האט געווארפען א בליק איבערן זאל, שטיל א זאג געטאן:

— אלע זענען געקומען. אפילו פרוי ראאבעלס „יונגע היהנ־דעלע".

— זאלען די ליכט אנגעצונדען ווערען? — האט אויפס נייע געפרעגט דער הער מיט דער איבערטריבענעם וועסט.

— יא — האט געענטפערט יאאן און זיך ניט אומגעקוקט.

— ווי בלאס זי איז!

— זי איז רייצענד! — האט געזאגט עריך, און אין א טאן, ווי ער וואלט איבערוועגען א פארוואונדערטער אלע מערקווירדיג־קייטען פון דער פאמיליע יאהאנסען, האט ער צוגעגעבען:

— און זי פארשטעהט אויך, ווי אזוי זיך אנצוטאן.

דער סוחר יאהאנסען האט זיך אויפגעהויבען און איז צוגע־גאנגען צו דער ביהנען־טיר, און זי געעפענט.

— איך דענק, אז מען קען אנפאנגען — האט ער געזאגט מיט זיין לאנגזאמער שטים.

— א דאנק! — אבער איהר וועט דאך אריינקומען אין דער פאוזע — און יאאן האט געשמייכעלט: — צוזאמען מיט דעם פארשטאנד.

— יא — האט געענטפערט דער סוחר, ווען מיר וועלען נאר ניט שטערען — און ווען ער האט שוין געהאלטען ביים אוועקגעהן, האט ער צוגעגעבען: — האפענטליך וועלען זיי זיצען שטיל.

— דאס וועלען זיי טאן — האט געזאגט יאאן און געלאכט.

יאאן האט אויפגעהויבען זיינע ארעמס: — וואו איז האאקע?

— האט ער געפרעגט, ווי א גענעראל, וואס רופט צונויף זיין חיל.

— דא.

— אדיע! — האט ער א זאג געטאן ווען ער איז שוין געווען מיט'ן פוס אויף דער קליינער טרעפ, וואס האט געפיהרט צו דער ביהנע.

— מיט גליק! — האט אויסגערופען עריך און געמאכט אזא באוועגונג, ווי ער וואלט איהם נאכשפייען.

יאאן אבער האט איהם שטראהלענדיג געלאכט אין פנים אריין.

— קומט! — האט ער א זאג געטאן צו האאקע'ן.

דער גראף עריך איז געגאנגען צו זיין פלאץ. יאאן אבער האט נאך צוגערופען דעם בערלינער:

— אלעקס, ברענג מעהר שאמפאניער — דורך דער הינטער־טיר... און גלעזער.

דאן איז ער געשטאנען אויף דער ביהנע.

ער האט געוואלט זעהן און ניט געזעהן קיינעם. די ראמפע האט איהם אפגעשיידט פון די, וואס זענען געזעסען אין דער פינסטערניש.

דא האט איהם אבער גערופען די פיאנא.

— יא, אט דארט זיצט עריך... און דארט — — די אנ־דערע...

זי האט מיטביידע הענד ארומגענומען די קניה, און דעם קאפ האט זי געהאלטען ארונטערגעלאזען.

איצטער איז ער אריינגעפאלען מיט זיין שפיעלען.

ער האט ניט געוואוסט גאר נישט, און ניט געטראכט גאר נישט. ער האט נאר געהערט ווי די טענער זענען אנגעוואקסען ברייטער און ברייטער זענען זיי געוואקסען און געוואקסען, או זאנוואקסענ־דיג האבען זיי אויסגעשפרייט זייערע פליגעל:

„דעם ברענג — דעם ברעג, וואס ער האט קיינמאל ניט דער־גרייכט"...

גליקליך האט ער נאכגעפאלגט די טענער, וואס האבען ווי מיט פליגעל געקלאפט איבער זיין קאפ, און וואס זענען ווי א מחנה פייגעל פארבייגעפלויגען זיינע געעפענטע אויגען.

און פּלוצים איז איהם איינגעפאַלען איין איינציגער געדאַנק — און די פידעל האַט געזונגען העכער:

— קענסט דו מעהר, יענס לונד?

און אין זעלביגען אויגענבליק האַט ער געוואָלט זעהן... דאָר־טען אהין קוקען, און האַט עס ניט געקענט. און ער האַט נאָר ווייטער געשפּיעלט...

איינגעהילט אין גליט פון זיינע אייגענע טענער, איז ער אַזוי געשטאַנען אויף אַ לייכטענדיגען שייטערהויפען!

עס איז געוועזען פאַראיבער. זיין גאַנץ לעבען האָט ער אריינ־געלעגט אין דעם שפּיעלען. אונטען אין קאַליסענרוים האָט עס זיך אריינגעוואָרפען אין אַ שטוהל. עריך איז אריינגעקומען און איז געבליבען שטעהן פאַר איהם. ער איז געוועזען אין גאַנצען בלייך.

— ביזטו אַזוי גרויס געוואָרען? — האָט ער געפרעגט, און טרעהרען זענען געהאַנגען אויף זיינע אויגען ווינעס.

— היינט אָוונט האָב איך געשפּיעלט כדי צו זיעגען — האָט יאַאַן געזאָגט.

— שרייט מען הוראה? — האָט ער געפרעגט און פאַר מיעד־קייט האָט ער געשמייכעלט כמעט ווי אַ קליין קינד.

אין זאַל האָט מען געשריען, געטראַמפּעלט מיט די פיס און געפּאַטשט אין די הענד.

— קומט! קומט! — האָט געשריען האַאקע.

יאַאַן איז געשטאַנען אויף דער ביהנע און זיך פאַרנייגט.

און אַט איז זי געזעסען... נאָך אַלץ אַזוי ווי פריהער, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטען קאָפּ. גלייך ווי זי וואָלט זיך גאָר נישט גע־ריהרט. ניין, די הענטשקעס האָט זי אויסגעטאָן. די ענטבלויזטע הענד זענען געוועזען צונויפגעלעגט אין איהר שויס. זיי זענען גע־וועזען פונקט אַזוי בלאַס ווי איהר געזיכט — איהר קליין געזיכט.

יאַאַן איז ווידער געוועזען אין דרויסען.

— קומט! קומט! — האָט געשריען האַאקע.

— ניין, איך קען ניט מעהר — האָט געזאָגט יאַאַן, וואָס איז געשטאַנען נעבען עריך'ן.

און האלשטיין האט געזאגט:

— דו, עס איז געווען הערליך! — און נאך אין גאנצען מיט־געריסען האט ער פארווארפען דעם ארעם ארום יאאנ'ען און איהם געדריקט צו זיך, ווי ער וואלט געווען א פרוי.

— אלעקס, שאמפאניער! — האט יאאן אויסגערופען און גע־לאזט זיין האנד גלעטען איבער ערי'דס האר.

— מיר וועלען טרינקען לחיים מיט דעם פארשטאנד.

די טיר האט זיך געעפענט. אריינגעקומען איז אבער נאר דער הער יענסען, וואס האט געבראכט צו טראגען א גרויסע טאץ מיט בלומען. דערביי האט ער אויסגעבויגען זיין אויבערשטען טייל פון קערפער ווי א שלאנג.

— ניין, ווי וואונדערשען! — האט אויסגערופען יאאן און גע־נומען א שטרויס־ארכידעען פון דעם טאץ.

— יא, דער איז ווירקליך שען! — האט געזאגט עריק כמעט ערשטוינט.

יאאן האט געלייענט אויפ'ן צוגעטשעפעטען קארטעל:

— מיט דאנק, פון פארשטאנד.

ווי קליין די האנדשריפט איז געווען. אבער יעדער איינציגער בוכשטאב איז געווען שען.

— און די זענען פון דער פרוי ראאבעל — האט האלשטיין געזאגט און גענומען דריי ארכידעען, וואס זענען געווען צוזאמענ־געבונדען מיט באסט.

יאאן איז נאך געשטאנען מיט די ארכידעען אין האנד, ווען די טיר האט זיך ווידער געעפענט.

— זיי זענען אלזא געזאגט שטיל — האט ער געלאכט דעם סוחר יאהאנסען אקעגען. זיינע אויגען האבען אבער געטראפען פרייליין גערדא.

דער סוחר יאהאנסען איז אבער צוגעגאנגען צו יאאנ'ען, און דריקענדיג איהם די האנד, האט ער א זאג געטאן:

— עס איז געווען הערליך. א גרויסען דאנק!

אין זיין שטים איז עפּיס געלעגען אזוינס, וואס האט יאַאַנ'ס באַקען אויף איין רגע געמאַכט ציטערן.

— עס איז געווען וואונדערליך! — האט געזאָגט עריך, וואס איז נאָך אַלץ געווען אין אַ געהויבענער שטימונג.

דער סוחר און עריק האבען גערעדט צווישען זיך, און יאַאַן האט אַ זאַג געטאַן צו גערדאַ, אויף וועמען ער האט די גאַנצע צייט געקוקט:

— פריהרט אייך?

— ניין, ס'איז גאַר נישט. — און גערדאַ האט מיט דער האַנד אַ פיהר געטאַן איבער די אויגען, ווי זי וואָלט אַפּווישען טרעהרען, וואס זענען דאָרט גאָר נישט געווען און אויף איהר געזיכט האט זיך באַוויזען אַ שמייכעלע:

— איך בין געווען אַזוי פול מיט פרייד!

— און מיר האט זיך געדאַכט, אַז איהר פריהרט — האט יאַאַן געזאָגט, און אויך ער האט געשמייכעלט.

און פּלוצים זענען זיי געשטאַנען איינס נעבען ס'אַנדערע, און זיי האבען ניט געוואוסט, וואס זיי זאָלען זאָגען — גאָר נישט.

— און אַ דאַנק פאַר די בלומען — האט יאַאַן געזאָגט.

— זיי זענען פון פאַרשטאַנד — האט פרייליין גערדאַ גע־לאַכט.

— דאָס הייסט פון אייך — האט יאַאַן געלאַכט.

— יאָ, אָבער אויך פון פרוי יעספּערסען — האט זי געזאָגט.

— אויך? — האט יאַאַן געפרעגט.

און דאַן האבען זיי ווידער געשוויגען, פּונקט אַזוי ווי פריהער. מיט אַמאָל אָבער זענען זיי ווי צונויפגערעדט צוגעגאַנגען צו די קוק לעכער אין דער טיר.

— ווי זיי פּלוידערן! — האט אַ זאַג געטאַן יאַאַן.

אַלע האבען מיט אַנאַנדער גערעדט איבער די בענק מיט קלינ־גענדיגע שטימען, אין גרוים אויפרעגונג. פון די יונגע, הינטען אין זאַל, האבען פיעלע זיך אויפגעהויבען. צוויי פון די יונגע לייט זענען געשטאַנען און האבען מיט זייערע פויסטען געהאַמערט אויף

דעם רוקען פון א באנק, גלייך ווי זיי וואלטען געמוזט קלאַ־פען. אין מיטען זאל אבער, אין מיטעלסטען גאנג, איז געשטאנען א יונג בלאנד מיידעל און האט מיט איהר לינקע האנד בסדר געטאפט זיך דעם שטערן, ווי זי וואלט וועלען אוועקשארען א האר, וואס איז דארטען גאר נישט געווען.

— עס איז זעלטזאם — האט געזאגט יאאן — עס איז אזוי, ווי זיי וואלטען אלע זיין ערשטווינט.

— דאס זענען זיי טאקי — האט געענטפערט פריילין גערדא.

יאאן האט געלאכט איבער דעם זעלבסטפארשטענדליכען אין איהר טאן און געפרעגט:

— וואס איז אייך געפעלען אם שענסטען?

— אלץ! — האט זי געענטפערט.

געדאכט האט זיך, ווי יאאנ'ס האנד האט א ציטער געטאן אויף דער קליאמקע פון טיר. דערנאך האט פריילין גערדא א זאג געטאן (אין זאל זענען די שטימען געווארען אלץ העכער און העכער):

— מיר דאכט, ווי מיר וואלטען געווען ווייט, ווייט אוועק...

— דאס זענען מיר טאקי — האט יאאן געזאגט שטיל.

פריילין גערדא אבער האט איהם א פנים ניט פארשטאנען. ווארים זי האט נאר אביסעל האסטיג אנגעוויזען אויפ'ן זאל און גע־זאגט:

— אט זיצען די שלעזוויגער.

זיי זענען געזעסען אין מיטען זאל, אומבאוועגליך, מיט שטיי־פע רוקענס, גלייך ווי זיי וואלטען זיך שיצען געגען דעם, וואס איז געווען ארום זיי.

— יא — האט געזאגט יאאן — אט זיצען זיי.

און גלייך דארויף:

— זיי האבען פנימ'ער ווי שיפער.

— פנימ'ער ווי שיפער?

— דאס איז מיר איינגעפאלען ביים טיש. איך האב אמאל עטליכע שיפער געזעהן אויפ'ן אדריאטישען ים און יענע האבען

געהאַט אַזאַ בליק אין די אויגען און אַזעלכענע מאַגערע געזיכטער...
ער האָט געשוויגען אַ ווײַלע. דערנאָך האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט אויגען, ווי ער וואָלט געזעהן דעם הערליכען ים:
— איהר ווייסט ניט ווי שען עס איז אויף דעם אדריאַטישען ים.
— ווירקליך?
זייערע שטימען האָבען געהאַט דעם זעלביגען קלאַנג. און ער האָט ווייטער געזאָגט.
— עס איז פאַראַן אַזוי פיעל שענע זאַכען אויף דער וועלט, וואָס איהר מוזט זעהן.
נערדאַ האָט געשוויגען. דערנאָך האָט זי אַ זאָג געטאָן מיט אַ שמייכעלע, וואָס האָט אויסגעזעהן ווי געצוואונגען:
— אָבער איך האָב אַזוי פיעל בילדער פון ווענעדיג.
— ווי שטאַרק איהר מוזט ליעב האָבען בילדער! — האָט יאָאַן געזאָגט.
— אָ, יאָ. וואָרים ניט אמת? בילדער זענען אַזוי שטיל.
— האָט זי געזאָגט.
— דאָס איז אמת.
פריילײן נערדאַ האָט אָבער ווידער אַרײנגעקוקט אין זאַל. און אין דעם ווי זי האָט ווידער גערעדט פון די שלעזוויגער, האָט זי אַ זאָג געטאָן — כמעט ווי זי וואָלט וועלען ענטשולדיגען די מענשען, וואָס זענען געזעסען אין מיטען דער פרייד אומבאַריהרט:
— זיי האַלטען אָם מייסטען פון דענישע מוזיק.
— אַך, יאָ. איך וואָלט ליעבער געדאַרפט שפּיעלען עפּיס דענישעס.
עריך האָט אויסגערופען הינטער זיי:
— יאָאַן!
— יאָ — האָט זיך אָפּגערופען יאָאַן, וואָס האָט זיך מיט איין רוק אומגעדרעהט.
— נו, ווען פאַנגט מען ווידער אָן? — האָט עריך געפרעגט מיט אַ גלאָז אין האַנד.

— איצטער! — האט געענטפערט יאאן און געלאכט.
— האאקע! — האט ער א רוף געטאן צו דער ביהנע ארויף — הויבט אן.
— אבער מוזען מיר ניט בעסער געהן? — האט גערדא גע־פרעגט.
— ניין, פארקעהרט. — האט יאאן געענטפערט און געבראכט פלאשען און גלעזער — צו דעם איז האאקע געוועהנט...
ער האט זיך געפארעט מיט די פלאשען און גלעזער און מיט אמאל האט ער פרוי ראאבעל׳ס היאצינטען א טונק געטאן אין דעם שאמפאניער קיהלער.
— דאס וועט זיי גוט טאן! — האט א זאג געטאן דער סוחר יאהאנסען, וואס האט זיך פלוצים צולאכט מיט אן אייגענטימליך שטיל געלעכטער גלייך ווי ער וואלט אין זיך געלאכט צוויי מאל אזוי פיעל.
— האאקע, נו געשפיעלט! — האט אויסגערופען יאאן. — אבער וואו איז די פרוי יעספערסען?
אלע האבען געלאכט און עריך האט דורך דעם קוק־לאך שטיל גערופען:
— פרוי יעספערסען! פרוי יעספערסען! — און דער הער האאקע האט אנגעהויבען.
— פרוי יעספערסען!
— סט! — האט א זאג געטאן גערדא.
די טיר האט זיך געעפענט, און די פרוי יעספערסען האט זיי אקעגען געפליסטערט, אזוי דייטליך ווי מען פליסטערט אין טע־אטער:
— וואס דארף איך טאן?
— די טיר צומאכען, — האט עריך געפליסטערט, פונקט אזוי ווי זי.
— און א גלאז טרינקען מיט אונז — האט יאאן געזאגט.
די פרוי יעספערסען איז אויף די שפיץ־פינגער צוגעקומען נעהענטער.

— סט ! — האט אויסגערופען עריך, און זיי האבען ווידער גע־לאכט, ווי זיי וואלטען לאכען אין זייערע טאשענטיכער אריין.

די פרוי יעספערסען האט זיך געזעצט.

— צום געזונט ! — האט אויסגערופען יאאן און אנגעקלאפט זיין גלאז אן דאס איהריגע.

דער הער האאקע האט געהאמערט איבער די קלאווישען.

— דאס מוז אודאי זיין א פאלאניעז — האט געזאגט די פרוי יעספערסען.

— יא — האט געענטפערט יאאן.

זיי האבען געפליסטערט ווי קינדער אין דער קלאס. ווען האאקע האט געשפיעלט אם העכסטען, האט גראף האלשטיין מיט־געפייפט.

— סט ! ער קען עס הערען — האט א זאג געטאן גערדא.

— ער הערט נאר זיך אליין — האט האלשטיין געענטפערט שעפטשענדיג.

— מיט דעם האסטו רעכט — האט יאאן א שאקעל געטאן מיט'ן קאפ ווי א אינגעל. און פלוצים האט ער דער פרוי ראאבעלס היאצינטען דערלאנגט אזא זעץ, אז זיי האבען זיך ארונטערגע־לאזען אין קיהלער.

— יא, זיי זענען פראכטפול — האט דער סוחר געלאכט אזוי ווי פריהער. ער האט זיך נאך אלץ אמוזירט איבער דער פרוי ראאבעלס צופליקטע בלומען.

— אזוי ! — האט אויסגערופען עריך.

די פאלאנעיז איז געווען צו ענדע.

— איצט וועט קומען א וואלצער — האט יאאן געזאגט און נאך אלץ געפליסטערט. הגם קיינער האט ניט געשפיעלט.

— יא — האט געזאגט גערדא.

— ווארים ער בייט קיינמאל ניט זיין פראגראם — האט די פרוי יעספערסען געזאגט און זיך אויסגעבויגען.

— ניין — האט געזאגט יאאן און געלאכט.

דער וואַלצער האָט זיך אנגעהויבען און זיי האָבען א ווײַלע געהאַרכט.

— קוקט איהם אָן! קוקט איהם אָן! — האָט א זאָג געטאָן עריך, וואָס האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין שטוהל און אריבער־געקוקט צו דעם הער האאקע, וועמענס פינגער עם האָבען זיך גע־רוקט איבער די קלאַווישען.

אַלע האָבען זיך האַלב אויפגעהויבען פון זייערע פּלעצער און זיך צוגעקוקט צו דעם פינגער קינסטלער.

— קינדער, איך מוז זעהן, וואָס פאַר א פּנים די פרוי ראאבעל מאַכט — האָט געזאָגט דער גראַף האַלשטיין און איז אויף די שפּיץ־פינגער צוגעגאַנגען צום לאַך.

— פרוי יעספּערסען! — האָט ער פּליסטערנדיג גערופען — פרוי יעספּערסען! און ער האָט פון פאַרגעניגען א ציה געטאָן די אַקסעל אין דער הויך, אין דער צייט, וואָס ער האָט דורך דעם לאַך באַטראַכט די פרוי ראאבעל.

די פרוי יעספּערסען איז צוגעקומען. זיי האָבען ביידע גע־לאַכט שטיל, אַזוי אז מען האָט עס געקענט דערקענען אָן זייערע פּלייצעס.

דער סוחר יאָהאַנסען איז צוגעגאַנגען צום ראַנד פון דער ביהנע און באַטראַכט די שפּרינגענדיגע פינגער.

דאַ האָט יאָאַן אויפגעהויבען זיין גלאָז און א זאָג געטאָן צו פרייליין גערדאַ:

— איצטער דאַנק איך... דעם פאַרשטאַנד!

און פּלוצים בלאַס אין געזיכט ווי זי, האָט ער צוגעגעבען:— פאַר אַלץ!

דער וואַלצער איז געווען געענדיגט.

— אַלמעכטיגער, ווי שוידערהאַפט ער שפּיעלט! — האָט גע־זאָגט האַלשטיין.

אין זאַל אָבער האָט מען אַפּלאָדירט.

דאַ אינוועניג האָבען זיך אַלע ווידערגעזעצט.

— דאָס לעצטע שטיק אָבער קען ער — האָט יאָאַן געזאָגט.

— איז עס פון שאַפּען? — האָט עריך געפרעגט.

— יאָ, אַ מאַזורקע. — זיי האָבען ווידער געפּליסטערט.

האַנס האַאַקע האָט זיך פארניינגט, אַפּגעווישט דעם שוויים און ווידער אָנגעהויבען.

— דאָס איז דאָך מיין שטיק פון די אַלטע צייטען — האָט אַ זאָג געטאָן עריך און זיך אויפגעשטעלט.

— יאָ — האָט יאַאַן געזאָגט.

— אָבער צום קוקוק... וואָס איז דאָס?

עריך האָט זיך אריבערגעבויגען און געפּליסטערט גאַנץ שטיל, און אין זיינע אויגען האָט זיך באַוויזען אַן אויסדרוק, ווי ביי אַ יעגער, וואָס דערשפּירט אַ חיה:

— וואָס איז דאָס?

האַנס האַאַקע האָט געשפּיעלט דעמערונגס ארטיג, אין דער צייט וואָס ער האָט אָנגעריהרט אַ גאַנץ קליינע טעמאַ, אַזוי איי־גענאַרטיג און אַזוי געשפּענסטערהאַפט, גלייך ווי טויטע וואָלטען זיך אריינגעשאַרט און געטאַנצט אין זיין מאַזורקע.

אַלע האָבען זיך צוגעהערט.

— יאָ, איז דאָס ניט זאָנדערבאַר? — האָט יאַאַן געפּליסטערט און אויך ער האָט ניט געוואָלט פארלירען קיין טאָן.

— ווער האָט איהם דאָס אויסגעלערנט — האָט עריך אריבער־געשעפּטשעט צו יאַאַנ'ען, און מיט שפּאַנונג זיך צוגעהערט.

— ער אליין — האָט געענטפערט יאַאַן.

די קליינע טעמאַ איז נאָך אַמאָל געקומען און העכער. פּיי־ליין גערדאַ האָט אויפגעלעגט איהר האַנד אויף פרוי יעספּערסען'ס שולטער.

— יאָ, עס איז זעלטזאַם — האָט יאַאַן געזאָגט — אַט דער איינפאַכער מענש...

— וואָס איז אַזוינס מיט איהם? — האָט געפרעגט האַלשטיין, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען צו פאַראינטערעסירען מיט האַאַקע.

— ער שטאַמט פון בריקס, און ער האָט ליעב אַ מיידעל אין

בריקס, טראַכט נאָך פון איהר, און שוין זיבעצן יאָהר ווי ער שפּיעלט כּדי צוזאַמענצוקלייבען אויף חתונה קליידער.

— קענען קינסטלער אַזוי טריי זיין? — האָט די פרוי יעס־פּערסען שטיל אַ פרעג געטאָן יאָאַנ'ען, און ער האָט געענטפערט:

— די, וואָס שלעפען זיך אַרום צום מייסטען זענען אפשר די טרייעסטע.

די טעמאַ האָט זיך ווידערהאָלט צום לעצטען מאָל. פרייליין גערדאַ האָט ווייט צועפענט די אויגען.

און דאַן איז די מאַזורקע געווען געענדיגט

דער פאָרהאַנג האָט זיך אויפגעהויבען און אַרונטערגעלאָזען. אַלע זענען אַרויף צו דעם הער האַקע אויף דער ביהנע.

— ווי אַזוי טוט איהר דאָס? — האָט אויסגערופען האַלשטיין און זיך געזעצט ביי דער פּיאַנאָ — עס איז גאַנץ פּראַכטפול... אָבער ווי אַזוי ברענגט איהר עס אַרוים? — און עריך האָט אָנגעהויבען צו שפּיעלען, ווען האַקע איז געשטאַנען דערביי.

— אַזוי, ניט?

אונטען האָט מען געפּלוידערט. די פרוי יעספּערסען איז געשטאַנען ביים קוק־לאָך פון פאָרהאַנג.

פרייליין גערדאַ איז געגאַנגען לאַנגזאַם איבער דער ביהנע און געקוקט אַלץ אין איינעם אויף דער פּיאַנאָ.

— וועגען וואָס טראַכט איהר? — האָט געפרעגט יאָאַן און זיך אַריבערגעבויגען איבער איהר שולטער.

פרייליין גערדאַ האָט אַ פיהר געטאָן מיט די הענד איבער איה־רע אויגען און געענטפערט מיט אַ קול, וואָס האָט געקלונגען ווי ביי אַ קינד.

— איך ווייס ניט. מיר איז, ווי איך וואָלט חלום'ן.

— וואָס דען?

— דאָס אַלץ. — און פּלוצים האָט זי צו איהם אַרויף געשמייכעלט.

די פרוי יעספּערסען האָט זיך אומגעדרעהט:

— גערדאַ — האָט זי אויסגערופען — וואָס זאָלען מיר טאָן מיט די שלעזוויגער?

— פרוי יעספּערסען! — האָט אויסגערופען יאַאַן (און אַלע האָבען געלאַכט, ווייל ער האָט דעם נאָמען ניט געקענט ריכטיג אַרויסרעדען) איצטער וועלען מיר פאַר די שלעזוויגער עפּיס פאָר־שפּיעלען. עריך, מיר ביידע וועלען פּאַרטזעצען דעם קאָנצערט.

— פּאַרטזעצען! ווער? — האָט געפרעגט עריך, וואָס האָט נאָך אַלץ געשפּיעלט.

— דו און איך — האָט געענטפערט יאַאַן.

— מיט וואָס? — האָט האַלשטיין געפרעגט.

— אַ, יאַ — האָט אַ זאָג געטאָן גערדאַ, וואָס האָט באַגריפען, וואָס ער מיינט.

— מיר וועלען שפּיעלען. — דו און איך.

— דו ביזט פּאַרריקט — האָט האַלשטיין געזאָגט און אָפּגע־לאָזט די קלאַווישען.

— דאָך, דאָך — האָט יאַאַן געזאָגט — נאָר די אַלטע ליעדער ווי ביי מאַסיע דופּיער.

— דאָס וואָלט געווען עפּיס פאַר אַלעמען. — האָט זיך אָפּגע־רופען דער הער יאָהאַנסען.

— אָבער איך קען דאָך גאָר נישט — האָט געזאָגט עריך, וואָס האָט געקראָגען אין גאַנצען פּייכטע הענד.

— נאַטירליך קענט איהר — האָט געזאָגט די פרוי יעספּערסען.

יאַאַן האָט אָנגעהויבען אויסצורעכענען וואָס זיי וועלען שפּיע־לען: צוערשט וועלען זיי שפּיעלען דאָס און דערנאָך דאָס...

יאַאַן האָט גענומען עטליכע אַקאָרדען און עריך האָט זיך געזעצט.

— וואָס זאָגט דער פאַרשטאַנד צו דעם? — האָט עריך גע־פרעגט מיט אַ קלעגליכער שטים.

גערדאַ איז געשטאַנען ביים קלאַוויר און געלאַכט.

— דער פאַרשטאַנד דאַנקט דעם גראַף פאַר זיין גרייטוויליגקייט.

— אַה, גאָט שטעהע מיר ביי, אָבער אויב אַזוי, מוזען מיר עס נעמען ערענסט — האָט ער געזאָגט, און געשוויצט אין זיין גאַנצען

קערפער און עס דאך אזוי גערן געוואלט. און יאַן און ער האבען אָפּגערעדט, ווי אזוי עס זאל געשפּיעלט ווערען נאָך דער רייה און וואס פאר א טאָן זיי זאלען נעמען.

די אנדערע האבען געפּלוידערט.

— זייט רוהיג! — האָט עריך געזאגט.

— יאָ, יאָ — האָט געענטפערט פרוי יעספּערסען.

מען האָט גענומען די אקאָרדען.

— אבער עמיצער מוז דאך דאס זאגען — האָט עריך אויסגע־רופען אין מיטען דריי.

— זאגען? — האָט געפרעגט די פרוי יעספּערסען.

— יאָ, דעם פּובליקום — האָט עריך געברומט — עס מוז דאך געזאגט ווערען.

— דאס איז אמת — האָט געזאגט דער סוחר.

— ראַאבעל מוז עס זאגען — האָט פארגעשלאגען די פרוי יעספּערסען.

— יאָ, דער דאָקטאָר איז דער ריכטיגער מאַן דערפאר — האָט געזאגט דער סוחר.

און ער איז צוגעגאנגען צו דער טיר און געשריען אין זאאל אריין: — ראַאבעל! ראַאבעל! — גלייך ווי ער וואלט גערופען א משרת אין געשעפט.

דאָקטאָר ראַאבעל איז געקומען אריינגעטענצעלט

— דאס איז וועלט־קונסט! — האָט ער געזאגט — דאס איז וועלט־קונסט. פאר איהר מוז מען זיך בויגען.

— זיי דאָרט ווילען רעדען מיט אייך — האָט געזאגט יאַ־האַנסען און אנגעוויזען אויף דער ביהנע.

דאָקטאָר ראַאבעל איז ארויף אויף דער ביהנע.

— יאָ, עס איז אפשר נאַריש עס צו זאגען, עס איז אפשר נאַ־ריש — האָט ער געזאגט צו יאַאַן'ען — אבער דאָס איז וועלט־קונסט, פאר וועלכער מען מוז זיך בויגען. מיין פרוי ברענט פון פאַרלאנגען, אייך צו דאנקען.

יאַאַן האָט געזאגט:

— דער גראַף האַלשטיין און איך ווילען שפּיעלען עטליכע פאָלקס־ליעדער און מיר וואָלטען אייך וועלען בעטען, אז איהר זאָלט וועגען דעם באַקאַנט מאַכען דאָס פּובליקום.

— גראַף האַלשטיין?

— יאָ — האָט געענטפערט עריך אין זעלביגען גליקליכען טאָן, ווי פריהער.

— דאָס איז דאָך קאַלאָסאַל! — דער דאָקטאָר ראַאַבעל איז געווען פאָלקאָם צומישט און געדריקט די געמאָלטע קנעפּ אין זיין פאַדערהעמד. — איך בין אין גאַנצען איינפערשטאַנען מיט אייך...

—אָבער וואָס — — הער גראַף, וואָס זאָל איך דען זאָגען?

— האָט געפרעגט דער דאָקטאָר און ביי די לעצטע דריי ווערטער איז ער צוריקגעקומען צו זיך.

— דעם סקאַנדאַל פאַרבערייטען — האָט געענטפערט עריך וואָס האָט אַלץ נאָך גענומען אַקאָרדען, אין דער צייט, וואָס יאַאַן האָט שטיל געשפּיעלט.

דער דאָקטאָר האָט געלאַכט ווי פון אַן אַנגענעמען וויץ, און געזאָגט, שוין אין זיין ראָלע:

— וועלען דאָס זיין דענישע פאָלקס־ליעדער?

— אַלערליי — האָט געענטפערט יאַאַן, — אָבער פאַרענדיגען וועלען מיר מיט דענישע.

— אַלזאָ, פאָלקס־ליעדער... מיט באַגלייטונג — דער דאָקטאָר האָט גערעדט ווי ער וואָלט זיך איינ'חזר'ן אַ רעדע.

— שען, איך בין גרייט — האָט ער דערנאָך אַ זאָג געטאָן מיט אַ מאַך פון דער האַנד ווי דער פיהרער פון אַ דילעטאַנטען ביהנע.

— מאַכט פריי די ביהנע! — האָט ער אויסגערופען.

— מאַכט פריי די ביהנע! — האָט אויך אויסגערופען די פרוי יעספּערסען און איז געלאָפען צום הינטערגרונד, וואו גערדאַ איז געגאַנגען. — דו זינגסט, גערדאַ? — האָט זי געפרעגט אין גאַנצען ערשטוינט.

— אָה, ניין — האָט געענטפערט גערדאַ און אַ שאָקעל געטאָן

מיט'ן קאפ. צו יאאנ'ען אבער האט זי שטראהלענדיג א זאג געטאן, גראד דעמאלט ווען דער פארהאנג האט זיך אויפגעהויבען:

— נו, האבען מיר דעם גאנצען פראגראם געענדערט.

— יא — האט געזאגט יאאן און באטראכט איהר שטראהלענדיג געזיכט. — דעם גאנצען פראגראם — און ער האט ווידערהאלט די ווערטער, גלייך ווי ער וואלט דערמיט געזאגט אין גאנצען עפּיס אנדערש.

— וואס זאגט ער, צום טייוועל? — האט געפרעגט עריך, וועלכער האט זיך ארומגעדרעהט הינטער די קוליסען הין און צוריק און האט פאר שרעק כמעט אויף די פיס זיך ניט געקענט האלטען.

דער דאקטאר ראאבעל האט געהאלטען א רעדע, אין וועלכער ער האט איינגעפלאכטען דעם דאנק פון שטעטיל און פון מוזיק פאראיין. ווען ער האט אבער אנגערופען דעם נאמען גראף עריך האלשטיין, האט זיך בריימ און הויך צוקלונגען:

— פאמאז! — דאס האט דער זייגערמאכער אויסגערופען. די פרוי ראאבעל אבער האט זיך א הויב געטאן פון שטוהל.

יאהאנסען איז געשטאנען אין די קוליסען און מיט דער רעכטער האנד אין קעשענע, האט ער באטראכט דעם דאקטאר ראאבעל ביז דער פארהאנג איז געפאלען.

— אזוי. הער גראף! איצטער זענט איהר אויפ'ן וועג — האט אויסגערופען די פרוי יעספערסען.

פון רעם זאל האט זיך דערטראגען א זשומען ווי פון פופציג ביהנשטאקען.

— קום, עריך, — האט יאאן געזאגט — טרינק נאך א גלאז.

— ניין, א דאנק. איך וועל בעסער מיינע פעהיגקייטען ניט אפּשוואכען? — האט געענטפערט עריך, און ניט געוואוסט מעהר, צי שטעהט ער אויף זיינע אייגנעע פיס.

— אדיע! — האט יאאן א זאג געטאן צו פריילין גערדא און א קלאפּ געטאן איהר אין האנד.

— אדיע!

— איצט, עריך, — האָט יאַאַן געזאָגט — מיר וועלען אַלזאָ אָנהויבען מיט האַנאַ'ס לידער.

— איך וויל שוין זיצען דאָרטען, ווען דער פאָרהאַנג וועט אויפגעהן, — האָט עריך פּלוצים אַ זאָג געטאָן און זיך אַ לאָז געטאָן צום קלאַוויר.

ווען דער פאָרהאַנג האָט זיך אויפגעהויבען, וואָלט מען געקענט הערען ווען אַ פעדער זאָל פאַלען דורך דער לופט.

יאַאַן האָט גלייך אָנגעהויבען. פאַמעליך האָט זיך האַנאַ'ס מעלאָדיע, צוזאַמען מיט די טענער פון דער פידעל, אַרויסגעגליטשט אין זאַל אַריין, און עריך'ן האָט זיך געדאַכט, אַז זיינע פינגער ווערען אויף די קלאַווישען בויגיגער. דערנאָך זענען געקומען יאָזעף'ס לידער, יאָזעף פון שטאָל, און דעם הער קריסטאָפּולאָס' זעלטזאַמע מעלאָדיען, ווי זיי פלעגען אויפשטייגען פון דער האַלב טונקעלקייט פון בין השמשות, און דאָס ווינצערליעד, דאָס ווינצער ליעד פון בארג רוקען, וואו זיין מוטער פלעגט זיצען אונטער דעם וויינשטאָק און קוקען פאַרגאַפט אויף'ן וואַסער:

הארציגע ווערטער
וואָס באַוועגען מיר דאָס האַרץ.
הארציגע ווערטער,
וואָס דערוועקען אין מיר שמאַרץ.

די פידעל האָט געזונגען מיט דער צאַרטער שטים פון זיין מוטער:

הארציגע ווערטער
וואָס זיי מאַכען מיך צום וויינען,
הארציגע ווערטער.

האַנס האַאַקע האָט זיך אַ הויב געטאָן פון זיין לעהנשטוהל.

די פידעל האָט אָבער איצטער געקלונגען העכער. וואָרים איצטער האָט ער געשפּיעלט דעם מאַרש פון אַרסאַוואַ... העפטיג ווי אויף להכעיס, ווי האַרטע העק, וואָס קלאַפּען אָפּ אויף שטיינער, אַזוי

האבען די טענער זיך אומבארעמהארציג זיך ארויסגעריסען, ביז „עס איז פארען א הערליך לאנד“, האט זיך דורכגעשלאגען שטיל און זאנפט — ווי דער פריעדען, וואס הערשט אויף א בית עלמין.

עריך האט לאנגזאם נאכגעפאלגט די פידעל. זיינע אויגען זענען געווארען טונקעל־בלוי, ווי דעמאלט ביי הער דופיער. ער האט אומגעדרעהט זיין קאפ, אין דער צייט וואס זיינע הענד האבען נאכגעפאלגט דער מעלאדיע. ער און יאאן האבען געשמייכעלט איינער צום אנדערן. אין זעלביגען אויגענבליק אבער האט יאאן געגעבען עריך'ן א וואונק, אז ער זאל אויפהערען. און ער האט אריינגעפלאכטען גאדארדס ווערסום. די פידעל האט געזונגען אליין.

אין זאל איז געווען שטיל.

געדאכט האט זיך, ווי א שטיל און מורא'דיג גליק וואלט זיך פארזיכטיג געוויעגט פאראויס, צועפענט די אויגען, זיך אומגעקוקט און געפרעגט צי עס איז וואך אדער חלום'ט עס. און עס האט זיך אליין געפונען און געוואוסט, אז דאס גליק לעבט, און עס האט צוריק צוגעמאכט די אויגען — פאר גליק.

יאאן האט געהאט אויפגעהויבען זיין קאפ. איצטער האט ער איהם צוריק ארונטערגעלאזען.

— דארט איז זי געזעסען.

זיי האבען ניט געוואוסט, אז דאס זעלביגע שמייכעלע איז אויך געלעגען אויף זייערע פנימ'ר.

דא האט עריך ווידער אנגעהויבען מיטצושפיעלען, און אונטער דעם בויגען האט זיך צוקלונגען דאס ליעד פון „ריטער אאגע“.

„ער האט גע'שדכנ'ט זיך צו עלזע,
די שענסטע פרוי פון אלע צייטען“.

ווי א יובעל געשריי האט זיך עס ארויסגעריסען פון די סטרונעס. דאס איז צוריקגעקומען נאכאמאל און נאכאמאל, גלייך ווי עס וואלט ארויסגעשטיגען פון אינוועניג פון אינסטרומענט. נאכאמאל און נאכאמאל האט עס געקלונגען, ווי עס וואלט וועלען פלאצען דעם בויגען.

„ער האָט גע׳שרכנ׳ט זיך צו עלזע", און ער האָט אפּגעהאַקט. און טיעף ערענסט ווי א פּסאַלם, אָבער ווי א פּסאַלם פון דאַנק האָט געקלונגען דורך דעם רוים:

„דו לאַנד, מיין היים וואו איך בין געבוירען,
די היים פון מיין וויעג אין עלטערנס הויז.
וואו הארציג די שפּראַך האָט אין אויער געקלונגען,
ווי זיסע טענער פון מיין מאַמעס שטים.
דו פרישער דענישער ברעג,
וואו ווילדע שוואַנען בויען זייערע נעסטען
איהר גרינע אינזלען, איהר מיין הארצענס היים,
דיך ליעב איך—דו, מיין טייער פאָטערלאַנד".

יאַאן האָט אויפגעהויבען זיין קאָפּ און די אויגען פון די אויזאזי׳ס זענען געווען אין גאַנצען צועפענט.

„ד אַ ר ט מוזען אלע קענען גליקליך ווערען. — אַלע. — גליק שאַפען און א פאָטערלאַנד!"

„איהר גרינע אינזלען, פון מיין הארצענס היים,
דיך ליעב איך—דו, מיין טייער פאָטערלאַנד".

...עריך איז אויפגעשטאַנען און אַנגענומען יאַאַנ׳ס האַנד... דאָס איז ניט געווען קיין בייפאַל. דאָס איז געווען א טומעל פון אויסרופען און געשרייען.

— היינט האָסטו דעניש געשפּיעלט — האָט עריך געזאָגט און געדריקט יאַאַנ׳ס האַנד.

— ווירקליך?

און דער פאַרהאַנג איז געגאַנגען ארויף און אראָפּ.

„דאָרט הינטער איהר איז דאָך געשטאַנען דער געשעפטס-פיהרער..."

און דער פאַרהאַנג האָט זיך ווידער אויפגעהויבען.

— ווער איז ער אייגענטליך? — האָט יאַאַן געפרעגט, נאָכדעם ווי ער האָט זיך פארנייגט.

— ווער ?

— דער געשעפטס־פיהרער...

— דער... א געשעפטס־פיהרער !

און דער פארהאנג איז געפאלען און זיך ווידער געמוזט אויפ־הויבען. געדאכט האט זיך, אז מען האט געשריגען נאר כדי צו שרייען. און מען האט געפאטשט אין די אויפגעהויבענע הענד. פלוצים אבער איז אין מיטען זאל דער זייגערמאכער ארויף אויף א באנק (צוויי אנדערע האבען איהם געמוזט צוהאלטען) און דורך דעם געשריי און דעם געטראמפעל האט ער אויסגערופען:

— דער פארשטאנד זאל לעבען !

— גאט, ניין ! — האט זיך ארויסגעריסען ביי גערדא גאנץ הויך אויפ'ן קול און זי האט זיך באהאלטען הינטער איהר פאטער.

עריך אבער האט געלאכט:

— יא, דער פארשטאנד זאל לעבען ! — האט ער געשריען און געפאכט מיט זיין ארעם, און יאאן האט אויך ארויסגעשריען אין זאל אריין: — דער פארשטאנד זאל לעבען, האך ! — און אלע זענען אויפגעשטאנען און געפאכט מיט זייערע היט:

— הוראה ! הוראה !

דער זייגערמאכער אבער, וואס איז נאך אלץ געשטאנען אויף דער באנק, אזוי רויט און אזוי ברייט ווי א האהן, האט געשריען:

— דער פארשטאנד ארויס ! — און עס האבען געענטפערט הוראה געשרייען און אלץ האט געלאכט.

גערדא אבער איז ארויסגעלאפען דורך דער ביהנע טיר.

— איצטער קען שוין זיין גענוג ! — האט עריך געזאגט. און דער פארהאנג איז געפאלען

יאאן איז ארונטערגעשפרונגען די קליינע טרעפ און איז גע־בליבען שטעהן פאר גערדא.

— האבען זיי אויפגעוואכט ? — האט ער געפרעגט.

— ווער ?

— די שלעזוויגער.

— די שלעזוויגער.

— יאַ, האָט איהר זיי ניט געזעהן? — האָט זי געפרעגט, און איבער אַלץ, וואָס זי און ער האָבען געזאָגט, איז געלעגען ווי אַ שמייכעלע.

— ניין, — האָט געענטפערט יאָאַן — איך האָב אַן זיי געהאַט אין גאַנצען פאַרגעסען.

און אויפס ניי צומישט, אָדער צופיעל גליקליך, אַז זיי זאָלען קענען רעדען, האָבען זיי ווידער געשוויגען. און אין דרויסען איז דער ליאַרעם אָפּגעשטאָרבען. און גערדאַ האָט פּלוצים אַ זאָג געטאָן:

— יאַ, דעם היינטיגען אָוועגט וועלען מיר קיינמאָל ניט פאַרגעסען — און ווען זי האָט גערעדט, האָט זיך אין איהר שטים פּלוצים אריינגע'גנב'עט אַ וועהמוט.

און ווי זי וואָלט זיך אַליין דערשראָקען איבער איהר שטים, האָט זי צוגעגעבען און געפּרואווט צו שמייכלען.

— דאַ געשעהט דאָך אַזוי זעלטען עפּיס.

אויבען אויף דער ביהנע האָט עריך ווידער געפּרואווט שפּיעלען די מאַזורקאַ.

גערדאַ (וועלכע האָט ווי יאָאַן געטראַכט אפשר הונדערט געדאַנקען און דאָך קיין איינציגען ניט געטראַכט, און געהאָרכט כאָטש זי האָט ניט געזעהן), האָט צוגעווענדט דעם קאָפּ צום קלאַוויר און געזאָגט:

— איז דאָס ניט, ווי זיי וואָלטען וויינען טאַנצענדיג?

— יאַ — האָט געענטפערט יאָאַן. זיין קול האָט אָבער געקלונגען ווי ביי אַ גליקליכען.

אויפ'ן טיש איז געלעגען אַ פּראָגראַם. דאָרויף איז געשטאַנען מיט גרויסע אותיות: „יאָאַן אויהאַזי קאָנצערט". גערדאַ האָט דעם פּראָגראַם גענומען אין דער האַנד אריין און מיט אַ גאַנץ אַנדערן טאָן (אפשר האָט דער טאָן פון זיין „יאַ" איהם געענדערט), האָט זי מיט אַ שמייכעל געלייענט:

„יאָאַן אויהאַזי".

יאַן איז געשטאַנען הינטער איהרע פּלייצעס און געקוקט ווי זי אויף דעם ווייסען פּאַפּיר.

— יאַן אַגע אויהאַזי — האָט ער געזאָגט און געשמייכעלט.

— אַגע? — זי האָט צו איהם צוגעווענדט איהר געזיכט.

— יאַ — האָט ער געענטפערט — איך היים אויך אַגע.

— אַגע! — האָט זי איבערגע'חזר'ט. זי האָט ארונטערגע־לאָזט דאָס ווייסע פּאַפּיער און עס איז געפאַלען אויפ'ן טיש.

— מיר מוזען געהן.

— יאַ — האָט יאַן געזאָגט, און הויך אויפ'ן קול האָט ער גערופען: — עריך, מיר מוזען אַהיים געהן.

עריך האַלשטיין האָט איהם ניט געהערט. אין איין רגע האָבען זיי ביידע זיך צוגעהערט צו שאַפּען'ס מאַזורקע, און יאַן האָט געהאַלטען אין זיינע הענד די אַרבידעען.

סוף פון צווייטען טייל.

דריטער טייל

I

— עריך ! — האט אויסגערופען יאַאַן און נאָך פרעהליכער ווי פריהער — קום, מיר דאַרפען אַהיים געהן.

— אזוי ? — האט געזאָגט עריך און איז אויפגעשפרונגען — זענען מיר איינגעלאַדען ?

— ווען איהר ווילט אונז אַנטאַן דאָס פאַרגעניגען — האָט גערדאַ געענטפערט.

— האַרציג גערן, — האָט עריך געזאָגט, און ער איז אַרונטער פון דער ביהנע און אויסגעטרונקען אַ גלאָז. אין דער זעלביגער צייט האָט זיך געעפענט די טיר און עס איז אַריינגעקומען די פרוי יעספערסען, באַגלייט פון איהר מאַן.

— מיין מאַן וואָלט אייך אויך וועלען דאַנקען — האָט זי גע־זאָגט — ער וועט עס מאַכען קורץ.

— יאָ — האָט דער פּאַסטאָר געזאָגט : — אַ גרויסען דאַנק ! (און ער האָט געדריקט יאַאַנ׳ס הענד). — אזוי שפּיעלט איהר אָבער געוויס ניט יעדען טאָג.

— ניין, הער פּאַסטאָר. דאָס איז אמת, — האָט יאַאַן גע־ענטפערט.

— אַ גרויסען דאַנק, גערדאַ׳לע — האָט דער פּאַסטאָר גע־זאָגט, און אויך איהר געדריקט די האַנד. און די פרוי ראַאַבעל, וועלכע האָט געזעהן ווי די ביהנע טיר שטעהט אָפען, איז אויך אַריינגעקומען. איהרע באַקען זענען געווען רויט פון באַגייסטע־רונג און אַ פייכטקייט איז געווען אַרום איהרע מויל ווינקלען.

— אונזערע ערוואַרטונגען זענען נישט ענטוישט געוואָרען — האָט זי געזאָגט — דאָס איז געווען וועלט־קונסט, וועלט־קונסט ! —

און זי האט יאאנ'ס הענד געהאלטען אביסעל צו לאנג אין די איהריגע.

נאך איהר איז געקומען דער דאקטאר, און דער סוחר יאהאנ־סען האט די טיר געהאלטען אפען פאר דעם דירעקטאר און פאר הער און פרוי לארענצען. דער גאנצער רוים איז געווען פול און אלע האבען געדאנקט.

— עס איז געווען א שענע שטונדע! — האט געזאגט דער די־רעקטאר — די דענישע טענער האבען גוט געטאן. זיי ליגען דאך אונז אם נאהענטסטען ביים הארצען.

גראף האלשטיין האט א וואונק געטאן צום בערלינער:

— צוויי פלאשען! — האט ער א זאג געטאן און אנגעוויזען אויף דעם שאמפאניער.

דער פאסטאר יעספערסען איז געבליבען שטעהן פאר איהם:

— איהר וואלט באדארפט זיך אפגעבען מיט אייער טאלאנט — האט דער גייסטליכער געזאגט.

— אודאי און אודאי, הער פאסטאר! — האט האלשטיין זיך געוויצעלט.

— איך מיין, אז דאס מאכט איינעם רייכער — האט דער גייסטליכער געזאגט.

די פרוי ראאבעל אבער האט א זאג געטאן צו יאאנ'ען און דאס גאנצע הויף:

— מיר, מוזיק מענשען, מוזען זיך אבער מודה זיין, אז מיר ציהען פאר מענדעלזאהן!...

דאקטאר ראאבעל איז געשטאנען פאר דעם הער לארענצען:

— מיין ליעבער לארענצען, — האט ער געזאגט — איך האב די גאנצע צייט נאר געמוזט טראכטען וועגען איין זאך: דאס איז די וועלט, האב איך געטראכט, וואס איז פלוצים אריינגעפאלען צו אונז.

אלע זענען געשטאנען ענג בייגאנד און אלע האבען גערעדט. יאאן האט זיך אין גאנצען צוגערוקט צו דער וואנט (און ער האט כסדר געשמייכעלט און זיך צוגעהערט, הגם געהערט האט ער גאר

נישט) און פרוי ראאבעל, וואס האט געהאט אן אומאויפהערליכער פארלאנג צו באטאפען זיינע הענד, האט גערעדט פון איינצעלהייטען ביי מענדעלזאהן, איינצעלהייטען, וועלכע דער ליעבער קאפעל מוזיקוס האט אייגענטליך אין גאנצען אנדערש איבערגעגעבען.

— אבער דאס איז נאטירליך ווי איינער נעמט זיי אויף — האט זי געזאגט.

דער בערלינער האט אונטען אין דער וויינשענק באשטעלט שאמפאניער, וועלכען דער הער יענסען האט געהאט בדעה ארויפצוברענגען אויבען.

— ווער האט איהם באשטעלט? — האט אלעסען איהם נאכגעשריען פון הינטער דעם שענקטיש.

— דער גראף! — האט יענסען געענטפערט.

— וועלכער גראף?

יענסען איז אבער שוין געווען דרויסען.

— מיר ווילען איהם ליעבער פארשרייבען דעם הער קאנצערטגעבער אויף דער רעכענונג — האט אלעסען געזאגט צום קאמערמיידעל, וועלכע האט איהם צוגעהאלפען. און עטליכע קונדען וואס זענען געזעסען און גערויכערט ביים שענקטיש, האבען געלאכט הויך אויפ'ן קול.

גראף האלשטיין האט אנגעגאסען די גלעזער:

— הער פאבריקאנט!

— ביטע, הער דירעקטאר! — דער דירעקטאר איז געשטאנען נעבען דעם הער האאקע, וועלכער האט פארזיכערט, אז די אלטע מעלאדיען האבען איהם טיעף גערירט.

— דענישע ליעדער — האט ער געזאגט — אלטע דענישע ליעדער... ניט אמת?

די פרוי ראאבעל, וואס האט אויך געקראגען א גלאז שאמפאניער, האט געזאגט צו גערדא'ן, וועלכע איז געשטאנען נעבען איהר פאטער:

— א דאנק, פריילייז יאהאנסען! טויזענד מאל דאנק! — ווארים ליידער מוז מען אייך דאנקען. א צווייטען מאל אבער וועט

דער מוזיק פאַראיין זיך זיכער ניט לאָזען צו נעמען. וואָרים איצ־טער האָבען מיר געקראָגען מוט. אָבער — האָט זי פאַרטגעזעצט און געשמייכעלט צום הער יאָהאַנסען — ניט אַלע הענד געלינגט אַלץ וואָס זיי נעמען נאָר צו פאַרוואַנדלען אין גאָלד.

אין אַלע עקען האָט מען גערעדט. מען האָט געהערט דעם די־רעקטאָר, ווי ער האָט נאָך גערעדט מיט דעם הער האַקע וועגען די פאָלקס־ליעדער: — זיי זענען דאָך אונזער אייגענסטעם אייגענ־טום — האָט ער געזאָגט — און אַ פרעמדער קען דאָך קוים אין גאַנצען — — דאַ אָבער האָט דער דאָקטאָר אָנגעקלאַפּט זיין גלאָז:

— ער וויל דאָ אויפ'ן זעלביגען אָרט, אויף דעם וואהל־פלאַץ נאָך איינמאָל...

דער דאָקטאָר האָט ניט פאַרענדיגט...

וואָרים איצטער האָט דער זייגערמאַכער זיך ארונטערגעקייקעלט די שטיגען.

— יאָ, איך בין עס — האָט ער געזאָגט און גענומען אַ גלאָז. — אַ גרויסען דאַנק! — האָט ער אויסגערופען צו יאָהאַנ'ען — עס איז געווען פראַכטפול!... אָבער איהר, הער גראַף האַלשטיין, זענט געווען אַ העלד.

ער האָט אויפגעהויבען זיין גלאָז:

— וואָרים דאָס איז געווען אַ מאַכל'ע, וואָס האָט אונז אַלעמען געשמעקט — האָט ער געזאָגט און אַלע האָבען געלאַכט, ווען דער דאָקטאָר ראַאבעל האָט געוואָלט פאָרטזעצען:

— לאָמיר דאָ אַלזאָ אויף דעם וואהלפלאַץ נאָך איינמאָל...

— טרינקען פאַר'ן געזונד פון גראַף האַלשטיין! — איז איהם יאָאַן אריינגעפאַלען אין די רייד.

— בראַוואָ, בראַוואָ! — האָט אויסגערופען לאַרסען.

— יאָ, פאַר דעם גראַף! — האָט גערדאַ געזאָגט.

— נאַטירליך — האָט געזאָגט דער דאָקטאָר, וועלכער האָט אַזוי שטאַרק אַ ציה געטאָן ביי זיין מאַנקעט, אַז ער האָט זי אָפּ־געריסען. און יאָאַן האָט דריי מאָל אַ דריי געטאָן אין דער לופט מיט זיין גלאָז ווי אַן אונגאַר, וואָס שרייט „עליען!" — עריך זאָל

לעבען! — האט ער אויסגערופען. אלע האבען געשריען הוראה און געטרונקען לחיים מיט גראף האלשטיין.

— און איצטער נאך א הוראה! — האט אויסגערופען לארסען, און אלע האבען מיט אמאל געשריען הוראה.

— קינדער, איך קען קיינמאל ניט הערען דאס ליעד פון פריי־ליין עלזע, און איך זאל דערביי ניט קריגען טרעהרען אין די אוי־גען — האט לארסען געזאגט — צום געזונט, הער קאנצערט־געבער!

אלע האבען אנגעקלאפט זייערע גלעזער.

יאאן האט אנגעקלאפט זיין גלאז אן עריך'ס.

— יא, יא, דו. א דאנק פאר דעם היינטיגען טאג! — האט עריך געזאגט.

פלוצים איז ווי א ציטער דורכגעלאפען איבער דעם גראף'ס פנים. ער האט א ציה געטאן די ליפען איידער ער האט געטרונקען:

— ווארים זעהסטו, יאסע, אלע טאג זענען דאך ניטא קיין יום טובים... דא אין לאנד.

— גראף האלשטיין! — דאס האט אויסגערופען די פרוי ראאבעל, וואס איז צוגעקומען מיט איהר גלאז אין האנד — עס איז געלעגען מוזיק דערין... איצטער וועט איהר זיך שוין לענגער ניט קענען אפזאגען פון מוזיק פאראיין.

דאקטאר ראאבעל, וועלכער האט אויפגעהויבען די פלאש אין דער הויך, כדי צו זעהן, אויב דארט איז נאך פאראן וויין, האט זיך אנגעגאסען א גלאז און געזאגט:

— עס איז געווען נשתומם צו ווערען, אין גאנצען נשתומם צו ווערען. מיין פרוי האט אלץ אין איינעם געזאגט: — דאס איז מוזיק, דאס איז אמת'ע מוזיק.

די פרוי לארענצען, וואס איז געשטאנען ביים טיש, האט פלו־צים א זאג געטאן צו דער פרוי ראאבעל, אין דעם ווי זי האט לאנג־זאם און פריינדליך אנגעוויזען אויף די היאצינטען:

— דאס זענען פרייליין לוקאוו'ס היאצינטען... איך דערקען זיי אן דער פארב.

— יא, פרוי לארענצען — האט די פרוי ראאבעל געענטפערט

און זי האָט אויסגעזעהן געריהרט — דאָס איז געווען פּריילײַן לוקאָוו'ס לעצטע פרײַנדשאַפטס מתנה פאַר איהר דאָקטאָר. און איצטער האָבען זיי געהאָלפען ביי אַ קליינעם צוזאַמענקונפט פרעהליך מאַכען. ווי איך האָב געהערט, — און זי האָט זיך געווענדט צו פריילײַן גערדאַ, וועלכע האָט די בלומען האַסטיג אַרויסגעשלעפּט פון דעם הער אַלעסענ'ס קיהלער.

— וועלען מיר געהן אַהיים ? — האָט פאַרגעשלאָגען דער סוחר יאָהאַנסען, וואָס האָט אַ לאַנגע צייט קיין וואָרט ניט גערעדט.

— יאָ. — האָט געענטפערט יאָאַן — מיר וועלען געהן אַהיים. די אַנדערע זענען געגאַנגען פאַראויס דורכ'ן זאַל.

— דאָ איז פינסטער — האָט יאָאַן אַ שעפּטשע געטאָן — פאַסט אויף אויף זיך — און ער האָט זיך אָנגעשטויסען אָן די בענק.

— איך קען מיך דאָ אויס — האָט גערדאַ געענטפערט.

— דאָ איז אַ באַנק !... — און ער האָט אויסגעשטרעקט דעם אָרעם, ווי ער וואָלט זי וועלען פיהרען.

— איך האַלט מיך אָן דער וואַנט.

— וואו זענט איהר ? — האָט האַלשטיין גערופען הינטער זיי.

— דאָ — האָט יאָאַן געענטפערט.

— פאַרוואָס האָט דען דער קערל אויסגעלאָשען די ליכט ? — האָט עריך מיט כעס געפרעגט.

— ווייל איצט איז שוין פאַרביי — האָט געענטפערט גערדאַ, ביי וועמען די אויגען זענען געווען צו.

יאָאַן אָבער האָט נעבען איהר געשעפּטשעט אין דער פינסטערניש :

— נ י י ן !

ער האָט אַליין ניט געוואוסט, צי זי האָט עס געהערט, און איהר געזיכט האָט ער ניט געקענט זעהן.

— האָט איהר מיטגענומען די בלומען ? — האָט עריך גע־פרעגט הינטער זיי.

— יאָ — האָט געענטפערט יאָאַן, און געדריקט די אָרכידעען פעסטער אין זיין האַנד.

— פון וואנען האט איהר געקראגען די שענע בלומען? — האט יאאן געפרעגט אין דער פינסטערניש.

— פון ווילע.

— איהר באקומט אלץ פון ווילע.

— יא.

און פלוצים מיט א פארענדערט קול און שטיל, האט זי א זאג געטאן:

— איצט איז אייער מוטער׳ס געבורטסטאג באלד פארביי.

— יא.

— זיי זענען געוועזן ענג פאר דער טיר.

— ווער איז דאס? — האט געפרעגט יאאן, וואס האט באַריהרט א מענער פלייצע.

— דער געשעפטס־פיהרער! — האט געענטפערט א שטים — קויפמאן יאהאנסען האט מיך געשיקט, אז איך זאל אייך ווייזען דעם וועג.

ער האט אנגעצונדען א שוועבעלע.

— דא זענען צוויי שטיגען — האט ער געזאגט, און דער שיין פון שוועבעלע איז געפאלען אויף די דריי פנימ׳ר.

— א דאנק! — האט יאאן געזאגט און פריילייין גערדא האט נאכגעפאלגט.

די פרוי יעספערסען איז נאך געשטאנען אין דרויסען, וואו עס איז געוועזן העל, און האט אנגעטאן איהר מאנטעל.

— אבער וואו איז דער הער האאקע? — האט גערדא פלוצים א פרעג געטאן און זיך אומגעקוקט, גלייך ווי דאס ליכט האט זי ווידער געמאכט פאר א באלעבאסטע.

— איהם האט די פרוי ראאבעל איינגעלאדען.

— אהיים צו זיך? — האט עריך געפרעגט און געלאכט, אין דער צייט, וואס ער האט אריינגעשטופט זיין ארעם אין ארבעל פון זיין פאלטא.

— ניין — האט געענטפערט די פרוי יעספערסען און געלאכט ווי ער — צו די יאהאנסענס.

זיי זענען ארויסגעקומען אויפ'ן הויף, וואו הערען און דאמען זענען ארומגעלאָפען צווישען די וועגען, און די פערד האָבען גע־טראַמפּעלט מיט די פיס.

— אַ גוטען אווענט, פרוי יעספּערסען! — האָט אַ דאַמענשטים אויסגערופען פון אַ וואַגען. — אַ, ווי שען עס איז געווען!...

און די דאַמע איז געבליבען שטיל, ווען זי האָט דערזעהן יאַאַנ'ען.

די פרוי יעספּערסען האָט געלאַכט: — יאַ — האָט זי גע־זאָגט — איצטער קומט די אַנדערע זייט פון פאַרגעניגען. איצ־טער מוזען די מענשען מיילענווייט איבער'ן לאַנד פאָהרען.

— די אָרימע! — האָט יאַאַן געזאָגט.

— אַ, ניין! — האָט אויסגערופען דעם גלח'ס פרוי, און גלייך ווי זי וואָלט דורכגעלאָפען אַ גאַנצע רייה פון געדאַנקען, האָט זי צוגעגעבען:

— קינסטלער זענען אייגענטליך אומדאַנקבאַר.

— מיט וואָס?

— עס מוז דאָך זיין אַן אמת'ע ברכה, ווען מען קען אַנדערע געבען אַזוי פיעל פרייד.

יאַאַנ'ס געזיכט האָט ווי אויפגעלויכטען, און ער האָט זיך אומ־געדרעהט:

— פריילין גערדאַ, וואו זענט איהר?

— דאַ — האָט געענטפערט גערדאַ, וועלכע האָט געזאָגט דעם געשעפטספיהרער, וועלכע סאָרטען ווין עס זאָל פאַר די הערן ארויפגעבראַכט ווערען פון קעלער.

זיי זענען ארויסגעקומען אויפ'ן גאַס. די פענסטער און „האָטעל דענעמאַרק" זענען געווען ווייט אויפגעפּראַלט, אַזוי אַז עס האָבען זיך געטראָגען דורך זיי די קולות. פון אַ הינטער־צימער האָבען געקלונגען די טענער פון אַ פּיאַנאָ.

— יאַאַן איז געבליבען שטעהן, ווען מען האָט דאָרט אָנגע־הויבען צו זינגען:

„געדענקט איהר די נאכט, ווען מיר זענען פון בורג,
דעם שונא אקעגען געגאנגען?
געווען איז אלץ שטיל, ווען אין מיטען דערנאכט
עס האבען דערהערט זיך די קלאנגען.
ער האט אויסגערופען: „מיר געהען אין שלאכט
מיר נעמען איין קאלדינג נאך פאר נעקסטער נאכט".
מיר האבען געזיגט איי' דער טאג איז פארגאנגען,
נאר קיינער פון אונז איז צום ציעל ניט דערגאנגען,
ווייל דארט אויפ'ן שלאכטפעלד שלאפט אלאף ריע".

— וואס זינגען זיי? — האט געפרעגט יאאן, וואס איז גע־שטאנען צווישען גערדא און די פרוי יעספערסען.

— דאס איז דאס ליעד פון גענעראל אלאף ריע — האט גע־ענטפערט די פרוי יעספערסען — דאס זינגען זיי אלעמאל, יענע פון דער אנדערער זייט גרעניץ.

— איז ער געפאלען?

— יא.

אויסען האט מען דעם פערד ווידערהאלט, און די דריי זענען געבליבען שטעהן אויפ'ן גאס.

— ווי אזוי געהען די ווערטער? — האט יאאן געפרעגט.

די פרוי יעספערסען האט זיי געזאגט:

מיר האבען געזיגט איי' דער טאג איז פארגאנגען,
נאר קיינער פון אונז איז צום ציעל ניט דערגאנגען,
ווייל דארט אויפ'ן שלאכטפעלד שלאפט אלאף ריע".

— זעהט די שטערען! — האט זי פלוצים א זאג געטאן און פארווארפען דעם קאפ און נאקען — זעהט וויפיעל!

— יא — האט גערדא געזאגט און איהרע אויגען האבען זיי ניט געזעהן.

א ווילע זענען זיי געבליבען שטעהן שווייגענדיג. דערנאך האט יאאן א זאג געטאן, אפשר כדי נאר עפיס צו זאגען:

— ווי העל דער איינער לייכט!

— יאַ — האָט געזאָגט די פרוי יעספערסען, און אַלע זענען זיי געשטאַנען מיט די גוזיכטער געווענדט אַרויף צו: — דאָס איז די ווענוס.

— יאַ — האָבען גערדאַ און יאַאַן געענטפערט אין דער זעלביגער צייט.

— קיינמאָל האָב איך די שטערען ניט געזעהן אַזוי שען ווי ביים באָספאָרוס, — האָט יאַאַן געזאָגט זעהר שטיל.

— איהר זענט אַ פּנים געווען אומעטום — האָט געזאָגט די פרוי יעספערסען, וועלכע האָט נאָך אַלץ געקוקט צום הימעל.

— יאַ... און יאַאַן האָט געשמייכעלט — אָבער איצטער וויל איך בלייבען אין דער היים.

— אין דער היים? — גערדאַ האָט צו איהם צוגעווענדט איהר קאָפּ — פאַרוואָס?

— ווייל איצטער וויל איך אַלע מענשען גליקליך מאַכען — האָט יאַאַן געענטפערט און זי אָנגעקוקט.

אַ מאַן, וועמענס טריט עס האָבען געקלונגען הינטער זיי, האָט זיך איצטער אַ הינקענדיגער געשאַרט פאַרביי זיי.

— איך געה צו אייך. פריילין יאָהאַנסען — האָט ער געזאָגט — הגם מען האָט מיך ניט געלאַדען. אָבער איך ווייס, אַז ביי אייער טאַטען בין איך אַלעמאָל אַן אָנגעלעגטער גאַסט.

— יאַ — האָט געענטפערט גערדאַ און אַ ציטער געטאַן — מיר געהען אויך שוין.

דער הינקענדיגער איז ווייטער געגאַנגען צו יאָהאַנסען'ס טיר.

— ווער איז דאָס? — האָט יאַאַן געפרעגט און נאָכגעקוקט די הינקענדיגע געשטאַלט.

— דאָס איז דער מאַגיסטער — האָט געענטפערט גערדאַ און אָנגעהויבען געהן שנעלער.

יאַאַן האָט אַרויפגעקוקט צו די יאָהאַנסען'ס פענסטער און אַ זאָג געטאַן:

— ווען דאָ זאָלען נאָר ניט זיין אַזוי פיעל מענשען.

— עס זענען אָבער יאַ דאָ פיעל — האָט גערדאַ זיך אָפּגערו־

פען פונקט אזוי שטיל.

אפשר האבען זיי געגלויבט, אז די פרוי יעספערסען האט עס ניט געהערט. זי האט אבער א זאג געטאן מיט איהר פולער שטים:

— יא, די גאנצע געגענד איז דא. פון ז י י קען מען ניט דא פטור ווערען, גראף אויהאזי.

זיי זענען אריין אין דעם אריינגאנג פון הויז און שטעהענ־דיג ביי די טרעפ, האט גערדא טיעף אפגעאטעמט און געזאגט:

— זיי זענען דאך אלע געקומען, גאט צו דאנקען.

— ווער אלע? — האט יאאן געפרעגט און איז געבליבען שטעהן.

גערדא האט א שאקעל געטאן מיט'ן קאפ: — מיר האבען דאך ניט געוואוסט צי דער מוזיק פאראיין וועט קומען, ווייל דער קאנ־צערט איז ניט געווען ביי זיי.

— וויפיעל איהר האט דאס געהאט איבערצוטראכטען — האט יאאן געזאגט.

— יא — האט גערדא געשמייכעלט.

ווען זיי זענען ארויפגעגאנגען די טרעפ, האט יאאן א פרעג געטאן:

— אבער איז עס כאטש געווען אזוי ווי איהר האט זיך עס פארגעשטעלט?

גערדא האט געצעגערט א ווייל:

— עס איז געווען אנדערש — האט זי דערנאך געענטפערט, און די ווערטער האבען זיך ניט געבונדען.

— אבער — האט זי צוגעגעבען — אבער איך וועל עס וויסען אפשר... אין פערצעהן טעג ארום — גערעדט האט זי אהן אן אטעם פון צורודערטקייט אדער אפשר צוליעב א געפיהל, וועל־כען זי האט ניט געקענט אין גאנצען און וועלכען זי האט דאך באמעקפפט.

— אין פערצעהן טעג? — און יאאן האט געלאכט גאנץ שטיל.

— יא — האט גערדא געענטפערט, אזוי ווי פריהער — איך

מיין... מען ווייס דאָך קיינמאָל ניט, ווי אַ זאַך איז געווען, ביז מען האָט עס ניט פריהער גוט איבערטראַכט.

יאַאן אָבער האָט אַ זאָג געטאָן:

— מען ווייס דאָך אָבער וואָס עס איז געשעהן — און יעדעס וואָרט איז ארויסגעקומען האַסטיג אָבער דייטליך. און זיינע ליפּען האָבען זיך געעפענט ביי דעם שנעלען אָטעמען.

— איך ניט — — גלויב איך — האָט גערדא געענטפערט, ווען זיי זענען געשטאַנען פאַר דער טיר.

— נאַ, גאָט צו דאַנקען, דאָס האָט געהאָלפען! — האָט אַ זאָג געטאָן די פרוי יעספּערסען.

אַלע שטובען זענען געווען אויסגעלופטערט, און די הערען זענען שוין געזעסען ביי זייערע פאַרבייסענס. גערדאַכט האָט זיך ווי אַלע וואָלטען זיך אויסגעגענעצט, אויסגעגלייכט און איצטער זיינען זיי שטיל געוואָרען.

— ווילט איהר ניט אַביסעל רוהען? — האָט די פרוי יעספּער־סען געפרעגט.

— ניין, אַ דאַנק — האָט יאַאן געענטפערט ווי איינער, וועמענס געדאַנקען עס זענען ערגיץ אַנדערש. און פּלוצים האָט ער אָנגעקוקט אַלע געזיכטער און געזאָגט:

— איצטער זענען דאָ מעהר מענשען ווי פריהער.

זיי זענען אריין אין יאָהאַנסען׳ס צימער, וואו קיינער איז ניט געווען.

— דאָ איז שטיל — האָט יאַאן געזאָגט און ניט ווילענדיג גע־לאָזט זיין בליק שוועבען איבער די אַלטע און שטאַרקע מעבעל.

— יאָ האָט געענטפערט די פרוי יעספּערסען — דאָ שטעהט דער געלד שראַנק פון דער גאַנצער געגענד. און דאָ איז קאַרען פּאַסט׳ס זאַפאַ — האָט זי צוגעגעבען און אָנגעוויזען דאַרויף.

זי איז צוגעגאַנגען צום פענסטער. פון דעם גאַסט־הויז האָ־בען זיך נאָך געטראָגען קולות און געזאַנג.

עס איז נאָך פאַרבייגעפאָהרען איין איינציגער וואָגען. די פּאַ־סאַזשירען זענען געזעסען אויף איהם שווייגענדיג.

די פרוי יעספערסען האט א זאג געטאן צו יאאנ׳ען, וואס איז געשטאנען נעבען איהר:

— איצט זיצען זיי אזוי און טראכטען איבער די זאך.

— טראכטען פערצעהן טעג — האט יאאן זיך אפגערופען, און די פרוי יעספערסען האט ניט פארשטאנען זיין טאן.

— אך, יא. אזא אווענט ברענגט אריין א פרישען ווינד אין לאנד.

יאאן, וואס האט אין זיך באצוואונגען אן אומרוהיגקייט האט א זאג געטאן:

אבער מיר דאכט, אז די מענשען דא פאראינטערעסירען זיך מיט אלץ.

— יא — האט געענטפערט די פרוי יעספערסען און געמאכט א קרייז מיט איהר פינגער איבער דעם פענסטער. — פאר עפיס אזוינס אינטערעסירען זיי זיך. פאר גערדא׳ן אבער איז דאס געווען א הערליכער אומבייט — האט זי געזאגט און געקוקט פאר זיך — איהר האט דאס זעהר פיעל גוטס געטאן, ווארים דא אין הויז איז עס צו פיעל איינטאניג פאר איהר, פון זינט דאס אומגליק איז געשעהן.

— דאס אומגליק איז געשעהן?

— יא. זינט עמיליע האט זיך גענומען דאס לעבען.

— די שוועסטער האט זיך דאס לעבען גענומען?

די פרוי יעספערסען האט זיך אומגעקעהרט

— האט ער ניט געוואוסט דערפון?... אך, נייז, פון וואנען האט איהר עס דען געזאלט וויסען?...

— אבער האט זי ווייטער גערעדט און גערעדט האט זי זעהר לאנגזאם: — גערדא איז פאר איהר פאטער געווארען זעהר פיעל. און זי פארשטעהט עס, אלץ וואס איז הארט אין זיין נאטור, צו מאכען א ביסעל צארטער. און מיין מאן און איך — אך, טייל־מאל וואלט איך גאר ניט אנגעהויבען צו וויסען, ווי אזוי: איך זאל דא מיין הומאר אויפהאלטען, ווען מיר וואלטען ניט געהאט גערדא׳ן.

ווארים ווי שען דא איז, איז מיין מאן׳ס שטעלונג דאך רעכט שווער דא אין דער געגענד.

זי האט געשוויגען אן אויגענבליק, און דערנאך ווען איהרע געדאנקען זענען ווידער געווען פארנומען מיט גערדא׳ן, האט זי א זאג געטאן:

— הלואי זאל זי כאטש זיין גליקליכער ווי די איבעריגע קינדער פון דעם הויז! ביזטו עס, גערדא? — פרוי יעספערסען האט זיך אומגעקוקט.

פריילין גערדא איז געשטאנען אויף דער שוועל און געשפריצט מיט איהר פלעשעלע.

— דו מיט דיין שפריצען! — האט געלאכט די פרוי יעספערסען.

יאאן אבער האט איהר אקעגען געשטעלט די הענד:

— גיט מיר אביסעל.

גערדא איז לאנגזאם צוגעקומען נעהענטער און געשפריצט א־דע־קאלאן אויף זיינע הענד.

— ניין, שפריץ איהם נאך אין פנים אריין — האט געזאגט די פרוי יעספערסען, — ווארים אזוי שפירט מען עס דאך גאר נישט.

גערדא האט אויפגעהויבען דאס פלעשעלע און דער פיינער רעגען איז געפאלען איבער יאאנ׳ס באקען.

— א דאנק, א דאנק! — האט ער געזאגט און איהר געקוקט אין פנים אריין און איהר אריינגעקוקט אין איהר קליינעם געזיכט.

— אוי, אוי, עס ברענט אין די אויגען — האט ער אויסגערופען און זיך געריבען די אויגען מיט די פייכטע הענד, אזוי אז זיי האבען נאך מעהר געשמערצט.

— דאס שאדט גאר נישט — האט געלאכט די פרוי יעספערסען — נאכדעם וועלען זיי דארפען ווערען נאך קלאהרער.

— בראווא! — האט אויסגערופען דער גראף האלשטיין פון דער טיר אויס. מאכט אזוי, אז ער זאל די אויגען גוט אויפמאכען, פריילין יאהאנסען. אלע אויהאזי׳ס האבען האלב געשלאסענע אויגען.

— און אין פריילײן גערדא'ס פאמיליע האבען אלע גרויסע אויגען — האט יאאן געזאגט. און געדאכט האט זיך, ווי זיין קול וואלט זי געוואלט דא צוריקהאלטען ווען זי איז ארויסגעגאנגען.

עריך און יאאן זענען אליין געבליבען שטעהן ביים פענסטער.

דאן האט יאאן אנגענומען מיט דער האנד דעם קרייץ פון פענסטער און א פרעג געטאן:

— וואס איז אייגענטליך געווען... דו... מיט פריילײן גערדא'ס שוועסטער?

— מיט איהר שוועסטער?... זי איז געגאנגען אין וואסער אריין. איך גלויב, אז דאס איז געווען אין עספערגערדא. אזוי הייסט אן ארט ביי קאפענהאגען.

— יא — — אבער פארוואס איז זי געגאנגען אין וואסער אריין?

— איך ווייס ניט. קיין שלעכטס האט מיט איהר ניט גע־טראפען. אבער זי האט געהאט אויסגעפיהרט אז זי זאל קענען שטודירען. און נאכדעם ווי זי איז דורכגעגאנגען דעם עקזאמען און געזאלט ווייטער שטודירען, זאגט מען אז איהר האט געפעהלט מוט.

— און דאן האט זי זיך גענומען דאס לעבען? — האט יאאן געפרעגט לאנגזאם.

— יא — האט עריך געענטפערט — זי איז געגאנגען אין וואַ־סער אריין.

עריך האט געשוויגען אן אויגענבליק:

— יא, עס איז געווען זעהר טרויעריג. פאר יאהאנסען'ען אבער איז דאס געווען א מין שטראף — הגם ער איז שוין גענוג געשטראפט געווען מיט זיין זוהן. נא... און עריך האט ארויס־געקוקט דורך דעם פענסטער אויפ'ן גאס — ווער האט דען שוין ניט געטראכט זיך דאס לעבען צו נעמען? — — ווען מען קוקט אזוי איז א שעהנעם טאג איבערן וואסער... און איבער דעם לע־בען...

יאאן האט זיך קוים צוגעהערט, ווייל ער האט פארפאלגט אן אנדערען געדאנקענגאנג.

— ארימע קליינע גערדא — האט ער געפליסטערט. און ער האט געמאכט א טראט, גלייך ווי ער וואלט מוזען געהן צו איהר.

— נא — האט א זאג געטאן עריך, וועלכער איז איהם נאכ־געגאנגען — זי האט שוין ניט געטארט געהן צום עקזאמען. איהר לעבען איז שוין געווען באשטימט.

איבער יאאנ'ס געזיכט האט זיך באוויזען עפּים ווי א שיין.

— אזוי. איצטער ביזטו געפאנגען! — האט שטיל א זאג גע־טאן עריך, ווארים אין דער טיר האבען זיי זיך צוזאמענגעשטויסען מיט דער פרוי ראאבעל.

— א, ווי שען קיהל עס איז דא דרינען — האט זי געזאגט.

— יא, דא איז לופט — האט עריך געענטפערט און זיך ארויסגערוקט.

— אך, יא — האט געזאגט די פרוי ראאבעל — עס דאכט זיך, ווי דאס בלוט וואלט איינעם א זעץ געטאן אין קאפ אריין ביי די פיעלע געדאנקען וואס דערוועקען זיך... אין אזא אוונט.

— איהר אליין האט אויך שטודירט מוזיק, גנעדיגע פרוי? — האט געפרעגט יאאן, וועמענס אויגען עס האבען זוכענדיג ארומ־געשוועבט דורך די צימערן.

— יא — האט געענטפערט די פרוי ראאבעל — אין לייפּציג.

— צוויי יאהר. אך, וואס פאר א הערליכע צייט דאס איז געווען!

— דעמאלט האט מען נאך געהאפט. אבער מען דארף אויך האבען גליק, אפילו ווען מען האט שוין טאלענט. בעטהאווען איז געווען מיין גרויסער מייסטער. און ווען מען געהערט ניט צו די, וואס ווילען מאכען קאנצעסיאנען און ווען מען וואוינט אין א קליין לאנד, וואו אזוי פיעל מענשען פיהלען זיך בארופען, און די אומ־בארופענע דרענגען זיך טיילמאל פאר אם מעהרסטען, דאן ווערט מען פארלוירען.

— יא, יא, דאס קען זיין — האט יאאן געענטפערט צו פרוי

ראאבעל, וואס האט גערעדט ווי איינע, וואס האט לאנג געווארט אויף דער געלעגענהייט.

— און דער טאלענט איז דאך סוף כל סוף דאס קלענסטע — האט זי ווייטער גערעדט — איך האב נאטירליך אויך קאנצערטירט עטליכע מאל... אבער סוף כל סוף זאגט מען צו זיך אליין, ווען מען וויל ניט מאכען קיין קאנצעסיאנען: „פארשלים ליעבער אין דיר" זאגט מען „ווי דיין טייער אייגענטום..." אבער נאטירליך, טיילמאל, ווען מען הערט אז אנדערן... איהר, וואס איהר האט געהערט אזוי פיעלע אזוי גערופענע מוזיק, איהר וועט מיך פארשטעהן, דאן טראכט מען ביי זיך, און עס נאגט איינעם ביים הארצען: יא, די וועגען איז לעבען זענען אפטמאל זאנדערבאר.

— יא — האט צוגעשטימט יאאן (דארט האבען גערעדט עריך מיט גערדא'ן) — דאס לעבען פיהרט אונז אפט זאנדערבאר.

— יא — האט געזאגט די פרוי ראאבעל און פון יאאנ'ס טאן איז זי געווארען אויך אינטימער: — דאס לעבען האט נעצען... עס האט נעצען אין וועלכע מיר בלייבען הענגען... דאס קענט איהר אבער ניט פארשטעהן, ווארים איהר געהערט נאטירליך צו יענע, מיט וועמען דאס לעבען איז בשלום. דאס האט מען הייגט אוועגט געקענט ארויסהערען פון אייער מוזיק, הער גראף... ווארים דאס א ו י ע ר, דאס האט מען גליקליכערווייזע ניט פארלוירען.

די פרוי ראאבעל איז שטיל געבליבען, גלייך ווי זי וואלט קריגען אנערקענונג פאר איהרע אויערען.

— אבער — האט זי פארטגעזעצט און איהר קאפ האט זיך כסדר באוועגט אהין און אהער, ווי פליגען וואלטען זי געביסען אויף איהרע שלייפען: — דערנאך האב איך חתונה געהאט... פאר מיר איז עס באזונדערס געווען שווער אויסצוקלייבען, ווייל איך באזיץ א דאפעלטע באגאבונג. ווארים איך מ א ה ל דאך אויך. טיילמאל פלעג איך זיך אויפכאפען אין מיטען דער נאכט און דאן האט מיך בעטהאווען געפלעגט רופען — — קענט איהר דאס? אך, יא, איהר ווייסט געווים פון דעם. ווען מען ווערט אזוי פאר־

פאלגט פון איין זאך און מען קען פון איהם ניט פטור ווערען...

— אבער — האט זי פארטגעזעצט און איהרע געדאנקען זענען ווידער אריבערגעשפרונגען צו עפּיס אנדערש: — מיין פאטער פלעגט אפט זאגען — און, גאט, אפשר האט ער אויך רעכט גע־האט: דו לויפסט פון איינעם צום אנדערען, מיין קינד, ווייל דו וואגסט ניט צו מאכען דעם שפרונג...

— וואגען איז אלץ — האט יאאן געזאגט.

— יא — האט געזאגט די פרוי ראאבעל.

— איצטער בין איך דאך פארהייראט — האט די פרוי ראאבעל ווידער אנגעהויבען — און מיר געהען צו גרונד אין די שותפות'דיגע אינטערעסען. די האבען מיר, גאט צו דאנקען.

— יא — האט יאאן געזאגט (גערדא איז איצט געשטאנעןביים קלאוויר, וואו עריך האט זיך געזעצט).

— און דאן האבען מיר דאך דעם־מוזיק פאראיין געגרינדעט: אויך פאר מיין מאנ'ס וועגען. ווארים די צייטען זענען שלעכטע פאר דאקטוירים. אבער ליידער האבען מ י ר דאך היינט אווענט ניט געהאט דעם כבוד. מיר האבען עס ניט געוואגט, ווארים די פארהעלטענישען זענען אזוי קליין, און אויסער דעם, דאס מוז מען זאגען, פאר דעם קליינעם פרייליין יאהאנסען איז עס כמעט קיין ריזיקע ניט געווען. ווען די יאהאנסענס נעהמען עפּיס אזוינס אין דער האנד אריין, פיהלען זיך דאך פיעלע געצוואונגען מיטצו־מאכען. ליידער — דאס ליגט שוין אזוי אין די פארהעלטענישען — דארט וואו דער געלד־שראנק שטעהט און וואו עס ליגען באהאלטען די צעטלען פון די משכנות, דארטען ליגט אויך די מאכט, מעגען אפילו אנדערע האבען די באגאבונג און דעם ווילען.

דער פרוי ראאבעל'ס שטים האט געקלונגען אביסעל שארפער.

— אבער איך רעד און רעד — האט זי געזאגט און פאר־ענדערט דעם טאן — און האלט אייך אויף און דערוועק געווים נאר קנאה, ווייל איך ווער אזוי פריינדליך אויסגעהערט פון דעם גרוי־סען מאן און דעם העלד פון טאג (און די פרוי ראבעל האט גע־ריהרט געדריקט יאאנ'ס הענד פאר אלעמען אין די אויגען)...

איהר וועט מיך פארשטעהן: ווען מען וואוינט דא היע, באקומט מען א ברענענדיגען פארלאנג נאך א נשמה, וואס טראכט אזוי ווי דו... יא.... דא פעהלט פארשטענדניש און דאס מאכט איי־נעם טיילמאל מוטלאז אין פאראיין... ווארים דארטען וואו עס איז ניטא קיין פארשטענדניש, פאר די ווערטען מיין איך, די אמת'ע מוזיק ווערטען, דארטען קען מען זיך אונמעגליך צוזאמענהאלטען. פון דער הויכשול און פון י ע נ ע קענע זמיר גארנישט ער־ווארטען. איהר האט דאך געהערט זייערע ליעדער... לאמיר בע־סער דערפון שווייגען... אט די מענשען פאראינטערעסירען זיך דאך נאר מיט דעם. (די פרוי ראאבעל האט מיט איהר האנד־גע־מאלטען פאבער געמאכט א דיקען גרעניץ־שטריך אין דער לופט). און דאס, וואס געהט ארוים איבער הארטמאן, פארטראגט מען דא ניט. טייערער מייסטער, איהר פארשטעהט, ליעב צו האבען וואגנער, און צו וואוינען צווישען מענשען, וואס זענען נאך אפילו ניט געקומען צו בעטהאווען'ען.

יאאן האט זיך אנגעשפארט אן ביישטידעל פון דער טיר. עריך איז נאך געזעסען ביים קלאוויר, וואו עס איז אויך געשטא־נען גערדא.

די פרוי ראאבעל, וואס האט אן אויגענבליק געשוויגען, האט א זאג געטאן:

— מען זיצט דא מיט דעם טאלענט... מען זיצט דא און מען ווערט פארטרוקענט...

עריך האט אנגעהויבען צו שפיעלען. ער האט געשפיעלט דאס ליעד פון ריטער אאגע. און פלוצים האט די פרוי ראאבעל געקראגען רויטע פלעקען אויף די באקענביינער:

— און היינט אוועגט, איך לייקען עס ניט, האבען מיינע פינגער וויברירט. ווען דער גראף האלשטיין האט זיך געפרואווט ביים קלאוויר. עס איז געווען גאנץ שען און מען האט זיכער מעהר ניט געקענט פארלאנגען... די הענד אבער זענען נאך שוואך — — ווען אפילו דער גראף האלשטיין האט א ביסעל טאלענט — אדער געהאט...

עריך האָט נאָך אַלץ געשפּיעלט:

„ער האָט גע'שדכנ'ט זיך צו עלזע,
די שענסטע פרוי פון אַלע צייטען".

— אַבער איך קען זיך ניט אָפּזאָגען פון געדאַנק, איהר פאַר־שטעהט מייסטער, פון געדאַנק: נאָר א י י נ מ א ל אַליין צו האָבען די פרייד...

יאַאַן האָט געמאַכט דריי טריט:

„און ס'איז געווען אַ חודש שפּעטער,
איז ער געווען שוין קאַלט און טויט".

די פרוי ראַאַבעל האָט נאָכגעפאָלגט יאַאַנ'ס בליק צום קלאַ־וויר. און זי האָט וואהרשיינליך שלעכט פאַרשטאַנען זיין שמייכעלע, ווארים זי האָט אַ זאָג געטאָן רעדענדיג וועגען דעם גראַף האַלשטיין, ווערכער האָט אַ שאַרפע צונג וועגען דעם פאַראיין און איהר בעטהאָווען:

— יאָ, יאָ, עס זענען דאָ אין לאַנד פאַראַן פיעלע טרוימער, און ווען זיי כאַפּען זיך אויף האַלבוועגס פון זייערע חלומות, רייבען זיי זיך אויס די אויגען און מיינען, אַז זיי זענען קריטיקער, — און זי האָט געשמייכעלט ווי אַ גרויסע מבינ'טע.

— יאָ, געוויס, גנעדיגע פרוי, זיי ז ע נ ע ן קריטיקער — האָט יאַאַן פּלוצים אַ זאָג געטאָן און איז אוועק פון איהר. די פרוי ראַאַבעל איז געבליבען שטעהן מיט איהר וואַקעלדיגען קאָפּ, ווי זי וואָלט געקראָגען אַ וואַסערשטראָהל אין פּנים אריין.

* * *

דרינען אין די צימערען האָט מען זיך אונטערהאַלטען גרופּען־וויז. דער דירעקטאָר, וואָס איז געשטאַנען נעבען דער פרוי לאַ־רענצען און דיביידע צפון־שלעזוויגשע פרויען, האָט זיך געזעצט אין דער מוהמע אַנע'ס שטוהל, — אַ הויכער לעהנשטוהל געבעטט מיט היי און מיט אַ געוועבטען שטאָף — און ער האָט געזאָגט:

— דאָס איז אַ שטוהל פאַר מיר. אַן אונזעריגען ציהט צו אַ האַרטען זיץ.

און ער האט דערצעהלט פון דער טישלער־שול, וואו מען קען שפירען א פרעהליכען פארטשריט.

— יא — האט ער געזאגט — מיר געהען נאר טראט ביי טראט פארווערטס. אבער אונזער סאסנאווע האלט מיט די אלטע מוסטערן געווינט אומעטום אנערקענונג. מיר האבען די פרייד, וואס אונזערע היבשע מעבעל געפינט זיך אין פיעלע הייזער און אין די הויפען פון די גיטער — — און דאס פאדערט אונז אויף צו וויטערדיגע ארבייט. דאס איז טאקי דער קערן. עס פאדערט אויף און באלוינט אונזער שטרעבען...

יאאן איז גליקליך פארבייגעגאנגען די פרוי לארענצען, ווען דער פאסטאר יעספערסען האט איהם אפגעשטעלט:

— ענדליך זענט איהר פטור געווארען. מיין פרוי האט מיך טאקי געשיקט, כדי איך זאל אייך באפרייען פון דעם „טאלענט“.

יאאן האט געשמייכעלט, אפשר ווייל ער האט געטראכט פון עפים אנדערש. פלוצים אבער איז ער צוגעגאנגען צו דער פענסטער־ניש און געזאגט:

— אייער פרוי איז אזוי ליעבענסווירדיג — — און ווי גוט איז, וואס פריילין גערדא האט זי געהאט נעבען זיך.

דער גלח האט איהם אנגעקוקט אן אויגענבליק.

— יא — האט ער געזאגט — דיביידע העלפען זיך איינע די אנדערע. מען איז אנגעוויזען אויף געגענזייטיגע הילף, הער גראף. דא איז יעדענפאלס פאראן גענוג וואס צו טראגען, — און וואלטען מיר, איך און מיין פרוי, ניט צוזאמענגעטראגען, דאן וואלט איך שוין לאנג דא ניט געווען. אבער ווען מען איז זאלבעצווייט, קען מען פיעל אויסהאלטען. דעריין ליגט דאך די גרויסע ברכה.

— דאס קען זיך זיין — האט יאאן געזאגט שטיל.

— טיילען — הייסט געפונען פרייד — האט דער פאסטאר צוגעגעבען.

— יא — האט געענטפערט יאאן, און האט געהאט בדעה צו

צוגעהן צום קלאַוויר, ווען דער קליינער הינקענדיגער האָט צווישען איהם און דעם פאַסטאָר יעספּערסען אריינגעשטעלט דעם קאָפּ:

— די הערען רעדען? — האָט ער געפרעגט.

— פון די קימערנישען פון לעבען, הער מאַגיסטער.

— הם — האָט זיך אָפּגערופען דער מאַגיסטער — אָט דאָס טעמאַ איז רייך. און דאָ איז דער געגענד פאַרשיעדענאַרטיג. אָבער דאָס איז דאָך גאָר נישט פאַר אַ טוריסט. גראָף אויהאַזי, איהר דאַרפט ליעבער באַהאַלטען אייער טוריסטען־איינדריקען איבער די ווערבען פון לאַנד און איבער די קולטור פון פאָלק... אָבער דאַרף איך אייך דאַנקען? איך בין ניט מוזיקאַליש, נאָר אַ דאַנק אייער פידעל האָט מיר אַ שטונדע לאַנג די וועלט אויסגעזעהן גאָל־דיג, און אַלטע חלומות זענען אין מיר ווידער וואַך געוואָרען.

יאַאַן האָט אויפגעהויבען זיין קאָפּ.

— יאָ, יאָ ליעבער הער — האָט דער מאַגיסטער געזאָגט — חלומות זענען ניט פיעל ווערט. אָבער דאָס, וואָס מיר האָבען גע׳חלום׳ט, דאָס קען דאָך אונז קיינער ניט צונעמען.

יאַאַן, וואָס האָט פאַרפאָלגט אַ גאַנץ אַנדערן געדאַנקענגאַנג, האָט אַ זאָג געטאַן:

— דאָס איז מיין לעצטער קאָנצערט טורנע.

— איך האָב געהערט — האָט דער פאַסטאָר זיך אָפּגערופען — אַז איהר ווילט מעהר ניט שפּיעלען.

— און פאַרוואָס ניט? — האָט געפרעגט דער מאַגיסטער.

יאַאַן האָט אריבערגעקוקט צום קלאַוויר:

— ווייל איך גלויב, אַז איצטער מוז איך עפּעס אויפטאָן.

דער מאַגיסטער האָט געוואָרפען אַ קוק דורך דעם צימער:

— צו וועלכע פאַרטיי ווילט איהר צושטעהן, ווען מען מעג פרעגען? — האָט ער געפרעגט און זיך אומגעדרעהט אויף זיין הינקענדיגען פוס.

עריך האָט גענומען עטליכע שטילע אַקאָרדען, און אַלץ נאָך גערעדט מיט גערדאַ׳ן וועגען יאַאַנ׳ען:

— ניין, אין די אלטע צייטען איז ער ניט געווען פרעהליך... דעמאלט פלעגט ער מייסטענטיילס זיין טרויעריג און פארשלאסען אין זיך. ווארים ער האט אייגענטליך ניט געהאט קיין אמת'ע היים דארט אויפ'ן אינזעל, ווארים זיין מוטער איז געווען טויט. און איך גלויב, אז זי איז ניט געווען זעהר גליקליך.

גערדא האט א פרעג געטאן האסטיג: — זי איז ניט געווען זעהר גליקליך?

— טיא! — איך וויים ניט. זי איז דאך געווען פון ווילע — האט געענטפערט דער גראף האלשטיין, גלייך ווי ער וואלט דערמיט געגעבען אן ערקלעהרונג.

און גלייך דערנאך האט ער צוגעגעבען, קוקענדיג אויפ'ן קלא־וויר:

— מיין פרוי איז דאך נאר פון לאיענבורג, פריילין יאהאנ־סען. — איך גלויב — און ער האט ווידער גענומען אקארדען — אז די ליעבע איז אזא עקספארט ארטיקעל, וואס טויג ניט אריבער־געפיהרט צו ווערען די גרעניץ.

גערדא האט אנגעשפארט דעם קאפ אן דעם קלאוויר און עריך האט ווייטער געשפיעלט:

— און דערנאך האט ער געלעבט אין די אלע פרעמדע לענדער

— האט זי לאנגזאם געזאגט.

— יא — האט געענטפערט יאאן און זיך אומגעדרעהט אויף דעם קלאוויר שטוהל.

— א גוטען אווענט, הער מאגיסטער! — האט ער מיט'ן קאפ א שאקעל געטאן צום הינקענדיגען — פריילין יאהאנסען און איך פילאזאפירען וועגען דעם, וואס די מענשען וויסען ערשט שפע־טער.

הע — האט זיך אפגערופען דער מאגיסטער — אלץ וויים מען ערשט שפעטער... מיר דערען און מיר וויסען אליין ניט פון וועלכען ווינקעל אין דער נשמה עס קומט. און די ווערטער וואס מיר רעדען, פיהרען אונז אלעמאל ווייטער — איין טראט ווייטער א קעגען א ציעל, איבער וועלכען מיר זענען זיך אליין ניט קלאר.

— מיט דעם האָט איהר רעכט — האָט עריך געזאָגט — דאָס גאַנצע איז ווי אַן אומדורכפאַרשענדע דעמערונג.

— יאָ — האָט צוגעגעבען דער מאַגיסטער — און די מענשען שטויסען זיך צוזאַמען אָדער לויפען פאַרביי איינער דעם צווייטען. וואָס זאָגט איהר, פריילין יאַהאַנסען?

— גאָר נישט — האָט זי געענטפערט און אַ שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ. ווען דער מאַגיסמער האָט אָבער אוועקגעהונקען, האָט זי אַ זאָג געטאָן:

— ווען ער וואָלט דאָ איצט פאַרבליבען!

— ווער? — אַ, אַזוי, יאַאַן?

דער גראַף עריך האָט אויסגעצויגען די ליפּען: — מיינט איהר ווירקליך, אַז דאָ לעבט זיך אַזוי שען... פאַר די, וואָס זענען דערצו געבוירען געוואָרען דאָ צו לעבען?

אין זעלביגען אויגענבליק האָט ער זיך אויסגעדרעהט צו יאַאַנ'ען, וואָס איז צוגעקומען צו זיי, און לאַכענדיג האָט ער געזאָגט:

— פריילין גערדאַ זאָגט, אַז זי מיינט, דו וואָלסט באַדאַרפט דאָ בלייבען.

און ער איז אויפגעשטאַנען.

אַ העלער שיין האָט אַרויסגעשטראַמט פון יאַאַנ'ס אויגען, ווען ער האָט געענטפערט:

— אָבער דאָ איז דאָך ניט מיין פּלאַץ.

גערדאַ האָט אַרונטערגעלאָזט איהר קאָפּ.

— איך מוז פאָהרען אַהיים — האָט יאַאַן געזאָגט, און האַסטיג איז איהם אַרויסגעפלויגען פון מויל:

— אָבער דענעמאַרק נעם איך מיט מיר.

— דאָס איז גוט — האָט עריך זיך אָבגערופען.

זיי האָבען גערעדט צווישען זיך און יאַאַן האָט קוים געוואוסט פון וואָס זיי רעדען. — ער האָט נאַר געהערט עריך'ס און גערדאַ'ס שטימען.

— וואו וועט איהר געהן, פריילין גערדא? — האט ער גע־פרעגט.

— איך בין דאך א באלעבאטישע טאכטער — האט גערדא געענטפערט און געפרואווט צו שמייכלען.

— פארוואס איז פריילין גערדא געווען אזוי טרויעריג? — האט יאאן געפרעגט ווען זי איז אוועקגעגאנגען.

— איך ווייס ניט — האט עריך געענטפערט — אבער מיר דאכט, אז מיר הויבען זיך אלע היינט ארויף און אראפ, גלייך ווי מיר וואלטען געווען קוועקזילבער אין דער צייט פון אן ערד־ציטערניש. — קום, מיר וועלען זעהן צו קריגען עפּיס, וואס מען קען טרינקען... וואו קען מען געפינען די זעהר געעהרטע פלאשען?

— האט ער זיך א ווענד געטאן צום דאקטאר, פון וועלכען ער האט געוואלט אנטלויפען.

— דא, אין דעם הויז — האט דער דאקטאר געענטפערט — קען מען זיי געפינען סיי אויפ'ן ערשטען עטאזש און סיי אין קעלער.

— און ער האט געלאכט איבער זיין אייגענעם וויץ.

ווען דער גראף האלשטיין איז אוועקגעגאנגען, האט דער דאקטאר ראאבעל א זאג געטאן אזוי ראש, גלייך ווי ער וואלט אנגעכאפּט א צאהן כדי איהם ארויסצוציהען:

— איהר האט גערעדט מיט דער מאדאם, הער גראף? — יא, זי האט געהאט א בייסענדיגען פארלאנג צו רעדען מיט אייך. נא, אמוזאנט איז עס דאך ניט... און באזונדערס פאר דער מאדאם... יעדער מוז פארשטעהן ווי אזוי צו נעהמען אט די פויערים לויט זיין טעמפעראמענט — ניט אמת? און איך בין גליקליכערווייזע א קאפּענהאגענער, פון אזא יאהרגאנג, אין וועלכען מען האט גע־לערענט אלץ צו נעמען פון דער קאמישער זייט. און ווען מען באַ־שליסט ביי זיך שוין איבערהויפּט, ליעבער הער, אין דער אינ־סטיטוציע, וואס מען רופט פארהייראט לעבען, אויסצוהאלטען (דא אין דעם געגענד זענען איבעריגענס ניטא פיעלע, וואס זענען ווערטה אויפגעהאלטען צו ווערען) — נא, וואס האב איך געוואלט זאגען? ווען מען מ ו ז שוין אמאל דערין בלייבען, ניט אמת? אזוי

זענען שוין די בשותפות'ע אינטערעסען דאָס, וואָס פאַרבינדט...
וואָס דאָס אַנדערע אַנבאַלאַנגט, אַזוי קען מען אַלס מאַן דאָך —
מיטהעלפען, ניט אמת?

— אָבער פון דער אַנדערער זייט ווידער — האָט דער דאָק־
טאָר ראַאבעל ווייטער גערעדט, און אין זיין קול האָט זיך דער־
פיהלט אַ געוויסע באַדענקליכקייט — פון דער אַנדערער זייט, ליע־
בער הער, ווען אַזאַ טאַלאַנט, ווי דער מאַדאַם'ס בלייבט ליגען ניט
באַנוצט, דאַן נאָגט עס דאָך איינעם ביים האַרצען און מאַכט איהם
זויער דאָס לעבען. ניט אמת? אַן אַנדערער פּאַסט זיך ווי עס
איז צו... נאַ, די מאַדאַם האָט אייך דאָס מסתמא אויספיהרלי־
כער געשילדערט...

— איך בין געוועזען באַשטימט פאַר דער אָפּערא קאָמיק — האָט
עס פלוצים פון איהם אַרויסגעפּלאַצט — אַ קליינע שטימע — האָט
ער געזאָגט — אָבער מען פלעגט מיר זאָגען: ש ו י ש פּ י ע־
ל ע ר י ש ע ב אַ ג אַ ב ו נ ג. מיין משפּחה איז אָבער געווען
געגען דעם... נאַ, די מאַדאַם האָט אייך מסתמא דערצעהלט. קורץ
געזאָגט — איך בין געוואָרען דאָקטאָר.

דאָקטאָר ראַאבעל האָט אויסגעשטעלט די ליפּען:

— דאָ איז דער געגענד.

— דעם בעסטען דאַנק — האָט ער אַ זאָג געטאָן צו דער מוהמע,
וואָס האָט אַרומדערלאַנגט ווייז. ווען יאַאַן האָט גענומען זיין גלאָז,
האָט ער אַ שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ און פאַרטרויליך צוגעגעבען:
(דער דאָקטאָר ראַאבעל איז בכלל געווען אַ פאַרטרויליכער מאַן,
וועלכער פלעגט רעדען מיט אַנדערע גלייך ווי נאָר ער און יענער
ווייסען דערפון):

— דאָ אין דעם הויז דאַרף מען נעמען, וואָס מען באַט אָן
פון די הינטערשטע קעלערן. — און ער האָט זיך אומגעקעהרט צו
זיין געדאַנקענגאַנג, וואָס האָט זיך געוויגט אַרויף און אַראָפּ, און
ער האָט ווידער אָנגעהויבען צו רעדען וועגען זיין דאָקטאָרשע
פּראַפּעסיע:

—נאַ, ווער ווייס צו וואָס האָס איז גוט געווען? ליעבער הער,

א קליין לאנד מיט א גרויסער הויפטשטאדט און א מערקווירדיגע קולטור — א קולטור, וואס געהט ביז צו א געוויסען גראד איבער'ן גאנצען לאנד. ווארים אט די ח ס ר ו נ ו ת, (און דער דאקטאר האט געמאכט א באוועגונג מיט'ן קאפ צום דירעקטאר צו) זענען דאך אויך א מין קולטור — א לאנד ווי דאס דא, ווערט קורין געזאגט, א מין טרייבהויז. א סך באגאבונגען, וואס זענען ארויפגעטריבען ביז צו א געוויסער הויך — א געוויסער הויך, ניט אמת? און ניט ווייטער. קריטיקירען אבער קענען אלע. און דער רעזולטאט, ליעבער הער? לאמיר בעסער שווייגען דערפון... אבער אין א פארהייראטען לעבען... מען קען דאך זיך אליין, ניט אמת? עפים אזוי צו זאגען „ניט אנערקענטעס" פיהלט זיך דאך אלעמאל — און צוויי אומצופריעדענע אין איין פארהייראטען לעבען — לאמיר בעסער שווייגען דערפון...

— האט א י ה ר א מאל געזעהן א גליקליך פאר?

— איך ניט, בעסטער — האט דער דאקטאר זיך אליין געענטפערט.

— נא, גליקליכערוועיז קען מען קוקען א י ב ע ר די זאכען — האט ער געזאגט און געטרונקען.

— אבער — און ווידער זענען דעם דאקטאר ראאבעל'ס געדאנקען אריבערגעשפרונגען צו אן אנדערן געגענשטאנד — עס איז דאך געווען צום באדויערען פאר דער מאדאם, וואס זי האט ניט געהאט די עהרע צו שפיעלען מיט דער „באריהמטהייט", ניט וואס איך וויל ארונטעררייסען דעם גראף האלשטיין, דאס וואלט געווען א זינד. ער האט שויז גענוג צרות... די גרעפין אין פאטסדאם און דער „גיפטמישער" דא... א דאנק...

יאאן האט געזעהן ווי פריילין גערדא האט אין צווייטען צימער, וואס איז ווידער געווען באדעקט מיט א טישטוך, ארומגעשטעלט שיסלען.

— זי איז רייצענד — האט דער דאקטאר פלוצים א זאג געטאן, — און זעהר סימפאטיש. מיין פרוי און איך האבען זיך געגעבען פיעל מיה זי אריינצוציהען אין אונזער קרייז, וואו מען

גיט זיך דאָך אָפּ מיט אינטערעסען. אָבער איך ווייס ניט, ליעבער הער, ווען מען רעדט מיט דעם מיידעל, דאַכט זיך ווי מען וואָלט די ווערטער אריינגעוואָרפען אין אַ ברונים.

— דאָס איז אמת — האָט יאַאַן געזאָגט און האַסטיג אויפגעהויבען די אויגען צום דאָקטאָר

— יאָ, ניט ? האָט איהר אויך געקראָגען דעם זעלביגען איינדרוק ? דאָס איז איבערהויפּט אַ מאָדנע פאַמיליע — נאָ, איך בין ניט זייער דאָקטאָר... איך בין פון קאָפּענהאָגען.

דער הער ראַאַבעל האָט דעם רויך פון זיין פּאַפּיראָס ארויסגעלאָזען דורך דער נאָז און געפרעגט:

— ווּעלען מיר אריינגעהן צו די אַנדערע ?

יאַאַן איז אריין אין עסצימער.

די געזעלשאַפט איז געזעסען עסענדיג ארום, מיט טעלער אין שוים, אָדער זיי זענען געשטאַנען אין די פענסטער נישען, און די מוהמע און גערדא האָבען ארומגעטיילט שיסלען. דער גראַף האָלשטיין איז געשטאַנען אויף דער שוועל פון טיר און באַלאַנסירט אַ טעלער מיט סאַלאַד.

די ביידע נאָרד־שלעזוויגשע פרויען האָבען געלאָזט שוועבען זייערע בליקען איבער די טעלער אריבער און איבער דעם צימער מיט זיין איינריכטונג. און איינע האָט אַ זאָג געטאָן צו דער פרוי לאָרענצען:

— פאַראַן מאָדנע מנהגים אין קעניגרייך דענעמארק.

די פרוי לאָרענצען, וואָס האָט געגעסען פאַמעליך, ווייל זי האָט געהאַט אַ געוואוינהייט די מאכלים אין פרעמדע הייזער צו פארזוכען מיט אַ מין פארטראַכטקייט, האָט אַ זאָג געטאָן:

— זיי וואָלטען וועלען זעהן ביי זיך אַזוי פיעל מענשען ווי עס איז נאָר מעגליך. אָבער ביי אונז אויף דער פאַבריק האַלטען מיר דערפון, אַז אַלע וואָס געפינען זיך אין קרייז זאָלען זיצען ארום אַ טיש...

— ביי אונז אויך — האָט זיך אָפּגערופען די צווייטע נאָרד־שלעזוויג׳שע פרוי. — ביי דער דענישער באַפעלקערונג.

דער דירעקטאָר אָבער, ווען דער קאנדידאט אוסינג האָט דערלאנגט א פרישע שיסעל, האָט זיך אָפגערופען:

— פרעמדע געסט ווערען געפייערט מיט פרעמדע מנהגים.

יאהאנסען, וועלכער איז פאמעליך ארומגעגאנגען פון איינעם צום אנדערען, האָט א זאָג געטאָן צו יאאַנ'ען:

— איהר מוזט פאר זיך אליין זארגען, הער גראף.

— יאָ געוויס, איהר מוזט א כאפ טאָן — האָט זיך אָפגערופען דער זייגערמאַכער, און ער האָט איילענדיג זיך אוועקגעקייקעלט כדי צו ברענגען א טעלער פאר יאאנ'ען — הער, גערדא, דער הער קאָנצערט געבער האָט גאָר נישט, און ער האָט זיך דאָך אָם מעהר־סטען פארדיענט.

פריילין גערדא האָט געכאפט א שיסעל און איז געבליבען שטעהן פאר יאאַאנ'ען.

— וואָס פאר א וואוילע באַלעבאָסטע איהר זענט דאָס! — האָט יאאַן געזאָגט.

— יאָ, ניט? — האָט געפרעגט דער זייגערמאַכער — ווער עס וועט זי קריגען, דער וועט ניט אריינפאלען...

גערדא איז ווייטער געגאנגען. איהר געזיכט האָט זיך פאר יעדען אָנגעבויגען איבער דער שיסעל מיט א שמייכעלע, פון וועלכען איהרע אויגען האָבען גאָר נישט געוואוסט.

דער זייגערמאַכער אָבער וועלכער האָט זיך אומגעקעהרט צו דעם, אז יאאַן האָט זיך עס פארדיענט, האָט א זאָג געטאָן:

— גאָט, עס מוז דאָך זיין א מורא'דיגע אָנשטרענגונג... געמיינט האָט ער דאָס שפּיעלען.

— ניט יעדער מענש וואָלט דאָס קענען אויסהאלטען.

זיי האָבען געפונען פלאץ אין א ווינקעל.

— איך האָב געזעהן ווי איהר האָט גערעדט מיט אונזער פאס־טאָר — האָט דער זייגערמאַכער געזאָגט — יאָ, יאָ, דאָס איז א הערליכער מענש, וואָס מען זאָל ניט זאָגען. און איך און מיין ברודער געהן טיילמאל אויך הערען איהם פרעדיגען.

אָבער עס איז דאָך נאָר א וועהטאָג צו זעהן ווי דאָרטען גע־

פינען זיך נאָר וועלכע 10 מענשען. איך זאָג עס אויך אַלעמאָל צו יאַהאַנסען: קענסט אַ ביסעל אַהין געהן, זאָג איך, כדי פּלאַץ אויסצופילען... ווארים יאַהאַנסען איז דאָך אומאָפּהענגיג און מיר אויך, ווען מען האָט אַ גוט געשעפט... נאַ, די פון דער הויכשול פיהרען דאָך ניט קיין עקאָנאָמישען קריעג — אַלענ־פאַלס ניט אַזוי אַפענבאַר... מעהר ניט, זיי טאָן געשעפטען, כדי צו שטיצען די מאַכט...

— אַבער האָט דער זייגערמאַכער ווייטער גערעדט — אויף דעם פּאַסטאָר איז דאָך אַן אמת רחמנות. ווארים וועט איהר אַזוי גוט זיין און מיר זאָגען, הער קאָנצערטגעבער, וואָס קען נוצען ווען ער פּרעדיגט, ווען קיינער הערט ניט זיינע דרשות... אויף דעם אופן קען מען דאָך קיין זאַך ניט אויפטאָן. אַבער פון דער אַנדע־רער זייט ווידער — (ווארים היינטיגע צייטען מוז מען דאָך די זאַכען פון אַלע זייטען באַטראַכטען. ניט ?) זעהט איהר דער מענש שטעלט זיך ניט אויף קיין צד. ער טרעט ניט אַרויס פאַר דער אינערליכער מיסיאָן, אָט דעם זויערען ביסען, און אויך ניט פאַר די גרונדטוויג'שע לעהרע... און ווער זאָל איהם קומען הערען — דאָ אין דער געגענד ?

דער זייגערמאַכער האָט זיך צולאַכט. און צוריקקומענדיג צו זיינע געדאַנקען האָט ער געזאָגט:

— יאַהאַנסען געהערט צו די מענשען, וואָס פרומקייט לאָזען זיי זיך באַזאָרגען פון זייערע פרויען...

דער סוחר יאַהאַנסען איז פאַרבייגעגאַנגען מיט דער האַנד אין טאַש. מען האָט געקענט זעהען די קנעכעל, גלייך ווי זיין האַנד וואָלט געווען צונויפגעדריקט אין אַ פויסט.

ער איז געבליבען שטעהן און געלאָזט שוויבען זיין בליק איבערן צימער.

— פּעטערסען, איהר קענט אויך נעמען אַ שיסעל.

און דער געשעפטספיהרער האָט פון טיש אַרונטערגענומען אַ

שיסעל און איז ארום געגאנגענע אנבאטען — (איצטער איז איהם גראד אויסגעקומען צו געהן הינטער גערדא)...

דער זייגערמאכער האט איהם נאכגעקוקט אין דער צייט, וואס ארום און ארום האט מען גערעדט און דער הער יאהאנסען האט אנגעגאסען ווייז.

— טיא ! — האט א זאג געטאן דער זייגערמאכער: — איך וואלט עס יאהאנסענ'ען פארגינען, ווען איהם זאל געהן ווי ער ווינשט עס זיך... גערדא איז א ערליך מיידעל און יאהאנסען האט עס פארדיענט א חוץ אלע זיינע חסרונות... ווארים ער איז דאך אן עקשן... און די לעצטע יאהרען האבען איהם ניט געמאכט ווייכער... און איך גלויב, אז פון זיין תכשיט אין ווילע וועט יאהאנסען קיין נחת ניט דערלעבען...

יאאן, וועמענס געזיכט עס האט באקומען אן אומרוהיגען אבער געשפאנטען אויסדרוק האט געזאגט:

— פארוואס ניט, הער פעטערסען ?

— איך היים לארסען — האט געענטפערט דער זייגערמאכער און אזוי געלאכט אז ער האט זיך געקלאפט אויף ביידע פיס.

— נעע ! — האט ער דערנאך א זאג געטאן: — דער תכשיט האט ניט קיין רוקען־ביין. — וואס טעאדאר דארף טאן, דאס וויל ער ניט; און וואס ער וויל, דערצו האט ער ניט קיין אויסדויער...

נא, אבער איצטער איז עס דאך אלץ איינס. ווארים פעטערסען וועט דאך אמאל איבערנעמען דאס געשעפט...

— דער געשעפטס פיהרער ?

— טיא. אזוי איז באשטימט. — האט געענטפערט דער זייגערמאכער. און נעמענדיג זיין גלאז אין האנד האט ער געזאגט:

— האט איהר שוין געטרונקען מיט דעם טאבאק־הענדלער ?

יאהאנסען וואס האט אנגעגאסען די גלעזער פון א פלאש באררדא ווייז, איז צוגעקומען ביז צום גראף האלשטיין, וועלכער איז געשטאנען נעבען דער פרוי פעטערסען.

— צו דעם סאלאד, יאהאנסען — האט א זאג געטאן גראף עריך. און גערעדט האט ער אין א ניט אויסגערעכענטען טאן: —

צו דעם סאלאד וואלט איהר אייגענטליך געדארפט ארויסקומען מיט אייער באַריהמטען בורגונדער...

— אמת אזוי, הערגראף — האָט גערענטפערט דער סוחר און געלאכט. און עפּיס האָט אין זיינע אויגען א בליץ געטאָן — איהר הייסט אייך נאר געבען, ווען איהר זענט צו גאסט ביי פויערים

— אבער — האָט ער צוגעגעבען און באהערשט זיין טאָן — איהר קענט דעם וויין זעהר גערן קריגען, נאר מיט א תנאי, אז איהר זאלט אייך איהם אליין געהן ברענגען. איהר ווייסט דאך וואו ער ליגט, הער גראף.

גראף האלשטיין האָט זיך אין די ליפּען געביסען.

— דאס איז גרויסארטיג! — האָט ער א זאָג געטאָן און פּלוצים האָט ער צוגעגעבען:

— אויב אזוי קעןדאך דער גראף אויהאזי אויך גלייכצייטיג אנקוקען אייער קעלער.

— יאָאן האָט ער אויסגערופען — מירביידע וועלען ארונטער־געהן אין קעלער אריין.

און אפשר כדי צוריק א שטאָך צו געבען יאהאנסען'ען האָט ער נאָך צוגעגעבען:

— און פרייליין גערדא קען אונז דאך באלייכטען דעם וועג.

— ניט אזוי פרייליין גערדא?

איין אויגענבליק איז געווען שטיל, ווען יאָאן האָט זיך אויפ־געהויבען.

— גערדא? — האָט א פרעג געטאָן יאהאנסען אזוי אז איהר קורצער נאָמען האָט געקלונגען גאנץ שארף: — יאָ, פאר מיינעט־וועגען, באלייכט דעם וועג פון די הערען, גערדא. די פרוי פּע־טערסען וועט דאך מסתמא מיטגעהן...

דער געשעפטספיהרער איז אין צווייטען עק געבליבען שטעהן מיט דער שיסעל אין דעם אויסגעשטרעקטען אָרעם.

— א דאנק. מיר האבען גענוג — האָט א זאָג געטאָן דער

קאנדידאט, וואס האט נאכגעפאלגט זיינע בליקען. און ער האט אריבערגעלאכט צו דער פרוי ראאבעל.

די פרוי ראאבעל האט אבער א זאג געטאן צום געשעפטספיה־רער:

— יא א דאנק. איך האב אויך גענוג. — זי האט ניט געקענט פארגעסען ווי דער גראף אויהאזי האט עס געמאכט קורץ מיט איהר און אפגעהאקט אין מיטען, און דערפאר האט זי זיך געווענדט צום קאנדידאט און געזאגט:

— אבער, ליעבער אוסינג. איך בין עהרליך געווען מודה צו זיין (אין מיטען דער יום טוב'דיגער שמחה), אז פאר מיר איז עס געווען אן ענטוישונג. גאט זאל אונז שיצען. עס איז דאך געווען וועלט קונסט — — מוז דאך מסתמא זיין... אבער עס איז מערקווירדיג, אז פיעלע פון די וואס זיי האבען דעם שם, אז זיי קענען צום מייסטען, און דאך ווען מען קומט צו נעהענטער צו זיי, זעהט מען אז זיי האבען גאר ניט קיין באגריף פון די ווער־טען...

יאאן איז צוגעגאנגען צו פרייליין גערדא:

— ווילט איהר אונז לייכטען ?

— יא... און אין איהר פנים האט זיך באוויזען א טיפע רויטקייט.

— א דאנק.

——אבער אזוי געה איך קיינמאל ניט ארונטער אין קעלער.

— פארוואס ניט ? — האט יאאן געפרעגט און געדאכט האט זיך ווי זיינע אויגען וואלטען וועלען איהר געזיכט באדען אין זיין בליק.

— מיין עלטערבאבע פלעגט דאס קיינמאל ניט ערלויבען. — האט געענטפערט גערדא און גערעדט האט זי ביי זיין שטראה־לענדען בליק אין אזא טאן, וואס האט זיך גאר נישט געפאסט צו איהרע ווערטער

— געהען מיר ? — האט געפרעגט די פרוי יעספערסען, וואס איז צוגעקומען צו זיי.

— וואוהין ווילען זיי דען געהן ? — האָט די פרוי לאָרענצען אַ פרעג געטאָן זעהר הויך, און זי האָט זיך אומגעדרעהט און זיי אָנגעקוקט.

הער קאַנדידאַט אוסינג האָט זיך אַריבערגעבויגען צו דער פרוי ראַאַבעל און האַסטיג געפּליסטערט :

— ווען קענען מיר זיך טרעפען ?

— עס זענען דאָ אַזוי ווייניג קראַנקהייטען היינטיגע צייטען

— האָט זי געענטפערט איבער דעם טעלער אַריבער.

דיביידע שלעזוויגער, וואָס זענען געזעסען ביים עס טיש, זענען אויפגעשטאַנען, און שווייגענדיג האָבען זיי שפּאַצירט אַהין און צוריק, ווי מענשען וואָס וואַרטען — אפשר וועלען זיי אַרויס־רופען אויפמערקזאַמקייט.

די פרוי ראַאַבעל האָט צו זיי צוגעווענדט דעם קאָפּ און גע־פרעגט :

— נאַ, ווי איז עס אייך געפעלען, הער מאַטהיעסען ?

— עס זענען דאָך געווען דעניש ליעדער — האָט דער הער מאַטהיעסען געענטפערט.

— יאָ געערטער הער, און אונגאַרישע סאָס.

... די פיער זענען אַרונטער די שטיגען. גערדאַ פּאַראַוים מיט אַ ליכט, און נאָך איהר איז געגאַנגען יאַאַן : ווי די טענער פון איהרער האָר האָבען זיך געביטען אין שיין פון ליכט ! אַמאָל זענען זיי געווען ברוין און אַמאָל שוואַרץ. הינטער זיי האָבען גערעדט די אַנדערע, ווען גערדאַ האָט אויפגעשלאָסען די טיר פון קאָנטאָר.

— מיר קריגען דאָך אַ לאַמטערן — האָט עריך געפרעגט :

— יאָ — האָט גערדאַ געענטפערט און אַרונטערגענומען די לאַמטערן פון פּאָליצע. זי האָט זי אָבער ניט געקענט עפענען.

— לאָזט מיך !... און יאַאַן האָט זי געעפענט.

דאָס שוועבעלע האָט געציטערט אין גערדאַ'ס האַנד, ווען זי האָט עס געוואָלט אָנצינדען.

— אייער האַנד ציטערט דאָך, פרייליין גערדאַ...

— יא — האט זי געזאגט און געפּרואווט לאכען — איך האב אלע מאל אזוי מורא פאר'ן קעלער.

— אבער פאר וואס דען ? — האט געפרעגט יאאן, און אנ־געצונדען די לאמטערן, אין דער צייט וואס האלשטיין האט אויפ־געשלאסען די קעלער־טיר.

— די עלטער באבע פלעגט אלעמאל זאגען, אז דארטען זענען ניט גוטע, כדי איך זאל ניט ארונטערגעהן.

— יא, א י ך וועל יעדענפאלס ניט מיטגעהן — האט א זאג געטאן די פרוי יעספערסען.

— אבער — האט גערדא זי האסטיג אונטערבראכען.

— נעע, איך בלייב דא — האט דעם גלח'ס ווייב געזאגט און זיך געזעצט אויפ'ן שרייב טיש. און גלייכצייטיג האט זי אויס־גערופען :

— קינדער, אט ליגט דא א טעלעגראם...

— גאט, ניין ! — האט אויסגערופען גערדא און געמאכט אזא באוועגונג ווי זי וואלט זיך וועלען צוהאלטען די אויערען, און האסטיג האט זי צוגעגעבען.

— פון וואנען קומט עס ?

פון קאפּענהאגען. — האט געענטפערט האלשטיין, וואס האט אריבערגעקוקט איבער דער פרוי יעספערסענס שולטער.

— אך אזוי !... — און גערדא האט אפּגעאטעמט.

— איצטער וועלען מיר ארונטער אין דער אונטערוועלט — האט עריך א זאג געטאן הויך, ווי איינער וואס וויל אפּהאקען.

— נעמסטו די לאמטערן ? עריך ?

עריך האט זי גענומען און ער איז שוין געהאט ארונטער די ערשטע שטיגען.

— ווי פינסטער דא איז ! — האט יאאן געזאגט — קומט פרייליין גערדא.

—יא — האט גערדא געזאגט און איז ארונטערגעגאנגען עט־ליכע שטיגען.

די לופט פון קעלער האט זיי אנטקעגען געשלאגען פייכט.

פאַרמישט מיט אַ געריך פון וויין. יאַאַן האָט זיך אומגעדרעהט אין דער האַלב פינסטערניש און איהר אָקעגען געשטרעקט זיינע הענד:

— קומט!...

— יאַ...

— נעמט אַן מיין האַנד.

אין שיין פון דער לאַמטערן האָט יאַאַן געזעהן איהר ווייס געזיכט.

— אַט איז מיין האַנד...

— אַך ניין — און פּלוצים האָט זי אַ שאָקעל געטאָן דעם קאָפּ, און געדאַכט האָט זיך ווי זי וואָלט רעדען דורך טרעהרען, קינדערשע טרעהרען — דאָס איז צו דום... איהר מוזט אַליין געהן.

— פרייליין גערדאַ — — — ווי שרעקעדיג איהר זענט!

— יאָ — האָט זי געזאָגט און זי איז די פּינף שטיגען צוריק ארויפגעלאָפען ווי זי וואָלט אַנטלויפען — און די טיר האָט זיך צוגעהאַקט.

יאַאַן'ס האַנד איז אַראָפּגעפאַלען, כמעט אַזוי ווי זי וואָלט אָפּגעהאַקט געוואָרען.

— געהסטו? — האָט עריך געפרעגט.

יאַאַן האָט ניט געוואוסט אַז ער איז שוין ארונטער אַלע שטיגען און איצטער איז ער געשטאַנען אויף דעם שימעלדיגען פייכטען באָדען.

— ווי שווער די לופט איז דאַ!

— יאָ — האָט עריך געענטפערט און געלאַכט, און אויפגעהויבען די לאַמטערן אַזוי אַז די פעסער האָבען אין דער האַלב פינסטערניש אויסגעזעהן כמעט ווי בייכער פון שיפען. — עס איז דאָך אויך ניט לויטער ריינע טרויבען וויין אַט אַ דאָס וואָס ליגט דאַ אין דעם פאַלקסטימליכען לאַגער...

ער האָט אויפגעהויבען די לאַמטערן העכער:

— אבער זעה נאר, אט די גאנצע מאסע שפירים. גרויס־ארטיג, ניט ?

— דא ווערט דאס דער גיפט געמישט.

פלוצים האט ער אויסגעדרעהט די לאמטערן :

— דו, זי האט געמיינט אז דאס טעלעגראם איז פון ווילע.

— דאס טעלעגראם ?

— יא, פון ברודער... וואלים פון איהם פלעגען קומען ; עקספרעס־מיטטיילונגען.

— וואס איז דען אייגענטליך מיט איהם ?

— איך וויים ניט גענוי — האט האלשטיין געענטפערט און געעפענט א ברעטער טיר. — ווען ער איז געווען אויפ'ן ים, האט ער עס ניט געקענט פארטראגען. און איצטער ווען ער איז אויפ'ן לאנד, מאכט ער דומהייטען, ווייל ער איז ניט אויפ'ן ים.

— דא איז דער קדשי קדשים— האט עריך א זאג געטאן און אוועקגעשטעלט די לאמטערן : — זעה, אלטער פריינד — דארט איז די גרויסע וויין־מאס... און דא ליגען די פלאשען.

עריך האט אנגעוויזען אויף די לאנגע פאליצעס, וואו אויבען און אונטען זענען געלעגען פלאש נעבען פלאש מיט אויסגעשטרעקטע העלזער.

— גרויסארטיג, ניט ? — האט ער געפרעגט.

— אבער דו ביזט דאך אין גאנצען בלאס — האט ער צוגע־געבען און אליין געאטעמט שווער — יא די לופט דא דריקט שווער.

— ער האט א ציה געטאן די ליפען, ווי ער וואלט געטראכט וועגען עפים און געזאגט :

— עס קען אויך זיין אז אט די לופט דא פון אונטען איז דאס, וואס דריקט אויף דער פאמיליע.

— וואס מיינסטו דערמיט ? — האט יאאן א פרעג געטאן ווי מיט א רוק.

— איך מיין, ווען מען האט אזוי אימער און אייביג דעם גערוך פון אט דעם שפירים אין הויז, קען דאס די פעהיגקייטען

ליכט טרייבען אין דער הויף — — און גלייכצייטיג דעם ווילען און דערגלייכען אפשוואכען.

— יאָ האָט יאַאַן זיך אָפּגערופען — דאָס פאַרשטעה איך.

— אָבער האָט ער האַסטיג אַ פרעג געטאָן — פריילײן גערדאַ ?

— זי איז זעהר אַ ליעבע. אָבער זי וואָלט ליעבער שוין געדאַרפט היינט איידער מאָרגען אַרויס פון דעם הויז.

— יאָ — האָט יאַאַן געזאָגט און צונויפגעדריקט די פויסט.

— נאָ. אָבער דאָ האָבען מיר דעם בורגונדער !... נעם די די ביידע פלאַשען... מיר דאַרפען דעם גיפט מישער ניט שוינען. האָסטו זיי ? אַ דאַנק !

עריך האָט גענומען די לאַמטערן :

— קום — האָט ער געזאָגט.

זיי זיינען ווידער געגאַנגען דורך דעם קעלער און עריך האָט פאַרשלאָסען די ברעטער־טיר.

— דאָס מערהסטע פון דעם שפּיריט — האָט עריך געזאָגט און באַקוקט די געוואַלטיגע פעסער — געהט איבעריגענס איבער די גרעניץ... און אביסעל קיין העיערופּ — האָט ער צוגעגעבען — ווען דער גיהנם וועט מיר צו הייס.

און פּלוצים האָט עריך זיך אָנגעשפּאַרט אָן אַ פאַס שפּיריט, און שטעהענדיג אַזוי מיט'ן שטערן אָנגעשפּאַרט אין האַלץ, האָט ער זיך אַזוי צעוויינט, אַז ער האָט געציטער.

— עריך ! עריך ! — האָט יאַאַן אויסגערופען.

— עריך ! — האָט ער געזאָגט שטילער — עריך. וואָס פעהלט דיר ?

— דער גיהנם ווערט מיר צו הייס ! — און עריך האָט ווייטער געוויינט.

— נאָן — האָט ער מיט אַ מאָל אויסגערופען, און זיך אומגעדרעהט, און אין דער צייט ווען זיינע טרעהרען זענען איהם נאָך געשטאַנען אין קול האָט ער געזאָגט : — דאָס איז גאָרנישט... קימער זיך ניט וועגען דעם.

ער האט מיט זיין טאשענטוך אפגעווישט זיין געזיכט.

— אזוי אונטער דער ערד קען מען אמאל באקומען אן אנפאל.

— קום! — האט ער געזאגט. אבער נאך עטליכע טריט איז ער ווידער געבליבען שטעהן, און כדי עפיס צו זאגען, און פון עפיס אנדערש צו רעדען, האט ער א זאג געטאן:

— אבער ווען די באנדע (די ווערטער זענען ארויסגעקומען לאנגזאם, גלייך ווי ער וואלט פריהער ערשט מוזען צונויפנעמען זיינע געדאנקען) ווען די באנדע אבער רעדט אויף יאהאנסען׳ען, ווערכער פארדיענט עס טאקי, וויל איך אבער זאגען, אז דעם די־רעקטארס שלעכטער אקאוויט איז צעהן מאל ערגער ווי יאהאנ־סענס גיפט...

— דער דירעקטאר פון דער הויכשול?

— יא, דער דירעקטאר און זיין גאנצע אפצאפונגס־אנשטאלט פון לעבענס־אנשויאונג, איז אויף קיין האר ניט בעסער. און דער געשמאק פון זיין קולטור־שפיריט ציהט דורך דאס גאנצע לאנד...

זיי זענען צוגעקומען צו די טרעפען. ביי דער אונטערשטער שטיג, האט עריך ארויפגעלעגט זיין נאך ציטערדיגע האנד אויף יאאנ׳ס שולטער:

יא, יא, יאסע. פאר איינעם ווערט דאס לעבען פרעהליכער ווי פאר דעם אנדערן.

— איצטער שנעל ארויף אויבען! — האט ער אויסגערופען און איז ארויפגעלאפען די טרעפ.

— עס האט לאנג געדויערט — האט א זאג געטאן די פרוי יעספערסען — איהר האט מסתמא אלץ געזעהן.

— יא — האט עריך געענטפערט.

גערדא אבער האט נאר אנגעשטעלט איהרע אויגען אויף יא־אנ׳ען.

— און יאאן טראגט דאס דעם אוצר — האט עריך געלאכט און אנגעוויזען אויף די פלאשען.

— איצטער וועלען מיר אויסלעשען די לאמטערן — האט ער געזאגט און א בלאז געטאן אין דעם אפענעם פלאם.

—יא — האט גערדא געזאגט שטיל, און געקוקט ווי א פאר־גאפטע אויף דעם פארלאשענעם ליכט.

— דאס טעלעגראם! — האט א זאג געטאן די פרוי יעספער־סען און עס צוגענומען.

יאאן האט געוואלט ארויפשטעלען די לאמטערן אויף דער פא־ליצע. גערדא אבער האט א זאג געטאן:

— ניין, דארט!... און זי האט זי אנידערגעשטעלט אויף אן אנדער ארט, און מיט א מאדנעם מידען שמייכעלע האט זי צו־געגעבען:

— דא האט יעדע זאך איהר באשטימטען פלאץ...

האלשטיין האט אויבען אויף דעם ערשטען עטאזש געעפענט די טיר, און איהם האבען אקעגען געשלאגען קולות. דער סוחר איז געשטאנען א גלייכער נעבען דער טיר, גלייך ווי ער וואלט געוואַרט.

— אט איז דער זאפט! — האט אויסגערופען עריך און אויפ־געהויבעןביידע פלעשער אין דער הויך.

— דענקט איהר ניט, הער גראף, אז די אנדערע דארפען אויך האבען א גלאז? — אין דעם סוחר'ס אויגען האט ווי פריי־הער א בליץ געטאן א פייערל און ער האט געגעבען א באפעהל צום געשעפטספיהרער, אז ער זאל ברענגען מעהר.

— און גלעזער! — האט ער א זאג געטאן צו גערדא'ן וואס איז אריינגעקומען מיט יאאנ'ען.

— יא, פאטער.

— די פון דער ליציטאציע. — האט יאהאנסען באפוילען און ער האט ווידער געהאלטען א פויסט אין קעשענע.

— יא, פאטער — האט געענטפערט גערדא, און זי האט פול מיט שיין אוועקגעקעהרט דעם קאפ.

עריך האלשטיין האט זיך א דרעה געטאן אויפ'ן קנאפעל. די געסט זענען געווען פארטיג מיט'ן מאלצייט און איצטער

זענען זיי פלוידערענדיג געגאנגען אריין און ארויס. אלע צימערן זענען געווען פול מיט רויך פון טאבאק.

יאאן איז אריין אין עס־צימער, וואו גערדא האט אויסגע־שטעלט גלעזער אויף א טאץ. זי האט זיי כמעט אליין ניט גע־זעהן, ווען זי האט זיי אויסגעשטעלט איינס נעבען ס'אנדערע, גלאז נעבען גלאז מיט ברייטע גאלדענע ראנדען.

— וועגען וואס טראכט איהר, פריילין גערדא ?

גערדא האט איהם ניט אנגעקוקט :

— נאר וואס האב איך געטראכט וועגען אייער מוטער. — האט זי געענטפערט.

יאאן האט א ווײלע געווארט שווייגענדיג

— איך מיין, אז איהר טראכט וועגען צופיעל אומעטיגע זא־כען. — האט ער דערנאך געזאגט.

— אומעטיגע ?

— איהר זענט אינערליך אזוי איבערגעשראקען — האט יאאן געזאגט, און זייערע שטימען האבען געהאט אין גאנצען דעם זעלביגען קלאנג

גערדא האט א שאקעל געטאן מיט'ן קאפ.

און יאאן האט שנעל א זאג געטאן :

— איהר וואלט באדארפט פון אט דעם אלעמען... זיך בא־פרייען — — — און אוועקגעהן

פריילין גערדא האט צוגערוקט איהר האנד ארום גלאז.

אבער גלייך ווי ער וואלט דערפיהלט אז ער האט צופיעל און צו העפטיג גערעדט, און ווי ער וואלט איצטער וועלען זיך צוריקכאפען, האט ער געזאגט :

— אייער שוועסטער צום ביישפיעל...

— מיין שוועסטער ? — ער האט עס קוים געהערט.

— יא, איך מיין... איך מיין אז איהר דארפט וועגען דעם ניט ארומגעהן מיט אזוי פיעל טריבע געדאנקען.

זיינע אויגען האבען זיך אפגעשטעלט אויף איהר ברוסט, וואס האט זיך שנעל געהויבען און ארונטערגעלאזען :

— יעדער מענש קען פריי באַשליסען איבער זיין לעבען — האָט ער געזאָגט. און אויפס ניי האָט ער העפטיג צוגעגעבען מיט אַ פאַרענדערטער שטים:

און איהר אויך איבער דאָס אייערינע.

איין אויגענבליק האָט זי אויסגעזעהן, ווי זי וויל אומפאַלען. דערנאָך האָט זי אַ זאָג געטאָן (און די ווערטער זענען ביי איהר ארויסגעקומען מיט מיה אבער דייטליך):

— עס איז ניט ווייל זי איז געשטאָרבען.

— וואָס דען?

גערדאַ האָט האַלב באַהאַלטען איהר געזיכט:

— ווייל זי האָט עפּיס אונטערגענומען, וואָס זי האָט ניט געקענט דורכפיהרען.

— גערדאַ — האָט אַ זאָג געטאָן יאָאַן און אָנגענומען איהר האַנד. אַ רגע האָט זי איהם געענטפערט מיט אַ האַנד־דרוק, ווי איינע וואָס טרינקט זיך.

— ווילט איהר אפשר אַנגיסען די גלעזער, פרוי ראַאַבעל?

— האָט גערדאַ אַ פרעג געטאָן דעם דאָקטאָר'ס ווייב, וועלכע איז געשטאַנען ביי דער טיר און האָט מיט לאַנגע בליקען שפּיאָנירט איבער איהר פּאַכער.

— דער געשעפטספיהרער וועט אייך צוהעלפען — האָט זי געזאָגט און איז ארויסגעגאַנגען

די פרוי ראַאַבעל האָט אָנגעהויבען אָנצוגיסען וויין. ווען יאָאַן איז נאָך געשטאַנען דערביי.

— יאָ, דאָ אין דעם הויז זאַמעלט מען פאַר דער צוקונפט. אַט די גלעזער דאָ, האָבען אַמאָל געהערט צום הויף אין העיערופּ.— זי האָט געלאַכט: — דאָס איז אַ דאַנק אַזאַ פאַר דער הילף, וואָס דער גראַף האָט ארויסגעוויזען...

פּלוצים זענען איהרע געדאַנקען אָפּגעשפּרונגען און זי האָט אַ זאָג געטאָן:

— דענקט איהר ניט, אַז איצטער איז געקומען די צייט — פאַר אַ ביסעלע מוזיק?

יאַן, וואָס האָט זיך קוים צוגעהערט, האָט געענטפערט:

— האָבען מיר שוין ניט געהאַט צופיעל מוזיק, גנעדיגע פרוי?

— און ער איז ארויסגעגאַנגען.

ביי דער פרוי ראַאבעל האָט זיך אויסגעגאָסען ווייך אויף דער זילבערנער טאַץ...

דער פּאַסטאָר איז געשטאַנען אליין ביי אַ פענסטער.

— אַך, איהר זענט עס, הער פּאַסטאָר! — האָט אויסגערופען יאַן, וועלכער האָט פּלוצים דערזעהן זיין פּנים.

— יאָ — האָט געענטפערט דער פּאַסטאָר, און אלס אַן ארט ערקלעהרונג פאַר יאַן'ס בלייבקייט, האָט ער צוגעגעבען:

— יאָ, די לופט אונטען אין די קעלערן איז שווער. — אָבער הער גראַף האָלשטיין — און ער האָט געשמייכעלט — ער וויים, וואו די ווייגען ליגען.

יאַן האָט ניט געענטפערט און אין א ווייל'ע ארום האָט דער גלח געזאָגט:

— מיין פרוי און איך, האַלטען אַ סך פון איהם. ער איז אַלעמאָל גרייט צו העלפען און העלפט מיט טאַקט.

— און די יעניגע — האָט ער פאָרטגעזעצט — די יעניגע וואָס מיין פרוי און איך וואַלטען וועלען העלפען, די קען מען ניט אַלעמאָל אזוי לייכט העלפען. ווארים זיי שטעהען אויסערהאַלב — — פונקט אזוי ווי מיר אליין. אָבער אין העיערופ קלאַפּט מען קיינמאָל ניט אַן אַן טיר אומזיסט...

דאַ האָט דער פּאַסטאָר באַמערקט, אַז יאַן הערט זיך ניט צו. ער האָט פון דעסטוועגען דאָך ווייטער גערעדט:

— ווען איהר, הער גראַף וועט, ווי מיין פרוי זאָגט מיר, אַמאָל אין אַ זומער ווידער קומען אַהער —

— — ווידערקומען?

— יאָ...

דער פּאַסטאָר האָט געביטען דעם טאָן:

— דעמאָלט וואָלט איהר אפשר קענען אויפטאָן עפּיס אַ גוטע זאַך.

— אַ גוטע זאַך ?

— מעג איך מיט אייך רעדען אָפען ? — האָט דער פּאַסטאָר פּלוצים אַ פרעג געטאָן — מען זעהט דאָך, ווי שטאַרק דער גראַף האַלשטיין האַלט פון אייך — — און איך גלויב, אַז ווען איהר זאָלט וועלען פאַרברענגען אַ זומער אין העיערופּ, וואָלט איהר דערמיט געטאָן אַ גוטע זאַך. דער גראַף האַלשטיין איז פּיעלזייטיג באַגאַבט... אָבער ער מוז אָנגערעגט ווערען.

יאָאָן איז געוואָרען אויפמערקזאַם און פּלוצים האָט ער אַ פרעג געטאָן :

— אָבער... יאַ, ענטשולדיגט הער פּאַסטאָר (און ער האָט פאַר זיך ווידער געזעהן עריך'ן ווי ער האָט געוויינט אָנגעשפּאַרט אויפ' ווייןפּאַס)... וואָס איז דאָס דער מעהר דאָרט אויף הע־יערופּ ?

— דאָס אייגענטליך ווייס קיינער ניט — האָט געענטפערט דער גלח — איך מיין אַז קיין מענש ווייס ניט, ווי אַזוי דאָס לעבען פון אַ צווייטען געשטאַלטעט זיך. מיר מענשען גלויבען אַז מיר זעהען. און דאָך זעהען מיר אפילו ניט דאָס, וואָס מיר האָבען פאַר אונזערע אויגען — —

יאָאָן האָט צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— די גרעפין איז דאָך... זי איז אפילו זיין קוזינע — — אָבער זי איז דאָך פון אַנדער לאַנד, וואָס איז אַלעמאָל געבליבען איהר פאַטערלאַנד...

— געבליבען ?...

— יאָ — האָט דער פּאַסטאָר פאָרטגעזעצט — איהר דאַרפט וויסען, איהר פאָטער איז גענעראַל־אַדיוטאַנטביים קייזער. די גרעפין קומט פון אַ גאַנץ אַנדערען קרייז... און דאָ איז זי קיינ־מאָל ניט געוואָרען היימיש — אויך ניט אויף העיערופּ — —

יאָאָן האָט זיך פאַרקוקט.

— און דאָן איז גראַף האַלשטיין צופיעל אַליין — — און — —

— יאָ — האָט אַ זאָג געטאָן דער פּאַסטאָר און האָט זיך אויך פאַרקוקט — דאָס גליק קען פאַר צוויי מענשען אויף פאַרשיעדענע

אויפנים צובראכען ווערען. — און אין א ווײלע ארום האט ער צוגעגעבען: — און וואלט דאס געווען אין אן אנדערע געגענד, ווי מען לאזט אויפקומען א מענשען מיט אן אײגענער מײנונג (ווארים דער גראף האט אן אײגענע מײנונג)... אבער דא אין דער געגענד...

די פרוי יעספערסען איז צוגעקומען צו זײ.

— וועט ניט בעסער זײן ווען מיר וועלען עפענען דאס פענסטער? — האט זי געפרעגט — דער רויך ציהט זיך אזוי שרעקליך צוזאמען.

דער פאסטאר האט געעפענט דאס פענסטער און זײן פרוי האט זיך אויף אן אויגענבליק ארויסגעבויגען.

פון האטעל דענעמארק האט ווידער אריבערגעקלונגען מוזיק.

—זײ נוצען אוים די צײט ווי עס דארף צו זײן — האט די פרוי יעספערסען א זאג געטאן.

יאאן האט אנגעשפארט זײן קאפ אן דער מויער און פון דאר־טען האט זיך געטראגען:

„מיר האבען ליעב דיך שטארק אזוי,
דו לאנד אין גרינע אײנגעהילט,
פון ים אומגערינגעלט גלאנצענדיג און בלוי,
און שענע מײדלעך, עדלע פרויען,
און מענער, בראווע יונגע לײט,
דײן לאנד זײ העלפען בויען.

— גאט, דאס טעלעגראם! — האט פלוצים אויסגערופען די פרוי יעספערסען און זיך א כאפ געטאן בײ דער קעשענע.

— וואס פאר א טעלעגראם? — האט געפרעגט דער פאס־טאר.

— פאר יאהאנסען — האט זײן פרוי געענטפערט און איז שנעל אוועק.

— וואס קען דאס זײן? — — ... דער פאסטאר האט אוים־געזעהן אומרוהיג.

— עס איז פון קאפענהאגען — האט יאאן א זאג געטאן גלייכגילטיג

— נא, גאט צו דאנקען. אויב עס איז אזוי איז עס נאר װעגען געשעפט.

אין האטעל דענעמארק האט מען ווידער געזונגען:

„אין דענעמארק רעדט מען, וואס מען מיינט,
צו וואהרהייט איז מען דארט געוועהנט.
געטריישאפט, ליעבע בליהען דארט,
און גאלד'נע עפעל וואקסען דארט
דעם שטיין פון חכמה קען מען דארט געפינען. — —"

און יאאן אויהאזי האט זיך נאך אלץ צוגעהערט...

II

— וואס איז דאס ? — וואס שטעהט דערין ? — האט דער זייגערמאכער געפרעגט דעם הער יאהאנסען, ווענען די פרוי יעס־פערסען האט איבערגעגעבען די טעלעגראמע, און וועלכער האט זי איבערגעגעבען דעם דירעקטאר, נאכדעם ווי ער האט זי איבערגעגע־לייענט.

— עס איז וועגען דעם נייעם מיליטערגעזעץ, וואס איז אנגע־נומען געווארען. — האט דער דירעקטאר געענטפערט.

— עס איז די פערגרעסערונג פון דער ארמע, וואס איז אנ־גענומען געווארען — האט ווידערהאלט דער סוחר.

— א יע, האט אויסגערופען דער זייגערמאכער און זיך צור־דיק אנידער געזעצט. — נו זענען מיר הייסט עס גליקליך אויפ'ן וועג.

די פרוי לארענצען האט אבער א זאג געטאן צום דירעקטאר:

— עס איז געקומען אזוי, ווי מיר האבען געהאפט.

דער סוחר יאהאנסען, וואס האט צוריקגעקראגען דאס טע־לעגראם און עס איינגעקנייטשט נאך אמאל און איבער אמאל, האט זיך אפגערופען:

— איצטער וועלען דאס די קאפענהאגענער הערען געוואל־דעווען אביסעל !...

און ער האט גענומען שנעלער געהן אויף און אפ, בעת דער דירעקטאר האט געענטפערט דער פרוי ראאבעל:

— נאטירליך, נאטירליך האבען מיר געהאפט אז עס וועט זיין אזוי. אבער פון דער אנדערער זייט, ווען מען פיהלט מיט מיט דעם פאלק אזוי ווי מיר... אזא פארשלאג ווי דער איז נויט־

ווענדיג. אודאי איז עס נויטווענדיג. אָבער ווען מען באַטראַכט פון אַלע זייטען... אַזאַ זאַך צושפּאַלט. עס צושפּאַלט — — אַיצטער ווען מיר וואָלטען געדאַרפט זיין גרייט אויפצונעמען אַלע גוטע קרעפטען — —

— צונויפנעמען איז גוט — האָט דער פאַבריקאַנט אַ זאָג געטאָן הארט — ערשט ווען מען ווערט באַשיצט פון די שונאים פון לאַנד.

— ליעבער הער פאַבריקאַנט — האָט איהם דער דירעקטאָר איבערגעהאַקט אין מיטען — מיר ווייסען דאָך, אַז איהר געהערט צו די רעכטע...

— איז דאָס דאָס מיליטערגעזעץ, וואָס איז אָנגענומען געוואָרען ? — האָט אויסגערופען דער דאָקטאָר ראַאַבעל, וואָס איז געקומען צולויפען מיט אַ באַגילדעט גלאָז אין האַנד.

— יאָ זיכער — האָט דער סוחר יאָהאַנסען געענטפערט און איז איהם פארבייגעגאַנגען. דער דאָקטאָר האָט זיך צולאַכט און געזאָגט :

— אויב אַזוי געהען מיר הייסט עס מיט אָפענע אויגען אין דעם פלאַמענדיגען שגעון אריין. אָבער האָט מען דען פון יענע הערען געקענט ערוואַרטען עפּיס אַנדערש ?

דער פאַבריקאַנט האָט געענטפערט און געטאָן האָט ער עס אַזוי ווי ער וואָלט רעדען מיט דעם דירעקטאָר :

— די פאַרטיידיגונגס זאַך האָט איהר גוטע זייט. זי וועט די לאַנד פאַרדאַרבער אויסשטעלען אין העלען ליכט פון טאָג.

— רעדט איהר מיט מיר, הער פאַבריקאַנט ? — האָט אויסגערופען ראַאַבעל, און דער דירעקטאָר, וואָס איז געשטאַנען אין מיטען קרייז האָט זיך אָפּגערופען :

— דאָ ביי דער שלעזוויג'שער גרעניץ וועט דער געדאַנק יועגען אַ ניט פאַרטיידיגט פאַטערלאַנד קיינמאָל קיין באָדען ניט געווינען.

— מיר האָבען אונזער אַלטען פּראָגראַם — האָט אוסינג חוזק געמאַכט פון אַ ווינקעל.

— ווער עס וויל גרינדען א פארטיי, דער מוז האבען א פראָ־גראַם. — האט געענטפערט דער דירעקטאר.

ראאבעל האט געמאכט אזא באוועגונג מיט דעם צונג ווי איהם וואלט ניט גוט געווארען:

— און דערנאך קען מען זיך באנוצען דערמיט אויף צום אפּווישען די שיסלען.

דער זייגערמאכער האט מיט הנאה געטרונקען פון זיין ולאז — און פלוצים זיך אפּגעשטעלט.

— מיר יונגע נעמען זיך ניט צוזאמען, כדי צו מאכען קאנ־צעסיעס — האט אויסגערופען אוסינג, וואס איז איצט געשטאנען מיט די הענד אין די קעשענעס.

און ראאבעל האט א זאג געטאן:

— א דא אין לאנד זענען דערפאר פּרעמיען — באשטימט.

יאאן האט פלוצים אויפגעהויבען זיין קאפּ און באטראכט די שרייענדיג־הערען.

— פון וואס רעדען זיי? — האט ער געפרעגט עריך'ן, גלייך ווי ער וואלט זיך אויפגעכאפּט פון שלאף.

— זיי ר ע ד ע ן. — האט עריך געענטפערט.

— אבער וועגען וואס?

— פון פארטיידיגען דאס פאטערלאנד, און פריינד — האט עריך געענטפערט. דאס רופט מען דא אין לאנד פּאליטיק.

אוסינג אבער, וואס האט גערעדט היציג, האט א זאג געטאן, אז מען דארף נאך איינס ניט פארגעסען. נעמליך, אז מיר יונגע זענען ערצויגען געווארען אויף די אלטע אמת'ן.

די פרוי לארענצען האט איהם אונטערבראכען, דערמיט, וואס זי האט איבערגע'חזר'ט דאס ווארט „אמת'ן", און איהר קין האט זיך געגוידערט איבער דער גאלדענער קייט און איהרע בליקען האבען געשוועבט פון דעם קאנדידאט אוסינג צו דער פרוי ראַ־אבעל, וועלכע האט זיך באוויזען אויף דער שוועל, וואו זי איז געשטאנען מיט דעם האנד־געמאלטען פאכער ווי מיט א שטע־קעלע אין דער אויפגעהויבענער האנד.

— דאס אלטע פראגראם — האט אוסינג געזאגט צום פאַ־
בריקאנט איז געווען נייטראליטעט, וואס זאל אנגעמעלדעט ווערען
צו די גרויס מאכטען און א פאליציי וואך.

דער דירעקטאר האט זיך אפגערופען, אז אויך ער האפט, אז
ביי אזא שווערע פראגע, וועט מען די באפעלקערונג רוהיג פאר־
בארייטען.

— דעם פאלקס־גייסט פארבערייטען — האט גערעדט דער
דירעקטאר — דעם פאלקס־גייסט, וועלכען ווען ער ווערט אויפגע־
וועקט, האט ער אין דענעמארק נאך קיינמאל ניט פארזאגט.

דער גראף האלשטיין, וואס איז אומבאוועגליך געשטאנען
אנגעלעהנט ביי א וואנט, מיט א ציגארעט צווישען די ליפען, האט
איבערגעשריען די קולות:

— און אין דער צייט, וואס איהר וועט פארבא־
רייטען, הער דירעקטאר?

דער דירעקטאר האט זיך אומגעדרעהט:

— אין אונזערע אויגען, הער גראף, האט גאט אלעמאל גע־
האט זיין באשטימטע מיינונג וועגען אונזער קליינעם דענעמארק.

— און די מיינונג איז זייט עטליכע הונדערט יאהר געווען:

— אז יעדער נעמט זיך דאס, וואס ער קען קריגען.

— עס קען זיין — האט געענטפערט דער דירעקטאר, ווע־
מענס אדם־עפעלע האט זיך געווארפען ארויף און אראפ — עס
קען זיין, אז ניט יעדער זעהט, וואס עס איז אויפגעהאלטען גע־
ווארען.

— ניין, הער דירעקטאר! — און עריך האט נאכגעקוקט דעם
רויך פון זיין ציגארעט — איך ווייס עס ניט.

— אבער — האט דער דירעקטאר א זאג געטאן אין מיטען
זיין קרייז — פריהער פאר אלץ מוז די ליעבע צום פאטערלאנד גע־
שטארקט ווערען...

— און דערנאך מוזען ארויסרוקען די קאנאנען — האט אויס־
געראפען ראאבעל און געלאכט און ער האט אויסגעשריען: —
און ווען די קאנאנען האבען שוין ארויסגערוקט, בויען מיר פולווער

טורעמס, און ווען מיר האבען שוין געבויט פּאָלוועריטורעמס, באַ־פעסטיגען מיר די וואלען. און ווען די וואלען זענען באפעסטיגט — פאלען מיר פאר׳ן פאטערלאנד...

ער האט א מאך געטאן מיט דער האנד אין דער לופט, ווי ער וואלט עמיצען א פּאטש געגעבען.

— אויף דעם קענט איהר אייך שוין פארלאזען. דערמאנט איהר זיך ניט דעם איבערגאנג קיין אלסען, מיין הער ?

דער מאגיסטער האט זיך אויפגעהויבען פון זיין שטוהל אין א ווינקעל :

— פריהער איז געקומען די פעל. — האט ער געזאגט.

— דאס האט איהר אביסעל צו שפּעט ענטדעקט — האט זיך אפּגערופען דער דאקטאר און אלע האבען זיך צולאכט.

יאאן איז אריין כמעט גאר אין מיטען צימער, און דא איז עס געוועזען גערדא,וועמען ער האט ווידער געפרעגט און מיט דעם זעל־ביגען קול, וואס פריהער :

— אבער וועגען וואס ווערט דא גערעדט ?

גערדא האט געענטפערט :

— אך, דאס איז גאר פּאליטיק.

— אבער וועגען וואס האנדעלט עס זיך דען ?

— דא אין דער געגענד האנדעלט עס זיך אלעמאל וועגען דער לאנד פארטיידיגונג. —— האט זי געענטפערט, ווי איינע וואס רעדט וועגען עפּיס, וועגען וועלכען זי האט אליין ניט נאכגע־טראכט.

— די פארטיידיגונג ? — האט יאאן געפרעגט — די פאר־טיידיגונג פון לאנד ?

— יא — האט געענטפערט גערדא, האלב איבערראשט דורך עפּיס אין זיין קול.

יאאן האט זיך דערוויטערט עטליכע טריט פון איהר, מיט א מאדנעם געשפּאנטען אויסדרוק אויף זיין געזיכט (אפשר גע־שפּאנט פון דעם, ווייל ער האט געוואלט פארשטעהן די אלע פרעמ־דע ווערטער).

דער פאַבריקאַנט אָבער האָט אַ זאָג געטאָן איבער דעם צימער צו דאָקטאָר ראַאַבעל, וועלכער האָט נאָך אַלץ געהאַלטען ביי זיינע קאַנאַנען:

— די פאַרטיידיגונג איז אָבער גאָר נישט די פאַרטיידיגונג, נאָר די זאַך איז עס, וועלכע...

— וועלכע? — דער דאָקטאָר ראַאַבעל האָט זיך אַ הויב געטאָן ווי אַ האָהן וואָס איז גרייט צו שלאָגען זיך.

— די זאַך, וועלכע צוטיילט די יעניגע, וואָס זענען אָדער פאַר אונז אָדער געגען אונז. — האָט פאַרענדיגט לאַרענצען.

פון דעם דאָקטאָרס אויגען איז אַרויסגעפלויגען אַ קליין שמייכעלע, וועלכעס האָט געטראָפען דעם פאַבריקאַנט גלייך אין פנים אַריין, איידער ער האָט אַ פרעג געטהאָן:

— אין וועלכער באַציהונג, הער פאַבריקאַנט?

געדאַכט האָט זיך ווי דער פאַבריקאַנט וואָלט זיך פלוצים אויסגעגליטשט. דער דירעקטאָר האָט זיך איצט אָבער געווענדט צו ראַאַבעל'ן:

— פריינד לאַרענצען איז גערעכט. — האָט ער געזאָגט — אָט די זאַך איז די מאַרקע פאַר גרויסע זאַכען.

דער טאַבאַקהענדלער איז געשטאַנען הינטער יאַאַנ'ען:

— האָט איהר באַמערקט ווי לאַרענצען איז קליין געוואָרען?

— האָט ער געלאַכט איבער יאַאַנ'ס פלייצע — מיט דעם דאָקטאָר ראַאַבעל זיך פאַרמעסטען.

און דער טאַבאַקהענדלער איז געבליבען שטעהן אין מיטען צווישען די שטרייטענדיגע, מיט די הענד פאַרלעגט אויפ'ן רוקען, און ער האָט געשוויצט פון הנאה.

דאָקטאָר ראַאַבעל האָט זיך ווידער געווענדט צום דירעקטאָר און מיט אַן אָראַטאָרישע קאַזשעליק האָט ער אויסגעשריען:

— איך קען דאָ אין לאַנד ניט קיין בעסער מיטעל, וואָס זאָל דינען דעם צוועק, ווי די רייד וועגען פאַרראַט...

די פרוי ראַאַבעל האָט מיט איהר פאַכער דעם מאַן אַ שטויס

געטאן אין רוקען, און ווען ער האט זיך אומגעדרעהט, האט זי שטיל א פרעג געטאן:

ביזטו אין גאנצען פאררוקט?

— עס זעהט אזוי אויס, מאדאם — האט ער שטילערהייט געענטפערט — א ראיה, אז איך האב מיט אייך רחמנות געהאט.

דער דירעקטאר אבער האט זיך געווענדט צו די שלעזוויגער, וואס זענען געשטאנען אביסעל פאראיינזאמט. און ער האט מיט זיי גערעדט וועגען די בירגערליכע מיליטערישע פאראיינען, אין וועלכע ער זעהט אן אויסוועג.

— ווארים דער טאג וועט קומען — האט ער געזאגט — ווען רעכט וועט געהן פאר מאכט.

די פרוי ראאבעל איז טאנצענדיג געגאנגען איבער דעם צימער (צוויי העקעלעך זענען הינטען אויף איהר קלייד געוועזן אויפגעשפילעט), און זי איז צוגעגאנגען צום קאנדידאט אוסינג.

— אוסינג! — האט זי שטיל א זאג געטאן — איהר דארפט זיך היטען פאר דער פרוי לארענצען.

— אי וואס. א מענש מעג דאך האבען זיינע איבערצייגונ־גען — האט דער קאנדידאט געברומט.

— דו מוזט דאך אבער אויך האבען איינזעהעניש — האט זי געזאגט — דו קענסט דאך דאס פרויענצימער.

— דו דארפסט זיך ניט זשענירען, און רעדען נאך העכער — האט דער קאנדידאט געענטפערט בייסיג.

די פרוי ראאבעל האט אוועק געשוועבט ווייטער און צוגעגאנ־גען צו יאאנ'ען:

— פון אט דעם אלעמען — האט זי פריינדליך א זאג געטאן (און זי האט נאך אלץ געהאפט צו שפיעלען מיט איהם צוזאמען דעם „זומערנאכטסטרוים“ פיער־הענדיג) — פון אלעמען פאר־שטעהט איהר גאר נישט...

ניין — האט יאאן געענטפערט, נאך אלץ מיט דעם זעלביגען אויסדרוק אין פנים — איך פארשטעה עס ניט.

— איך אויך ניט — האט די פרוי ראאבעל געזאגט, און ארויפ־

געקוקט צו איהם — מענשען פון אונזער סאָרט אַנטלויפען פון דער ווירקליכקייט. ניט אמת ?

מען האָט אַלץ נאָך געהערט דעם גלייכמעסיגען ווערטער שטראָם פון דעם דירעקטאָר, איבער די שיצען־פאַראיינען, און דאָק־טאָר ראַאַבעל האָט אין דער זעלביגער צייט געשריען אין ווינקעל, ענדליך האָט ער זיך געווענדט צום טאַבאַקהענדלער און געזאָגט:

— דער העלער שגעון קען דאָך ניט זיגען !

פּלוצים האָט ער זיך ווי א שלאַנג א לאָז געטאָן צו יאַאַנ'ען און געפרעגט:

— פון וואָס רעדט די מאַדאַם ?

— מיר רעדען דערפון אַז מיר פאַרשטעהען גאָר נישט פון דעם אַלעמען — האָט געענטפערט די פרוי ראַאַבעל.

— דאָס וויל איך גערן גלויבען — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט.

— א פרעמדער,ליעבער גראַף — און ער האָט געלאַכט — ווען ער פאַלט צופעליג אריין צו אונז אין לאַנד, מוז ער מיינען, אַז דאָס איז ער אריינגעפאַלען אין א דולהויז. דאָ איז יעדער געזונטער פאַרשטאַנד טויט. א פרעמדער וועט דאָ גאָר נישט קענען דערגעהן.

ער האָט אַנגעכאַפּט יאַאַנ'ען ביים לאַץ, און אַזוי רעדענדיג בסדר, האָט ער איהם אוועקגעפיהרט פון דער מאַדאַם:

— א לאַנדספאַרטיידיגונג, ליעבער גראַף. האָט איהר שוין א מאָל געהערט פון עפּיס אַן עהנליכען שגעון ? א פאַרטיידיגונג פון אַט דעם שטיקעל ערד... א פאַרטיידיגונג מיט אונזערע סאָל־דאַטען ? האָט איהר געזעהן אונזערע סאָלדאַטען ? ניין, נאַ, איהר וואָלט אייערע אויגען ניט געטרויט. (דער דאָקטאָר האָט גע־לאַכט): ליעבער הער, מיר ליגען צווישען צוויי גרויסמאַכטען, גרויסמאַכטען, מיין ליעבער, גיט זייט מוחל א קוק אויף דער לאַנדקאַרט. און מיר זאָלען טראַכטען דערפון זיך צו פאַרטיידי־גען ? ווען די הערען ווילען זיך דאָס איינרעדען,דאַן דאַרף מען זיי — ניט אמת ? — אַנטאָן צוואַנגסיאַקען. וואָס מיר ווילען, מיר וואָס האָבען אביסעל שכל אין מוח, וואָס מיר ווילען, דאָס איז

גאנץ קלאר. קלאר און איינפאך: מיר ווילען דאס לאנד לאזען אפען ליגען. און ווען דאס לאנד ליגט אפען, ווען עמען ווער דאן איינפאלען דער געדאנק צו קומען און עס באזעצען? ניט אמת?

— און ווען עס זאל באזעצט ווערען — ניט אמת? דעמאלט מאכט מען א געוואלד, ליעבער הער, און גאנץ אייראפא נעמט זיך אן פאר אונז...

— אין איין הינזיכט אבער (דער דאקטאר ראאבעל האט א הויב געטאן די פלייצעס אין דער הויך) אין איין הינזיכט האבען די לייט יא עפּיס אן ענטשולדיגונג. ווארים אייגענטליך נעמט אין גאנצען לאנד אפילו א קאץ די זאך ניט ערנסט. ליעבער גראף מיר דענער, זענען דאך, גאט צו דאנקען, א פאלק פון איראניקער. און א פארטיי מוז דאך האבען עפּיס א זאך.

און מיר אנדערע (און דער דאקטאר האט ווידער געלאכט) מוזען דאך אויך עפּיס האבען אקעגען וואס מיר זאלען קענען קעמפען...

ער האט ווידער געלאכט.

— די פארטיידיגונגס־זאך, ליעבער גראף צווישען אונז גערעדט, ווען די פארטיידיגונגס־זאך וואלט געשטארבען — וואלט דאס געווען א טויט קלאפּ פאר דעם ראדיקאליזם.

דאקטאר ראאבעל האט אנגעקוקט יאאנ'ען, וועמענס פּנים עס האט אויסגעזעהן מיעד אדער כמעט געפּייניגט, און ער האט א זאג געטאן:

— נא, אט דאס אלץ קענט איהר דאך מסתמא פון אייער איינענעם טייערן פאטערלאנד...?

— איך האב ניט קיין פאטערלאנד — האט יאאן געענטפערט פאמעליך.

— ניין, נאטירליך — דער דאקטאר האט געשמייכעלט — אזא מאן ווי איהר ווערט א קאסמאפּאליט. דאס איז קלאר...

און ווי ער וואלט געפינען א מענשען וואס דענקט אזוי ווי ער, און וועמען ער קען אלץ פארטרויען, האט ער געזאגט:

— אבער ליעבער פריינד, צווישען אונזערע פיער ווענד זענען מיר דאך דאס אלע, גאט צו דאנקען. די צייט געהט אלץ פארווערטס, ניט אמת? און ווען איך זאל האבען א זוהן — (די מאדאם האט מיך ליידער נאר באשאנקען מיט טעכטער) דאן וואלט איך... אבער אזא זאך טאר מען דאך חלילה ניט הויך ארויסרעדען... דאן וואלט איך איהם אויפריכטיג געוואונשען, אז מיר זאלען שוין זיין איינגעשלונגען פון דייטשלאנד. דאס וואלט נאר געווען א טובה. — א גרויס פאטערלאנד. ניט אמת? אין א גרויס פאטערלאנד, זענען פאראן גרויסע שאנסען...

— אבער עס וועט שוין קומען אמאל — האט ער ווייטער אנגעהויבען.

— אונזער דור האט געמאכט פארטשריט. און אונזערע קינדער (דער דאקטאר האט א קנאק געטאן מיט דער צונג), וועלען שוין ניט זיין סענטימענטאל.

— מיין היים־אינזעל איז מיט בלוט באדעקט — האט יאאן א זאג געטאן און גערעדט האט ער ווי פריהער.

— וואס איהר זאגט. — האט אויסגערופען ראאבעל, וועלכער איז דורך עפיס אין יאאנ'ס טאן צומישט געווארען.

— ער איז באדעקט מיט דעם בלוט פון מיינע אורעלטערן.

דער דאקטאר האט געלאכט אבער מיט אן אומזיכערען געלעכטער:

— יא, אנדערע צייטען, אנדערע פארשטעלונגען. ניט אמת?...

— און אנדער ראסע, אנדערע ראסען, בעסטער הער.

— אבער מיר דענער און בלוט. בעסטער הער, מיר דענער און בלוט פארגיסען! אונזערע פעהיגקייטען געהן ווירקליך ניט אין יענע ריכטונג. ווען ווער זאל וויסען, וויפיעל פון מיינע קאלעגען גיבען אויף זייערע ערצטליכע קורסען, ווייל אין אפעראציאנס זאל פאלען זיי אין חלשות...

— יא איהר לאכט — האט ער פלוצים א זאג געטאן — איהר לאכט האט ער איבערגע'חזר'ט און א קוק געטאן אויף יאאנ'ען, וואס האט א ווייל זיך צולאכט.

און פלוצים האט דער דאקטאר א טראכט געטאן ביי זיך (ווארים יאָאן האט געמאכט דעם איינדרוק, ווי אין איהם וואלט גאר קיין לעבען ניט געווען)

— דער מענש האט קיין ווארט ניט פארשטאנען.

— דער עזעל האט אפילו קיין טאן ניט פארנומען.

און ניט ווייסענדיג וואס ער זאל זאגען, האט דער דאקטאר געקוקט אויף זיין ציגארעט ביז ער האט זיך א דרעה געטאן אויפ׳ן קנאפעל, און איז אוועק.

— ער איז דאך דום — האט ער געזאגט צו זיין פרוי, וואס איז געשטאנען אין דער טיר.

— דאס האב איך שוין לאנג באמערקט — האט זיין פרוי געענטפערט.

— האפנונגסלאז דום! — האט דער דאקטאר געזאגט.

ווען ער האט זיך אומגעדרעהט, האט ער געזעהן ווי האנס האאקע זיצט האלב פארבארגען אונטער א גארדין און קוקט פארגאפט אויף זיינע אביסעל צו גרויסע פיס.

— איהר זענט מיעד? — האט דער דאקטאר געענטפערט און געלאכט — יא אזא רייזע איז זיכער ניט קיין זעהר גרוים פארגע־ניגען.

באזונדערס ניט פאר דעם יעניגען, וואס מוז אלעמאל נאר זיין נומער צוויי. — האט זיך אריינגעמישט זיין פרוי.

— אבער ווייניגסטענס — האט זי צוגעגעבען — מאכט מען דאך ניט אומעטום אזעלכענע שפעקטאקלען צווישען די קוליסען ווי דא. איך האב מיט אייך מיטגעפיהלט.

— וואס מיינט איהר דערמיט, גנעדיגע פרוי? — האט האנס האאקע געפרעגט.

— איך באוואונדער אייך. איך מיט מיינע נערוועז וואלט ביי דעם ש א מ פ א נ י ע ר ליארעם, ניט געקענט שפיעלען.

— מען געוועהנט זיך צו אלץ — האט געענטפערט האאקע, וואס האט גאר קיין ליארעם ניט אנגעהויבען צו הערען. ער האט זיך אבער געפיהלט געשמייכעלט, וואס מען האט איהם באדויערט.

— טיאַ, אַנגענעהם מוז דאַס ניט זיין — האָט זיך אָפּגערופען דער דאָקטאָר.

גערדאַ האָט ווידער געהאַט אַנגעגאָסען וויין, און איצטער האָט זי זיך באַוויזען אין טיר מיט אַ טאַץ, ווען די פרוי יעספּערסען איז איהר אַקעגען געגאַנגען.

— גערדאַ — האָט זי אַ פרעג געטאָן שטיל — פאַרוואָס האָסטו גענומען די גלעזער... דער גראַף האַלשטיין איז דאָך אַליין דאָ ?

— דער טאַטע האָט אַזוי געוואָלט — האָט געענטפערט גערדאַ, ניט אוֹיפהויבענדיג די אויגען.

— איך האָב אַליין אַזוי געטראַכט — האָט די פרוי יעספּערסען געזאָגט — און זיך ווענדענדיג צו יאָאַנ'ען האָט זי פאָרטגעזעצט:

— איהר זענט מיעד, הער גראַף, אָבער ווען די הערען הויבען אָן צו רעדען פון פּאָליטיק, איז געוועהנליך פאַראַן אַ סך וועש...

— איך טראַכט דערביי וועגען עפּיס אַנדערש — האָט געענטפערט יאָאַן.

— איך אויך — האָט געענטפערט די פרוי יעספּערסען לאַכענדיג.

—און דאָך איז געוועזען אַ צייט — און זי האָט געביטען איהר קול — ווען אויך איך האָב זיך באַטייליגט דערין צו זאַמלען אויף קאַנאָנען. אָבער שוין צוואַנציג יאָהר ווי מען רעדט וועגען דעם.

און איך וויים ניט, און איך גלויב, אַז מיר דענער האָבען אַ טבע צו זעהען אַ זאַך פון אַלע זייטען און גלייכצייטיג אַלעמען און קיינעם ניט קיין רעכט צו געבען. מיר וויקלען און וויקלעןדעם פאָדים ביז דער קנויל בלייבט ליגען אין שוים און דער גאַנצער פאָדים ווערט פאַרפּלאָנטערט.

— אָבער האָט די פרוי יעספּערסען פאָרטגעזעצט — אפשר האָבען מיר פּשוט ניט קיין כח צו טראַכטען וועגען דעם, וואָס עס וועט געשעהן אין צוואַנציג יאָהר אַרום.

— ניט קיין כח ? — האָט איבערגעפרעגט יאָאַן.

— אפשר פעהלט דאָס מיר — האט געענטפערט די פרוי יעס־פערסען — עס איז דא א גרעניץ, וואו מיר דענער פארלירען די קראפט.

יאַאן האָט זיינע אויגען אָנגעשטעלט אויף גערדאַ'ן.

פיליכט באאיינפלוסט פון יאַאנ'ס גערענקענגאנג, איז די פרוי יעספערסען פלוצים איבערגעגאנגען אויף עפּיס אנדערש און זי האָט א זאָג געטאָן:

— גערדאַ'ן איז אויך ניט אזוי לייכט... זי זיצט אין מי־טען צווישען דעם קויפמאַן און דעם געשעפטספיהרער.

— אויב אזוי דארף פרייליין גערדא אויפשטעהן — האט יאַאן זיך אָפגערופען און געוואָלט לאַכען.

דער דירעקטאָר האָט איצט ווידער גערעדט וועגען זיין פאָלקס־ערציהונג:

— ווען מיר זאָלען נאָר אונזער פארטיידיגונג אָנרופען „פריע־דענס וועהר“ און פון איהר מאַכען א גליעד אין דער ריכטיגער און געזונטער ערציהונג...

— דאָס וואָלט געווען א טייער גליעד — האָט זיך אָפגערופען אוסינג, ווען אויגען עס האָבען כסדר נאָכגעפאָלגט די פרוי ראאבעל און האנס האאקע.

— אַט האָבען מיר עס! — האָט פלוצים אויסגערופען די פרוי יעספערסען — אי צ ט ע ר האט זי דערגרייכט דאָס איהריגע.

פון צווייטען צימער האט זיך דערהערט מוזיק פון קלאַוויר.

— גאָט צו דאנקען! — האָט אויסגערופען דער טאַבאַק־הענד־לער און א שמיצער געטאָן — ענדליך רייט זי אויף דעם באָק... זי האָט לאַנג געגוג געווארט דארויף...

דאָס האָבען די פרוי ראאבעל און האנס האאקע געשפּיעלט פיערהענדיג.

— דאָס מוז איך ז ע ה ן — האָט אויסגערופען די פרוי יעספערסען און איז צוגעגאנגען צום קלאַוויר.

— לאָמיר זיך זעצען, הער קאָנצערט־געבער — האָט פאָרגעשלאָ־

גען דער זייגערמאַכער — וואָרים דאָס וועט מסתמא ווערען אַ לענ־
גערע זאַך...

די קולות אַרום זענען אָפּגעשטאָרבען, ווען דער דאָקטאָר האָט
זיך אַ לאָז געטאָן איבערן צימער:

— סט!

דער טאַבאַק־הענדלער האָט יאָאַנ׳ען אַ שטופּ געטאָן מיט זיין
דיקען עלענבויגען און שטיל געזאָגט: — איצט האָבען זיי זיך
שוין אָפּגעקריגט; אַמוזאַנט דאַרף עס ניט זיין פאַר אַ פרעמדען.

דער טאַבאַק־הענדלער האָט שטיל געלאַכט און אויסגעליידיגט
זיין גלאָז:

— נאַ, איך זאָג אַלעמאָל, עס זענען דאָ מיינונגען און מיינונ־
גען. ניט, הער קאָנצערטגעבער? מען האָט זיך זיין געשעפט
און מען לעבט מיט זיין געשעפט... דאָס איז דער עיקר... מע־
גען די אַנדערע פון מיינעטוועגען רעדען... נאַ, אַ מיינונג האָט
מען נאַטירליך אויך. — גערדאַ, וואו האָסטו געלאָזען די פלאַש?

— אָבער איך זאָג אַלעמאָל, הער קאָנצערטגעבער, וואָס איז דאָס
פאַר אַ תכלית פון דער געפאַהר און תמיד ווידער פון דער געפאַהר
צו רעדען?

— געפאַהר? — האָט יאָאַן געפרעגט און געקוקט פאַר זיך.

גערדאַ האָט זיך געזעצט האַרט נעבען דער גאַרדין און זיך
צוגעהערט צו בעטהאָווענס סימפאָניע.

— יאָ די געפאַהר און תמיד ווידער די געפאַהר פון וועלכע די
רעכטען האַלטען אין איין רעדען. (וואָרים אין האַרצען בין איך
אַ רעכטער) אָבער וואָס קען עס נוצען, הער קאָנצערטגעבער, אַלע
טאָג צו לויערען אויף דער געפאַהר? אַזוי וואָלט מען דאָך אויך
געקענט פונקט אַזוי גוט אויפגעבען דאָס ביסעל לעבענס פרייד,
און כסדר נאָר טראַכטען וועגען דעם טויט און דעם באַגרעבעניש...

— סט! — האָט אויסגערופען דער פאַבריקאַנט לאַרענצען.

— יאָ, יאָ — האָט זיך אָפּגערופען לאַרסען און ווידער אַ
שטופּ געטאָן יאָאַנ׳ען מיט זיין עלענבויגען. — דער דאָקטאָר ראַ־
אַבעל, קען איינעם מאַכען צו שווייגען. וואָס, לאַרענצען?

אלע האבען געשוויגען און די מוזיק האט אפגעקלונגען איבער אלע צימערן.

פלוצים אבער האט דער טאבאק הענדלער זיך אנגעבויגען איבער זיין גלאז און שטילערהייט איינגערוימט יאאנ'ען:

— ווארים דער דאקטאר איז עס נעמליך, וואס מוז העלפען, ווען די קליינע פאבריק מיידלעך ביי לארענצען, זענען צו קיילעביג.

יאאן האט צוויי אדער דריי מאל זיך א וויש געטאן איבער די אויגען־דעקלעך, גלייך ווי די אויגען וואלטען איהם וועה געטאן.

דערנאך האט ער זיך אויפגעהויבען.

די טענער האבען נאך אלץ געקלונגען. יאאן אבער האט זיי ניט געהערט.

ענג נעבען פריילין גערדא האט ער אנגעשפארט דעם קאפ אן דער וואנט און געקוקט אויף די פנים'ער אין צימער. דערנאך האט ער צוגעמאכט די אויגען. געוועזן איז איהם, ווי זיין הארץ וואלט וועלען שטיל שטעהן, איבערפילט פון א בענקשאפט, פאר וועלכער ער האט קיין נאמען ניט געהאט.

מען האט נאך אלץ געשפיעלט.

גערדא האט איהר געזיכט מיט געשלאסענע אויגען געווענדעט ארויף צו.

יאאן האט אונטער זיינע האלבע געשלאסענע אויגען דעקלעך געלאזט רוהען אויף איהר געזיכט.

— פריילין גערדא! — האט ער געפליסטערט.

זי האט זיך ניט געריהרט, און אין די שטילע געזיכטסצוגען איז ניט געווען קיין באוועגונג.

— פריילין גערדא! — האט ער א זאג געטאן נאכאמאל.

צוויי טרעהרען האבען זיך געוויזען אונטער איהרע אויגען וויהעס.

ווי זיין טרויעריגקייט וואלט ביים אנבליק פון די טרעהרען פארשטופט געווארען פון א אויסערגעוועהנליכע פרייד אדער פון א האפנונג, האט ער א זאג געטאן:

— וויינט ניט.

גערדא האָט זיך ניט געריהרט. ווי איינע, וואָס איז געבונדען, האָט זי געלאָזט די טרעהרען אַרונטערינען אויף איהרע באַקען.

— פאַרוואָס וויינט איהר ? — האָט יאַאַן געפרעגט שטיל.

פּלוצים אָבער האָט ער געשוויגען ווי ער וואָלט אויף זיין פראגע אליין געענטפערט. און פון דאָס ניי האָט ער דערפיהלט דעם זעלביגען שמערץ, וואָס איז געווען ניט בייצוקומען, און אָהנמעכטיג.

— מיר האָבען שוין באַלד געהאַט גענוג מוזיק — האָט אַ זאָג געטאָן דער סוחר יאַהאַנסען, וועלכער איז דורכ'ן צימער געגאַנגען צו זיין קאַנטאָר.

— ווען ז י הויבט שוין אָן אַמאָל, וועט זי ניט אַזוי שנעל פאַרטיג ווערען — האָט געלאַכט דער טאַבאַקהענדלער.

כמעט מעכאַניש אָדער ווי מען וואָלט זי גערופען אין שלאָף, האָט גערדאַ ביי דעם קול פון איהר פאָטער זיך אויפגעהויבען.

יאַאַן איז געגאַנגען דורכ'ן צימער. געדאַכט האָט זיך איהם, ווי ער וואָלט די קולות פון די רעדענדיגע געהערט פון אַ וויטער ווייט, און דאָך האָבען זיי וועה געטאָן אין אויער. ער האָט כמעט ווי ניט געוואוסט אַז ער איז צוגעגאַנגען צום פּאַסטאָר יעספּערסען, און דאָך האָט עס איהם צו איהם צוגעצויגען ווי צו אַ קלוגען פריינד.

דער פּאַסטאָר האָט גערעדט מיט דעם מאַגיסטער.

און יאַאַן, וואָס איז צוגעקומען, האָט געהערט דעם פּאַסטאָר זאָגען :

— איך האָב מיך האַרציג געפרעהט איבער אייער אויסצייכענונג.

— איך ווייס ניט — האָט דער מאַגיסטער געזאָגט — צו איך דאַרף זיך פרעהען דעריבער.

— ליעבער מאַגיסטער — האָט דער פּאַסטאָר געזאָגט — עס איז דאָך אַ זעלטענער כבוד, צו קריגען אַן אויסצייכענונג פון דער פראַנצויזישער אַקאַדעמיע.

— יא, טאקע דערפאר:

און בייטענדיג זיין הייזעריג קול האט דער מאגיסטער א זאג געטאן, ניט אויפהויבענדיג צו איהם די אויגען:

— וואס גרעסער עס ווערט מיין נאמען, אלץ מעהר שאדען קען ער אנטאן.

ער האט פארצויגען זיין מויל ווי א זשאבע.

— דאס איז דער סך הכל פון מיין לעבען.

— איהר זעהט צו שווארץ, ליעבער הער מאגיסטער — האט געזאגט דער פאסטאר.

— ניין, בעסטער פאסטאר — און דער מאגיסטער האט גע־שאקעלט מיט'ן קאפ, און זיך פארקוקט אין דער לופט אריין — איך קוק גאר דעם אמת אין די אויגען אריין. מיינט איהר אז אזא רעכענמייסטער ווי איך קען ניט אפשליסען זיין אייגענע רעכע־נונג ?

דער סוחר איז צוריקגעקומען פון זיין קאנטאר און איז גע־בליבען שטעהן.

— איהר זענט אזא שוויינענדיגער היינטיגען אווענט, הער מאגיסטער — האט ער א זאג געטאן מיט דער האנד אין טאש.

— יא, ליעבער יאהאנסען — האט געענטפערט דער מאגיס־טער און געלאכט — דער נאר געפינט ניט קיין אורזאך צום רעדען, ווען דאס פאלק אליין נעמט דאס ווארט.

און ער איז אוועק.

יאאן האט איהם נאכגעקוקט און געפרעגט:

— וואס האט דען אט דעם מענשען צובראכען ?

דער מידער שמערץ און יאאנ'ס שטים, האט געמאכט דעם פאסטאר ווענדען דעם קאפ.

— צובראכען, יא, דאס איז ער טאקע — האט ער געענט־פערט, און ער האט אליין אויסגעזעהן גערירט.

ער האט געשוויגען אן אויגענבליק און דערנאך האט ער פארטגעזעצט :

— און דאָס ערגסטע דערביי איז, וואָס אייגענטליך איז ער דורך זיך אַליין געבראָכען געוואָרען.

— דורך זיך אַליין ?

— יאָ, איך מיין — האָט געזאָגט דער פּאַסטאָר — דורך דעם, וואָס ער האָט ניט באַוועלטיגט. דער מאַגיסטער געהערט צו יענע וואָס זענען געשטאַנען אַן דער שפּיץ, אין יענע יאָהרען, ווען די לאַנגע אייראָפּעאישע קולטור איז בויען, האָט זיך נאָר באַצויגען אויף קולטור. און ווען ער איז שייער ניט געוואָרען דער באַריהמ־טעסטער, איז ער נאַטירליך געוואָרען אַ פּאַהן אין דער פּאַרטיי, וואָס האָט מיט זיין נאָמען און זיין באַריהמטקייט געפּאָכט אַהין און אהער. — ער איז אַ מאַטעמאַטיקער...

— און דערנאָך ? — האָט יאָאַן געפּרעגט.

— דערנאָך האָט ער געביטען זיין מיינונג וועגען קולטור, ווען ער האָט אַנגעהויבען צו זעהן איהר ווירקונג. און איך וויים ניט גענוי, ווי אַזוי עס איז צוגעגאַנגען, וואָרים איך בין דעמאָלט ניט געווען אין קאָפּענהאַגען, און איך בין דאָך אויך איינגער פון איהם.

— אָבער איך גלויב, אַז ער האָט זיך וועגען זיין אפּיקורסות מודה געווען ביי אַ פאַרזאַמלונג. זיין אפּיקורסות באַזונדערס איבער דער פּאַרטיידיגונגס־זאַך, ער האָט אָפּגעהאַלטען פאַרשיעדענע קאָנפערענצען. און זיין פּאַרטיי, וואָס האָט געמוזט אויסקלויבען די וואָפען, וואָס איז דאָ אין לאַנד די זיכערסטע — האָט איהם אויסגעלאַכט.

און — האָט דער פּאַסטאָר צוגעגעבען — פון דעם געלעכטער איז ער אַנטלאָפען, ער איז אַוועק און אַלץ געלאָזט געהן ווי עס געהט

איצטער וואוינט ער דאָ אויסערן שטאָדט, אין אַ קליין הייזעל, וואָס ער האָט פאַר זיך געלאָזט אויפבויען. און זיין אַלטע פּאַרטיי האָט מיט דער צייט זיין נאָמען ווידער ארייגעשמוגעלט, און באַנוצט זיך מיט איהם אַלס וואָפע פאַר דאָס, אין וועלכען ער גלויבט אליין ניט מעהר. און ער ש ו ו י י ג ט — און איז געבראָכען...

יאַן האַט גאָר נישט געזאָגט און דער פּאַסטאָר האָט צוגע־געבען:

— יאָ, יאָ דאָס געלעכטער האָט דאָ אין לאַנד פיעלע כוחות אראָפּגעשוועקט.

יאַן, וואָס האָט אפשר ניט געהערט די לעצטע ווערטער, האָט אַ זאָג געטאָן ווי צו זיך אַליין:

— דאָ זענען פאַראַן פיעלע אומענטשלאָסענע.

— דאָס ליגט אונז אין בלוט.

און פּלוצים האָט דער פּאַסטאָר געשמייכעלט און געזאָגט:

— אַך, דאָ פעלט מיר עפּעס איין... אַזאַ מאַן ווי איהר, גראַף אויהאַזי, מוזט מסתמא אויפ׳ן וועג באַפאַלען ווערען פון פאַר־שיעדענע פאַרפּלאָנטערטע פראַגען. אָבער מיר געוועהנליכע מענ־שען, מיר זיצען דאָך דאָ אין אונזערע ווינקעלעך און גריבלען זיך אין אונזערע געדאַנקען, ביז מיר מוזען ביי אַ געלעגענהייט דער־מיט ארויספּלאַצען... עס איז געווען האַמלעט, וועגען וועמען איך האָב געמוזט טראַכטען...

— האַמלעט?... יאַן האָט ניט ווילענדיג געמוזט שמייב־לען.

— יאָ, אין מיין יוגענד האָב איך זיך פיעל באַשעפטיגט מיט דעם שטודיום פון דער געשטאַלט. (עס איז ניט אַלעמאַל געווען מיין אַבזיכט צו זיין אַ גייסטליכער), און דאָס פאַרהעלטעניש צווי־שען האַמלעט און אָפעליאַ איז מיר אַלעמאַל געווען אַם שווערסטען צו פאַרשטעהן...

— אָפעליאַ? — האָט יאַן געפרעגט און האַסטיג אַ קוק גע־טאָן אויפ׳ן פּאַסטאָר.

— יאָ, מען קען זיך אַזוי לאַנג מיט אַ דיכטערישע פיגור באַ־שעפטיגען, ניט אמת? ביז מען וואָלט וועלען וויסען אַלץ וועגען איהר. און איך מיין, צו איז ניט האַמלעטס גרעסטע נידערלאַגע געווען דאָס, וואָס ער (פּאַסטאָר יעספערסען האָט איין אויגענבליק געזוכט אַ פּאַסיג וואָרט, ווי ער וואָלט זיך דערשראָקען) וואָס ער האָט ניט גענומען אָפעליאַ פאַר זיין ווייב...

— ווען זי האט זיך ניט געלאזט נעמען — האט יאאן געזאגט.
ווען ער האט אזוי אויסגערעדט די ווערטער, האט אויף זיין געזיכט פלוצים אויפגעלויכטען א שמייבעלע.

— איז זי ניט גראד דערפאר געשטארבען, ווייל ער האט זי נ י ט גענומען ? — האט דער פאסטאר געפרעגט.

און פלוצים האט ער צוגעגעבען, אביסעל צומישט. גלייך ווי דער פאסטאר אין איהם, וואלט מוזען מאכען א מין ענטשולדי־גונג :

— יא, זעהט איהר, דאס איז דער אלטער עסטעטיקער, וואס רעדט פון מיר ארוים. אין דער טיפעניש פון אונזער הארץ זענען מיר אלע עסטעטיקער, דא אין לאנד.

ווען יאאן האט נאך אלץ ניט געענטפערט, האט דער פאסטאר זיך אומגעדרעהט, און אפשר כדי פטור צו ווערען פון האמלעט און אפעליא, האט ער א זאג געטאן :

— די פרוי ראאבעל באזיצט א סך געשיקטקייט אין איהרע פינגער.

— יא — האט געענטפערט יאאן, וואס האט פלוצים דער־הערט, אז מען שפיעלט נאך אלץ. איך האב איבעריגענס כמעט ווי ניט געהערט.

און האסטיג האט ער צוגעגעבען :

— ווילען מיר זיך ניט זעצען ? — און ער איז צוגעגאנגען צו די דאמען, וואס זענען געזעסען אין א האלבען קרייז אונטער דעם הענגלאמפ.

דער דאקטאר ראאבעל האט געהערט יאאנ'ס ווערטער און ער האט פארלאזען זיין פלאץ ביים ביישטידעל פון דער טיר.

— ווייסט איהר — האט ער א זאג געטאן צו קאנדידאט אוסינג — עס מוזען דאך זיין גרעניצען אפילו פאר א סאלאן־ציגיינער.

— אייער מאן און איך — האט יאאן געזאגט צו דער פרוי יעספערסען געבען ווען ער האט זיך געזעצט — האבען גערעדט פון האמלעט...

— פון האמלעט און אפעליא.

גערדא איז געשטאנען אנגעשפארט אן א שטוהל.

— ווילט איהר זיך ניט זעצען? — האט יאאן געפרעגט. — און זי האט זיך געזעצט.

מען האט נאך אלץ מוזיצירט, ווען די פרוי יעספערסען האט זיך צוגעבויגען צו יאאנ׳ען און געזאגט:

— גראף אויהאזי, איהר וואלט גערדא׳ן געקענט פארשאפען א גרויסע פרייד.

— מיט וואס?

— ווען איהר זאלט איהר ווייזען אט דעם רינג — האט גע־ענטפערט די פרוי יעספערסען און אנגעוויזען אויף יאאנ׳ס קליי־נעם פינגער; — זי האט אזוי ליעב צו טראכטען פון שטיינער און רינגען.

— אבער פרוי יעספערסען! — האט גערדא שטיל אויסגערו־פען.

יאאן האט געלאכט. אביסעל צו הויך, אזוי אז די פרוי ראַ־בעל האט ביים קלאוויר א הויב געטאן דעם [illegible].

— ווען מיר קומען קיין ווילע, איז זי זונמעגלך אפצורייסען פון די יואוועליר פענסטער.

— אט איז ער — האט א זאג געטאן יאאן און דערלאנגט גערדא׳ן דעם רינג.

— ווי הערליך ער איז!... און גערדא האט באטראכט דעם בריליאנט. דעם רינג אליין אבער האט זי געהאלטען צווישען די פינגער, ווי ער וואלט געוועזען עפּיס א פרעמדע זאך, אדער צו שווער.

— יא, ער איז וואונדערליך — האט א זאג געטאן די פרוי יעספערסען.

— פאנטאזירט איהר ווירקליך אזוי פון עדעלשטיינער? — האט געפרעגט יאאן, וואס האט נאר געזעהן גערדא׳ס געזיכט.

— יא.

— פארוואס?

— אַ דאָס איז אַ ראָמאַנטישע נייגונג, וואָס איז צו איהר איבערגעגאַנגען בירושה — האָט געלאַכט די פרוי יעספערסען.

— גיב אַ קוק, הענריק ! — האָט זי געזאָגט צו איהר מאַן, וועלכער האָט גענומען דעם רינג און מיט הנאה באַטראַכט איהם ווי אַ מבין.

— יאָ, ער איז ריין אין זיין פייער — האָט זיך אָפּגערופען יאַאָן.

— זעלטען ! — האָט אַ זאָג געטאָן דער פּאַסטאָר יעספּער־סען.

— איך האָב איהם באַקומען פון אַ פריינד, וואָס איז דאָ ניט לאַנג געשטאָרבען. — האָט געזאָגט יאַאָן.

און פּלוצים האָט ער צוגעגעבען אַביסעל העכער און ווי אייַ־נער, וואָס האָט דערביי אַ באַשטימטע אַבזיכט :

— ער איז געפאַלען אין אַ דועל.

— אין אַ דועל ? — האָט די פרוי יעספּערסען געפרעגט.

— יאָ, ער איז געטויט געוואָרען. ער איז געווען דער לעצ־טער הערצאָג מאָנטיו.

— געטויט ? — האָט אויסגערופען גערדאַ.

— פון וועמען דען ? — האָט געפרעגט די פרוי יעספּערסען.

— פון אַ גרויסען מאָהלער — האָט געענטפערט יאַאָן, וועמענס שטים עס האָט זיך נאָר צו א י נ ע ר געווענדט. — פון דעם מאָהלער אַדעלסקיאָלד, וועמענס פרוי ער האָט ליעב געהאַט.

די פרוי לאָרענצען האָט זיך געלאָזט געבען דעם רינג, און געהאַלטען האָט זי איהם פאַר זיך ווי אַ ציבעלע.

יאַאָן אָבער האָט ווייטער דערצעהלט, און געדאַכט האָט זיך, ווי זיין פּליסטערדיגע שטים, וואָלט נאָכגעפאָלגט די טענער פון קלאַוויר :

— עס איז ארומגעגאַנגען אַן אַלטע נבואה אין דער פראַנסוא־פאַמיליע, אַז דער לעצטער פון די מאָנטיוס, וועט פאַר זיין לע־בענס גליק באַצאָהלען מיט'ן לעבען.

די פרוי לארענצען האט די „ציבעלע" דערלאנגט צום דירעק־טאר, וואס איז צוגעקומען.

— ווי אלט איז ער געווען ? — האט די פרוי לארענצען שטיל געפרעגט.

— אזוי אלט ווי איך — האט יאאן געענטפערט, און געזעהן האט ער נאר גערדא'ן, וועמענס בליק עס האט פארגאפט געקוקט אין דער ווייטקייט, גלייך ווי זי וואלט איבערגעמישט די בלעטער פון א בוך אין וועלכען זי לעזט.

דער דירעקטאר האט באטראכט דעם רינג און איהם איבער־געגעבען צו אן אנדערן און געזאגט:

— אונזער קליין לאנד איז ניט געוועהנט ניט צו אזוינע טייערע זאכען און ניט צו אזוינע פארהעלטעניסען.

— ניין, — האט א זאג געטאן די פרוי יעספערסען מיט א שמייכעלע, וואס דער דירעקטאר האט ניט געזעהן — עפיס אזוינס איז ווייט פון אונז.

— דאס האט געמוזט זיין אין פאריז — האט א זאג געטאן די פרוי לארענצען מיט אזא טאן, גלייך ווי אלע בוכשטאבען פון דער שטאדט וואלטען שטינקען.

— יאאן אבער, וועמענס שטים איז נאך אלץ געווען שטיל, האט ווייטער גענומען דערצעהלען, אפשר דערפער ווייל ער האט געהאט א פארלאנג זיין טויטען פריינד אדער פילייכט גאר זיך אליין צו שטעלען אינ'ם שעהנסטען ליכט:

— מאנטיו איז געווען דער פארנעהמסטער מענש, וואס איך האב געקענט. ער איז געווען א פריינד פון גיו דע מא פאסאן...

— גיו דע מא פאסאן ?

יא, איך האב זיך באקענט מיט איהם עטליכע יאהר פאר זיין טויט.

— האט איהר געלייענט זיינע ביכער ? — האט ער געפרעגט גערדא'ן.

— יא — האט זי געענטפערט מיט דעם זעלביגען ווייכען אויסדרוק אין איהרע אויגען.

דער סוחר יאָהאַנסען, וועלכער האָט באַטראַכט יאַנ'ס רינג, האָט איהם צוריקגעגעבען און אַ זאָג געטאָן מיט דעם אומאָנגענעהמען געפיהל פון אַ געלד מענש, וואָס דערזעהט אַ זאַך, וואָס זיין געלד קען ניט קויפען:

— אין אויסלאַנד גיט מען אויף אַזעלכענע זאַכען אוים אַ סך געלד.

— מיר האָבען ניט קיין השגה פאַר דעם — האָט זיך אָפּגערופען דער דירעקטאָר.

— פרייליין גערדאַ חלום'ט דאָך וועגען עדעל שטיינער — האָט זיך אָפּגערופען יאַאַן און געלאַכט. ער האָט געזעהן ווי איהרע אויגען האָבען נאָכגעפאָלגט דעם רינג, ווען ער האָט זיך ווידער אַראָפּגעגליטשט אויף זיין פינגער.

— דאָס ליגט אין איהר נאַטור — האָט געענטפערט דער סוחר מיט דעם זעלביגען קול.

די קלאַנגען פון דער מוזיק האָבען איצטער געקלונגען שטאַרקער, און די פרוי יעספּערסען, וועלכע האָט אַנגעשפּאַרט איהר קין אויף איהרע הענד האָט אַ זאָג געטאָן:

— עס איז מערקווירדיג, וואָס אַזוי פיעל ראָמאַן־שריפטשטעלער פאַרליערען זייער פאַרשטאַנד.

— דאָס ליגט מסתמא אין דעם לעבען, וואָס זיי פיהרען — האָט זיך אָפּגערופען די פרוי לאַרענצען, ווענמענס מויל עס האָט אויסגעזעהן ווי אַ צוזאַמענגעצויגענער עק פון אַ וואָרשט — מען ווייס ווי אַזוי מען לעבט אין יענע לענדער...

די פרוי יעספּערסען האָט דאָס פּנים פאַרהערט, וואָרים מיט דעם זעלביגען יראת הכבוד אין איהר שטים האָט זי דערמאָנט דאָסטאָיעווסקי'ס נאָמען.

— וועגען איהם איז געשטאַנען אין אַ קאָפּענהאַגענער פעליטאָן — האָט זיך אָפּגערופען איינע פון די שלעזוויגערינס.

די פרוי לאַרענצען האָט אַ זאָג געטאָן פון איהר זייט:

— עס איז דאָך אַ באַקאַנטע טאַטזאַך, אַז אין די גלח'ישע וואוינונגען געפינט מען געשמאַק אין פערשיעדענערליי זאַכען...

דער דירעקטאר האט זיך אריינגעמישט:

— אונזערע סקאלדען*) זענען גליקליכערווייז געזונט. און איך בין זיך מודה, אז מיך אינטערעסירט ניט פיעל פון דעם, וואס קומט אריבער צו אונז פון יענער זייט גרעניץ. די זיטען דארטען אין דרויסען זענען אנדערש ווי ביי אונז, און גייסטיג געזעהן, גיבען זיי אונז אזוי ווייניג נייעס.

די פרוי יעספערסען אבער, וואס האט דעם שמועס געוואלט געבען אן אנדער ריכטונג, האט פלוצים א קלאפ געטאן געדרא'ן אויף דער קניה, און האט לאבענדיג אויסגערופען:

— דו שלאפסט געררא?

און וועגדענדיג זיך צו יאאנ'ען האט זי צוגעגעבען: — וואָרים גערדא שלאפט אפטמאל איין ווי דארנרעזכען.

יאאנ'ס געזיכט האט א סעקונדע א ציטער געטאן:

— הינטער דעם הויכען פלויט — האט ער געזאגט.

די מוזיק האט פלוצים אויפגעהערט, און אלע זענען ווי מיט אמאל אנטשוויגען געווארען, אזוי אז מען האט געהערט, ווי די פרוי ראאבעל, וועלכע האט זיך אויפגעהויבען פון קלאוויר, האט א זאג געטאן צו דעם הער האאקע, וואס האט זיך געבאדען אין שוויים:

— יא, מען פיהלט וואו די אמת'ע מוזיק־ווערטען זיצען. —

און ווען זי איז צוגעגאנגען צו דער טיר, האט זי א זאג געטאן מיט א שמייכעלע, וואס האט א ביסעל געציטערט:

— פאר די צוהערער אבער איז עס געווען צו לאנג.

אלע זענען אויפגעשטאנען, און האבען ארומגערינגעלט די פרוי ראאבעל און איהר געדאנקט זעהר הויך. מיט א סך ווערטער. — די פרוי לארענצען אם מיינסטען. די לויב ווערטער האבען גלייכצייטיג געצויגען א קרייז ארום האנס האאקע און פרוי ראאבעל. די פרוי לארענצען האט זיי ביידען געדריקט די הענט, ווי זי וואלט זיך באגעגענט מיט פריינד אין די רוקענס פון שלעזוויגער זענען

*) סקאלדען האבען געהייסען די זינגער ביי די אלטע נארדלענדישע פעלקער.

געווען אויסגעדרעהט צו יאַאַנ'ען, ווי צוויי שווארצע שטריכען.

יאַאַן האָט זיך שטעהענדיג פאַרנייגט פאַר דער פרוי ראַאַבעל.

און דער דאָקטאָר, וואָס האָט עס געזעהן, האָט אַ זאָג געטאָן גאַנץ הויך:

— יאָ, וואָס מען האָט ניט געהערט, דעריבער דאַרף מען בעסער קיין מיינונג נים זאָגען.

די פרוי לאַרענצען, וועמענס אומבאַוואוסט אַנגעקליבענע גאַל עס האָט זיך אויסגעגאָסען אין צוקערזיסען האָניג איבער דער פרוי ראַאַבעל, האָט אַ זאָג געטאָן:

— איהר וואָלט דאָך געדאַרפט אָפטער קומען אין אונזער קרייז אין דער פאַבריק.

די פרוי ראַאַבעל, וואָס האָט באַשיידען אַ שאָקעל געטאָן מיט איהר קאָפּ, וואו אַ בינטעל לעפקאָיען בלומען האָט געשטעקט הינטער דעם אויער, האָט אַ זאָג געטאָן:

— יאָ, מיר די אָרימסטע דאָ אין לאַנד קענען אפשר אויך אַביסעל.

דער דירעקטאָר, וואָס איז אַן אויגענבליק געווען צומישט איבער דער פרוי לאַרענצענ'ס האַרציגקייט צו דער פרוי ראַאַבעל האָט זיך געאײלט צו זאָגען:

— יאָ, אונזער היימישע קונסט נעמען מיר אויף מיט'ן האַרץ.

יאַאַן אָבער, וואָס האָט זיך האַסטיג געזעצט, און איצטען ווען אַלע זענען געווען אוועק פון איהם, האָט זיך איהם געוואָלט רעדען, האָט אַ זאָג געטאָן צו גערדאַ'ן:

— פאַרוואָס זאָגט איהר קיינמאָל ניט אייער מיינונג?

— וואָס מיינט איהר דערמיט?

— אייער מיינונג? — האָט ער נאָר ווידערהאָלט.

גערדאַ, וואָס איז אַלץ נאָך געזעסען מיט אַן אַנגעבויגענעם קאָפּ האָט געענטפערט:

— מיין מיינונג... איך האָב מסתמא גאָר קיין מיינונג... נאָר וואָס איך טראַכט...

— דארנרעזכען ! — האט א זאג געטאן די פרוי יעספערסען מיט א געלעכטערל, וואס איז גאר ניט געווען פרעהליך, — דארנ רעזכען !...

דערנאך אבער האט זי א זאג געטאן :

— גלויבט איהר ניט, גראף אויהאזי, אז די פערזענליכע מייגונג פון א מענשען קען מיט דער צייט פערשווינדען ?

און קוקענדיג פאר זיך האט זי צוגעגעבען :

— דא אין לאנד זענען פאראן, גלויב איך, נאר פינף אדער זעקס מיינונגען. — פאר מעהר איז דא קיין פלאץ ניטא. און אלעס אנדערע געהט ניט אויף.

— ניין, — האט זיך אפגערופען דער פאסטאר, וועלכער האט זיך געשטעלט נעבען זיין פרוי — דא אין לאנד שווייגען א סך פון די בעסטע, און די אומבאדייטענסטע לאכען.

— לאכען ?

— דאס הייסט — האט דער פאסטאר געזאגט — אז דא אין דער געגענד שמייכעלט מען נאר. אבער דאס שמייכלען קען אויפטאן דאס זעלביגע.

די פרוי יעספערסען האט ארויפגעלעגט איהר האנד אויף זיין שולטער :

— דו ליעבער.

און דיביידע האבען זיך באגעגנט מיט א האנד דרוק.

יאאן האט מיט די אויגען נאכגעפאלגט זייערע הענד. און ווי ער וואלט מיט א שפרונג זיך אריינגעווארפען אין זיינע אייגענע ווערטער, האט ער אנגעהויבען צו דערצעהלען פון פראנסוא דע מאנטיו, און פון גיז דע מא פאסאן, און פון זיין פריינד פאול הערוויו, וועמענס רעדע אין דער אקאדעמיע ער האט געהערט, און פון מאדאם וויארדא, פון וועמען טורגעניעוו האט געזונגען, זי איז אלט געווען זיעבעציג יאהר און איז נאך אלץ געווען שען.

און ער האט דערצעהלט פון ווערזאיל, וואו ער פלעגט ליעב האבען צו געהן שפאצירען מיט מאנטיו און דעם איינגסטען מעק מייהאן. דארטען איז זעהר שען אין אקטאבער אין די קאשטאנען־

אַלעען, אונטער די קאַשטאַן־ביימער, וועמענס בלעטער עס שמעד־קען ווען זיי פאַלען.

דאָרט האָט געוואוינט די פרוי מאַנטיו, ווען פראַנסואַ האָט נאָך געלעבט.

יאָאַן האָט דערצעהלט פון דעם פעסט אין הויז פון דער הער־צאָגין, וואו די מעדיצעער האָבען צוגעבראַכט די נאַכט און וואו די פרוי אַדעלסקיאַלד אין איהר וויין־רויטען סאַמעט־קלייד, איז באַ־ציערט מיט עדעלשטיינער, איז פון דיפּלאָמאַטינער באַגריסט גע־וואָרען מיט אויפגעהויבענע קלינגען.

יאָאַן האָט ניט אויפגעהערט צו דערצעהלען, און דערצעהלט האָט ער שנעל, גלייך ווי ער וואָלט מיט זיינע ווערטער, ווי מיט אַ גאָלדענעם שטעקעלע, באַצייכענען אין דער לופט דאָס לעבען פון דאָרט דרויסען, דאָס לעבען פון די גרעסטע, און זיין אייגען לעבען...

די פרוי יעספּערסען האָט געלאָזט אַרונטערהענגען דעם קאָפּ. גערדאַ איז נאָך אַלץ געזעסען אַזוי ווי פריהער. נאָר איהרע שולטערן זענען צוזאַמענגעזונקען, ווי זי וואָלט קלענער געוואָרען, ווען יאָאַן האָט פון איהר געזיכט די אויגען ניט אַרונטערגענומען.

און ער האָט ווייטער דערצעהלט. פון בערלין, וואו אַלע טירען פון לעבען שטעהען אָפען, און וואו דער מזרח מיט דעם מערב באַ־געגנען זיך, וואו מען זעהט אַזיענס מענער, און פרויען, וואָס זענען געקומען פון יענע זייט אַנטלאַנטישען ים...

ער האָט גערעדט האַסטיגער. האָט אַריינגעמישט איין שפּראַך אין די אַנדערע, און ניט געקענט געפינען דאָס ריכטיגע וואָרט. און ער האָט דערצעהלט אַלץ ווייטער און ווייטער... און געזעהן האָט ער נאָר איהר געזיכט, וואָס איז געוואָרען אַלץ ווייטער און ווייטער פון זיינע אויגען. און דאָך האָט ער ניט אויפגעהערט. און אין זיין אינערן, ערגיץ וואו אין זיין אינערן, האָט ער פּלוצים געפרעגט זיך אַליין: פאַרוואָס רעדסטו פון דעם אַלעמען, וואָס דו אַליין האָסט אַזאַ עקעל דערפאַר? און ער האָט געוואוסט פאַר־וואָס; און ער האָט געוואוסט — מיט זיכערקייט פּלוצים גע־

וואוסט, אז דאס וועט זיין אומזיסט; אומזיסט אין גאנצען אומ־זיסט. און דאך האט ער ניט אויפגעהערט, פאר איהר (און זי האט אויסגעזעהן ווי א צוזאמענגעזונקען קינד) צו רעדען און צו פאנגען.

ביז ער איז איין אויגענבליק געבליבען שטיל, און דערהערט ווי עריך זאגט, ווי איינער וואס וויל אונטערברעכען:

— יא, דאס אלץ ליגט דאך וויט, וויט אוועק.

יאאן האט פלוצים אויפגעהויבען זיינע אויגען אויף די, וואס זענען געשטאנען ארום און זיך צוגעהערט, און ער האט אנגעהויבען זיך צו ווערגען מיט זיינע אייגענע ווערטער... און עריך האט אנגעהויבען צו לאכען אפשר דערפאר ווייל ער האט גוטמוטיג געוואלט איהם רייצען, אדער ווייל ער האט געוואלט איהם אפ־שטעלען.

יאאן האט דערזעהן דאס געזיכט פון דעם דירעקטאר, וואס האט מיט א שמייכעלע גערוהט איבער זיין נאציאנאל־ליבעראלען שניפס; און דעם טאבאקהענדלער וואס האט איהם פון דער זייט אנגעקוקט מיט איין ליפ פארצויגען אין דער הויך, אזוי אז זיינע אויגען זענען אין גאנצען פארשוואונדען; און דעם קאנ־דידאט, וואס האט געמאכט א גרימאסע צו דער פרוי לארענצען און דער דאקטאר האט געלאכט און געזאגט:

— רעדט דייטש, הער גראף, דאס געהט בעסער.

ביי דעם געלעכטער, האט זיך איהם געדאכט, ווי אין איין אויגענבליק, אין ווייניגער ווי א מינוט, זענען צו איהם צוריקגע־קומען זיינע עראינערונגען, זיין קינדהייט, זיין יוגענד און אלע עראינערונגען. אלץ האט זיך אומגעקעהרט צו איהם, יאאן אווי־האזי. — אויסגעלאכט, ארויסגעשטויסען פארשפאט. יאאן אווי־האזי צווישען לויטער פרעמדע.

און ווי דער שמערץ וואלט איהם נאכאמאל פארשאפט צוואנציג אויערען, האט ער דערהערט ווי די פרוי ראאבעל האט א זאג גע־טאן צו האנס האאקע, מיט א געלעכטער:

— איצטער וויל ער אונז ארימער איבערטרעפען.

דער דירעקטאָר האָט אַ זאָג געטאָן אַריבער זיין שניפּס צו דעם פאַבריקאַנט :

— יאָ, יאָ, דאָס איז אייראָפּאַ, ווי מען זאָגט.

אוסינג האָט אַ הויב געטאָן די פּלייצעס אין דער הויך און געזאָגט צו דער פרוי לאָרענצען :

— אַט די אונגאַרן טראָגן שטענדיג אַ סך פאַרציערונגען אויף זייערע מאַנטלען.

די פרוי לאָרענצען אָבער, וואָס האָט גאָר נישט געהערט, האָט אויפגעהויבן איהר קאָפּ און געזאָגט :

— דאָס זענען זאַכען, וואָס מיר ביידע, גערדאַ, וועלען קיינמאָל נית זעהן.

גערדאַ'ס אויגען זענען געווען געשלאָסען.

פּלוצים אָבער האָט יאָהאַנסען אויפגעהויבן זיין צונויפגעדריקטע האַנד (האָט ער אפשר דערפיהלט דאָס געוועב דאָ אין צימער, דאָס געוועב צווישען די מענשען ?) און ער האָט צאָרניג אַ זאָג געטאָן :

— ניין, מיר דאַרפען דאָ ניט אַזוינע גרויסע טרייב־רעדער.

ווען אַלע האָבען פּלוצים געשוויגען, האָט מען געהערט ווי די פרוי לאָרענצען האָט זעהר שטאַרק געבעטען דעם הער האַאקע, אַז ער זאָל נאָך עפּיס שפּיעלען, איידער מען צוגעהט זיך — —

— יאָ, איצטער מוזען מיר געהן — האָט אַ זאָג געטאָן עריך. דאָס איינע וואָרט האָט יאָאַנ'ען ווי אַ שלאָג געטראָפען.

—יאָ — האָט ער געזאָגט און געפּרוּאווט אויפשטעהן.

דער דאָקטאָר, וואָס איז געשטאַנען ביי דער טיר נעבען דעם זייגערמאַכער, האָט איהם באַטראַכט און געפרעגט :

— וואָס האָט דער מענש געטרונקען ?

— איך ווייס ניט — האָט געענטפערט דער זייגערמאַכער און געכיכעט. — אָבער יאָהאַנסענ'ס געברייי פלעגט אַמאָל ניט אין גאַנצען זיין אומשעדליך. ניט ?

האַנס האַאקע איז צוגעגאַנגען צום קלאַוויר און האָט אָנגעהויבען צו שפּיעלען די מאַזורקע.

אלע זענען געזעסען שטיל. אפשר ווייל זיי האבען געוואלט ווייזען אז איצטער הערען זיי זיך צו. יאהאנסען איז געשטאנען אין מיטען צימער.

זיין צונויפגעדריקטע פויסט האט גערוהט אין לאך פון ארבעל.

און געטריבען ווייטער, כמעט זיינע אייגענע ווערטער ניט הערענדיג, האט יאאן אויפסנייע אנגעהויבען צו רעדען, פון דעם „אינזעל“. — פון דעם אינזעל פון די פארשאלטענע, וואו ער וויל שאפען גליק...

און ער האט גערעדט דערפון. אז דער אינזעל זאל ווערען א פרייער פלאץ פאר די געפייניגטע; און די אומגליקליכע וועלען דארט קריגען אן אויפנאהמע. און פארברעכער, וואס זענען אנטלאפען, און פיעלע, וועמען דאס לעבען האט געמאכט א סך וואונדען, זיי אלע וועלען דארטען אויפגענומען ווערען...

ער האט גערעדט און אליין ניט געוואוסט פון וואנען ער האט גענומען אזוי פיעל געדאנקען. ער האט גערעדט פון א שפיטאל, וואס וועט אויפגעשטעלט ווערען נעבען זיין מוטערס מיהל, און וועט הייסען ווייל־עסרוה...

גערדא׳ס אויגען האבען שטום גערוהט אויף זיין געזיכט.

— ווייל־עסרוה וועט עס הייסען — — —

ער האט געשוויגען א ווייל־ע.

— צום אנדענק פון אייער מוטער ? — האט געפרעגט די פרוי יעספערסען פונקט אזוי שטיל ווי ער.

— יא צום אנדענק — האט יאאן פלוצים א זאג געטאן. און איהם איז געווען, ווי ער וואלט מיט זיינע הענט אראפגענומען די בלעטער פון א גאנצען בוים.

די פרוי יעספערסען האט ווי פון א פרעסטעל א ציה געטאן איהרע פלייצעס. (האט זי אויך דערפיהלט אז דא איז עפּים געשעהן, וואו קיין זאך איז ניט געשעהן ?)

— אין דער מאזורקע טאנצען די גייסטער — האט זי געטראכט.

דער פּאַסטאָר, וואָס איז נאָך אַלץ געשטאַנען הינטער זיין פרוי, האָט לאַנגזאַם געזאָגט:

— ווי רייך עס איז די קונסט! מיר דאַכט, ווי מיר וואָלטען היינטיגען אָוועגט געקראָגען פאַר א מתנה א גאַנץ לעבען.

— דאָס האָט איהר אפשר טאַקע געקראָגען, הער פּאַסטאָר — האָט יאַאַן זיך אָפּגערופען און איז אויפגעשטאַנען.

דער סוחר האָט פון זיין טאָכטער קיין אויג ניט אַראָפּגענומען.

די מאַזורקע איז געווען געענדיגט.

יאַהאַנסען האָט א רוף געטאָן דעם געשעפטספיהרער:

— גיסט נאָך אמאָל אָן די גלעזער און גערדאַ זאָל אויך העלפען.

יאַאַן האָט זיך א סעקונדע אַנגעשפּאַרט אויף ערידס פּלייצע.

— דו האָסט צופיעל גערעדט — האָט עריך געזאָגט, ווען ער האָט דערפיהלט יאַאַנ'ס קערפּער אזוי שווער אויף זיינעם.

— און מען דאַרף זיך היטען, איידער מען גיט זיך ארוים — האָט ער געזאָגט און געלאַכט.

און ביי זיין געלעכטער האָט אויך יאַאַן געלאַכט. — קורץ און הויך.

דער דאָקטאָר ראַאַבעל האָט שטיל א זאָג געטאָן צו יאַהאַנסען'ען, וועמענס געזיכט עס האָט אויפגעפלאַמט פון צאָרן:

— איצטער לאָבען די הערעןגראַפען פון דעם פּעבעל.

— זאָל זיין — האָט געענטפערט דער סוחר, און האָט פּלוצים א פיהר געטאָן זיין פויסט אין דער לופט ווי א האַמער.

— אָבער עס איז דאָך פאַראַן עמיצער, וואָס קען זיי דאָס לאַכען מאַכען אויספאַלען באַקום — האָט דער דאָקטאָר ראַאַבעל א זאָג געטאָן מיט א חניפה'לע.

יאַהאַנסען האָט ניט געענטפערט, ער איז נאָר צוגעגאַנגען, די אויגען אַלץ ניט ארונטערנעמענדיג פון זיין טאָכטער, צו א גרופּע דאַמען, וואָס האָבען זיך געקליבען אוועק צו געהן.

— ווילט איהר שוין אוועקגעהן, מיינע דאַמען? — האָט ער געפרעגט.

די פרוי יעספערסען איז צוגעגאנגען צו יאאנ׳ען:

— מיין מאן און איך מוזען איצטער געהן. — האט זי געזאגט.

— און איצטער וועלען מיר זיך אפשר שוין קיינמאל מעהר ניט זעהן. — האט זי צוגעגעבען און געקוקט פאר זיך.

יאאן האט ניט געקענט ענטפערן. די פרוי יעספערסען האט אבער נאכגעקוקט זיינע בליקען:

— יא, יא, אלע מוזען איצט שוין אוועק. די ארימע גערדא זעהט אויס, ווי זי וואלט מעהר ניט געקענט זיך האלטען אויף די פיס.

זי האט אויסגעדרעהט איהר קאפ און אנגעקוקט יאאנ׳ען:

— אבער איהר זענט אויך מיעד, גראף אויהאזי, און איהר מוזט אייך אויסרוהען.

יא — האט יאאן זיך אפגערופען — איצטער וועל איך האבען צייט, זיך אויסצורוהען.

ער האט אנגענומען דער פרוי יעספערסענ׳ס האנד און א זאג געטאן:

— איך ווינש אייך גליק!

— גליק איז א גרויס ווארט — האט זי געזאגט — א גוטע נאכט, און א רוהיגען שלאף, גראף אויהאזי.

— געהן מיר? — האט עריך א פרעג געטאן.

— יא — האט יאאן געענטפערט ניט באוועגענדיג דעם קאפ.

— איצטער וויל איך זיך געזעגנען.

און הויך אויפגעריכטעט, ווי עס וואלט אגעשפּענסט געגאנגען, האט ער זיך געלאזט געהן דורך די צימערן. די מענשען האט ער ניט געזעהן, און ער האט ניט געהערט זייערע ווערטער, די צימערן אבער האט ער געזעהן. און געדאכט האט זיך איהם, ווי דאס גאנצע בלוט וואלט פארלאזען זיין הארץ. דארטען איז געשטאנען יאהאנסענס שראנק און ד א ר ט איז זיין פלאץ, וואו ער זיצט מיט זיינע שווערע ביכער. אין איין שעהנעם טאג וועט דער געשעפטספיהרער זיי ווייטער פיהרען.

און אט דארטען איז זי געזעסען. דאס איז געווען דער יום

טוב'דיגער טיש. איצטער זענען די טישטיכער געווען באַפלעקט.

הונדערט יאָהר... הונדערט יאָהר זענען זינט דאַמאָלט פאַרגאַנגען.

דאָ איז געווען דער עלטער באָבע'ס שטוהל... און דאָרטען העגנען אַלע בילדער... די פון ווייל.

אָט דאָרטען איז געהאַנגען די „דעמערינג". מאָרגען וועט זי ווידער העגנען אויפ'ן זעלביגען פלאַץ.

מ אָ ר ג ע ן .

געדאַכט האָט זיך ווי יאַאַן וואָלט די אויגען אויפגעריסען:

מ אָ ר ג ע ן !

דערנאָך אָבער האָט ער אַלעמען דערלאַנגט די האַנד און ער האָט ניט געזעהן קיין געזיכטער. און גערעדט האָט ער צו אַלע פראַנצויזיש, הגם קיינער האָט איהם ניט פאַרשטאַנען; געקומען צו זיך איז ער ערשט דעמאָלט ווען ער איז געשטאַנען ביים קלאַוויר, וואו עס איז געזעסען דער טאַבאַק הענדלער, און געפּרואווט אויסשפּיעלען מיט איין פינגער די מעלאָדיע פון ריטער „אאַגע".

— געהט איהר שוין? — האָט לאַרסען געפרעגט. — אָבער געווען איז דאָס אַ הערליכער טאָג.

לאַרסען האָט אָנגעהויבען צו לאַכען אזוי אַז זיינע קיילעכדיגע אויגען זענען אין גאַנצען פאַרשוואונדען.

— איהר זענט אַ חכם, הער קאָנצערטגעבער — האָט ער אַ זאָג געטאָן, און ווידער אָנגעקלאַפּט מיט איין פינגער אויף דעם קלאַוויש. — וואָרים מיט ד ע ר א י ב ע ר ר א ש ו נ ג קענט איהר צוויי חדשים נאָכאַנאַנד ציהען פולע הייזער אין גאַנץ אויסלאַנד.

יאַאַן האָט פאַרשטאַנען, וואָס ער האָט געמיינט, און אַ בלוט כוואַליע האָט איהם אַ שאָס געטאָן אין פנים אריין.

דענקט איהר אזוי? — האָט ער נאָר געפרעגט און איז וויי־טער געגאַנגען.

ד אָ ר ט ע ן א י ז ז י געשטאַנען. ביי דער טיר דורך וועלכער ער וועט דאַרפען ארויסגעהן...

— געסטו? — האָט עריך געפרעגט.

— יא איך געה — האט יאאן געענטפערט.

א י צ ט איז ער שוין געווען דארטען. (און געפיהלט האט ער ווי דאס ליכט איז געלעגען אויף זיין געזיכט. זי האט דאס איה־ריגע פארבארגען):

— זייט געזונט, פריילייז גערדא.

— פאהרט געזונט

מיט אמאל איז דער מאגיסטער פון ערגיץ אויפגעשוואומען נעבען זיי. און מיט זיין פויגעלשטים האט ער א זאג געטאן:

— מיר וועלען דאס יאהרענלאנג געדענקען...

יאאן האט א קוק געטאן אויף גערדא'ן:

— איהר אויך?

א רגע (מיט דעם בליק פון א צויג, וואס מען האט איהר גע־טראפען אין לענד און זי בלוטיגט) האט גערדא צו איהם אויפ־געהויבען די אויגען.

און יאאן איז געגאנגען און די טיר האט זיך אונטער איהם צוגעמאכט. און ער האט געוואוסט אז ער וועט חרטה האבען אויף די ווערטער „איהר אויך", און אז גלייכצייטיג וועלען זיי איהם גליקליך מאכען, ווייל ער האט זיי געזאגט — אויף זיין גאנצען לעבען.

עריך און ער זענען ארונטער געקומען אונטען אין גאס, וואס איז געווען פינסטער. און פלוצים האבען זיי דערהערט א ליארעם אוי־בען פון די פענסטער. דאס האבען די געסט זיך א לאז געטאן צו די פענסטער. די פרוי ראאבעל האט א כאפ געטאן די האלב פארוועלקטע בלומען פון טיש, און אנגעלעהנט איבער דעם קאנ־דידאט אוסינג, האט זי זיי ארונטערגעווארפען אויף יאאנ'ען. אין דער זעלבער צייט האט איהר מאן ראאבעל זיך ארויפגעשטעלט אויף א שטוהל, און ארונטערגעשריען אויף דער גאס ארויס א „הוראה" אזוי אז אין האטעל „דענעמארק" זענען אלע מענשען צוגעלאפען צו די פענסטער.

— קום שנעל! — האט א זאג געטאן עריך. און גלייך ווי ער וואלט געהאט א שלעכטען טעם אין מויל, האט ער צוגעגעבען:

— הוה, וואָס פאַר אַ פאַרשאָלטען טעאַטער דאָס לאַנד איז, און די געמיינהייט זיצט אין סופלאַר־קאַסטען.

הינטער זיי האָט מען נאָך אַלץ געשריען הוראה, ווען זיי זענען געגאַנגען דורך דעם גענעצדיגען טויערלאָך פון האָטעל „דע־נעמאַרק".

אין דעם זאַל פון הינטערשטען הויז האָט מען געטאַנצט. דורך די פענסטער האָט מען געזעהן ווי די ענג צוגעדריקטע פּאָר־לעך האָבען געטאַנצט אַ וואַלץ אויף דעם מיט שטויב באַדעקטען דיל.

— יאָ, יאָ — האָט אַ זאַג געטאָן דער הער יענסען וואָס האָט פאַר עריך'ן ארויפגעטענצעלט די טרעפּען, און וועמענס קליידער עס זענען געלעגען אַזוי, ווי ער וואָלט זיי אין לויף פון אַוועקט צעהן מאָל אויסגעטאָן און אָנגעטאָן:

— דאָס זענען די געגנער פון שאַרפע געטראַנקען. זיי מוזען דאָך אויך עפּיס האָבען, און דאַרום האָבען זיי זיך דאָרטען אראָנ־זשירט דעם טאַנץ.

דער הער יענסען האָט זיך ווידער אומגעדרעהט און געלאַכט:

די שטיגען שאָקלען זיך פון די פיעלע באַוועגונגען. די שולד ליגט אין דעם פונדאַמענט

— ביטע! — האָט ער אַ זאַג געטאָן און אויפגעריסען די טיר פון יאַאַנ'ס צימער.

דער הער יענסען איז אַוועק און עריך האָט זיך געזעצט אויף דער זאָפא. דער ליאַרעם אין הויז האָט זיך אריינגעריי־סען צו זיי אין צימער דורך די שיטערע ברעטער פון דיל, ווי דאָס שפּעקטאַקעל פון אַ יאַריד.

יאַאַן איז געשטאַנען ביים פענסטער.

— אויף וואָס קוקסטו דאָרטען ארוים? — האָט האַלשטיין געפרעגט און אויפגעהויבען זיך מיעד.

יאַאַן האָט אריבערגעקוקט צו די אראָפּגעלאָזענע גאַרדינען אין יאָהאַנסענ'ס הויז:

— איך קוק אויף די שאָטענס — האָט ער געענטפערט.

דער גויאלין־קאסטען איז געשטאנען אויפ'ן טיש און יאאן האט געעפענט דאס דעקעל:

— האב איך הייסט עס געשפּיעלט צום לעצטען מאל. — האט ער א זאג געטאן.

— וואס זאל דאס הייסען?

יאאן האט אנגעקוקט די פידעל. אבער אין זיינע לעדיגע אויגען איז ניט געווען קיין שמערץ:

— דאס הייסט, אז איך וועל מעהר ניט שפּיעלען.

— אבער, מענש, דו דארפסט דאך מארגען שפּיעלען אין עסביערג — האט אויסגערופען עריך, וואס האט ניט געוואוסט צי יאאן האט אלע זיינע פינף חושים.

יאאן אבער האט א שאקעל געטאן מיט'ן קאפּ:

— ניין, דא איז געקומען א סוף צו חער רייזע.

עריך, וואס האט קיין ווארט ניט באגריפען, האט געשוויגען אן אויגענבליק, דערנאך האט ער געפרעגט:

— וואס זשע וועסטו איצטער אנהויבען.

— איך וועל פאהרען אהיים — האט יאאן געענטפערט און צוגעמאכט דעם וויאלין־קאסטען.

אין צימער איז געווען שטיל, א וואגען איז פארבייגעפאהרען אין הויף.

עריך האט זיך צוריק געזעצט און געפרעגט:

— און וואס וועסטו דארטען טאן?

יאאן האט ניט געענטפערט און האלשטיין האט איהם נאכ־אמאל געפרעגט, און אויסגעצויגען די ליפען:

— ווילסטו בויען דיינע „שפּיטאלען"?

יאאן האט געשאקעלט מיט'ן קאפּ:

— זיי וועלען קיינמאל ניט געבויט ווערען.

א ווייל איז ער געשטאנען שווייגענדיג, דערנאך האט ער גע־זאגט:

— לאמיר אויף א מינוט ארויסגעהן אויף דער פריי. די לופט דא אין צימער איז שלעכט.

ווען זיי זענען אַרונטערגעקומען אין הויף אַריין, איז גראַד דער וואָגען אוועקגעפאָהרען. דאָס איז געווען אַ וואָגען מיט בענק און מיט אַ סך מענשען. אויף דער פינסטערער גאַס האָבען זיי אָנגעהויבען צו זינגען, אַזוי אַז עס האָט אָפּגעהילכט אין דער פינסטערניש:

עס איז אַ הערליך לאַנד,
און ברויזט מיט ברייטע וועלען,
ביים גרינעם ברעג פון מזרח ים,
ביים גרינעם ברעג פון מזרח ים.
ער שנייט זיך אין דעם באַרג אַריין,
און שניידט זיך אין טאָלען איין,
דענעמאַרק איז זיין נאָמען,
און דאָס איז פרעיאַ'ס זאַל,
און דאָס איז פרעיאַ'ס זאַל.

דאָס זענען די צפון־שלעזוויגער — האָט ער איך געזאָגט.

— יאַ האָט יאַן געזאָגט. און בעת דאָס ליעד האָט פלוצים אַריינגעדרונגען אין זיין באַוואוסטזיין, האָט ער דערזעהן פאַר זיך אַנע, ווי זי פלעגט אין דער היים זיצען און זינגען ביי זיין מוטערס קבר.

— יאַ — האָט'ער געזאָגט — דאָס ליעד קען איך.

און כדי בכלל עפּיס צו זאָגען און עפּיס צו רעדען האָט עריך, (וועלכער האָט דערפיהלט ווי עפּיס וואָלט דער וועג פלוצים באַקומען אַ ריס), אַ זאָג געטאָן:

— און איצטער וועלען זיי זינגען ביז צו דעם שטאַנג ביי דער גרעניץ, און דאַרטען וועט די וואַך זיי הערען — — און דערנאָך וועט מען זיי שיקאַנירען... אַן אַנדערש מאָל.

יאַן האָט ניט געענטפערט. ווען דאָס געזאַנג איז אָפּגעשטאַרבען אויף די פעלדער, זענען זיי שווייגענדיג געגאַנגען איינער נעבען צווייטען.

— לאָמיר אַרויפגעהן אויפ'ן באַרג. — האָט יאַן געזאָגט.

זיי זענען געגאנגגען מיט'ן שטעג. דער הימעל איז נאך געווען בלוי און מיט א סך שטערען.

— עס איז כמעט ווי אין א הערבסט נאכט — האט עריך גע־זאגט.

יאאן האט ניט געענטפערט. אפשר האט ער געטראכט וועגען הונדערט זאכען און אפשר האט ער שוין אלץ געהאט באגראבען.

זיי זענען צוגעקומען צו דעם ראנד פון דעם קליינעם בערגיל. אין דער פינסטערניש האט דער בליק ניט ווייט געזעהען.

עריך, וועלכער האט געוואלט עפּיס רעדען, נאר כדי איבער־צו רייסען אט דאס טויטע שווייגען, האט ער א זאג געטאן:

— ביז אהער פלעגט אמאל דערגרייכען דער גרונד פון מיין באדען.

— ביז אהער ? — האט געפרעגט יאאן, וואס האט זיך פלו־צים צוגעהערט.

— יא, איידער איך האב געמוזט אנהויבען צו פארקויפען...

— פארוואס האסטו ג ע מ ו ז ט ? — האט יאאן געפרעגט און פארגעסען און זיין אייגענעם שמערץ — איז דער באדען שלעכט ?

— ניין — האט עריך געענטפערט — אבער עס שטעהט שלעכט מיט מיר.

— ווי אזוי דען עריך ?

דאס האט זיך ביי איהם ארויסגעכאפּט ניט ווילענדיג. און ער איז פלוצים שטיל געבליבען, אזוי שנעל ווי איינער וואס האט געפרעגט אויף עפּיס, וואס ער ווייס שוין.

— הם — האט עריך געזאגט — דו ווייסט עס מסתמא שוין. דא אין דעם לאנד, איז מען קיינמאל ניט צוזאמען קיין דריי שטונ־דען מיט א פריינדס פריינד, מען זאל ניט וויסען אלץ.

ער האט געווארט א ווייל׳ע שווייגענדיג, און דערנאך האט ער מיט א שטים, וואס האט געציטערט איז דער לופט א זאג געטאן:

— איך וואלט וועלען וויסען, צי דא אין דעם לאנד איז פא־

ראַן א י י ז רוקען, וואָס זאָל ניט בלוטיגען, פון דעם קלאַפּ וואָס זיינער אַ פריינד קריגט.

און גלייך ווי יאַאַנ'ס שווייגענדע געזיכט, וואָס איז געווען אַנ־געשטעלט אויף איהם, וואָלט געפרעגט, האָט עריך געזאָגט:

דאָס איז שוין די זיטע פון'ם לאַנד. מיר האָבען אַ נייגונג צו שפּאַסען דאָ אין דענעמאַרק. דער ליעבסטער שפּאַס פאַר אונז איז זיך צו באַשעפטיגען מיט דעם רוף און דעם לעבען פון אונזערע שכנים...

— אָבער דו האָסט זי דאָך אַזוי ליעב? — האָט יאַאַן גע־פרעגט, און געמיינט האָט ער עריך'ס פרוי.

— יאָ... און זי האָט אפשר אויך. און דאָך — האָט ער צו געגעבען — פאַר מיר איז שוין ניטאָ קיין רעטונג מעהר.

— עריך! — האָט יאַאַן אַ שעפּטשע געטאָן און ביידע האָ־בען זיך פאַרקוקט אין דער פינסטערניש.

זיי האָבען ווידער געשוויגען, ביז יאַאַן האָט איבערגעהאַקט די שטילקייט, ווען ער האָט געפרעגט:

— ווער האָט אָפּגעקויפט דיין לאַנד?

— יאַהאַנסען.

— ער?

— יאָ — האָט עריך געענטפערט — ער האָט אַ שטאַרקע האַנד און... וועט מסתמא אויך צונעמען דאָס איבעריגע. מיר גוטס באַזיצער הענגען דאָ אין גאַנצען אָפּ אויף דעם חסד פון דעם פּויערישען סוחר.

ער האָט געשוויגען אַ ווײַלע. דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— און אין איין שעהנעם טאָג וועט דער געשעפטספיהרער איבערנעמען דאָס געשעפט — אָבער פריהער וועט ער זיעבען יאָהר מוזען דיענען.

— אַזוי האָב איך עס אויך פאַרשטאַנען — האָט יאַאַן גע־זאָגט אין דער פינסטערניש אריין.

ביים קלאַנג פון זיין שטים האָט עריך אומגעדרעהט דעם קאָפּ.

ער האט אבער גאר נישט געזאגט. איבער די פעלדער האט מען געקענט הערען א זשומען פון דער ווייטענס.

— דו אבער יאאן (מיר זענען דאך ניט אלט) פארוואס זוכסטו דיר ניט אויף קיין פרוי ?

— איך ? — האט יאאן געפרעגט.

ביידע האבען זיי זיך פארקוקט אויף דעם נאכטצוג, וואס איז זיי אנטקעגען געקומען, אויף דעם ליכט פון לאקאמאטיוו, וואס איז ווי א פייערדיג אויג געווען אנגעשטעלט אויף זיי.

— איך ? — האט יאאן געפרעגט, און זיין שטים איז געווען פונקט אזוי בלייך ווי זיין פנים:

— עריך איך מוז אליין שטארבען.

— אבער פארוואס דען ?

— דער אינזעל האט ניט קיין פרויען. וועלכע זאל איך ליעבען ? און העכער, ווי אין א אימערגרינדליכען שמערץ, האט ער צוגעגעבען:

— און ווען איך זאל שוין ליעב האבען, ווי אזוי וועל איך קענען רעדען ? איך האב דאך ניט קיין מוטערשפראך.

עריך האט צו איהם אויסגעשטרעקט ביידע הענד:

— יאאן !

קיין ווערטער האט ער ניט געפונען, נאר זיין נאמען. א ווײלע נאכדעם אבער האט ער געזאגט:

—און דו ווילסט מעהר ניט שפיעלען ?

— ניין — האט יאאן געענטפערט און ער האט ווייטער גערעדט גאנץ רוהיג: דאס איז געווען מיין לעצטע רייזע. און מיט דעם היינט איז זי פארביי.

— אבער פארוואס, דו ?

— ווייל איך האב געהערט א גרעסערען.

עריך האט איהם אנגעקוקט:

— און דו האסט געוואלט זיין דער גרעסטער ?

— ניין. אבער דער אנדערער האט געשפיעלט פון דעם גרעסערן.

— פון וואָס דען ?

— פון אַ נייעם יובעל.

עריך האָט איהם אַנגעקוקט ווי איינער, וואָס פאַרשטעהט ניט. יאַאַן אָבער האָט נאָר אַ זאָג געטאָן :

— ער איז אַריבערגעשפּרונגען איבער דעם פּאַרקאַן.

די פינסטערניש האָט זיי אַרומגעהילט ווי מאַנטלען, וואָס האָבען פאַרבאָרגען זייערע געזיכטער.

— אָבער וואָס ווילסטו איצט אָנהויבען טאָן ?

— יאַאַן האָט געענטפערט דורך דער פינסטערניש :

— ווי אַלע, וואָס טראָגען דעם נאָמען אויהאָזי, זיי מוזען בלייבען אויף דעם אינזעל און אויף דעם אינזעל שטאַרבען.

עריך האָט זיך אָפּגערופען מיט אַ ציטערדיגער שטים :

— אָבער דאָ, יאַאַן, דאָ הינע איז דאָך געווען די היים פון דיין מוטער — זוך דיר דאָ אַ פאָטערלאַנד.

יאַאַנ'ס קול האָט געקלונגען האַרטער, בעת ער האָט פּאַמעליך געענטפערט :

— ווען דאָס איז אַ פאָטערלאַנד, איז דאָס אָבער ניט דאָס מייניגע. — און שמערצליכער, פאַרקוקענדיג זיך אין דער נאַכט אַריין, האָט ער צוגעגעבען :

— זיי האָבען עס ניט ליעב, ווייל זיי באַזעצען עס נאָך. און ווען עס זאָל קומען איינער, וואָס זאָל עס ליעב האָבען, וואָלטען זיי איהם פאַרשטייניגען.

ער האָט געוואַרט אַ ווײַלע שווייגענדיג און דערנאָך האָט ער אַ זאָג געטאָן :

— קום מיר מוזען געהן.

— לאָז מיך דיך פיהרען — האָט עריך געזאָגט און אָנגענומען זיין אָרעם.

זיי זענען שווייגענדיג געגאַנגען איינער נעבען צווייטען. יעדער האָט געפיהלט ווי דעם אַנדערענס קערפּער ציטערט — ווי פון קעלט.

זיי זענען צוגעקומען צו דער מויער פון בית עלמין.

— דאס איז דער קירכהויף — האט עריך געזאגט.

— יא.

— האבען כאטש די געפינען פרידען ? — האט עריך א זאג געטאן.

— יאָן, איך געפין אז עס איז צו טרויעריג.

ווען זיי זענען אבער׳געשטאנען פאר דעם טויער פון האטעל דענעמארק, האט עריך א זאג געטאן :

— יאָן, איך געפין עס צו טרויעריג.

— וואס ? — האט יאָן געפרעגט און שמייכעלדיג האט ער צוגעגעבען :

— ווען איך וועל איצטער שווייגען, ווי איך האב מיר דאס אזוי לאנג געוואונשען, וועל איך האבען ווייניג פארלוירען. וואס האב איך דען די מענשען געגעבען. וואס זאל האבען א קיום ?

— אבער דאס לעבען, יאָן, דאס לעבען.

יאָן האט אנגעשטעלט זיינע אויגען אויף דעם סוחר׳ס הויז :

— אזוי דעניש בין איך אויך געווען, עריך, אז איך האב א קורצע ווילע געקענט חלום׳ן פון גליק — — חלום׳ן עס צו שאַפען פאר אנדערע.

עס האט א צוק געטאן אין עריך׳ס געזיכט :

— וועלען מיר זיך קיינמאל מעהר ניט זעהן ?

— אפשר.

יאָן האט זיך אויסגעבויגען און צוגערוקט זיין מויל צו עריך׳ס באַק.

— א גוטע נאכט ! — האט ער געזאגט און איז אריין איני ווייניג.

דער ליארעם אין הויז איז אפגעשטארבען. נאר פון דעם הינטערשטען הויז האט מען נאך געהערט עטליכע מענער שטימען.

ווען יאָן איז אריין אין זיין צימער, איז דארט האנס האאקע געזעסען אויף א שטוהל.

— איהר שלאפט נאך ניט ?

דאָס בלוט האָט האַנס האַאקע'ן אַ שאָס געטאָן אין דעם רונ־דען פּנים אַריין:

— ניין — האָט ער אַרויסגעפּלאַצט — וואָרים איך האָב אייך גלייך געוואָלט עפּיס זאָגען, גראַף אויהאַזי. ווען מען איז אפילו נאָר אַ קאָנצערט באַגלייטער, קען מען דאָך אויך זיין אַ קינסטלער. און איך וויל מעהר ניט דולדען, אַז איהר זאָלט פון מיר חוזק מאַכען...

— חוזק מאַכען, בעסטער האַאקע!

— יאָ, חוזק מאַכען... עס איז ניט אַנשטענדיג צו מאַכען שאַמפּאַניער סעודות, ווען איך שפּיעל.

— ליעבער האַאקע, איהר זענט דאָך דאָ אין לאַנד אין גאַנצען קאַליע געוואָרען.

— יאָ — האָט געענטפערט האַנס האַאקע: — ווייל איך האָב דאָ געפינען פריינד, וואָס האָבען מיר געזאָגט דעם אמת, וועגען דעם אופן ווי איהר באַהאַנדעלט מיך.

יאָאָן האָט געשמייכעלט:

— יאָ — האָט ער געזאָגט פאַמעליך — די דענער זאָגען דעם אמת. מיט דעם האָט איהר רעכט.

ער האָט אָנגעקלונגען.

— מיר וועלען וועגען דעם מאָרגען ווידער רעדען, בעסטער האַאקע — האָט ער אַ זאָג געטאָן.

דער הער האַאקע האָט עפּיס געוואָלט זאָגען. דערנאָך אָבער איז ער אַרויסגעגאַנגען.

ווען דער בערלינער איז אַריינגעקומען, האָט יאָאָן אַ זאָג געטאָן:

— מיר פאָהרען אָפּ מאָרגען האַלב אַכט.

— האַלב אַכט? — האָט דער בערלינער געפרעגט: — האַלב אַכט... דאָס איז דאָך דער צוג קיין דייטשלאַנד.

— יאָ.

— ווילען מיר דען... קיין דייטשלאַנד?

— מיר וועלען אַוועק — האָט יאָאָן געזאָגט.

דער בערלינער האט אנגעצינדען ביידע וואקסענע ליכט ביים בעט.

— א גוטע נאכט! — האט ער געאגט און איז ארויסגעגאנגען.

יאאן אויהאזי האט זיך אויסגעטאן. אין הויז איז אלץ געווען שטיל. א לעצטער וואגען איז געפאהרען אין גאס. דאס זענען געווען די לעצטע צפון־שלעזוויגער, און זיי האבען געזונגען.

גערענקט איהר די נאכט, ווען מיר זענען פון בורג,
דעם שונא אקעגען געגאנגען?
געווען איז אלץ שטיל, אין מיטען דער נאכט
ווען ס'האבען דערהערט זיך די קלאנגען.
ער האט אויסגערופען: מיר געהן אין שלאכט,
מיר נעמען איין קאלדינג נאך פאר נעקסטע נאכט...
מיר האבען געזיגט וואו דער טאג איז פארגאנגען.
דאך קיינער פון אונז איז צום ציעל ניט דערגאנגען...

יאאן איז געלעגען אויף זיין בעט. דער שיין פון די וואקסענע ליכט איז געפאלען געל אויף זיין געזיכט.

דאס געזאנג איז אפגעשטארבען.

יאאן האט זיינע הענד אויסגעשטרעקט צו קאפענס פון בעט. די האנד פלאכען זענען אין שיין פון די ליכט געווען געווענדט ארויף צו.

ע נ ד.